STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07824

DI SHRIFT OYFN HORIZONT

Shea Tenenbaum

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פריינט י. קרס
אויס פריינטשאפט.
ש. טענענבוים
ניו-יארק, דעצעמבער
8, 1946

ש. טענענבוים

די שריפט אויפן האריזאנט

דערציילונגען און עסייען

ניו-יאָרק, 1947

THE WRITING ON THE HORIZON

— *STORIES AND ESSAYS* —

By S. TENENBAUM

Copyright, 1947, by S. Tenenbaum
New York, N. Y.

דאָס בוך דערשיינט אין 3100 עקזעמפּלאַרן

אַדרעס פון מחבר:
S. TENENBAUM
23 West 93rd Street
NEW YORK, 25, N. Y.

Printed by:
GRENICH PRINTING CORP.
151 West 25th Street
NEW YORK 1, N. Y.
166

דאָס בוך „די שריפט אויפן האָריזאָנט" איז געווידמעט דעם הייליקן אָנדענקען פון חיעלע ווינטרויב, מיין עלטסטע פאַרשטאָרבענע שוועסטער שרה'לעס טאָכטער, וואָס איז אומגעקומען צוזאַמען מיט איר מאַן און טאָכטער אין לובלין, אין יאָר 1944 — און צו דעם אייביקן אָנדענקען פון זעקס מיליאָן יידן, קרבנות פון די נאַצישע שחיטות. דאָס בוך איז געשריבן געוואָרן אין ליכט פון די פלאַמען וואָס האָבן זייערע הייליקע נשמות געטראָגן צום הימל. דאָס געשריי פון די יידן צו גאָט און צו דער וועלט וועט קיינמאָל נישט ווערן שטיל. און קיין איינציקער שולדיקער מענטש, קיין איינציקער שטאַטסמאַן, קיין איינציקע מלוכה, וועט נישט קיינמאָל קענען אַנטרינען זייער באַשולדיקונג. זייער בלוט וועט זידן אָן אויפהער דאָרט וואו עס איז פאַרגאָסן געוואָרן. נישט אין גן-עדן וועלן אידיליש רוען זייערע נשמות, נאָר אויף דער ערד, איבער הייזער און פּאַלאַצן פון די מאַכטיקע וועלן זיי שוועבן, ווי די ווירבל-ווינטן, און נישט פאַרגעבן דער וועלט אירע בלוטיקע פאַרברעכנס. שטיקער פלאַמען וואָס האָבן פון די מאַרטירערס ברענענדיקע בערד געטריפט איבער מיינע ציטערנדיקע הענט — בשעתן שרייבן, וועלן אייביק פאַלן איבער די קעפּ פון די פעלקער, וועלן טריפן איבער זייערע בעטן, סעודות, חתונות, געבורטן און פעסטיוואַלן — וועלן טריפן און שטראָמען ווי די לאַווע פון אַ ווילד-געוואָרענעם, פייער-שפּייענדיקן וואולקאַן...

ש. טענענבוים

ניו-יאָרק, יולי, 23, 1946.

אינהאַלט:

זייט

פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — 5
יעקבֿ עפּשטיינס „אָדם" — — — — — — — — — — — — 11
יהודה, דער זון פון יעקבֿ — — — — — — — — — — — 15
שאול המלך און די כּישופמאַכערין — — — — — — — — 33
דאָס שטאַרבן פון אַ קיסר (פּאָרטרעט) — — — — — — — — 41
דאָס ליכט פון ישעיה הנבֿיא — — — — — — — — — — 52
דאָס לעבן פון דעם נבֿיא — אַ געטלעכער פאַרגלייך — — 59
דאָס גאָלד פון נבֿוכדנצר — — — — — — — — — — — 72
טיטוסעס אייזערנע פליג — — — — — — — — — — — — 79
ר' ישראל נאַגאַרה — — — — — — — — — — — — — 85
פּרינץ דוד הראובֿני און זיין אויסגעטראַכט קעניגרייך
פון יענער זייט סמבטיון — — — — — — — — — — 95
אייזיק וואַליך און די שאָטנס פון דיכטער — — — — — — 123
טויבה פאַן און איר געבעט צו גאָט — — — — — — — — 142
בערל בראָדער קומט צוריק אַהיים — — — — — — — — — 152
וועלוול זבאַרזשערס טאָג פון אַגאָניע — — — — — — — — 164
מאָריצי גאָטליב בײַם טיבער — — — — — — — — — — 175
נפתלי הערץ אימבער אויף דער בויערי — — — — — — — 194
אורקע נאַכאַלניק אין גן-עדן — — — — — — — — — — 206
געליבטע, ווי אַזוי באַערן דיין טויט? (געטאָ-פּאָעזיע) — 217
די קינדער-דיכטערין דבֿורה — — — — — — — — — — 225
דאָס וואָרט — אָטעם פון וועלט-באַשאַפונג — — — — — 234
דבֿורה הנבֿיאה און איר ליד פון טריאומף — — — — — 244
ירמיהו הנבֿיא — — — — — — — — — — — — — — 259
יהודה בן-שלמה חריזי — — — — — — — — — — — — 263
דער אָנגעצונדענער ייד — — — — — — — — — — — — 267
די כּלה — — — — — — — — — — — — — — — — — 269
פּרינצעסין שעכערעזאַדע — — — — — — — — — — — — 275
דער קלאָון פון געטאָ — — — — — — — — — — — — — 280
ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — — — — — 284

פאָרוואָרט

דער דאָזיקער באַנד „די שריפט אויפן האָריזאָנט“ איז פאַרטראַכט געוואָרן אין די יאָרן, ווען אונזער הייליק יידיש בלוט האָט זיך וואָלקענבראָכיש געגאָסן אויף דער פּוילישער ערד. דער שרייבער פון די שורות, דער איינזאַמער ייד, וואָס איז אַרומגעלאָפן אין די שטויביקע גאַסן ווי אַ וואַנזיניקער האַמלעט־פּרינץ; וואָס איז פאַרבייגעלאָפן די פּרעכטיק־מאָלערישע סעזאָנען פון יאָר און האָט געלייענט אין טויזנט צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער מיט שוואַרצע קרעפּע־טאָוולען די אַפּאָקאַליפּטישע באַריכטן פון דעם אונטערגאַנג פון שטיקער פון אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם; פון דער פאַרניכטונג פון מיליאָנען יידן, וואָס זיינען דערנידעריקט געוואָרן צו פאַרפאָלגטע חיות און וועמענס הייליקע, מאַרטירערישע קערפּערס מען האָט אָנגעצונדן אין קרעמאַטאָריומס און פאַר־וואַנדלט אין אַש, כדי צו פאַרמיסטיקן די פּויליש־פייכטע און פרוכטבאַרע פעלדער — דער איינזאַמער, בלאַסער ייד מיט די צעפלאַמטע אויגן איז אין זיין אומבאַהאָלפנקייט, אין דער אייביקער אומבאַהאָלפנקייט פון דעם אַריסטאָקראַטישן האַמלעט־גייסט, געפאַלן אויף דער אידייע צו ענטפערן דעם בלוטיקן וואָלקנ־בראָך פון די יידן אין פּוילן — מיט אַ וויזיאָן פון יידישן גייסט. אין איינזאַמקייט, אין שפּעטע נעכט, ווען מען הערט זיך צו צום ריטם פון די ספרים, אין דער צייט ווען דער בלוטיקער גאָט מאַרס האָט זיך ווילד צעהוליעט איבער אַ גרויסן טייל פון דער ערד; ווען דאָס האַרץ פון פילע מענטשן איז געווען האַרט ווי גראַניט — און קיין שום האַמער האָט עס נישט געקענט שלאָגן און דערוועקן און מאַכן מיטפילן מיט דעם גרויסן בראָך און מאַכן מיטיאָמערן מיטן גרויסן נאַציאָנאַלן יאָמער — אין איינזאַמקייט האָט דער בלייכער ייד געזען אויפגיין פלאַמענדע געזיכטער פון פּראָפעטן און קעניגן; עס זיינען די נביאים וואָס שטייגן אויס

פון דער לײדנדער ערד, פון געשרײ און װעלט־טומל, פון בירגער־קריג און רעװאָלט, פון דער דראַמע פון נאַציאָנען און פעלקער — שטײגן אױס מיט זײערע אָנגעצונדענע קעפּ װי די זונען אין די שװאַרץ־פּאַרסאַזשעװעטע װאָלקנס אַרײן; טורעמען אַרײן אין די שטורעמדיקע הימלען, טון זיך אָן אין שטיקער עלעמענטאַרן כאַאָס, און זײ דערלאַנגען צו דער פלאַמענדיקער גאָטהײט מיט זײער געשרײ און יאָמער. עס זײַנען די דאָזיקע בריקן פון גײַסט, די דאָזיקע ראַדיום־ברענענדיקע געשטאַלטן, װאָס איך האָב געזען אױפגײן אין מײַן דמיון. און קעניגן גרױסע, װעמענס קרױנען לױכטן מולטיקאָלאָריק אױף זײערע גרײַז־גרױע קעפּ. קעניגן — װײזע, גערעכטפאַרטיקטע, ריזיקע געשטאַלטן, פון גאָט געשיקט צו דער ערד אין זײן װיזיאָן פון גערעכטיקײט. קעניגן־דיכטער, װאָס האַלטן אין אײן האַנט די אײַזערנע װאָג פון גערעכטיקײט — און אין דער צװײטער האַנט — אַ באַנד מיט אומשטערבלעכע תהלים־לידער.

װען די מאַשין פון נאַצי־מאָרד האָט געמאָלן און געבראָכן מענטשלעכע קעפּ און סקעלעטן; װען די קרעמאַטאָריומס האָבן געבראָטן און צו אַש פאַרװאַנדלט דאָס לײדנדע מענטשלעכע לײַב; װען מיליאָנען פּנימער און מאַסקעס פון אומגליקלעכע האָבן זיך װי אַ װאַסערפאַל געטראָגן אַראָפּצו, צום אָפּגרונט פון טױט — זײַנען זײ אױפגעגאַנגען פאַר מיר, די פּאָעטן פון שפּאַניש־גאָלדענעם צײטאַלטער, יענע פילאָסאָפיש־עקזאַלטירטע דיכטער, װאָס האָבן מיט זײערע פלאַמענדע הערצער אָנגערירט אַלע לײַדן פון דער ערד און האָבן מיט זײערע גערדאַנקען באַרירט די שפּיצן פון קאָסמאָס. איך האָב זײ געזען, דורכן נעפּל פון אַ יאָרטױזנט, װי דורך אַ זילבערנעם שלײער, אױפגײן פאַר מיר אַלץ נענטער און לױטערער, מיט דער אומפאַרגענגלעכקײט און פרישקײט פון דיכטונג, װאָס שטאַרבט קײנמאָל נישט. װאָס איז נישט אונטער־װאָרפן דער טױטלעכער שליטה פון צײַט. די דאָזיקע ײדן האָבן אױפגעלױכטן פאַר מיר, אין שרעקלעכן אומגליק פון אונדזער פאָלק. איך האָב זיך מיט זײ געהאַלדזט. איך האָב זײ אין עקסטאַז אַרומגענומען, װי אַ קלײן ײנגל נעמט אַרום דער מוטערס קלײד — אַזױ װי ער װאָלט אַרומגענומען די די פײערדיקע ראַנדן פון

די הימלען — און איך האָב אין זיי אַריינגעיאָמערט מיין שמערץ און מיין יאָמער. און איך האָב געזוכט קראַפט אין זייער עקזיסטענץ. איך האָב מיט זיי זיך געבויגן צום טאָל פון מענטשלעכע ביינער, דאָרט וואו דאָס פאָלק איז געלעגן אויסגעשפּרייט — צו דער שאַנד פון גאָט. און איך האָב זיך הויך דערהויבן מיט דעם וואַנזיניק־הייסן שטויב פון אונזערע ברידער און שוועסטער, אין אַ ווילדן ווירבל, אין אַ זאַווערוכע פון מענטשלעכן אַש, פון זקנים און קינדער און שוואַנגערע פרויען — וואָס האָט מיט ברענענדע פליגל אָנגע־קלאַפּט אין דעם אייזן פון די הימלען, אין דעם גראַניט פון גאָט׳ס טראָן.

צוזאַמען מיט דער רעגנבויגנדיק־שלאַנקער רחל, צוזאַמען מיט דער פלאַמענדער דבורה הנביאה, האָב איך זיך דערהויבן אין ווינט פון מענטשלעכן אַש — צו די פּאָרטאַלן פון הימלישער גערעכטיקייט. געבונדן אין יאָמערנדע נשמות, אין אַ ווינט פון ברענענדיקע פליגל, אין אַ שטראָם פון וויינענדע זעגלן און פאַר־קרומטע, פיינפולע מאַסקעס — האָב איך זיך אָנגעכאַפּט אָן די פּאָלעס פון אונזערע אָבות, אין די גאַרטלען פון אונזערע העראָאישע דיכטער. איך האָב געזוכט ביי זיי טרייסט און קוראַזש.

עס איז אין שריפט אוממעגלעך צו דעפינירן יענעם קאָסמיש־נאַציאָנאַלן געפיל וואָס אַנטשטייט, ווען דאָס אייגענע פאָלק ווערט צעשניטן און עס ווערן צעבראָכן זיינע ביינער. דו גראָבסט דאַן אין דיינע פלאַמענדיק־צעבויגענע הענט אין רואינען פון הייליקע טעמפּלען, וואָס זיינען ערגעץ־וואו שטיין געבליבן און וואָס האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די מוזיק פון יידישע גייסטער און יידישן גייסט; רואינען — וואָס זאַפּן איין אין זיך די קאָלירן פון טויזנט זון־פאַרגענג... דו וועקסט אויף פון פאַרשטויבטע קברים פון טויזנט יאָר צוריק — דיינע אורפאָטערס און אורמוטערס און דו גרייפסט זיי פאַר די בערד, פאַר די ווילדע האָר. דו גייסט מיט דער פּראָצעסיע פון די דערנידעריקסטע פון דער ערד — מיט די וואַרשעווער יידן — צונויפגעטריבן פון דער גאַנצער וועלט, וואוהין ס׳האָט געגרייכט דעם מאָנסטערס האַנט — און פּלוצלינג פאַלסטו אַרויף אויפן קבר פון דעם קלאַסיקער, פון דעם מאָדערנעם נביא, פּרץ, אויפן פאַרוויסטעטן גענשער בית־עולם און דו שלאָגסט אים

אין שאַרבן און דו וועקסט אים אויף — דעם אומרואיקן גייסט, דעם ראָמאַנטיקער פון פוילישן יידנטום. פון דער פוילישער ערד רייסט זיך אָפּ די מעכטיקע געשטאַלט פון ר׳ ישראל בעל שם טוב, דעם פאָטער פון חסידיזם, דעם פאַנטעאיסט־ראָמאַנטיקער, דעם צעפלאַמטן חתן — אין ראָמאַנס צו זיין כלה, דאָס יידישע פאָלק. אין ליבע צו גאָר דעם לעבן אויף דער ערד; אין ענטוזיאַזם צו גאָר דער ערדישער שיינקייט. — און אָט שטייגט אַרונטער פון די הימלען, ווי אַ פייערזייל, דאָס דינע, סענסיטיווע און בלייכע געשטאַלט פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער, דעם אָנגעצונדענעם פּאָעט, אַרומגערינגלט פון בלאַסע פּרינצן און פאַרביקע בעטלער, געקושט פון די פּערסאָנאַזשן פון זיינע הערלעכע מעשיות.

די וועלט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קרעמאַטאָריום, וואו עס ברענען טיילן פון אונדזער פאָלק; שטאָלענע וואַגאָנען־טרומנעס האָבן זיי געבראַכט, צאַפּלענדע מתים, פון בולגאַריע, גריכנלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, אונגאַרן, רומעניע און סאָוועטן־רוסלאַנד; מען האָט זיי אַרויסגעריסן פון דער ערד, וואו זיי האָבן געלעבט יאָרהונדערטער, יאָרטויזנטער, אַזש פון די צייטן פון דעם חורבן פון אונזער בית־המקדש — און מען האָט זיי אויסגעלאָדן און אָנגעצונדן, דאָס פייכטע, טרערנבאַגאָסענע מענטשנפלייש־געהילץ זאָל וואַרעמען דעם קאַלטן ווינטער פון פוילן; צו וואַרעמען דעם נאַצי־אָקופּאַנט אין דעם פראָסט פון פוילישן לאַנד. צו זיין די ברענענדיקע אילומינאַציע צום נאַצישן מאָרד־טריאומף. אין אַ ריזיקן קעסל האָבן זיי זיך געקאָכט, די יידן פון דער וועלט, אַ זופּ צו די גראַניטענע ליפּן פון גאָט מאָרס — פון דעם פון קאָפּ ביז די פיס אין סקעלעט־בראָסלעטן געשמידטן נאַצישן געץ.

דורך די יאָרן פון מאָרד און רויב האָט זיך דער איינזאַמער ייד באַגעגנט מיט די מאַסקעס און געשטאַלטן פון זיינע שעפּפער. און דאַמאָלסט איז געבוירן געוואָרן די אידייע פון דאָזיקן ספר, ווי אַן ענטפער פון אייביקן גייסט וואָס פלאַמט — אַנטקעגן דער נאַצישער וועלט־מאָרד־פאַבריק.

*

זאָל דער לייענער נישט דערוואַרטן פון דאָזיקן באַנד דער־ציילונגען און עסייען וועגן יידישע העלדן — קיין סיסטע־

מאַטיש־ענציקלאָפּעדיש ווערק. און אויך נישט קיין געשיכטע פון
יידישער ליטעראַטור, וואָס דאַרף גיכער זיין די אויפגאַבע פון אַ
וויסנשאַפטלער־פאַכמאַן. אין דאָזיקן באַנד האָט זיך דער אויטאָר
נישט געשטעלט קיין שום אויפגאַבן. עס איז גיכער אַ קאַפּריציעזער
ראַנדעוואו מיט די שעפערישע יידן פון די עלטסטע צייטן אַז
אין אַ פינצטערן מאָמענט פון אונזער געשיכטע. עס איז גיכער
אַן אימפּראָוויזאַציע פון אַ ייד — זיך טרעפנדיק מיטן גייסט
פון זיין פאָלק.

אויף וויפיל עס ווערט זיך אין דאָזיקן באַנד אַנטפּלעקן אַן אי־
דייאישע שייכות צווישן אַ נביא און אַ שפּעטערדיקן יידישן דיכטער
אָדער פּראָזאַאיקער, איז עס אַ צופעליקע. „צופעליק" אויף אַזוי פיל
אויף וויפיל דער אויטאָר האָט עס נישט אין זין געהאַט צו טון
אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן. דאָס איז די לאָגיק פון דעם יידישן
געניוס, איין אומענדלעך־אייביגן געניוס, וואָס לעבט, שאַפט דורך
די דורות און באַפעלט זיינע קינדער דורך די צייטן צו טראָגן
צווישן די ליידנדע דעם שטורקאַץ פון שעפערישקייט. עס איז די
אינערלעכע שייכות און קאָנטינואַציע צווישן די פאַרשידענע
שעפער פון דער געשיכטע פון אַ פאָלק, וואָס זיינען בלויז די
מעטאַמאָרפאָזן פון איין שעפערישן גאָט, פון איין קולטור, פון
איין פאָלק, ווען אפילו עס טראָגט די קליידער פון פאַרשידענע
געאָגראַפישע און היסטאָרישע פונקטן פון דער ערד.

אומפּרעטענציעז שיקט דעריבער דער מחבר זיין באַנד וועגן
שעפערישע יידן צו דער וועלט. אומפּרעטענציעז — אָבער מיט אַ
גליענדיקן געפיל אין הארצן, ווי אַ שוין דערמאָנטן ענטפער צו די
נאַצישע גרוילטאַטן קעגן אונזער נאַציאָנאַלן גורל און גייסט.

*

אין אַ וועלט פון ברוטאַליטעט און ציניזם ברענט דער מחבר
אוים אין דער וועלט זיין נישע און שטעלט אוועק דעם מאָנומענט
פון דעם אייביקן ייד — וואָס וואַנדערט אומדערמידלעך פון די
צייטן פון תנ"ך אַן — מיט אַ געזיכט וואָס סימבאָליזירט אַלע
פּנימער פון אונזערע גייסט־מענטשן און העלדן און מאַרטירער —
מיט אַ געשטאַלט וואָס איז באַדעקט מיט טויזנט וואונדן —

עלעקטריש־צעלויכטענע — מיט די וואונדן פון אלע עפּאָכן פון אונדזער געשיכטע — און הויך און מאַכטיק טורעמט זיין קאָפּ אין דער הויך, צו די הימלען, און אַ געשריי צו גאָט, וואָס קלינגט אָפּ פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק וועלט.

דער דאָזיקער מאָנומענט איז די פאַרקערפּערונג פון יידיש־קרעאַטיוון שאַפן — פון אומשטערבלעכער יידישער עקזיסטענץ — געווידמעט צום אייביקן אָנדענק פון די מאַרטירער און קדושים וואָס זיינען אומגעקומען אין פוילן — אין די נאַצי־קרעמאַטאָריומס.

דער דאָזיקער מאָנומענט פונם אייביקן ייד איז אויך אַ פלאַ־מענדער לייכטורם אויף די שליאַכן פון דער וועלט. ער ווייזט אונז מיט זיין לויכטנדן פינגער אין דער צוקונפט, וואוהין מיר טראָגן זיך שטאָלצע און נצחונדיקע, אין אונזער וועלט־היסטאָרישן גאַנג דורך דורות און ציטן.

ניו־יאָרק, אַפּריל 29, 1945.

יעקב עפּשטיינס „אדם"

דו שטייסט פאַר יעקב עפּשטיינ׳ס „אדם". וועלכער אייזער־נער כוח גייט אויף פון דער גראַניטענער געשטאַלט! אָדם ברעכט זיך אָפּ פון דער ערד — ווי אַ באַרג פון אַ באַרג. דאָס האָט זיך אין דער נאַכט פון תוהו ובוהו אָפּגעבראָכן דער, וואָס איז געלעגן אין דער ערד מיליאָנען יאָרן — שטום; וואָס מיליאָנען יאָרן זיינען איבער אים אריבערגעשוואומען. אים האָבן באַרירט טייכן און אָקעאַנען. איבער אים זיינען דער שטורם און דער ווינט, וואָלקן און שניי, האָגל און רעגן, פייערלאַווע און מיליאָנען נאַכט־טויען דורכגעגאַנגען, זיין געביין באַרירט, זיין ליייב געקריצט, געשלאָגן אים צום לעבן. ער איז דאָ געלעגן — דער צוקונפטיקער מאַן; דער שטירמער, שטירצער, טרוימער און וויזיאָנער. עס איז אריבער אים דורכגעגאַנגען דאָס וועלט־פינצטערניש. די וועלט־נאַסקייט האָט אים באַרירט. ער איז געלעגן אין דער ערד — פאַרוואָרצלט אין אַלע וואַסערן און וועלדער, מיט אַלע פאָספאָרישע שטאַמען פאַרקניפּט, מיט פעלזן געבונדן, מיט בערג געבארידערט. עס גייען דורך וועלט־געשרייען איבער אים. קאַוואַלקאַדעס נעכט וועקן אים, שלאָגן אים מיט שטיינער־פויסטן; גאָט׳ס איינזאַמקייט קען אים נישט דערוועקן. גאָט האָט נאָך נישט קיין טעטיקייט. עס גייט נאָך נישט אָן דאָס שטאַרבן און די מלחמה. דאָס גריזשען זיך און דאָס פויקן. די ערד איז נאָך ריין פון טויט. און אָדם איז נאָך שטומע, קאַלטע ערד.

און אין אַ נאַכט ברעכט ער זיך אָפּ — אַ קאָלאָס. פייכט זיינען די טאָלן מיט טוי. עס ברעכט זיך דורך דאָס לעבן אין יעדן ווינקל. טייכן גלעלע און האָניקדיקע שטראָמען, ווי רויטער זשאַווער. אין אַלע ווינקלען פון דער ערד — אין אַלע טאָלן און בעטן פון דער ערד. וועלכער קאָלאָסאַלער ציטער פון לעבן! ביימער — פון לויטער קין, ווי אויף מאָלערייען, צינדן זיך אָן אין דער זון.

די זון — זי פליזצט מיט גאָלד, מיט טייכן גאָלד. בלעטער — ריזיקע מעשענע טאַצן — קלאַפּן אינם מעשה בראשית־אָרקעסט. עס פּלאַצן ארויס פון דר'ערד בלומען — בונטע, בייזע, שטעכנ־דיקע, קרומע און באַפאַנצערטע — בלומען, וואָס וועלן ערשט ווערן אין יאַרטויזנטער שפּעטער — ווייבלעך, איידל און סענ־סיטיוו.

אָדם פּלאַצט ארויס פון דר'ערד — אַ באַרג מיט געפילן; אַ טייך מיט טרוימען און געזאַנגען; אַ ים מיט באַגער; אַ ווילדער וואַלד, וואָס רוישט און שאַלט און טראָגט מיליאָנען פייגל אין זיך; אַ פעלד — זיין פּנים. אַ שטראָם ליכט — זיינע אויגן. און די אויערן טרינקען מוזיק פון די ספערן. די אויגן זעען די גאַנצע מעשה־בראשית־לאַנדשאַפט — ווילד אָנגעצונדן, ווי אַן אילומי־נאַציע. די לבנה — אַן אָפּגעפּוצטע קאַנדעלאַברע. די זון — אַ ים פון ליכט. טייכן ליכט רינען אויס פון אירע וואונדן. די פלאַרא־וועלט דערהייבט זיך ווי וואָלקנס פון גרין און פייער. און איבערן קאָפּ — מישן זיך די וואָלקנס, קאָכן זיך ווילדע, ברויזן און שטור־רעמען, אַזוי ווי אַ מכשף וואָלט זיי מישן אין אַן אייזערנעם טאָפּ. און אָדם הערט שוין אין דעם שטורם פון וועלטן די מינאָרנע טענער. די נאַטור־סימפאָניע גייט־אויף מיט ניואַנסן פון דער וועלט־שטילקייט. אַ פּייכט שטיק לאַנדשאַפט — ווי אַ שטיק פּליוש. אַ בוים — אַ מענטשנהאַנט, אין תּפילה צו גאָט. אין אָדם וועקט זיך דער קינסטלער; דער ראָמאַנטיקער; דער העל־זעער; דער דיכטער; דער מאַן, וואָס טוט־אָן די קומענדיקע וועלט אין שיינקייט און ליידט טיפער ווי אַלע — ליידט פאַר דעם גאַנצן שטאַרבן פון דער צוקונפטס־מענטשהייט.

אָדם טראָגט די מענטשהייט אין זיך. ער טראָגט דעם רויבער און דעם דיכטער; דעם זינדיקן און דעם הייליקן. ער טראָגט אין זיך אַ מאַן מיט אַ פאַרברענט פּנים און אַ געהאַנגענעם פון צען מיליאָן יאָר שפּעטער. ער טראָגט אין זיך — ווי אַ פייער־קעסל — אַלע העלדן פון דער דראַמע פון דער מענטשהייט. אַמביציעזע און ווילדע, אייפערזיכטיקע און פאַרליבטע. ער טראָגט אין זיך דעם נישט־גוטן און דעם פּערל־קלייבער. דעם קלאָון, וואָס קריגט די פּעטש און דעם טיראַן, וואָס שלאָגט פּעלקער. ער טראָגט אין

זיך דעם צדיק און דעם אלפאנס, דעם צעזאר וואס מאכט חרוב מדינות — די גאנצע ערד — און די זינדיקע פרוי וואס גיט זיך איבער צו אלע ערדישע מענער. ער טראגט אין זיך די פארבלו־טיקטע מלאכים און דעם פארקויפער פון פרויען. ער כוואליעט מיט מענטשנזעעלן ווי א טייך — מיט קעפ פון מענטשן וואס זיינען געניאל און וואנזיניק און וואס טראכטן אוים וועלט־סיסטע־מען—וועבן אוים פון שטאל־געדאנקען ריזיקע קאנסטרוקציעס פון וועלטן. ער טראגט אין זיך דעם חכם און דעם הענקער וואס הענגט אין באגינען זיינע דערשראקענע און בלא־בלויע קרבנות. ער איז ווי א ים וואס טראגט אין זיך אלע מענטשן מיט זייערע שיקזאלן — שיקזאלן מיאוסע און מאיעסטעטישע, מעכטיקע און טיטאנישע. ער טראגט אין זיך דעם קעניג און דעם בעטלער, דעם קרעציקן און דעם משיח, דעם גנב און דעם בעל־תשובה; דעם רופא און דעם מערדער; דעם מיליטער־מאן און דעם דיאגנעטס; דעם ריטער און דעם בדחן; דעם טרובאדור און דעם שטומען.

אדם שטייגט עמפאר פון די בערג פון דער ערד — א גראַ־ניטענע געשטאלט. די הענט, די שטיינערנע, געווענדט צו די הימלען. זיין מעכטיקער גוף פיבערט, און בשעת גאט פירט פאר אים דורך די פראצעסיע פון אלע דורות — פון אלע מאסקעס — פון אלע גהינומס און אלע גן־עדנס — אלע געקרייציקטע און אלע פארלוירענע — אלע, וואס זיינען נאך נישט געבוירן — אבער וואס טראגן שוין דעם טויט אין זיך — בשעת גאט פירט דורך פאר אים די פראצעסיע פון דער מענטשהייט — די לאנגע אייזערנע קייט פון דורות־רינגען — דערזעט אדם — חוה׳ן.

די בערג באגיסן זיך מיט בלויען, נאקטיורנעם ליכט. ווי זיי־דענע פארהאנגען ווערן די וואלקנס. נאטור ווערט פלוצלונג ווי אן אפערא־דעקאראציע, און טוי שטראמט פון אירע שווערע, טונ־קעלע לאקן. זי שטייגט עמפאר ווי א וואסערקוואל, ווי א פאנטאן — שלאגט זי זיך דורך נאטור־ברוטאליטעט. די פרוי — די בריסט, די מעכטיקע, ציטערן; די ארעמס פאנאנדערגעשפרייט — פליגל פון בריליאנט. און וועלכעס ליכט זי רעפלעקטירט! די זון פארגייט און וויל מיט איר נישט קאנקורירן. זי ברעכט אפ

אַ ליכט פון זיך ווי ראַדיום און עס צינדן זיך לאַנדשאַפטן נאָך־טיורנע. דאָס קאָלירטע קין פון ביימער — ברענט. אַ, מיט וועלכע גראַניטענע אָרעמס אָדם וועט זי אַ כאַפּ־טאָן פון דער אומענדלעכ־קייט אַרויס! מיט וועלכן קאָסמישן כוח ער וועט זי אַ דריק־טאָן צו זיך! אירע ביינער וועלן זיך ברעכן אַזוי ווי אַ דונער וואָס גייט דורך דעם וואַלד און מאַכט ציטערן און לויכטן די ביימער.

האָט נישט אָדם אויף איר געוואַרט מיליאַנען יאָרן — גע־דולדיק — צו דעם פּלאַנעט צוגעשמידט מיט טויזנט קייטן?! האָט ער נישט, אין רויש פון צייטן, זי אויסגעהאַמערט אין זיין טרוים? דאָ שטייט זי איצט פאַר אים — נאָך אַלץ נישט גע־שאַפן — נאָך נישט אָפּגעבראָכן בלוטיק פון זיין גראַניטענעם לייב — אָבער ער זעט זי אין וויזיאָן! ער זעט דעם קאַמף וואָס זי וועט אָנפאַנגען קעגן אים. די דראַמע, וואָס מאַן און פרוי וועלן דורכגיין — אין וואַלקן אויסברוך און פאַרפלייצונג — נאַקעט און באָרוועס און פאַרבלוטיקט — וועט מאַן און פרוי דורכגיין דורך דעם פייער פון פּרופונג — מאַן און פרוי וועלן דורכגיין אייז־פּעריאָדן און נאַטור־קאַטאַסטראָפעס — ערד־שפּאַלטונגען און בערג־וואַנדערונגען—אַטלאַנטידעס וועלן זינקען צו די גרונטן און אָקעאַנען וועלן געבוירן אינדזלען און וואולקאַנישע בערג — און מאַן און פרוי וועלן גיין צוזאַמען — זיך קריגנדיק, זיך שלאָגנדיק, זיך ברעכנדיק און זיך שילטנדיק — און צום סוף זיך איינהילנדיק אין נאַכט־שטילקייט — זיך בינדנדיק אין לבנה־ליכט — זיך אַרומ־נעמענדיק אין זייד פון די האָריזאָנטן — זיך קושנדיק אין שלייערן פון אָוונט — זיך אוועקלייגנדיק ווי איין מענטש אין דעם פייכטן און זומפּיקן טאָל און אַריינליבן איינער אין דעם אַנדערן די טויזנט־יאָריקע ליידנשאַפט — די ליבע און די ראַפּסאָדיע פון ראָמאַנס — און פאַסטאָראַליש וועט אויפגיין איבער זיי דאָס געזאַנג פון דער נאַטור — די נאַכטיגאַל וועט אויסקלינגען אַ גרויס ליד — עס וועלן בערג און טאָלן אויסשאַלן אַ סימפאָניע צו מאַן און פרוי.

* * *

איך שטיי פאַר דער סטאַטוע — אָפּגעבראָכן פון אַ באַרג. אַ ים מיט אַמביציעס גייט־אויף אין אָדמ'ען. די אַמביציעס פון

דער קינפּטיקער מענטשהייט. און צוגלייך מיטן תהלים אין זיין ברוסט — צוגלייך מיט דער פּאַסטאָראַלע אין זיין האַרץ — גייט אויף די מלחמה און דער דוועל, דער קאַמף און דער ביטערער גערנגל.

דען אָדם — דאָס איז די מענטשהייט. אָדם — דאָס איז דער פּאַטער פון די דורות. באַלד ברעכט ער זיך פאַנאַנדער אויף טויזנט דורות. שוין ברעכט ער זיך עמפּאָר שטורעמדיק — דורך פייער און דורך רויך, פינצטער שטאַרנדיק צום הימל, די ערד צעטרעטנדיק מיט זיינע אייזערנע פיס — צו דער צוקונפט. אָדם ברעכט זיך אריין אין דער טיר פון דער צוקונפט. ווילד אין כוח — אין פאַרנעם — אין גיגאַנטישקייט. ציטערט, חיות, אין די וועלדער; פיש — אויף די גרונטן פון די ימים; אָדלערס — אין דער לופט; אויך אייך גייט אָדם — ער וועט אייך אַלעמען באַזיגן. ער ברעכט זיך ארויס פון דער פינצטערניש — פון תוהו ובוהו — ווי אַ שטורעם — ער פאַרפלייצט די וועלט. ער טריאומפירט איבער דער ערד — ער דיקטירט גאָט — ער דערשרעקט די הימלען!

ניו-יאָרק, יולי, 9, 1945.

יהודה, דער זון פון יעקב

דערציילונג

עס איז געווען הארבסט. און דער בוים אונטער וועלכן יהודה איז געלעגן איז געווען רויט, צעפלאַמט. בלעטער זיינען געפאַלן, ווי רויטע טראָפּנס הייסער וואַקס, אויפן אַלטן און פון צייט צעאַקערטן פּנים פון יהודה׳ן. די זון איז פאַרגאַנגען און אַזוי וועט היינט אָוונט פאַרגיין יהודה, דער זון פון יעקב. אַזוי ווי די זון שטעלט זיך אָפּ, אַזוי וועט זיך אָפּשטעלן דאָס האַרץ פון יהודה׳ן.

נאָר אָט צינדן זיך אָן די האָריזאָנטן. עס גייט אויף די קינדהייט אונטער זיין פאָטער, יעקב. די קינדהייט — צווישן גוטע און

געדיכט־באוואקסענע שעפּסן, טיף אין געבירג, איבער אומענד־לעכע טאָלן, און אויפן שפּיץ פון געבירג, וואו קיין מענטשלעכער פוס דערגרייכט נישט. עס איז די צייט ווען די ביבל ווערט געשריבן אויף דער ערד. עס איז די צייט ווען דער תנך ווערט געשריבן מיטן שטורם פון פעלקער אויף דער ערד, אין דעם בונטן און שטורמדיקן לעבן. די אויטאָרן פון תנך וועלן ערשט אַרויס פון די קומענדיקע דורות.

עס איז דער לעצטער פאַרנאַכט אין יהודה'ס לעבן, און פאַר אים גייען אויף די פּנימער פון זיינע ברידער. צוועלף ברידער, פון וועלכע עס גייט אַרויס די גאַנצע מענטשהייט. און איבער אַלע דאָמינירט יוסף, דער דאָזיקער בעל־חלומות, וועלכן זיי האָבן געוואָלט טויטן אין זיין יוגנט. אין האַרצן האָט יהודה געטראָגן די טיפסטע באַוואונדערונג פאַרן דאָזיקן קעניגלעכן יינגל, וועמענס בלייכן גוף ער געדענקט וואויל פון יענעם טאָג ווען זיי האָבן אים אויסגעטון נאַקעט פונם זיידענעם העמדל. זיין גוף האָט גע־ציטערט. אָבער זיין גייסט האָט אויף אים געלויכטן. עס איז געווען דאָס ליכט פון זיין קעניגלעכן שיקזאַל. עס איז געווען דאָס ליכט פון יענער גאָלדענער, עגיפּטישער קרוין, וואָס האָט פון געהיימע־ניש אַרויס באַלויכטן זיין קאָפּ. עס איז געווען אינמיטן זומער. די נאַטור איז געווען רייף. די סעדער האָבן אַרויסגעבראַכט יענעם זומער די שענסטע פּרוכטן. און טרויעריק איז געווען יהודה ווען אין איינזאַמקייט איז ער געשלאָפן אין טאָל, צופוסנס פון זיינע ברידער, וואָס זיינען געווען מיד און טרויעריק. אַלץ ווייטער האָט געצויגן אין דער מדבר דער קאַראַוואַן פון ישמעאלים, צוזאַמען מיטן דינעם, שלאַנקען פּרינץ יוסף — אַלץ ווייטער אין אַ פרעמדן און ווייטן לאַנד, עגיפּטן, וואו יוסף וועט דערהויבן ווערן. פאַרוואָס האָבן די ברידער זיינע געהאַסט יוסף'ן? ווייל ער איז געווען אַנדערש פון זיי. מענטשן האַסן דעם, וואָס איז אַנדערש פון זיי. און יוסף איז געווען אַ טרוימער, אַ ראָמאַנטיקער, אַ פּאָעט. ער האָט געזען וויזיעס. ער איז געווען איידל פון קינדהייט אָן. און דאָס זיידענע, געשטרייפטע העמדל האָט אים נאָך איידעלער געמאַכט. האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ פּרינץ. זיי, די ברידער, געבוירן אין ווינט, זיך געשלאָגן מיט דער נאַטור פון יוגנט אָן, זייערע לייבער צעשניטן און פאַרוואונדעט אין קאַמף מיטן שיקזאַל,

אין קאמף מיט מענטשן און מיט חיות, מיט פעלקער און מיט דזשאַנגלס — האָבן נישט געקענט פאַרליידן דעם פּאָעט, דעם פּרינץ, דעם טרוימער און וויזיאָנער צווישן זיי. זיי זיינען געווען רוי און ווילד, ווי שטיקער נאַכט, ווי די כוואַליעס פון ים. שטורעמס האָבן זיך געריסן פון זייערע ברוסט־קאַסטנס. ווינטן און ווילדע שטימונגען. זיי זיינען געווען אויסגעבונדן מיטן געבירג. זיי האָבן זיך געבאָדן אין שאַרפע וואַסערן. זיי האָבן די קעפּ זייערע געשלאָגן אינם וועלט־שיקזאַל. און עס איז געווען דער האַס, די אייפערזוכט, די פרעמדקייט צום דאָזיקן איינזאַמען, זיידענעם יינגל, יוספ'ן, וואָס האָט זיך מיט דער נאַטור נישט געשלאָגן, וואָס האָט זיך מיט אָרדערס און מיט ראָבן נישט פאַרמאָסטן, וואָס איז נישט געשטיגן הויך איבער די שפּיצן פון געבירג. יוסף פלעגט אָפט זיצן אין טאָל, מיט אויגן געשלאָסענע, און וואָס ער האָט געזען האָט געגלאַנצט מיט גאָלד און מיט פּערל. עס איז געווען דער פּרינץ וואָס האָט געחלומט פון אַן אימפּעריע.

יהודה געדענקט יענעם טרויעריקן אָוונט. די לבנה האָט בלוטיק געלויכטן, ווי דערמאָנענדיק די ברידער, אַז זיי זיינען עפּעס שרעקלעכעס באַגאַנגען קעגן זייער ברודער. און די קייטן קלינגען אָפּ אין דער מדבר. די קייטן פון יוספ'ן. ער געדענקט די פּנימער פון די ישמעאלים. רויע, טונקעלע, צעאַקערטע, ביטערע. די פּנימער פון רויבער. די פּנימער פון די יעניקע, וואָס מאַכן געשיכטע. וואָס זיינען די שליחים פון שיקזאַל. און זיי ווייסן נישט, די דאָזיקע שקלאַפן־הענדלער, אַז צווישן זיי גייט אַ געפאַנגענער פּרינץ. די דאָזיקע רויבערישע פּנימער קען יהודה נישט פאַרגעסן.

און צו־מאָרגנס, ווען זיי האָבן געבראַכט, די ברידער, דאָס פאַרבלוטיקטע העמדל צו זייער פאָטער יעקב. ער איז געלעגן אויפן גרינעם גראָז. יענע קלאַסישע סצענע: דער אַלטער, דער גרויסער פאָטער יעקב דריקט דאָס העמדל צו זיין האַרץ. די ליפּן ציטערן. ער ברעכט אַרויס אין אַ גרויסן יאָמער. נאָר אָט ציט ער צוריק אַריין דעם יאָמער אין זיך. ער בלייבט ליגן פאַרשטיינערט. אין טיפסטן אומגליק האָט אים די האָפענונג מיט איר גילדערנער האַנט אַ גלעט געטון דעם אַלטן שטערן... אַ שטימע, ווי זי וואָלט קומען פון יוספ'ן, האָט ערגעץ אין אַ לאַנד אָפּגעקלונגען. עס האָט אַ ציטער געטון די גאַנצע ערד פון דער דאָזיקער אומגעהייערער שטימע.

און יעקב האָט זיך צוגעטוליעט צו דער ערד. ווי צו הערן דאָס וויברירן פון דער שטימע אין די ערדישע טיפענישן, דורך די אַרטעריעס פון דער וועלט.

און אַרום אים — אַלע זיינע זין און זיין איינציקע טאָכטער. פֿי־לע פעלקער זיינען אויסגעשטעלט אַרום אים צו טרייסטן. און בשעת דעם דאָזיקן גרויסן יאָמער — שמידט דער שיקזאַל די גרויסע קרוין פאַרן קאָפּ פון יוסף׳ן אין עגיפּטן.

יהודה איז געווען מיד פון דער אַוואַנטיורע פון זיינע ברידער מיט יוסף׳ן. ער איז געווען מיד פון קאַמף. פאַר אים זיינען אויפ־געגאַנגען די שלאַכטן מיט די איינוואוינער פון שכם. צעבלוטיקטע, געמל׳טע, האָבן זיי זיך נישט געקענט פאַרטיידיקן. דער קאַמף איז געווען אַ פורכטבאַרער. דער קאַמף פון צוועלף ברידער — פאַרן כבוד פון זייער שוועסטער, דינה. די פעלדער זיינען געווען באַלייגט מיט די זין פון שכם. און אַ גרויסער יאָמער פון די ווייבער און קינדער האָט געגרייכט אין הימל. און אַט, פאַרבלוטיקטע און צעפלאַמטע, געפינען זיי דינה׳ן, אַ נאַקעטע. דער פאַרפיום רינט פייכט, ווי טוי, פון אירע האָר. עס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס זיי האָבן געזען זייער שוועסטער דינה׳ן — אַלס אַ פרוי. דורך לאַנגע טעג און נעכט, אין דער אומענדלעכקייט פון בערג און טאָלן, האָבן זיי נישט געטראַכט פון זייער שוועסטער צווישן זיך. זיי האָבן איר ניט געזען. זיי האָבן ניט געזען ווי זי שטייט אַ נאַקעטע ביים קוואַל און באָדט זיך אין דעם בריליאַנטענער שטראָם פון וואַסער. זיי האָבן נישט געזען דעם ציטער פון אירע בריסט. איר רופן, איר שטאַרקן גוף. זיי האָבן נישט געזען ווי זי גיט זיך איבער, אַזוי ווי צו אַן אַקטיווער קראַפט, צו דעם שטראָם מיט וואַסער וואָס גיסט זיך אַריבער איבער אירע גלידער, פרייט זיך מיט איר ליִיב, קושט און האַלדזט און נעמט זי אַרום ווי אין ליידנשאַפט. דאָס וואַסער איז געווען ווי גלאָז איבער די רונד־קייטן פון אירע גלידער, ווי אַ מאַנטל פון בריליאַנט געשניטן. דאָס וואַסער האָט זי איינגעזויגען. זיי האָבן נישט געזען ווי די זון באַלויכט איר גוף און ווי עס קומט פאַר אַ גרויסע איבעראַשונג אין דער נאַטור.

און ערשט ווען שכם האָט אין אַ נאַכט פאַרפירט זייער שוועסטער, האָבן זיי צום ערשטן מאָל געטראַכט פון איר. און זיי

האָבן זיך דערמאָנט ווי זי פלעגט גיין טיף אין דעם טאָל, פאַרגיין צו די גרענעצן פון פיינטלעכע פעלקער, פאַרגיין ווי אין אַ טרוים — אין דער וועלט, אין שוים פון נאַטור, אין דער טיפעניש פון בראשית, וואו לאַנדשאַפטן זיינען געבליבן רוי און היים ווי אין די ערשטע טעג פון וועלט־באַשאַפונג.

און ווען זיי האָבן געקעמפט פאַרן כבוד פון דינה'ן, איז אויפ־געגאַנגען אין אים, אין יהודה'ן, אַ מאָדנע געפיל. ווי געוואַלדיק איז דער קאַמף פאַר אַ פרוי... דינה איז געוואָרן אוים שוועסטער. זי האָט איצט אויפגעלויכטן איבערן האָריזאָנט — אין אַ גרויס־אַרטיקן אימאַזש. די וואָלקנס מיט זייערע שטראַלנדע קאָלירן זיינען געווען אירע לאָקן. און דער הימל — איר לייב. און זון און לבנה — אירע אויגן. און די בערג אויף דער ערד — אירע פיס. און דער וועלט־עטער — איר קלייד. און זיי האָבן געפאָכטן פאַר אַ וואונדערשיינער, אַ גרויסער פרוי, וועמענס דופט האָט זיי פאַר'שיכור'ט. זיי האָבן געקעמפט דעם גרויסן דועל פאַר אַן אומבאַקאַנטער דאַמע — די דאַמע וואָס דער שיקזאַל האָט יעדן איינעם פון זיי באַשערט. זיי זיינען געווען די ריטער וואָס האָבן געקעמפט פאַר דער פרינצעסינ'ס ערע...

און ווען די שווערדן, די לאַנגע שווערדן זיינען געווען רויט־פאַרבלוטיקט — און ווען די איינוואוינער פון שכם ווי די געשאָכטענע קעלבער צעלייגט איבער בערגער און טאָלן — האָבן געפונען זייער שוועסטער דינה'ן, און זי איז געווען ווי אַ וואונ־דערשיין בלומענפעלד, וואָס איז געוואָרן צעטראָטן. און בשעת זי האָט געוויינט, איז איר גוף געווען זאַט און צופרידן און האָט געלויכטן מיט דערלייזונג. און זי האָט זיך אין איר ווייבלעכקייט געשעמט צו קוקן אין די אויגן פון אירע צעפלאַמטע ברידער. און גרויס באַגער צו זייערע באַשערטע, פאַר וועמענס כבוד זיי האָבן דאָ געקעמפט, איז געווען אין זייערע אויגן.

און יהודה איז געווען מיד פון קאַמף און טרויעריק צוליב דעם פאַרברעכן אַנטקעגן זיין זיידענעם ברודער יוסף. ער האָט גע־לעבצט נאָך רו. נאָך ווייב. נאָך רויע ערד, וואָס האָט געבענקט צום כוח פון זיינע אייזערנע הענט, צום כוח פון זיין גבורה'שן גוף. און ער האָט אַראָפּגענידערט אין טאָל, און ער האָט איינגעקערט צו אַ מאַן פון עדולם, וואָס זיין נאָמען איז געווען חירה. און יהודה

האָט דאָרטן געזען די טאָכטער פון אַ מאַן אַ כנעני, וואָס זיין נאָמען איז געווען שוע, און ער האָט זי גענומען, און איז געקומען צו איר.

עס איז געווען גוט צו פאַרווייַלן ביי דער גרינער ערד, אין כאָר פון די ביימער, אין דער פּאַסטאָראַלע פון נאַטור. מיד פון שלאַכט, האָט זיך יהודה אָפּגערוט לעבן זיין ווייב, וואָס האָט געשוואַנגערט מיט זיין זאָמען, ווי אַ שטיק רויע ערד. און יהודה האָט זיך צום ערשטן מאָל צוגעקוקט צו דער נאַטור. צו די האַרי־זאַנטן וואָס צינדן זיך אָן אין באַגינען און אין פאַרנאַכט, וואָס ווערט באַשריבן, ווי אַ פּאַרמעט, פון דער האַנט פון גאָט דעם פּאָעט — מיט גרויסע אָוונט־ און מאָרגנרויט־פּאָעמען. און די ערד, ווי זי טריקנט אויס און זי טרינקט דורשטיק דעם ווילדן שטורם־רעגן, וואָס פאַלט פון די הימלען ווי אַ פּעטע, אַ מעכטיקע ברכה. און ווי אַלע וואָס ווערט באַהאַלטן אין דר'ערד, פּלאַצט אַרויס, טאַנצט אַרויס צו נייעם געבורט, געוואַשן און גערייניקט דורך דער גרויסער ערד, און בלויז די יעניקע וואָס שטאַרבן און ווערן באַ־גראָבן — זיי קומען נישט מער אַרויס געוואַשענע און נייע. פאַרוואָס בליען זיי נישט צוריק אַרויס פון דער ערד? פאַרוואָס טאַנצן זיי נישט אַרויס פון דער ערד — ווי נייע מענטשן, דורכ־געברענט דורך די גרונטן, דורך אומענדלעכע קוואַלן, גערייניקט און געשייערט — און לעבן זייער נייַ לעבן אויף דער ערד. זיי בלייבן ליגן פילע דורות, אין אירע טיפענישן. און עס פאַלט צו איר מענטש און חיה, פויגל און אינסעקט. עס פאַלן צו דער ערד אַלע דורות. די ערד איז דאָס פלייש פון די געשטאָרבענע. און די דאָזיקע ערד האָט אויך צוגענומען זיין ווייב, נאָכדעם ווי זי האָט צו אים געבוירן דריי זין, דריי יונגע לייבן — ער, אונן און שלה. ער האָט זי געזען אין איר מיידלשאַפט, ווען זי האָט אָנגענומען דעם קרוג מיט וואַסער ביים ברונעם. ווען ער האָט איר דאָס ערשטע מאָל נאָכגעפאָלגט, האָט זי געציטערט און דער קרוג אויף איר קאָפּ האָט זיך געוואַקלט און וואַסער האָט פאַרגאָסן דעם וועג, די פרישע ערד. דאַן האָט ער געזען ווי זי שוואַנגערט. און ער האָט באַוואונדערט איר שוואַנגערשאַפט. דאַן האָט זי זיך געלייגט צו דער ערד, ווי אַלע דורות לייגן זיך און פאַרזאַמלען זיך אין איר טיפעניש.

און ווען די קינדער זייַנען אויפגעוואַקסן, האָט יהודה מיט

זיי זיך באַטייליקט אין יאַגד אויף ווילדע חיות. און צוזאַמען מיט זיי האָט ער געפיטערט די שאָף אין געבירג. און צוזאַמען מיט זיי האָט ער געשפּילט אויף די פייפלעך — געמאַכט פון צווייגנגרינע הויט. און ער האָט געזען ווי זיינע דריי יינגלעך וואַקסן אויס טרויעריקע און בלייכע און עפּעס שמערצפולעס איז געווען אין זיי. עפּעס פאַטאַלעס האָט איבער זייערע קעפּ געוויעט.

און יהודה האָט גענומען אַ ווייב פאַר ער זיין בכור, וואָס איר נאָמען איז געווען תמר. און ווען תמר איז אָנגעקומען, איז געוואָרן ליכטיק אין יהודה'ס אויגן, ליכטיק אין הויז, ליכטיק אויף די פעלדער אַרום. עס איז געווען שיינעס אין דער דורכזיכטיקייט פון אירע אויגן, אַזוי ווי די אויגן פון אַ קאַץ. אין דעם זייד און גאָלד־געוועב פון אירע האָר, וואָס זיינען אַריבערגעפאַלן איבער אירע בראָנז־ברוינע אַקסלען און זיך געשפּילט מיט דער בלייכער רונדקייט פון אירע בריסט. און עס איז געווען אין אירע באַקן אַזוי פיל שאַרפער קינביין, ווי ביי אַ יונגער, אַן ענערגישער לייבין. און ווען זי האָט זיך באַוועגט, איז געווען טאַנץ אין איר גאַנג. און זי האָט מיט איר גוף געלויכטן. די נאַכט פלעגט אָפּטרעטן פאַר איר ליכט. זי האָט אַרויסגעלויכטן מיט אַ פייער. און ביים ערשטן בליק האָט יהודה איר ליב געקראָגן. עס איז געווען אין איר יענער ווייבלעכער צויבער וואָס מאַניעט דעם קריגער, דעם לייב אין יהודה'ן.

אין די נעכט, ווען אַלע זיינען געווען טיף פאַרזונקען אין שלאָף, פלעגט יהודה גיין איבער די בערג, אין איינזאַמקייט. ריזיק איז געווען זיין כוח. און ער האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר די שלאַנגען וואָס האָבן אים אָנגעקוקט מיט פייערלויכטנדע אויגן. און פאַר טיגערן און לעמפּערטן. און פאַר אַלערליי חיות. עס זיינען געווען אויפן הימל די שטערן — פאַרפייניקט פון ליבע. די לבנה איז נאָכגעגאַנגען יהודה'ן און אים באַלויכטן די פינצטערע שטעגן. און גייסטער פון פיינט, וואָס ער האָט אין פילע שלאַכטן צום טויט דערשלאָגן, האָבן איצט ווי ראָבן געקרייזט אַרום אים מיט שטומען געשריי. און שווערדן און שפּיזן גייען אויף. און די ערד — רויט מיט בלוט. און בלומען בליען אַרויס פון די רויטע בלוטפלעקן.

דאָרט שלאָפט תמר, ביים איינגאַנג פון געצעלט, די פולע

בריסט אויפגעדעקט און די לבנה גילדעט זייערע וואָרצלען. און לעבן איר, מיט די הענט ווי מידע פליגל פאַרשפּרייט איבער דער ערד — רוט איר מאַן, ער. ווי האַסט יהודה דעם דאָזיקן עלטסטן זון זײנעם. ער וואָלט אים וועלן אומברענגען. דאָס ווייב וואָס יהודה האָט אים געגעבן — איז צו שיין. און תמר איז גע־בוירן געוואָרן פאַר אַ קריגער פון דעם שווערד, וואָס טרינקט פיל ווײַן און קעמפט העלדיש פאַרן פאָלק. און ער איז אַ שוואַכער. עס איז דער גלי אין תמר׳ס אויגן וואָס פאַרראַט זיין שוואַכקייט. און זיין פּנים איז בלייך פון צווייפל און טרויער. עס איז דער טויט וואָס הילט אים איין.

אין איינער אַ נאַכט האָבן פאָטער און זון שפּאַצירט באַרג־אַראָפּצו. די זון איז פאַרגאַנגען. און ער איז געגאַנגען באַרג־אַראָפּ, ווי אַ צום־טויט פאַרמשפּטער. און אונטער אים — יהודה. עס איז געגאַנגען אַ לייב און אַ שעפּעלע. און געפילן פון אייפערזוכט און פון רחמנות האָבן געברענט אין יהודה׳ס ברוסט. אויף אַ מאָמענט איז דערגאַנגען צו אים דער קרעכץ פונם עלטסטן זון. און באַלד — תמר׳ס טרערנפול געזיכט. זי האָט אויפגעלויכטן אויפן האָריזאָנט, אַ נאַקעטע, אַ שטראַלנדע. אירע ליפּן — פייכט מיט טוי. די אויגן — פייכט. איר לייב — פייכט. זי איז ווי אַ נאַסע לילִיע, באַגאָסן מיט טוי, מיט פּאַרפיום. עס פאַרבט איר די לבנה מיט אירע פּענדזלען. עס קושט זי לײדנ־שאַפטלעך די זון. און ער, יהודה, וויפיל מאָל איז ער אויסגע־וואַקסן ביי איר געלעגער... אין שטומען שווייגן, ווען די וואָלקנס האָבן געצויגן איבערן הימל. און — דער אומבאַהאָלפענער ער ביי איר זייט — אַ קליין יינגל, אין טרויער געהילט.

און איצט גייען זיי ביידע דעם וועג אין דעם געבירג — באַרג־אַראָפּ. באַרג־אַראָפּ. מיט אַ טראַגישן ריטם. מיט אַ פּאַטאַלן גאַנג. און פּלוצלונג פאַלט יהודה אַרויף אויף ער׳ן. אַ פירכטער־לעכער קאַמף. אָבער דאָס שעפּעלע גיט נאָך. יהודה ציטערט ווי אַ לייב. טויזנטיאָריקער כעס דונערט אין אים. די אייפערזוכט פון פילע יאָרן — — — —

און אין דער זעלביקער נאַכט קערט ער זיך אום צו תמר׳ן. זי זעט — אַ מאַן ווי אַ לייב קומט אָן פון געבירג. זיינע הענט — רויט פון בלוט. די האָר פון זיין ברוסט זיינען רויט פון בלוט.

און זי ווייסט ווען דאָס וועמענס בלוט עס איז. זי האָט פילע יאָרן געוואוסט פון דעם לויער פון פּאָטער אויף בכור. און אָנגעצונדן איז די נאַכט מיט שטערן. און איצט — אַזוי ווי אויפן זון — צום מאָרד, אַזוי פּאַלט ער צו צו תמר׳ן, צום ווייבלעכן גוף, באַגערט פון פילע יאָרן — צו זינד. און אַ גרויסע בענקשאַפט ווערט אין פייער געשטילט.

יהודה האָט חרטה געהאַט אויפן טויט פון ער׳ן. און צו זיין קבר פלעגט ער גיין אין די נעכט און געפּייניקט ווערן פון צווייפל און טרויער. און אין איינער אַזאַ נאַכט האָט ער באַשלאָסן מער נישט אָנצורירן תמר׳ן, וואָס האָט אים געבראַכט צו אַלעם שלעכטס. און ער האָט באַפוילן אונן: קום צו דיין ברודערס ווייב, און באַשווענגער זי, און שטעל אויף אַ זאָמען נאָך דיין ברודער.

אונן האָט געוואוסט פון זיין פּאָטערס ליבע צו תמר׳ן. און ער האָט געוואוסט אַז יהודה וועט אים טויטן פאַר באַזיצן תמר׳ן. און דער צווייפל האָט אים אויפגעגעסן. געבוירן אין איידעלער און צווייפלענדער, ווי אַ יונגער פּרינץ, האָט ער געזען דאָס שלעכטס וואָס עס איז באַהאַלטן אין דעם רייץ פון תמר׳ן. דאָס פאַרברעכן פון אירע בריסט. די פינצטערניש פון אירע גאָלד־זיידענע האָר. דאָס שלעכטס פון דעם צויבער פון איר בליק. ער האָט געזען אין תמר׳ן אַ גרויס געפאַר פאַר זיין לעבן — און ער האָט, ווען ער איז געלעגן מיט תמר׳ן, אַרויסגעבראַכט צו דער ערד. גייען דען נישט אַלע דורות אין דר׳ערד אריין — און ווערן צעמאָלן ווי שטויב, מיט זייערע סקעלעטן? צעשמעטערן דען נישט די פעלזן אַלע מענטשלעכע מוחות און מאַכט אויפעסן די געהירן און פאַרצערט גרויסע געדאַנקען און אַמביציעס אין די הערצער? איז נישט די ערד פאַרזייעט מיט מענטשנפלייש, וואָס וועט קיינמאָל מער נישט אויפגיין צו דער זון? האָט גאָר דאָס לעבן אויף דער ערד — באַדייטונג, צוועק, זין? און האָט אַ זין צו פאַרזייען זיינע זאָמען אין דער טראַכט וואו ס׳האָבן געוואוינט זיין עלטסטן ברודערס זוימען — און זיין פּאָטערס? און די דאָזיקע פרוי — זי איז ווי חוה, זיין אורמוטער, וואָס האָט געבראַכט דעם טויט צו די מענטשנקינדער. וואָס האָט פון איר טראַכט אַרויסגעבראַכט לעבן — און האָט פאַר דעם געטראָגן דעם טויט. לוינט עס זי צו באַשלאָפן און אַרויסברענגען אַ דור פון איר טראַכט? ניין.

און אונן איז געשלאָפן יענע נאַכט מיט דער ערד און מיטן שטורם און מיט די רויע וואָלקנס און ער האָט זיין זאָמען צום שאָדן געבראַכט.

נאָר גאָט שטראָפט דעם וואָס רעוואָלטירט קעגן אים. ער ליידט נישט דעם קלוגן און דעם ווייזן, דעם איידעלן און מעדי־טירנדיקן. די מענטשן האָסן פון זיך אויס, פון דער נאַטור אויס אין זיך — דעם גייסט־מענטש, דעם סקעפּטיקער און דענקער, דעם צווייפלענדען האַמלעט. און די נאַטור פאַרטרייבט אים פון איר שויס. זי קרומט אים אויס. זי מאַכט אים צו ציטערן ווי אַ ווינט. זי פאַרשטיינערט אים צו אַ גראַניט. זי גריזשעט אים אויף. זי נעמט נקמה אָן אים. זי שיקט אַ פייער אין זיין אינגעווייד. און גאָט האָט אין אַ נאַכט אַליין געטויט אונן — פאַר זיין זינד.

און יהודה האָט מורא געקראָגן פאַר גאָט און פאַר תמר'ן. די זינד זיינע האָבן אַרום אים געטאַנצט ווי וואָלקיריעס פון פייער. ער האָט געקוקט אויף דער פרוי, אויף זיין שנור און זיין ווייב, תמר'ן, און ער האָט געזען מיט וויפיל שרעק און זינד זי איז איינ־געהילט. צו וועלכן פאַרברעכן זי האָט אים געבראַכט. און ווי צוליב איר זיינען צוויי זין געגאַנגען פון דער וועלט. און ווי זאַרגלאָז זי איז — אַפילו אין שלאָף שמייכלט זי, ווי זי וואָלט פלירטעווען מיט בראַנדז־מלאכים פון הימל. עס איז קיין טרויער נישט גענוג צו מאַכן איר טרויערן. און קיין פאַרברעכן נישט גענוג צו מאַכן איר נאָכדענקען. און יהודה האָט מורא געקראָגן פאַר תמר'ן. ער האָט אין איר געזען זיין פאַרניכטונג, זיין טויט.

— זיץ אַן אלמנה אין דיין פאָטערס הויז, ביז מיין זון שלה וועט אויסוואַקסן.. — אַזוי האָט יהודה געזאָגט צו תמר'ן. און זי האָט געצויגן צו איר פאָטערס הויז.

אין איינזאַמקייט האָט יהודה פאַרבראַכט זיינע טעג. און ער האָט געקוקט אויף שלה'ן, ווי ער וואַקסט און ער ווערט צו אַ מאַן. און עס איז געוועזן רירנד די באַציאונג פון יהודה'ן צו שלה'ן. אין אים, אין זיין יינגסטן זון, האָט ער געוואָלט איינפלאַנצן ליבע און גוטסקייט. און ער זאָל אין דער צייט פאַרטפלאַנצן זיין זוימען און זי אַריינוואַרפן אין ים פון לעבן. און מיט טרויער האָט יהודה צוגעזען אַז אויך שלה איז אַ טרוימער און אַ בלאַסער בחור...

און אויך ער וועט לאַנג נישט לעבן. גאָט וועט אים טויטן יינגער־הייט — פאַר וועמענס זינד — איצט? — — —

דערינערונגען מישן זיך ווי די וואָלקנס אין הימל. שלאַכטן און אידיליעס גייען אויף אין יהודה׳ס זכרון, אין דער דאָזיקער נאַכט, אין דער לעצטער נאַכט פון זיין לעבן. דער ווינט מישט די בלעטער פון געשיכטע. און אָט זעט יהודה ווי אַזוי זיין פאָטער יעקב שטאַרבט. אַלט און גרייז־גרוי און אויסגעמאַטערט. גייט שטאַרבן אַ ריז. אַ ריז וואָס האָט מיט זיין זוימען אַרויסגעבראַכט צוועלף זין — צוועלף זין־כאַראַקטערן, די צוקונפטיקע מענטש־הייט, מיט אַלע זייערע שטימונגען און עמאָציעס. און ווען יעקב איז געגאַנגען שטאַרבן — האָט ער צום סוף מעדיטירט איבער זיינע זין. ער האָט געוואוסט אַז דאָס גאַנצע לעבן זיינס איז פאַר־אַנקערט אין די זין. אַז זיי זיינען דער רעזולטאַט פון זיין שטורם און דראַנג. זיי זיינען די כוואַליעס וואָס וועלן אָנפילן דעם גרויסן ים פון לעבן. און יעקב האָט געקענט זייערע כאַראַקטערן — די כאַראַקטערן פון די קונפטיקע פעלקער. און נאָך קלינגען אים אין די אויערן די ווערטער פון זיין פאָטער, מיט דער שוואַכסטער שטימע, אָבער אויף אייביק ווי אויסגעקריצט אין גראַניט, וועגן אים, וועגן יהודה׳ן:

„יהודה, דיך וועלן לויבן דיינע ברידער,
דיין האַנט וועט זיין אויפן נאַקן פון דיין פיינט.
די זין פון דיין פאָטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
אַ יינגער לייב איז יהודה;
פון פאַרצוקונג, מיין זון, ביסטו אויסגעוואַקסן;
ער קניט, ער הויערט ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבינטע, ווער קען אים אויפרייצן?
ניט אָפּגעטון וועט ווערן אַ סצעפּטער פון יהודה,
און אַ הערשער שטאַק פון צווישן זיינע פיס,
ווי לאַנג מען וועט קומען קיין שילו;
און צו אים וועלן פעלקער געהאָרכן.
ער בינדט צום וויינשטאָק זיין יינג אייזל,
און צום וויינצווייג דעם זון פון זיין אייזעלין.

ער וואַשט אין ווײַן זײַן קלייד,
און אין בלוט פון טרויבן זײַן בגד;
געררויטיקט די אויגן פון ווײַן,
און ווײַס די צײנער פון מילך.״

— — — — — — — — — — —

געררויטיקט די אויגן פון ווײַן — עס איז אמת. דער לייב יהודה שיכור׳ט און טרינקט בעכערס מיט גליענדיקן ווײַן. און עס איז די ליבע צו אַ פרוי וואָס עסט אויף זײַן האַרץ.

עס איז געווען אַ גרויסע פּראָצעסיע. פּאָרויס האָט מען געפירט דעם אָרון מיטן גוף פון יעקב׳ן, אַ באַלזאַמירטן. און אונטער אים — יוסף, דער שני־למלך פון מצרים, און מיט אים — אַלע קנעכט פון פּרעה׳ן, די עלטסטע פון זײַן הויז און אַלע עלטסטע פון לאַנד מצרים, און דאָס גאַנצע הויזגעזינט פון יוסף׳ן, און זײַנע ברידער, און זײַן פאָטערס הויזגעזינט. עס איז געווען די לויה פון אַ פּאַטריאַרך. און זיי האָבן געצויגן אין דער גרויסער זון איבער די אויסגעטראָטענע וועגן, דורך פילע וועלדער און טײַכן, קעגן די האָריזאָנטן. און בשעת די זון האָט זיך אָנגעקלאַפּט אָן יוסף׳ס קרוין, האָט יהודה געזען ווי זײַן פּנים ווײַנט און פאַרקרימט זיך אין געוויין. אונטער פּראַכט און קעניגלעכן גלאַנץ איז געוועזן אַ פאַרטרויערטער ייִד, וואָס איז אַליין שוין געווען גרוי און מיט וועמען דאָס שיקזאַל האָט געשפּילט אַ גרויס גאָלדן שפּיל. און די ברידער זײַנע האָבן געצויגן נאָך דעם גוף פון זייער פאָטער — און עס איז געווען ווי פילע דורות פון דער צו־קונפט וואָלטן געפירט זייער פּאַטריאַרך צום קבר. די זון איז פאַרגאַנגען גרויס, זיך קעניגלעך נייגענדיק צום אָרון. און הימל און ערד האָבן געוואוסט אַז מען פירט דעם פאָטער פון פאָלק צו זײַן גרויסן און טיפן קבר — אין דער גאַנצער ערד. און אין דער נאַכט האָבן געיאָמערט אַלע חיות און אַלע פיש און אַלע ווערים און גאָר דאָס לעבן פון דער ערד איז געווען וויסט און האָט געטרויערט נאָך יעקב׳ן.

און, אַזוי רעפלעקטירנדיק איבער זײַן לעבן, איבער די גרויסע עפּיזאָדן פון עפּישן כאַראַקטער אין זײַן לעבן, דערמאָנט זיך יהודה ווידער אָן תמר׳ן. עס איז געווען נאָכדעם ווי ער האָט דורך פילע טעג און נעכט נאָכגעטראַכט איבער דעם טויט פון זײַנע צוויי זין,

האָט ער באַשלאָסן איר נישט צו געבן פאַר אַ ווייב צו שלה׳ן. תמר טראָגט שלעכטס אין איר טראַכט. זי טראָגט מיט זיך, ווי חוה, טויט און פאַרניכטונג. און ער האָט געוואָלט זיין יינגסטן זון באַשיצן פון איר צויבער.

צו יענער צייט קערט ער זיך צו די שערער פון זיינע שאָף קיין תמנה, ער און זיין גוטער פריינט חירה פון עדולם.

און לאַנג האָט תמר געוואַרט אויף שלה׳ן. זי איז אַ טרויעריקע געזעסן אין די אַלמנה־קליידער און איר שיינקייט האָט געוויאַנעט. די פרוי אין איר איז באַליידיקט געוואָרן. און עס איז געווען טרויעריק זי צו זען, אַן איינגעהילטע אין דעם שטאַרבן פון אירע מענער. באַהערשט פון די קאָנפליקטן פון געשלעכט. און מען פלעגט זי קענען זען ביים קליינעם טייך, וואָס לויפט צווישן דעם געבירג. אין די פאַרנאַכטן, ווען די זון גייט אונטער, און דאָס טייכל פלייצט מיט גאָלד, גייט אַרום פון איר איינזאַמקייט תמר און זי קוקט אין דעם טייך, זי בייגט זיך נידעריק צו, כדי זיך אין אים צו שפּיגלען, צו כאַפּן אין די לויפענדיקע כוואַליעס איר געשטאַלט, איר שיינקייט. וואָס איז ווי פאַרצויגן מיט אַ טרויעריקן וואָאַל, צו זען ווי זי זעט אויס אין ליבע, אין אַן אייביקער ליבע צו איר שווער, יהודה.

עס איז זיין ריזיק געשטאַלט, ווי פון אַ לייב, וואָס זי ליבט. עס איז זיין אומרו און איינזאַמקייט. צווישן זיינע ברידער — אַ העלד. אין דער נאַכט — אַ זייל פון טרויער. אין געבירג — אַ שטורם. אין ליבע — אַ מאַן. און עפּעס איז אין אים פון באַרג, פעלז, ווינט און ים. . . אַזוי ווי ער וואָלט פון דער טיפעניש פון ים אַרויסגעשטיגן — פעלז — וואָס בענקט צו דער הויך פון הימל, צום אָפּגרונט פון ים, צו דער טיף פון דער ערד. עס איז דער אומגעווייינלעכער מענטש, וואָס פאַרצערט פעסער ווין און קאָן זיין ברענענדיקע וואונד נישט קילן, וואָס מאַכט תמר׳ן ליבן זיין געשטאַלט, יהודה׳ס.

און איצט, נאָך פילע יאָרן וואַרטן, הערט זי אַז יהודה קומט צו די וואָל־שערער פון זיינע שאָפן. און עס איז אַזאַ גרויסע בענקשאַפט אין איר, ווי זי וואָלט וועלן זיך וואַרפן צו דער ערד און הערן דעם כישוף, די מוזיק פון זיינע טריט, באַרג־אַרויף. און

איצט קומט ער אָן. ער איז שוין אויפן וועג. ער איז איינזאַם און גרויס.

און יהודה שפּאַנט איבער די פעלדער און געבירג. די זון האָט שטראַמען גאָלד געלאָזט פליסן ווי טייכן איבער דער ערד. און בלומען שפּראָצן ארויס — אַזוי ווי אין ערשטן טאָג — מיט פייערדיקע פּנימער. און עס דעקט זיך אָפּ אַ הערלעכער מדבר־דעקאָר, נאָך פייכט פון די פאַרבן און טוי־טריפנדיקע פענדזלען פון גאָט. און יהודה שפּאַנט און ער דערמאָנט זיך פּלוצלונג אָן תמר'ן... עס איז ערגעץ אין די דאָזיקע ישובים וואו זי וואוינט אין איר פּאַטערס הויז. זי וואַרט אויף שלה'ן... זי ווערט אַלט וואַרטנ־דיק.. און דער טרויער וויקלט זיך ווי שפּינוועבס אַרום אירע לענדן.. אַרום איר וואונדערלעכער פרויענשיינקייט... און אָט זינקט די זון... די האָריזאָנטן צינדן זיך מיט גאָלדענע רייט־וועגן, מיט רייטער, מיט אומגעוויינלעכע מלאכים און מיט פליגל — ריזיקע פליגל — וואָס פאַרנעמען די גרויס פון די האָריזאָנטן... אַזוי ווי די רייך־געמאָלטע האָריזאָנטן וואָלטן זיין גילדערנע פליגל...

און פון דעמערונג טרעט אַרויס אַ פרוי — אַנגעטון אין זונה־קליידער... רייך געפאַרבט איז איר פּנים. געמאָלעוועט אירע קליידער. און אירע האָר מיט רייצנדע, רויט־ברענענדע בלומען גע־צונדן. און יהודה ציטערט. עס איז זי... עס איז אַ זונה... זי איז פרעמד געוואָרן — און די פרעמדקייט רייצט... די ווייטסטע און די פרעמדסטע פרוי רייצט דעם הונגעריקן נאָך ווייב... די אומבאַקאַנטסטע — איינגעהילט אין נאַסע טיכער פון דער נאַכט — איז אים צום נאָנטסטן... און עפּעס איז צערט־לעכעם אין איר — די געליבטע — זי ווייסט דעם סוד פון ליבע — פון דער באַשיידנקייט פון דער פרוי — פון דעם צויבער פון ערשטע ליבע — פון דעם ציטער פון די זעעלן אין אויפגעוואַכטן ראַמאַנס פון ליבע... און זי איז מיט צווייגן אַרומגעבונדן — מיטן שפּינ־וועבס פון בלעטער — מיט זינד און מיט זייד פון דעמערונג — מיט די רויטע שטראַלן פון דער זון... און אירע אויגן — שוואַרצע שטיקער סאַמעט... שוואַרצער פּליוש...

און אין ליידנשאַפט, ווען ער ציטערט, וויל זי זיין משכון.

דעם משכון — ביז ער שיקט איר דעם ציגנבעקל פון די שאָף.
און ער לאָזט איר דעם גאָלדענעם זיגלרינג און דעם גאָלדענעם שנור
און דעם גאָלדענעם שטעקן — אַ צווייג, פון אַ בוים אָפּגעבראָכן,
נאָך אין זיין יוגנט. דעם שטעקן מיט וועלכן ער האָט קעניגן
געשלאָגן.

און אין דער נאַכט — אין דער טויאיקער פייכטקייט פון
פעלד — ביים שימער פון דעם פייכטן און גאָלד־לויכטנדיקן
גראָז — האָבן זיי זיך איינער אין דעם אַנדערן איינגעשלאָסן.

און ביים ליכט פון די שטערן אַהיים גייט תמר. און יהודה
ציט אין דער נאַכט — אין איינזאַמקייט. פרוי איז טרויעריק מיט
איר געפינס און פארלוסט. מאַן איז טרויעריק — אין פייער פון
ליידנשאַפט איז ער קעניג פון זיין כוח. און נאָכן זוימען־פארלוסט
— איינזאַם און טרויעריק אין דער נאַטור — אַ ווינט אין פעלד,
ווען דער הארבסט הויערט אין דער לופט.

און צומאָרגנס שיקט יהודה זיין פריינט פון עדולם, כדי
אָפּצונעמען דעם משכון פון דער פרוי׳ס האַנט. און ער זוכט די
זונה וואָס איז געווען אין עינים ביים וועג. האָבן די מענטשן
געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה. האָט ער זיך אומגעקערט
צו יהודה׳ן, און האָט געזאָגט: איך האָב זי ניט געפונען. און אויך
די מענטשן פון דעם אָרט האָבן געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין
זונה.

האָט יהודה געזאָגט: זאָל זי עס האַלטן פאַר זיך, כדי מיר
זאָלן ניט ווערן צו שפּאָט; איך האָב דאָך געשיקט דאָס דאָזיקע
ציקעלע, און דו האָסט זי ניט געפונען. און עס איז געווען אין דריי
חדשים אַרום, איז אָנגעזאָגט געוואָרן צו יהודה׳ן, אַזוי צו זאָגן:
דיין שנור תמר האָט מזנה געווען, און אָט איז זי אויך טראָגעדיק
פון זנות. האָט יהודה געזאָגט: פירט זי אַרויס און זאָל זי פאַר־
ברענט ווערן.

ווי זי איז אַרויסגעפירט געוואָרן, אַזוי האָט זי געשיקט זאָגן
צו איר שווער: פון דעם מאַן וואָס די דאָזיקע געהערן צו אים,
בין איך טראָגעדיק. און זי האָט געזאָגט: דערקען אָקאָרשט וועמעס
איז דער דער דאָזיקער זיגלרינג, און די שנורן, און דער שטעקן?
האָט יהודה דערקענט, און ער האָט געזאָגט: זי איז גערעכטער

פון מיר, דערפאַר ווייל איך האָב זי נישט געגעבן צו מיין זון שלה'ן. אָבער ער האָט מער ווידער נישט פאַרקערט מיט איר."

און תמר האָט געבוירן צו יהודה'ן צוויי זין — פרץ און זרח.

און אַזוי איז תמר אַלט געוואָרן, נאָך דעם געבורט פון אירע זין. און ווען יהודה האָט געזען ווי די קינדער, די צוויי ייִנגלעך, האָבן זיך געשפּילט ביים וועג, האָט ער געטראַכט פון ער און פון אונן... ווי ביידע קינדער זיינען צו אים צוריק אָפּגעגעבן געוואָרן דורך תמר'ן... זי האָט פאַראורזאַכט זייער טויט... און זי האָט פאַראורזאַכט זייער ווידערגעבורט...

און יהודה האָט דעם סעקרעט פון די געשעענישן נישט פאַרשטאַנען. צו אים איז געווען פרעמד דאָס שפּיל פון שיקזאַל. און אַן איינזאַמקייט האָט אים באַהערשט זיין גאַנץ לעבן — אים, דעם מאַן פון דער שווערד. — — —

יהודה גייט שטאַרבן.

עס איז די לעצטע נאַכט.

וואָס טוט זיך עס אויפן פירמאַמענט אַזאַ שרעקלעכער ווירבל פון שטערן? וועלכע געוואַלדיקע גאָט־האַנט מישט די שטערן־וועלטן ווי אַרבעס אין אַ צינענער שיסל. די געשיכטע פון דער ערד ווערט פאַרצייכנט אין די הימלען. און עס איז אַ שטיק געשיכטע וואָס ער האָט דורכגעלעבט, יהודה, אין זיין מיט טאַטן און מיט איינזאַמקייט אויסגעפּילטן לעבן. און דורך דער צייט האָט די האַנט פון טויט, פּליכט דיזעלבע האַנט וואָס מישט די שטערן איצט, ווי אין אַ ווירבלווינט, אַלעמען אומגעבראַכט און דערוואָרגן. עס זיינען אַוועק אין דער אייביקייט זיינע צוועלף ברידער. זייערע זוימען האָבן זיך אַריינגעגאָסן אין דעם ים פון לעבן, אין דעם לעבן פון דער צוקונפט — און עס וועט אויפגיין אין די קומענדיקע יאַרטויזנטער אויף דער ערד. און עס איז געשטאָרבן יוסף. און יהודה פלעגט דורך פילע נעכט פון איינזאַמקייט טראַכטן וועגן דעם מערקווירדיקן שיקזאַל פון דאָזיקן עגיפּטישן שני־למלך. ער פלעגט זיך דערמאָנען ווי ער האָט אויסגעזען קליינערהייט — אַ צאַרטער און אַ זיידענער, אַזוי ווי דאָס זיידענע העמדל וואָס זיין פאָטער יעקב האָט אים געשאָנקען. עס איז געווען די צוקונפט, זיין קעניגלעכע צוקונפט, וואָס ער האָט קליינערהייט געטרוימט, אין זילבער פון די שטערן, אין גאָלד פון דער לבנה.

און שפּעטער, אין מצרים, ווען ער האָט זיך מיט אים באַגעגנט פּנים על פּנים, ווען יוסף איז געווען דער צווייטער מעכטיקער מאַן נאָך פּרעה'ן, האָט ער באַטראַכט די קראַפט פון זיין פּערזענלעכ־קייט. ער איז געווען ווי אַ געבוירענער קעניג. ווי אַ געבוירענער מאַיעסטעט. און דאָס יידישע אין אים האָט צוגעגעבן צו זיין קעניג־לעכקייט דעם עלעמענט פון שמערץ. דעם טראַגישן שטריך. און די גלענצנדע איראָניע. ער איז געווען קלוג און ראַפינירט. מיט גע־בוירענע פּרינצלעכע מאַנירן. ער האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ טרוימער. און דער צויבער פון חלום איז געווען אין זיין גע־שטאַלט. די אייביקע ראָמאַנטיק פון חלום. די פּאָעזיע פון אַן אימאַזשינערן קעניגרייך. די שיינקייט פון אַן אויסגעטרוימטער וועלט. נאָר דער חלום איז אים געוואָרן צו ווירקלעכקייט. וויזיאָנער און טרוימער, דיכטער און דענקער, שמערצפולער איראָניקער און שליסלעך איינזאַמער ייד אין אַ פרעמדער אימפּעריע — האָט ער אַנטוויקלט אַ חוש פאַר דער ווירקלעכקייט. אַלס אַדמיניסטראַטאָר פון לאַנד האָט ער געוואוסט ווי אַזוי פּסיכאָלאָגיש צו האַנדלען מיט אַלע קלאַסן פון פאָלק. און אויסערלעך פריינטלעך און שטאַאַטס־מעניש, פלעגט ער אין איינזאַמקייט זיין דער ייד, דער זון פון יעקב, און ער פלעגט מתפּלל זיין צו זיין גרויסן גאָט — צו דעם גאָט פון די יידן. און יעקב, פאַר זיין טויט, האָט גוט געזען יוסף'ן, ווען ער האָט באַצייכנט זיין ראָלע און זיין כאַראַקטער אין די פערזן:

„אַ פרוכטיק ביימל איז יוסף,
אַ פרוכטיק ביימל ביי אַ קוואַל;
די צווייגן שפּרייזן איבער דער מויער.
און אים געביטערט, און געשאָסן,
און אים געפיינט האָבן די פייַלמענער;
אָבער פעסט איז זיין בויגן געבליבן,
און פלינק געווען זיינען די אָרעמס פון זיינע הענט,
דורך די הענט פון דעם מאַכטיקן פון יעקב,
פון דאָרט — פון דעם פאַסטוך, דעם פעלז פון ישראל;
פון דעם גאָט פון דיין פאָטער וואָס העלפט דיר,
און פון שדי וואָס בענטשט דיך,
מיט ברכות פון הימל פון אויבן,

ברכות פון תהום וואס הויערט אונטן,
ברכות פון ברוסטן און טראכט.
די ברכות פון דיין פאטער שטייגן אריבער
די ברכות פון מיינע עלטערן —
ביז דעם שפּיץ פון די אייביקע בערג.
זיי זאלן זיין אויף דעם קאפּ פון יוסף׳ן,
און אויפן שיידל דעם פירשט פון זיינע ברידער.״

און אויך יוסף האט זיך געבוקט צו דר׳ערד אין הכנעה פאר גאט. הונדערט און צען לאנגע און ארבעטספולע יארן האבן אים געבויגן צו דר׳ערד — שווער מיט דער לאסט פון מי און ארבעט. ער איז געווען מיד — ערדיש מיד — און אלע האבן געזען אז א קעניג גייט שטארבן. זיין לעבן איז געווען פול. ער האט דערלעבט צו זען זיינע אוראייניקלעך... אויך די קינדער פון מכיר, מנשה׳ס זין, זיינען געבוירן געווארן אויף יוסף׳ס קני. און זיין פאטערס הויזגעזינט האט זיך פארשפּרייט אין לאנד מצרים ווי א גרויסער בוים און זיי זיינען געווארן צו א פאלק אויף עגיפּטנס ערד.

„און יוסף האט געזאגט צו זיינע ברידער: איך שטארב; אבער דערמאנען וועט זיך גאט דערמאנען אן אייך, און ער וועט אייך אויפברענגען פון דעם היגן לאנד צו דעם לאנד וואס ער האט צוגעשווארן אברהמ׳ען, יצחק׳ן און יעקב׳ן. און יוסף האט באשווארן צו די זין פון ישראל׳ן, אזוי צו זאגן: דערמאנען וועט זיך גאט דערמאנען אן אייך; זאלט איר אויפברענגען מיינע ביינער פון דאנען.

און יוסף איז געשטארבן צו הונדערט און צען יאר. און מען האט אים איינגעבאלזאמירט, און ער איז אריינגעטון געווארן אין אן ארון אין מצרים.״

— — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — —

און איצט מישן זיך די שטערן אין הימל ווי אין א ווירבל־ווינט. און זיי פאלן ארונטער ווי די פרוכטן פון א בוים, פונם גרויסן בוים פון קאסמאס. און זיי פאלן שווער אויף יהודה׳ס גוף, אזוי ווי די שטיינער, אזוי ווי די אייזערנע פעלזן, אזוי ווי גאט וואלט יהודה׳ן פארשטיינערט פאר זיינע זינד. און מיט קיין גליד קען מער יהודה

נישט באַוועגן אין דעם האַגל פון פעלזן. נאָר מיט זיין גייסט האַלט ער זיך נאָך אינם האַרץ, ווי אויף אַן אינדזל אינמיטן שטורמדיקן אָקעאַן. און אין דעם האַגל פון שטיינער און גראַניטן, אין דעם האַגל פון בערג און סקאַלעס — זע, אַ ליבער גייסט שוועבט פּלוצלונג אַן און נעמט אַן זיין גייסט פאַר די פליגל און פירט אים אַרויס פון דאָזיקן לעצטן אָנהאַלט אינם האַרץ. עס איז דער גייסט פון תמר. זי האָט אים נישט פאַרלאָזן אין דאָזיקן צערפּולן מאָמענט, ווען נאָך אַ גאַנץ לעבן פון פּיין און קאַמף, שיידט זיך די נשמה מיטן גוף, לאָזט דעם גוף איבער אויף דער ערד — פאַר די ווערים. און טראָגט זיין נשמה אַרויף אין הימל — צו די מלאָכים.

און יהודה און תמר זיינען צוזאַמען — געאַרעמט און גע־האַלדזט — אַרויף אין הימל, אויף אַ ספּיראַל פון פייערפלאַמען.

— — — — — — — — — — —

און די בלעטער, ווי געלבער וואַקס, זיינען געפאַלן און האָבן געטריפט אויף דעם גוף פון יהודה'ן, יעקב'ס זון — וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין גראַניט און וואָס האָט געשלאָסן מיט זיין טויט דעם גרויסן ספר בראשית.

ניו-יאָרק, יולי, 23, 1945.

שאול המלך און די כישופמאַכערין

(דערציילונג)

עס איז געווען אַרום האַלבע נאַכט ווען קעניג שאול און צוויי פון זיינע באַגלייטערס האָבן געשפּאַנט דורך בייז געוויטער, דורך שטורעם און דורך בליץ. וועלכע ביטערע גרימאַסן דריקט אויס זיין קעניגלעך פּנים! וועלכער פינצטערער טרויער און צווייפל און שרעק באַהאַלט זיין קעניגלעכע מאַסקע! און דער ווינט רייסט די קליידער און צעפּלאַטערט זיינע האָר. און די בליצן טאַנצן אויפן האַריזאָנט און דעקן אַפּ אין דער נאַכט דריי איינזאַמע געשטאַלטן. עס ווייסט די נאַטור, אַז דאָ גייט אַ קעניג אין זיין

שטערבלעכן מענטשנצווייפל. עס ווייסן די ווינטן און די בליצן און די גראָזן און די גאַנצע ערד, אַז אַ מאַן, וואָס איז פון שפּינגעוועבס דערהויבן געוואָרן צו זיין קעניג ביי ישראל — וויל נישט און קען נישט ווערן אויס קעניג. אַז ביזן סוף וועט ער טראָגן זיין שיקזאַל — ביזן פינצטערן סוף.

עס איז אַן אייזערנע טיר אין דער טיפעניש פון אַ קעלער. עס איז אַ גאַנג אין דר'ערד אַריין. אַזוי ווי קעניג שאול וואָלט זיך ווענדן צו דער מלוכה פון די טויטע, כדי אים צו ברענגען זיין באַשייד. זיינע מענער קלאַפּן אָן. איין מאָל און מערער מאָל. עס הערן זיך טריט. פאַרשעמט איז דער קעניג שאול ווען די טיר סקריפּעט, ווען דער זשאַווער פון דער טיר ברעכט זיך אָפּ און פאַלט, ווי רויזנבלעטער פון אייזן, אויף אים. ער איז פאַרשטעלט. אַ קעניג מוז זיך פאַרשטעלן פאַר אַ כישופמאַכערין, וואָס פאַרדינט דעם טויט. אינעווייניק לייכט אַ ליכט פון בוימאייל. טרעפּלעך פון אָפּגעריבענע ליים פירן אַראָפּ. אויף די דאָזיקע טרעפּלעך זיינען פילע ליידנדיקע און קראַנקע באַטראָטן. קרומע און לאָמע, הייליקע און זינדיקע האָבן מיט בלוטנדיקע פיס, גייענדיק פון ווייט, געזוכט דעם צויבער פון זייערע שיקזאַלן צו אַנטפּלעקן. די טרעפּלעך זיינען אויסגעריבן פון פילע טריט. און דאָך — קיין שוואַנקענדיקער קעניג איז דאָ נאָך נישט געווען. פון דער פרייער נאַטור, פון דער מאַיעסטעטיק פון בערג, פון הימלען בלויע און זיידענע — האָט אים גאָט דערהויבן צו ווערן קעניג. ער האָט אים געזאַלבט און געשענקט פּאַלאַצן. אָבער פון קעניגלעכן שלאָס, פון דער קילקייט פון גלאַטן מאַרמאָר, פון דעם בראָנדז פון קעניג־ביוסטן, פון פּליושטאַפּעצירטע שטולן, פון וואָזאַנען וואָס זיינען גרויס ווי ביימער — צו טרעטן דאָ אין דער טיפעניש פון דער ערד, צו גיין געוואויר ווערן ביי אַ מכשפה וועגן די רעיונות פון שיקזאַל — זיך צו בויגן צום כישוף, וואָס האָט אומגעבראַכט נאַציאָנען — דאָס איז שמערצפול. און אין דאָזיקן טריבן מאָמענט האָט דער גערייצטער קעניג אויף זיך זעלבסט רחמנות. ער בויגט זיך איין נידעריק, ער, דער העכסטער מאַנספּאַרשוין פון די מחנות פון ישראל. ער בויגט זיך טיף ביז צו דער ערד.

און דאָ שטייען זיי ביידע — דער קעניג פון די יידן — ווי אין אַ קרוין פון דערנער. דער ווינט האָט צעריסן זיינע שמאַ־טעס. ער האָט זיך ווי אַן אַקטיאָר געפאַרבט. נאָר די הויכע פיגור זיינע קען ניט איינגעשרומפּן ווערן. דאָס קעניגלעכע אין אים קען נישט דערשטיקט ווערן. פון דרויסן דערטראָגט זיך דער הילך פון דונערן. בליצן דרייען איבער די וועלט מיט זייערע פלאַמענ־דיקע הענט. עס קראַכט אַן אימפּעריע. עס קראַכן לענדער און פעלקער. עס איז די שרעקלעכע מוזיק פון צעשטערונג. און אויך זי, די מכשפה, איז אַנגעטאָן אין שמאַטעס. אָבער זי לויכט. זי איז יונג. זי האָט אין טונקעלע קאַלירן אויסגעשמירט איר געזיכט. געשניצט פון אַ מייסטערהאַנט. דעם צאַרטן קרויז פון אירע כוואַ־ליענדיקע לאָקן — ווי אויסגעקנייטשט דורך אַ ליבנד־ווייכער האַנט; און אירע אויגן, ווי ביי אַ געצין, לויכטנדיקע איידל־שטיינער. אין דער נאַכט גלאַנצן זיי. זי איז רייצנד. הויך ווי שאול. קלאַסיש־שלאַנקע פיגור. וואָלסט שווערן — אַן עטרוסקערין. זי איז געהילט אין סאַמעט און אין זייד און אין גאָלד. בלענד פון איידעלן, שטימונגספולן זייד! בלענד פון העלע בלומען אין אירע האָר. (וואו האָט זי אין דער שטורם־נאַכט גענומען די ערשט־ארויסגעטאַנצטע בלומען פון דעם ערדישן טראַכט?) האַלדז — מאַסיוו־געשניטענער — אין גאָלד־קייטן. פינגער און פיס — אין גאָלד־רינגען און בראַסלעטן. אַ בישוף פון ראָמאַנטישער שיינ־קייט ווייעט פון איר. וואָלסט קענען אויפגעבן אַ מלוכה — און שטאַרבן צו אירע פיס...

אָבער שאול קען די מלוכה נישט אויפגעבן. ער איז דער פאַרשאָלטענער קעניג. פון דעם מאָמענט אַן וואָס ער איז געגאַנגען זוכן זיין פאַטערס אייזעלינס דורך די פייכט־טויאיקע, מיט זון־גאָלד־פאַרפלייצטע פעלדער און ער האָט געפונען אַ קעניגרייך — קען ער עס נישט אויפגעבן. און צווייפל גריזשעט אים ווי אַ חיה. פאַרשאָלטן זאָל זיין דער טאָג וואָס זיין שאַרבן האָט באַרירט די גילדערנע קרוין. ווי זי צעדריקט זיינע געהירן! ווי זי צעברעכט זיין שאַרבן! ווי זי איז אַן אייזערנער פאַנצער — נישט פון גאָלד — נאָר פון אייזן, אויף זיין שיינעם קאָפּ, מיט צעכוואַליעטע האָר, וואָס האָבן אין ווינט און אין זון־פייער זיך געבאָדן. די קרוין —

זי שפּאַרט אים צו דר׳ערד. זי איז ווי אַ זון, וואָס פאַרברענט זיין לעבן. ער קען נישט מער חלומען פריי און טרוימען און קוקן אויף דעם זון־אויפגאַנג און זון־אונטערגאַנג מיט דער פרייד פון אַ פּאַסטוך, צו וועמען עס געהערט דער גאַנצער בלויער הימל און די גאַנצע גרינע ערד!

אָבער ער קען שוין נישט מער זען אויף דעם קאָפּ פון אַן אַנדערן — די גילדערנע קרוין! דער וואָס ווערט קעניג — קען בלויז שטאַרבן אַלס קעניג. און אַן דער שווערער, אייזערנער קרוין קען ער קיין איין מינוט נישט לעבן. געעפנט דאָס קעניג־רייך פון אַמביציע — ביסטו איר קרבן. און פאַרמשפּטער קעניג שטייט איצט — ווי אַקטיאָר פאַרקלײדעטער — פאַר דער וואָס איז די שענסטע פון אַלע פרויען פון דער ערד. און ביידע קוקן זיך מאָדנע אָן אין דער דאָזיקער אומהיימלעכער שטורם־נאַכט. טראַגישער קעניג קוקט אויף מכשפה. מכשפה — אויפן קעניג. עס אין כשוף וואָס צירט זיך אַרום איר ווי אַ וואונדערלעך־צאַרטער שלייער. עס איז צויבעריי. עס איז אַ מאָדנע געהיימעניש אַרום איר וועזן. איז זי טאַקע אַזוי שיין — אָדער איז זי בלויז אַ וויזיאָן צום קעניג? איז זי טאַקע אַזוי יונג — אָדער אַ יאָרטויזנט דרייט זיך אַרום איר קערפּער ווי אַ שלאַנגען־ציר? איז זי טאַקע אַזוי קלוג ווי אירע אויגן ווייזן — אָדער דיקטירט איר די געדאַנקען אַ געהיימער גייסט? פון וועלכן קעניגרייך קומט זי? און — מערקווירדיג, ווי ער, דער אַלמעכטיקער קעניג, קען נישט באַהערשן איר קעניגרייך. עס איז נישט פון ד ע ר וועלט. עס איז אויסער רוים און צייט. אין שפּינגעוועבס איז איר קעניגרייך באַהאַלטן. אין אוראַלטן כישוף — און ווי גערן וואָלט ער וועלן אַנטלויפן פון זיין אייגענעם מאָדנעם קעניגרייך — וואָס איז אים אויך אומבאַקאַנט, פרעמד און געהיימנישפול — און זיך פאַרלירן אין דעם אומגעהויערן רוים פון איר צויבעררייך. ווי גערן וואָלט ער וועלן אויפגעבן זיינע אַמביציעס — און דערהייבן איבער זיך די דאָזיקע מאָדנע פרוי אַלס קייסערינע! ער וואָלט אין די פאַלדן פון דעם כישוף־קלייד זיך באַהאַלטן — ווי אַ בין באַהאַלט זיך אין די האָניק־זיסע און פּראַכטפול־קאָלירטע בלעטער פון אַ בלום.

— „וואָס ווילסטו האָבן, וואַנדערנדיקער מאַן? אין וועל־כער הינזיכט קען דיר דינען מיין כישוף־פּראָפעסיע?"

— „ברענג אַרויס פון דער טונקלעניש פון די שאָטנס דעם גייסט פון שמואל הנביא!"

עס שרעקט זיך די מכשפה. איז דאָך כישוף פאַראורטיילט מיט דער שטראָף פון טויט אין גאַנצן לאַנד. און דאָ שטייט דער קעניג אַליין. עס קען קיינער נישט פאַרזען זיין קעניגלעכקייט. און זי ציטערט פון שרעק. דער, וואָס פירט גרויסע מלחמות און פאַרוואַלטעט מיט אַ מלוכה, בעט איר פאַרצוזאָגן דורכן גייסט פון אַ נביא.

און שאול צעוויינט זיך. ער דערמאָנט זיך אַלע דערשיינונגען פון דעם נביא. ווי ער האָט זיך מיט אים געראַנגלט. דער גרויסער קאַמף צווישן קעניג און נביא. קעניג — מענטשלעך־שוואַך, פול מיט לוסטן און באַגערן, פאַרצויבערט פון מאַכט און דערהויבן ביז צו די שטערן אין גלאָריע. מאַכט איבער פעלקער און קעניג־רייכן. מאַכט וואָס שפּרייט זיך אויס אין רוים און אין צייט. קענסט מעסטן דיין מאַכט איבער דער ערד — איבער פויגל און חיה — איבער אינסעקט און מילב — איבערן לעבן אין דער לופט — איבער די גייסטער. מאַכט איבער טאָג און נאַכט — איבער זון און לבנה. דו ביסט אַ קליינער גאָט אין דיין קאָסמאָס. נאָר אָט באַ־וויַיזט זיך דער נביא — און דו ווערסט קליין ווי אַ וואָרים. דו ציַ־טערסט אין דיין נפש פאַר אַן אומגעהויער־גרעסערער מאַכט איבער דיר. פון די גאָלד־אוצרות ווערן ווערים; פון דיינע פּאַלאַצן — רואינען. פון דיינע אונטערטאַנער — שאָטנס. עס גייט דער נביא — און דו ווערסט קליין. דו פילסט, אַז דו ביסט אַ יינגל אַנטקעגן דעם גרויסן קעניג פון אוניווערס. דאָ שלאָגסטו זיך מיט פעלקער. דו רייסט אַראָפּ טראָנען. דו צעברעכסט דינאַסטיעס. דו פאַרוויסטעסט שטעט און לענדער. אין טייכן בלוט רינען אָפּ נאַציאָנען. נאָר אָט באַווייזט זיך דער אַלטער מאַן — גרייז־גרוי, ווי אין שניי־געהילט — שטערבלעך־מענטשלעך — נאָר וועלכע מעכטיקע אויטאָריטעט ער שטעלט פאָר! דו ציטערסט פאַר אים. דו ביסט קליין מיט דיין קעניגרייך. אַ ווינט גייט דורך דיין לייב. ער מאַכט

דיך, קעניג, צו ציטערן ווי א בלאט אין הארבסט. ער וועקט דיינע מעשים. דו ביסט קינד־מאריאנעט. דיין נפש פארלירט זיך אין דעם אומגעהויערן ליכט־זייל וואס טראגט זיך פון נביא — דאס ליכט פון גאט!

דאס גאנצע לעבן ראנגלסט דו זיך מיטן נביא. זיין ווארט איז — פלאם; זיין באפעל — דונערנדיק. האסט מורא פאר אים. ער ווארפט דיך, ווי א פילקע אין א שטורעם. ער פליקט אויף דיר די קעניגלעכע קליידער. ער שליידערט אראפ די קרוין פון דיין קאפ. ער קען דיך טרעטן מיט די פיס. און אויך איצט, אין דערדאזיקער אומהיימלעכער נאכט, וויל שאול זיך זען מיטן גייסט פון דעם געשטארבענעם נביא. קעניג און נביא קענען זיך נישט שיידן. אפילו דורכן טויט. נביא איז קעניג'ס שיקזאל. אן דעם נביא איז דער קעניג איינזאם און פארלאזן. דער נביא איז דעם קעניגס גערעכטיקייט.

און די מכשפה ציטערט.

— „וואס זעסטו דען ?" — פרעגט דער קעניג. און זיינע ליפן זיינען ציטערנדיק־בלא.

— „א גאט זע איך ארויפגיין פון דער ערד. אן אלטער מאן קומט ארויף און ער איז איינגעוויקלט אין א פעלערינע פון פלאמען."

— „פארוואס האסטו געשטערט מיין רו, מיך אויפצוברענגען", — פרעגט דער ציטערנדיקער, גרייז־גרויער גייסט, איינגעהילט אין ליכט.

און דער קעניג ציטערט:

— „מיך האט זייער געדריקט, ווארום די פלשתים האלטן מלחמה אויף מיר, און גאט האט זיך אפגעקערט פון מיר, און ער ענטפערט מיר נישט מער, נישט דורך נביאים, נישט דורך חלומות; האב איך דיך גערופן, מיר צו לאזן וויסן, וואס איך זאל טאן."

— „און פארוואס פרעגסטו מיך, אז גאט האט זיך אפגעטאן פון דיר, און איז געווארן דיין פיינט? און גאט האט פאר זיך געטאן וואס ער האט גערעדט דורך מיר, און גאט האט אוועקגעריסן די מלוכה פון דיין האנט, און האט זי געגעבן צו אן אנדערן,

צו דוד'ן. אזוי ווי דו האָסט נישט צוגעהערט צו דעם קול פון גאָט, און האָסט נישט אויסגעפירט זיין גרימצאָרן אויף עמלק'ן, דרום האָט גאָט געטאָן צו דיר די דאָזיקע זאַך היינטיקן טאָג. און גאָט וועט אויך געבן ישראל מיט דיר אין דער האַנט פון די פלשתים. און מאָרגן וועסטו און דיינע זין זיין מיט מיר. אויך דעם חייל פון ישראל וועט גאָט געבן אין דער האַנט פון די פלשתים."

* * *

שמואל הנביא, ווי אין די פריערדיקע צייטן, איז געווען קאַלט און קאַטעגאָריש. ס'האָט דער טויט אים נישט ווייכער געמאַכט. דאָס איז די שפּראַך פון שיקזאַל. זי איז ווי אין אייזן געגאָסן. און גאָר נישט איז אַראָפּצונעמען און צוצוגעבן. און קעניג ווייסט דעם כוח פון געטלעכן וואָרט — שטאַרקער ווי אַרמייען מיט וואָפן. שטאַרקער ווי דאָס דונערן פון בליצן. מעכטיקער ווי ערד־ציטערניש. און קעניג, אין זיין גאַנצער הויך, פאַלט צו צו דער ערד און אַ גרויסע מורא באַפאַלט אים. עס איז די מורא פאַר דאָס פאַטאַלע. פאַרן קאָסמישן געזעץ, וואָס איז פעסט, ווי דער גאַנג פון די שטערן.

קעניג שאול האָט שוין קיין מעת־לעת נישט געהאַט געגעסן. און ער איז מיד און פאַרשמאַכט.

און עס טרעט־צו צו אים די מכשפה:

— „איך האָב געהאָרכט צו דיין קעניגלעכן באַפעל. האָרך דו אויך צו צו מיין באַפעל. איך וועל דיר גרייטן אַ אָרעם מאָלצייט. איך וועל שטעלן פאַר דיר ברויט און וויין. דו וועסט עסן און האָבן כוח ווייטער צו גיין אין דיין וועג."

קעניג שאול האָט נישט געוואָלט עסן. אָבער עס זיינען צו אים צוגעשטאַנען זיינע לייט. און ער זעט, ווי די פרוי פאַרעט זיך פשוט און פראַסט ביי דער קיך. און בשעת זי קנעט דאָס מעל, וועלכע וואָרעם־געטרייע הענט דערזעט דער קעניג! און עס ווייעט מיט ליבשאַפט פון די דאָזיקע שיין־געשניצטע הענט. און דאָס אויסגעשטאָפּטע קאַלב פאַרלירט זיין אָרעם לעבן.

אַ ווייַלע שטילקייט אין דער גרויסער נאַכט פון דונערן און בליצן פון זיין הערשאַפט. אַ מאָמענט מנוחה! און שטום

און שווייגנדיק זיצט דער קעניג אויפן בעט, אויפן געלעגער פון דער מכשפה. און שווייגנדיק און געבויגן זיצן מיט אים זיינע לייט. דער טיש שטייט פאר זיי — פון אלטע, דעמבענע האלץ. א פשוטער טיש, פארקריצט און פארשריבן מיט צייכנס און מיט אותיות. און די מכשפה דערלאנגט שטיקער אפגעבראטן פלייש און ברויט ערשט־געבאקענע. און אלע פיר עסן דאס לעצטע פשוטע מאל־צייט. און אויפן דעמבענעם טיש, צווישן דעם בלוט־טריפנדיקן, ברוינעם פלייש, ווי האניק, און דאס שווארץ־ראזאווע ברויט און דעם קילן ווין — שטעלן אירע שיינע, געשניצטע הענט אוועק א וואזע מיט אנגעצונדענע בלומען. און די בלומען לייכטן ווי לאמפן און באלייכטן די פנימער פון די שטומע לייט. און דער קעניג שאול פילט, אז ער וואלט זיך דא באהאלטן. אז ער וואלט אויף אייביק דא פארבליבן, באשיצט אונטער דער צויבערמאכט פון דער שיינער פרוי. און ער פילט ווי איר ליבע לויכט, אזוי ווי איר הארץ וואלט געווען א זון און וואלט באלויכטן איר געשטאלט, און עס רעפלעקטירט א ליכט וואס איז גרויס און הייליק, און אין אלע ווינקלען פלייצט דאס ליכט — פארגיסט זיך דאס ליכט שוימיק און שאמפאניערדיק — — —

נאר אלע זיצן שטום: יעדער איינער ווייסט פון זיין סוף. אויף אלעמען הויערט דער שאטן פון אונטערגאנג. אלע זיינען דא צום טויט־פארמשפטע. און דאך מוזן אלע אקטיארן שפילן דאס שפיל ביז צו זיין פינאל. די דראמע דארף געשלאסן ווערן מיט דיזעלבע העלדן, מיט דיזעלבע קעניגלעכע אקטיארן.

און שאול מוז זיך געזעגענען מיט דער שיינער פרוי און ער און זיינע לייט גייען ארויס. און גייענדיק, רינען טרערן פון שאול'ס אויגן. דען די שטילקייט איז אים געווען צום הארצן. די שטילע כישוף־פרוי — באלזאם צו זיין מעלאנכאלישע וועזן. דער שטילער טרויער האט אים געקילט די לעפצן. נאר עס רופט — דער גורל. דאס שפיל מוז געשפילט ווערן ביזן סוף...

עס איז שוין געווען באגינען. דאס זייד פון הימל האט זיך אנגעפאנגען פארבן אויף העל. און אזוי ווי זיי זיינען געגאנגען — דריי צעבראכענע געשטאלטן — איבער דעם פייכטן וועג, פארביי

פעלזן און בערגער — האָט זי נאָכגעקוקט די פרוי מיט טרערן אין אירע וואונדערלעכע אויגן. זי האָט גוט געוואוסט, אַז קעניג שאול גייט צו זיין טויט, אַזוי ווי דער נביא שמואל האָט אים פאָראויסגעזאָגט — פעצייעט און אַז אויף מאָרגן וועט דער קעניג און זיינע זין און זיין גאַנץ הויזגעזינט זיין אין דעם גרויען קעניגרייך פון די שאָטנס...

און ווי אַ שאָטן — איז אין דער ווייטקייט דער קעניג פאַרשוואונדן, אָט גייענדיק באַרג־אַרויף און אָט — באַרג־אַרונטער... און זיין הויך געשטאַלט וואַקלט זיך און ציטערט — ווי עס ציטערט אַ בוים אין ווינט, — מיט טויטע וואָרצלען אין דער טיפעניש פון דער ערד.

און די זון האָט גענומען אויפגיין און האָט די שפיצן פון די בערג איינגעהילט אין גאָלד. און ביסלעכווייז איז זי ארויסגעריטן אינם בראָנדזענעם וואָגן איבער דעם גרויסן האָריזאָנט...

ניו־יאָרק, סעפטעמבער, 8, 1945.

דאָס שטאַרבן פון אַ קיסר (פאָרטרעט)

עס איז געווען זון־אונטערגאַנג איבער ירושלים. דער גאַנצער הימל איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איין קופערנע, גראַנדיעזע פאָרשטעלונג. די וואָלקנס — אין גראָטעסקע און מיטאָלאָגישע געשטאַלטן האָבן זיך אָנגעצונדן און עס איז געווען ווי אין הימל וואָלט פאָרגעקומען אַ שלאַכט. האָט דער הימלישער רעזשיסאָר איבערגעשפילט געשיכטע? זיינען פאַר קעניג שלמה׳ס אויגן ווידער אָפגעשפיגלט געוואָרן די שלאַכטן וואָס זיין פאָטער האָט געפירט מיט די שונאים פון ישראל, זינט ער האָט איבערגענומען פון זיין פאָטער דוד די מלוכה?

ביסלעכווייז האָט זיך דער פלאַקערנדיקער קופער געלאָשן. שאָטנס האָבן, ווי טונקעלע הענט, פאַרהילט דעם הימל. איבער ירושלים איז אויפגעגאַנגען אַ בלויער אָוונט. דער זון׳ס גאָלדענער קאָפ איז געזונקען אונטערן ראַנד פון דער ערד. שלמה המלך איז

געזעסן איבער זיין שרייב־טיש און פארענדיקט די לעצטע קאפיט־לעך פון משלי. מיט שווערוקייט האבן זיינע אלטע הענט געמישט די בלעטער פון ספר משלי. זיינע אלטע הענט! מישנדיק די בלעטער — האט ער זיי, ווי צום ערשטן מאל דערזועען. א גאנץ לעבן, הערשנדיק איבער ישראל פערציק יאר צייט, האט שלמה המלך זיינע הענט קיין צייט נישט געהאט צו באטראכטן. זיי זיינען איצט געווען געל און אלט. פורפורנע אדערן האבן זיי דעקארירט. די נעגל — קרומע. פאר׳עקשנ׳טע הענט — באדעקט מיט צייכנס. אלטע, אויסגעארבעטע, פון לעבן־פארצערטע הענט. אין די הענט־פלאכן — וויפיל געהיימע צייכנס זיינען דא פאראן. וואלסט זיי נישט געקענט איבערציילן. ווי די שטערן אין הימל. עס זיינען די צייכנס פון זיין לעבן, וואס דער שיקזאל האט אנגעשריבן אויף די דאזיקע הענט, ווען זיי זיינען נאך געווען פארגליווערט ביים גרויסן שטערן, אין דער ווארימער מוטערס טראכט — אין דער פארם פון דעם עמבריאן. אויף די דאזיקע הענט איז געשריבן געשיכטע!

שלמה המלכ׳ס אויגן — די גוטע, טונקעלע, גרויסע אויגן האבן זיך אנגעגאסן מיט טרערן ביים אנבליק פון זיינע הענט. זיינען עס נישט די זעלבע הענט וואס האבן זיך געשלאגן מיטן אשמדאי, ווען יענער האט אים אויסגעשפיגן פיר הונדערט מייל ווייט, אין פרעמדע מדינות? עס זיינען די הענט וואס האבן באפוילן ווי אזוי צו בויען דאס בית־המקדש צו די טויזנטער לאסט־טרעגער און ארבעטער פון לאנד. עס זיינען די הענט וואס האבן מוטיק און שטארק געהאלטן די שווערט, די אלטע שווערט פון קעניג דוד, זיין פאטער. די הענט וואס האבן שיין געמאכט דאס לאנד און געבראכט שלום אויף ישראל. עס זיינען די הענט וואס האבן געגלעט די גאלדענע האר פון זיינע ווייבער; פון זיינע דריי הונדערט געליבטעס, פאר וועמען ער האט געבויט די דריי הונדערט וואונדערלעכע טעמפלען ארום די הייליקע בערג פון ירושלים. עס זיינען די הענט, די אלטע, געלע הענט, געל — ווי די בלעטער אין אקטאבער, וועלכע פאלן טרויעריק פון דיביימער — וואס האבן ארומגענומען די ציטערנדיקע שולמית, פון דער בארימטער ליבע־פאעמע „שיר השירים“, און האבן זי דורך דער

נאכט פון אָריענט, דורך שמעקענדיקע סעדער, פייכטע פון טוי און פון איבערפולטער ליידנשאַפט — ־־רכגעפירט און איר געדריקט צום האַרצן מיט אירע פולע בריסט. עס זיינען די הענט וואָס האָבן דערלאַנגט טייערע גאָלדענע מתנות דער מלכה שבא. עס זיינען די הענט, די שטאָלצע, אַרבעטסזאַמע הענט, וועלכע האָבן געציילט די קריגער־מחנות פון ישראל, אָבער האָבן זיי קיינמאָל אין מלחמה נישט געשיקט. און — עס זיינען אויך די זעלבע הענט וואָס האָבן אין בלויע נעכט, ווען די שטערן זיינען געדיכט באַזעצט אין הימל, ווי שופּען אויף דער הויט פון אַ פיש — געשריבן זיינע לידער, די גרויסע, די אומגעהייערע דיכטונגען, וואָס שלִיסן איין הימל און ערד.

קעניג שלמה האָט אַ גאַנץ לעבן רעפלעקטירט איבער די היסטאָרישע פּאַסירונגען און מענטשלעכע עמאָציעס; איבער דעם זין פון מענטשלעכן לעבן און איבער דער שיינקייט פון דער נאַטור. נאָך יעדער טאַט, נאָך יעדן פּאַרטיק־מאַכן פון אַ טעמפּל, איז דער קעניג אַהיים געקומען און אין די נעכט האָט מען אים געקענט זען זיצן ביים גרויסן שרייב־טיש און שרייבן זיינע ווערק. עס איז דער דיכטער וואָס איז איצט געקומען צום אויסדרוק. דער ווייזער מאַן. וואָרים מיד פון קאַמף און שטורעם, מיד פון פאַרברענגען פילע שטונדן רייטנדיק אויפן געטרייען פערד, מיד פון באַפעלן זיינע גענעראַלן און מיד פון זיינע פילע געליבטעס — פלעגט ער זיך אוועקזעצן אין דעם אַרבעטס־חדר זיינעם. דאָ האָט ער זיך געפילט צום בעסטן. דאָ זיינען געווען פאַרזאַמלט פּאַפּירוסן און מגילות אין פילע לשונות און דיאַלעקטן. די וועלט־געשיכטע איז אין זיי דערציילט געוואָרן. וועגן דעם גאַנג פון באַרימטע שלאַכטן, וואָס זיינען געקעמפט געוואָרן אויף פאַרשידענע טעריטאָריעס פון דער ערד. וועגן היסטאָרישע פּאַסירונגען. און פּאָעמען האָבן דאָ געערוט, פון אומבאַקאַנטע דיכטער, וואָס זיינען שוין לאַנג טויט.

איז נישט דאָס, וואָס געשעט איצט — אַ חלום, אַ שאָטן־שפּיל. אַן אומגעהייערער רעזשיסאָר עפנט די פּאַנאָראַמע פונם וועלט־געשעען אויף אַ העלן האָריזאָנט. אַלץ וואָס קומט פאָר — רעפלעקטירט זיך אויפן דאָזיקן העלן האָריזאָנט. אַן עפּאָכע צינדט זיך אָן, אַן עפּאָכע לעשט זיך אויס, ווי אַקטן פון אַ גרויסער דראַמע. יעדע עפּאָכע — אַן אַקט. און גרויסע אַקטיאָרן שפּילן —

די מענטשלעכע דורות. און פילע לענדער, די גאַנצע ערד באַטייליקט זיך אין דעם דראַזיקן קאָסמישן שפּיל. און קעניגען און גענעראַלן פירן אָן די דראַמע. קעניגן, מיט קרוינען שווערע אויף די קעפּ. גענעראַלן מיט לאַנגע, שטאַרקע שווערדן. נאָר יעדעס מאָל פאַלט די דעמערונג אויף דעם האָריזאָנט, ווי אַ געוואַלטיקער פאָרהאַנג. עס איז זון־אונטערגאַנג — אַזוי ביזן נעקסטן באַגינען פון אַ דור, פון אַן עפּאָכע, פון אַ וועלט־אַקט.

אין דער האַלב־טונקלקייט פונם צימער קוקט זיך קעניג שלמה אַרום. עס איז היינט אַ טאָג פון חשבון־הנפש. באַלד אין דער פרי האָט דער מלך נישט געפילט גוט. עס איז ווי זיין האַרץ וואָלט געוועזן מיד. דאָס גרויסע האַרץ, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קלאַפּן דורך זיין רומרייך לעבן. ווען דער שילד פון קופּער האָט צוגעדעקט זיין ברוסט און אים באַשיצט פון שווערדן און פון שפּיזן. און איצט, ווען ער איז וועלט־באַרימט, ווען זיין לאַנד איז פול מיט ברויט און גאָלד, ווען פערציק יאָר הערשאַפט קרוינען זיין לעבן מיט אָנערקענונג, ווען די שענסטע מתנות פון גרויסע קעניגען פילן יעדן טאָג אָן זיין שאַצקאַמער, ווען דאָס פאָלק ישראל רוט זיך ענדלעך אָפּ פון די גרויסע אָנשטרענגונגען, ווען מעכטיק טורעמט זיך אין הימל די געוואַלדיקע געביידע פון בית־המקדש, וואָס איז געווען זיין קעניגלעכע אַמביציע זינט קינדהייט אָן, אויסצופירן קעניג דוד׳ס באַפעל — איצט, ווען ער האָט צייט צו פאַרטראַכטן זיך איבער דאָס פאַרגאַנגענע, איבער פערציק יאָר קאַמף און ליידן — איצט איז דאָס האַרץ מיד. דאָס האַרץ שלאָגט האַסטיק. עס איילט זיך ערגעץ־וואו. עס איילט זיך צו אַ ראַנדעוואו מיט גאָט.

און אָט איז די קרוין, די שווערע, אַלטע און מאַסיווע קרוין. זי איז צו שווער אויף שלמה המלכ׳ס קאָפּ. עס איז די קרוין וואָס האָט צוגעדעקט דעם קאָפּ פון אַ גרעסערן קעניג פון אים — פון זיין מאַיעסטעט, דוד המלך. און ווען דוד המלך האָט אים מיט זיינע אַלטע, שוואַכע הענט צוגעטראָגן די קרוין — האָט שלמה זיך דערשראָקן. זיין האַרץ האָט אין אים געציטערט. ער האָט געוואוסט, אַז די דאָזיקע גרויסע קרוין פאָדערט גרויסע מעשים. דער גלאַנץ פון אירע איידלשטיינער — איז נישט בלינד־צו־מאַכן און צו פאַרבלענדן דאָס אויג—נאָר צו באַלייכטן די טונקעלע לאַבי־

רינטן פון מלוכה־פירערשאפט. די דאָזיקע אַלטע, מעכטיקע קרוין — זי האַלט זיך נישט אויף קיין שוואַכן, לייכטזיניקן קאָפּ. זי צער־דריקט די געהירן פון כאַראַקטער־לאָזע. זי ברעכט די שאַרבנס פון די זינדיקע. עס איז די קרוין, וואָס גאָט אַליין האָט געלאָזט שמידן פאַרן קעניג׳ס קאָפּ. און איצט איז ער אַליין אַלט. אַלט און מיד. ווער וועט אָנטאָן די דאָזיקע קרוין? זיין זון רחבעם? האָט ער מוט גענוג צו פאַרטיידיקן זיין פאָלק און צו קעמפן קעגן ישראל׳ס שונאים? איז ער אַ מאַן פון אומדערשראָקנקייט אין מאָמענטן פון געפאַר? קען ער זיך פאַרלאָזן אויף גאָט און, קען ער אין טריבע צייטן, ווען ווילדע טרויערן באַפאַלן דאָס האַרץ — זיך צוריקציען אין איינזאַמקייט און אַ טרייסט געפינען אין דער אַלטער, אייביק־פרישער דיכטונג? איז ער ווערט צו טראָגן די דאָזיקע קרוין, פון מאַסיוון גאָלד געשמידט, וועמענס איידלשטיינער זיינען געבויט אַזוי ווי די שטערן אין הימל, איינס לעבן אַנדערן געפּאַסט, אויף אייביק אוועקגעשטעלט און איינגע־מויערט אין דעם הימלישן פירמאַמענט?

און אָט איז דער בלעכענער שפּיגל. עס איז דער זעלבער שפּיגל, אין וועלכן עס האָט זיך געשפּיגלט אַ מעכטיקער קעניג — זיין פאָטער דוד. שלמה המלך שטייט איצט פאַרן בלעכענעם שפּיגל — עס איז אפשר דאָס ערשטע מאָל, זינט זיין יוגנט, וואָס ער שפּיגלט זיך ווידער אין בלעכענעם שפּיגל. ווי אַלט און טרויעריק זיין געזיכט איז! די דאָזיקע באָרד ווי פון שניי — האָט זי נישט געפלאַמט אַמאָל ווי אַ שטורקאַץ, ווען ער פלעגט אין אַ באַגינען, רייטנדיק אויף זיין גלאַסענעם און קעניגלעכן פערד — זיך דערזען רעפלעקטירט אין קילן, קלאָרן שפּיגל פון אַ טייך? און איצט איז די באָרד גרוי און צעשויבערט — אַ שטיק שניי, וואָס ווע‍ט באַלד צעגיין. און די אויגן — זיינען עס טרערן, וואָס גלאַנצן טאָג און נאַכט אין זיי? די שלאָפלאָזע אויגן, וואָס האָבן געזען ווי עס שטייגט הויך אויף דאָס בית המקדש — דאָס הויז פון גאָט — פון דער ערד ביז צום הימל הויך. האָבן זיי נישט געפלאַמט אַמאָל אין דעם בראָנזענעם גלאַנץ פון וויין — ווען ער האָט דעם ריזיקן און פולן בעכער צוגעטראָגן, ווי אַ שטיק פייער, צו זיין מויל? האָבן זיי נישט געפלאַמט אין דעם שפּיגל

פונם בעבער — אין דער רעפלעקציע פון אלטן וויין? און די ליפן — ווי זיי זיינען איצט בלייך און אנעמיש! די דאזיקע פארוויאנעטע ליפן, ווי בלעטלעך קילע פון קאלטע רויזן, ווען עס גייט דורך זיי דורך, מיט א הייזעריקן כריפ, דער אומ־היימלעכער סעפטעמבער־ווינט...

, דער קעניג געדענקט די דאזיקע ליפן. ער געדענקט זיי גוט — ווען זיי האבן זיך צוגענייגט צו די וואונדערשיינע געזיכטער פון פרינצעסינס פון ווייטע לענדער. האט ער די דאזיקע ליפן נישט געזען רויט און פריש און זיי באגאסן מיט הייסן וויין — ווען ער האט געקושט שולמית און די עגיפטערין מיט דער ברוינער הויט ווי זייד און מלכה שבא, וועמענס לייב איז געווען ווי בראנז? האט ער זיי נישט געזען רעפלעקטירט אין די קרישטאל־קלארע אויגן פון דריי הונדערט יונגע פרויען?

שלמה המלכ'ס געזיכט איז איצט אלט און טרויעריק. און דער בלעכערנער שפיגל פארהוילט גארנישט פון זיין טרויער און פון זיין עלטער. אבער עס איז אויך דאס געזיכט פון א מאן, וואס האט געוואגט און געלעבט. וואס האט אויסגעשעפט דעם לעבנס־וויין ביז צום גרונט פון בעכער. עס איז דאס געזיכט פון א מאן, וועמענס קנייטשן דערציילן ראמאנסן פון ליבע און פון ליידנשאפט, פון ווילן און כאראקטער, פון מוט און אנטשלאסנקייט. דאס איז דאס געזיכט פון קעניג שלמה — דער פאוסט פון זיין צייט. דער הערשער און דער באפעלער פון פילע לענדער. דער דיפלאמאט און שטאטסמאן. דער וייזער מאן און דער פאעט. דער גרויסארטיקער ראמאנטיקער. דער פריינד פון קע־ניגען און דער שטאלצער זון פון דוד המלך. דער אויטאר פון דריי מעכטיקע ווערק — שיר השירים, קהלת און משלי, וואס שעפן־אויס גאר דאס לעבן פונם מענטש. דער בויער פון דער מעכטיקסטער געביידע אין אלטערטום — דעם בית־המקדש. דער ליבהאבער פון פילע פרויען. עס איז דאס געזיכט פון א מאן, אין וועמענס הענט גאט האט געגעבן דעם שיקזאל פון פילע מיליאנען, דעם שיקזאל פון פעלקער און פון לענדער.

און איצט איז די צייט געקומען. די שטערן אין הימל ווערן אלץ נעענטער צום ווייזן קעניג. איז עס נישט א סימן,

אז שלמה המלך פארלאזט דאס ערדישע קעניגרייך און דער־נעענטערט זיך צום הימלישן מלכות פון גאט?! ווי מחנות קומען זיי אים אנטקעגן — די שטערן — ארמייען פון הימל. עס איז ווי די גאנצע ערד וואלט זיך נעמען דרייען מיט אים. די גאנצע מלוכה. די פונדאמענטן פון דער וועלט נעמען זיך וואקלען. עס איז א גרויסער, א טרויעריקער מאמענט צום אלטן קעניג. זאל ער דא אליין פארבלייבן? זאל ער אויסגיין איז איינזאמקייט — ער, דער הערשער פון מיליאנען? גייט יעדער מענטש טאקע איינזאם און נאקעט צו זיין טויט, צו זיין קבר? קען אים קיינער קיין טרייסט נישט ברענגען אין דעם לעצטן גרויסן מאמענט אין זיין לעבן — ווען ער דארף זיך שיידן מיט זיך, מיט שלמה המלך?

אין דאזיקן מאמענט האט זיך די טיר ברייט אויפגע־פראלט, ווי דער ווינט וואלט איר עפענען. און אין א ווינקל פון דער אפענער טיר איז דערשינען בן־אברהם, דעם קעניג דוד'ס קארליק און קלאון. ער איז דא פארבליבן אין די ווינקלען פון פאלאץ. קיינער באמערקט אים נישט און ווייסט נישט, אז ער האט פארוויילט פילע קעניגען פון דער וועלט, אז ער איז געווען דער ליבלינג פון דוד המלך. אז אין די טרויעריקע, שפעטע נעכט, ווען דער גרייז־גרויער קעניג דוד האט גע־שריבן זיין „תהלים", פלעגט בן־אברהם דערשיינען און מיט א וויץ צעשטרייען דעם קעניג. בן־אברהם איז דא פארבליבן אין פאלאץ — קליין, נישטיק, פארגעסנלעך און מיאוס — אבער אומשטערבלעך. ער איז דא געשטאנען מיט זיין קליינעם וואוקס פאר קעניגען וואס האבן ווי מאנומענטן זיך דערהויבן — אין מאכט און אין פארכט. די יארן זעען זיך אן אויף זיין פאר־קריפלטן קערפער, אבער ניט אויף זיין נשמה. זיין וויץ איז שארף און פריש, ווי וואסער פון קוואלן אין די בערג. בן־אברהם — וואס טראגט אייביק אויף זיין צעוואונדיקטן קערפער גאל־דענע קייטן, ווי א סימבאל פון זיין גורל, דעם גורל פון יעדן מענטש, פון אלע פעלקער — בן־אברהם האט די לעצטע יארן געוואכט איבער קעניג שלמה. ער האט געזען, ווי ער ווערט אלט. און היינט ביינאכט האט ער באזונדערס געוואכט איבער

שלמה המלך. ער ווייסט געגוי, וואָס דאָס מיינט. האָט ער דען ניט פּינקטלעך פאָרויסגעזאָגט דעם טויט פון דוד המלך? בן־אַברהם ווייסט און דערקענט ריכטיק, ווען דאָס לעבן פון אַ מענטשן וועט זיך שליסן. בפרט דאָס לעבן פון שלמה המלך — וואָס עס שטייט מיט פייער געשריבן אויף יעדן מלאכ'ס שטערן.

שלמה המלך, דערזעענדיק דעם גוט־באַקאַנטן קלאָון פון פּאַלאַץ, בן־אַברהם, האָט זיך דערשראָקן. ער געדענקט גוט יענע נאַכט, ווען בן־אַברהם איז געווען דער ערשטער צו דערשיינען ביי זיין שטאַרבנדיקן פאָטער, דוד המלכ'ס, בעט, און דאָס איז געווען אַ טרויעריקער אָנזאָג צו אַלעמען. מען האָט אין בן־אַברהמ'ס טרערנפולע אויגן געקענט לייענען דוד המלכ'ס טויט. און איצט דערשיינט ער דאָ — אַ טרויעריקע געשטאַלט, ווי אַ סימבאָל פון יידישע ליידן — דערשיינט ער איצט אויך, מיט אַ שמערצפולער אָנשטרענגונג צו שמייכלען, צו טרייסטן דעם קעניג.

— „וואָס ברענגסטו נייעס, בן־אַברהם?" — האָט דער קעניג מיט אַ שוואַכער שטימע, באַהערשט פון גרויס אָנשטרענגונג, געזאָגט.

בן־אַברהם האָט זיך צוגערוקט נעענטער צום מלך שלמה, און שטיין־בלייבנדיק ביי זיינע פיס, האָט ער אים אַריינגעקוקט אין די אויגן. זיין קרום מויל האָט זיך נאָך מער אויסגעקרימט און ער האָט דעקלאַמירט:

— „איך, קהלת, בין געווען אַ מלך איבער ישראל און ירושלים. און איך האָב אָפּגעגעבן מיין האַרץ צו זוכן און צו פאָרשן מיט חכמה וועגן אַלץ וואָס געשעט אונטער די הימלען. דאָס איז אַ שלעכטער ענין, וואָס גאָט האָט געגעבן די מענטשן־קינדער, זיך צו פאַרנעמען דערמיט. איך האָב געזען אַלע טועניש, וואָס ווערן געטאָן אונטער דער זון. ערשט אַלץ איז נישטיקייט און ווינט־יאָגעניש; אַ קרומקייט, וואָס מען קען נישט אויסגלייכן, און אַ פעלער וואָס קען ניט גוט־געמאַכט ווערן."

דער מלך שלמה האָט פאַרשטאַנען די באַדייטונג פון אַברהמ'ס דעקלאַמאַטאָרישע ווערטער. ער האָט גוט געוואוסט, אַז בן־אַברהם ענטפערט קיינמאָל נישט דירעקט. ער דעקלאַמירט די וועלט־פּאָעזיע. און איבערהויפּט האָט ער ליב שלמה המלכ'ס „קהלת". ער האָט אים

איינמאָל געטראָפֿן שלאָפֿנדיק אין א ווינקל. מיד פון זיינע עטלעכע טויזנט יאָר לעבן, איז ער געלעגן אוועקגעוואָרפֿן, ווי א פֿאַרוואונדעט בערגל פֿלייש, ערשט אוועק פון א געשלעג מיטן גורל — און זיינע קרומע, צעשפּאָלטענע ליפּן האָבן געפּרעפּלט, ווי א תפלה, די סקעפּטישע שורות פון שלמה המלכ'ס ווערק:

„נישטיקייט פון נישטיקייטן", — זאָגט קהלת, — נישטיקייט פון נישטיקייטן, אלץ איז נישטיקייט.

וואָס פאר א נוץ האָט דער מענטש
פון זיין גאַנצער מי
וואָס ער מיט זיך אונטער דער זון?
א דור פאַרגייט און א דור קומט,
און די ערד באַשטייט אייביק.
און די זון גייט אויף, און די זון גייט אונטער,
און יאָגט צו איר אָרט וואו זי גייט אויף.
דער ווינט גייט קיין דרום,
און פאַרדרייט זיך קיין צפון,
רונד אַרום, רונד אַרום גייט ער,
און צו זיינע געדרייען קערט זיך אום דער ווינט.
אלע טייכן גייען צום ים.
און דער ים ווערט ניט פול;
צו דעם אָרט וואוהין די טייכן גייען,
אַהין גייען זיי ווידער.
אלע ווערטער ווערן מיד,
קיין מענטש קען עס נישט אַרויסרעדן;
דאָס אויג קען זיך נישט אָנקוקן זאַט,
און דאָס אויער קען זיך ניט אָנהערן פול.
וואָס איז געווען דאָס וועט זיין,
און וואָס איז געשען דאָס וועט געשען,
און ניטאָ קיין נייעס אונטער דער זון.
פאַראַן א זאַך וואָס מען זאָגט דערויף:
זע, דאָס איז א נייעס;
איז עס שוין געווען אין אלטע צייטן,
וואָס זיינען געווען פאר אונז.

נישטאָ קיין זכר פון די פריערדיקע,
און פון די שפּעטערדיקע, וואָס וועלן ערשט זיין,
אויך פון זיי וועט קיין זכר נישט זיין,
צווישן די, וואָס וועלן זיין נאָך שפּעטער.״

אַזוי האָט דער קעניג אים געטראָפן דעקלאַמירן אין שלאָף. עס האָט ווי אַן אמת אַרויסגעשטראָמט פון דעם יעניקן, וואָס רעדט נאָר מיט אמת. דער קעניג שלמה האָט איצט געוואָלט עפּענען זיין האַרץ פאַר בן־אברהמ׳ען. ער האָט געוואָלט וויסן, צי זיין טויט איז נאָענט. נאָר ער האָט זיך פּלוצלונג דערשראָקן פאַר זיין שוואַכקייט. ער, קעניג שלמה, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן קיין מאָמענט פון שוואַכקייט נישט פאַרראָטן און ער, וואָס האָט געוואוסט ווי געפערלעך די ליפּן פון אַ מענטש קענען פאַרראָטן — האָט איצט עקשנות׳דיק געשוויגן. עס איז געווען אַ גרויסע ראַנ־דעוואו. אַ צוזאַמענטרעף אויף דער ערד פון דעם גרעסטן פון אַלע מענטשן — און פון דעם קלענסטן פון אַלע מענטשן.ביידע האָבן זיך טיף פאַרשטאַנען און ביידע האָבן זיך גלענצנד געקענט. שלמה המלך האָט געקענט לייענען די מוחות פון אַלע מענטשן און פון אַלע פעלקער. און בן־אברהם האָט געקענט די געפילן און די כוונות פון אַלע קעניגען פון דער ערד. ביידע זיינען געווען ערדיש־ווייז און קיין סודות איז פאַר זיי נישט געווען. פּלוצלונג האָט זיך שלמה המלך אַ וואַקל־געטאָן אויף זיין שטול. זיין האַרץ האָט זיך צענויפגעקראַמפּט, אַזוי ווי אַ שוואַרצע האַנט וואָלט עס אָנגע־כאַפּט און געשטיקט — די האַנט פון גורל. און וואָס זעט שלמה המלך אין מאָמענט פון אַגאָניע אויף דעם גרויסן אָנגעצונדענעם האָריזאָנט?

עס גייען־אויף רייטוועגנס גאָלדענע און רייטערס אין בראָנ־זענע פּאַנצערס און פערד ווי אין פייער געהילטע; מחנות נאָך מחנות טראָגן זיי זיך איבערן האָריזאָנט, טראָגן זיך ווי אַ שטורעם, געטריבן צו דער שלאַכט, צו דער פאַרניכטונג. אַ גרויסער דועל צווישן פעלקער קומט פאָר. און אָט טויכן־אויף פרויען אַלערליי. ער האָט זיי גוט געקענט. די מיט גאָלדענע האָר ווי די זון וואָלט איר דאָס גאַנצע ליכט געשענקט און יענע — אין שוואַרצע צעפּ, ווי אין שלאַנגען געבונדן. און מלכה שבא, וואָס הייבט־אויף איר

זיידן קלייד — און אירע פיס אַנטפּלעקן זיך ביז איבער די קני...
ווי אַ בראָנז סטאַטוע לייכט זי אַרויס אין דעם שטורעם פון די
הערשאַרן, אין דעם געבריאַזג פון רייטוועגענער און פערד; און
אָט איז שולמית — אין וויינטרויבן ברוינע און גאָלדענע געהילט,
די היימישע שולמית, זיין ערשטע ליבע, זיין ערשטער ראָמאַנס;
די ערשטע פרוי, צו וועלכער אַ מאַן קניט אין באַוואונדערונג ביז
צום לעצטן טאָג פון זיין לעבן. זי איז נישט אַלט געוואָרן, פּונקט
ווי זי וואָלט שטאַרבן אין איר יוגנט — און אַזוי שטיין בלייבן
פאַר אים, פאַרן קעניג. אַ פולע, אַ גאַנצע, אַ לויטערע, אַ ווייסע
ווי שניי. און אָט איז די עגיפּטערין, מיט איר ברוינעם געזיכט
— אין רינגען און בראַסלעטן פון גאָלד געפּאַסט אירע דינע
הענט און פיס; פון איר ווייעט עס מיט עגיפּטען, מיט מיסטעריע
און מיט כישוף; פון איר שמעקט עס מיט די געדיכטע און געלע
וואַסערן פון נילוס — מיט פרוכבאַרקייט און מיט ליבע. און
טעמפּלען גייען־אויף אויפן פאַן פון הערלעכע לאַנדשאַפטן. און
אָט איז זיין מוטער און זיין פאָטער; די מוטער קושט אים אין
אַ נאַכט איידער ער שליסט די אויגן. און דער פאָטער שפּילט אין אַ
לבנה־נאַכט אויף זיין לירע, ציט אַ צוויבערהאַפט תהלים־ליד צו די
הימלען. און אָט טויכט אַרויס אַ געשטאַלט איבער דעם האָריזאָנט
— וואָס שטייגט פון דער ערד ביז צום הימל — עס איז אַ געוואַל־
טיק געשטאַלט — און אויף זיין קאָפּ לויכט אַ קרוין מיט מיליאָנען
שטערן. און שלמה המלך דערקענט אים — דאָס איז זיין שר אין
הימל. ער האָט אים געזען אין פילע שלאָפלאָזע נעכט. ער האָט
אים געזען אין פאַנטאַסטישע חלומות — זיין שר ביי גאָט, זיין
שיקזאַל און זיין געוויסן. און שלמה המלך שרעקט זיך ניט —
עס איז אַ גרויסער מאָמענט — ער טרעפט זיך נאָך פערציק יאָר
הערשאַפט פנים אל פנים מיט זיין שר; מיט זיין איך — מיט זיין
קאָסמישער פערזענלעכקייט. און ווי ער קוקט אים גלייך אין די
אויגן אַריין! ער שרעקט זיך נישט פאַר אים. ער איז פאַראַנט־
וואָרטלעך פאַר אַלע זיינע מעשים. פאַר יעדן שריט אין זיין לעבן.
פאַר יעדן מאָמענט און רעיון. און איצט טרעפן זיך ביידע — שר
און קעניג. און אָט אומהאַלדזן זיי זיך, אָט אומפּאַסן זיי זיך —
אָט נעמען זיי זיך ווי צוויי געליבטע אַרום — שר און מלך שלמה.
און טויזנט דונערן ברעכן אויס און שלאַקס־רעגנס לאָזן זיך

אראָפּ אויף דער ערד און די הימלען שפּאַלטן זיך און אימיצער צערייסט די האָריזאָנטן און דאָס לעצטע גרויסע בילד פון קעניג שלמה׳ס לעבן פאַרמעקט זיך — און שאָטנס פאַרהילן און דער־טרינקען אין א שוואַרצן ים אַלע קאָלירן און אַלע זונען. — — —

איינזאַם איז ביים טויטן קעניג שלמה געשטאַנען בן־אברהם און א גרויס געוויין, אַן אומגעוויינלעך־גרויס געוויין האָט זיך פון זיין האַרץ אַרויסגעריסן. א גאַנץ לעבן זיך געוויצלט און דעקלאַ־מירט. א גאַנץ לעבן געשפּאַסט און זיך געקייכט פון געלעכטער, האָט זיך איצט א גרויס מענטשן־געוויין אָפּגעריסן פון זיין האַרץ — און עס האָט אויסגעבראָכן אין אַזא געוואַלדיקן ציטער — ווי עס וואָלט אויסגעשטורעמט פון אַלע מענטשן פון דער ערד — פון אַלע דורות — פון אַלע פעלקער. דאָס האָט די גאַנצע מענטש־הייט געוויינט אויפן טויט פון גרויסן שלמה המלך.

ניו-יאָרק, מאַי, 1944.

דאָס ליכט פון ישעיה הנביא

„די זון וועט דיר מער נישט זיין פאַר ליכט בייטאָג,
און פאַר העלקייט וועט דיר ניט שיינען די לבנה,
נאָר יהוה וועט דיר זיין פאַר אַן אייביקן ליכט,
און דיין גאָט פאַר דיין שיינקייט.
נישט אונטערגיין וועט דיין זון מער,
און דיין לבנה וועט נישט איינגעטאָן ווערן,
וואָרום גאָט וועט דיר זיין פאַר אַן אייביקן ליכט,
און געענדיקט וועלן זיין די טעג פון דיין טרויער.״

***

איך האָב שטענדיק געפילט, אַז די אור־רעליגיעזע מענטשן, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַרן דונער־קנאַל, פאַרן בליץ־געזיכט וואָס צעפּאַלט אין די הימלען, פאַרן וואולקאַן־אויסברוך וואָס

שפּייט מיט זיין כעס — און מיט זיין בלוט — אַז זיי זיינען געווען די אמת־רעליגיעזע מענטשן. די יעניקע, וואָס האָבן געדינט צו די עלעמענטאַרע נאַטור־כוחות; וואָס האָבן געשענקט קרבנות צו די בייזע און גוטע געטער; וואָס האָבן געקניט פאַר די שיינקייטן פון דער נאַטור, וואָס האָבן זיך פאַרנייגט פאַר דער לבנה און געצויגן דעם הוט פאַר דער זון, ווי מען וואָלט זיך אויסגעדריקט אין נייע צייטן — די דאָזיקע מענטשן האָבן געדינט צו גאָט און זיין סאַמע רעאַליסטישן אויסדרוק — די נאַטור.

ווען מיר שטודירן די שפּליטער פון די אַלטע ווערק; פון די אומגעהייערע גילגאַמעש־עפּאָסן, פון תנ״ך, פון עגיפּטישן טויטנבוך — דערקענען מיר די גרויסקייט פון יענע אורמענטשן. נאָך נישט באַרירט פון קולטור — האָבן זיי אָבער באַזעסן יענע אוממיטלבאַרע קראַפט צו באַנעמען נאַטור אין איר סאַמע דינאַמישן און סטיכישן כאַראַקטער. זיי זיינען געשטאַנען אינמיטן וועלט. און, ביים אָנהייב וועלט. די נאַטור איז געווען רוי. איר געבורט־טראַכט — נאָך וואָרעם און בלוטיק. די לופט — הייס, פול מיט דעם אָטעם פון וועלט־באַשאַף. און די מענטשן זיינען געווען רוי. רייזיקע קינדער — ערשט אַרויס פון גאָט׳ס ברענענדיקער טראַכט — ערשט באַפרייט פון די פלאַמען פון קרעאַציע — און מענטש, מיט שטיקער בלוט־פלאַם פון געבורט אויף זיין לייב — מיט הייסן גאַס פון וועלט־בלוט־שטראָם — איז געווען נאָענט צו נאַטור. נאָך נישט אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון איר נאַפל. נאַטור איז צו אים געווען גאָט׳ס גרויסער אָרקעסטער. גאָט׳ס בית המקדש — אַ קאָסמישער בית המקדש — וואו עס הערשט גאָט׳ס גייסט. גאָט׳ס גייסט — אין די בערגער און טאָלן, אין די שוימיק־גרינע כוואַליעס און פייערדיקע רויזן פון דער ערד; אין דעם סאַמעטפעלד און אין דער פליוש־לאַנדשאַפט. אין דעם הימל, וואָס דערהויבט זיך ווי אַן אומגעהייערער בעכער איבער אונדזערע קעפּ — ווי אַ בעכער פון גינגאָלד, וואָס שוימט מיט ליכט־ווייַן איבער דער ערד — וואָס איז ווי דער פאַרטריקנטער בויך פון אַ קאָסמיש באַשעפעניש, וואָס טראָגט זיך אין רוים — פאַרליבט אין דער זון. גאָט — דאָס איז די נאַטור. דאָס זיינען מיר — מענטש האָט געקניט צו זיין קרבן — זיין מאָדעל — זיין וואונדערשיין

מיידל — וואָס ער איז מקריב צו די געטער. מענטש האָט זיך געבוקט צו זיין אייגענער רעפּראָדוקציאָנס־פעאיקייט — איבער באַרגיקע לאַנדשאַפטן שטעלט ער אויף מאָנומענטן, אין די הימלען אַריין טורמענדיק — פון זיין קרעאַציע, זיין פעאיקייט צו שאַפן דורות. דעם דאָזיקן פּאַגאַניזם קען מען געפינען אין דער פּאָעזיע פון אַזאַ עכטן געצנדינער, ווי וואָלט וויטמאַן —

„דורך אייך לײדיק איך אויס פון זיך די אָנגעזאַמלטע טייכן.
אין אייך וויקל איך איין אַ טויזנט קומענדיקע יאָרן.
אין אייך צעצווייג איך
דאָס בעסט־געליבטע, פון זיך און פון אַמעריקע.
פון די טראָפּן וואָס איך טריף אַריין אין אייך,
וועלן אויסוואַקסן אומגעצאַמטע, אַטלעטישע טעכטער,
נייע קינסטלער, מוזיקער און זינגער.
די קינדער וואָס איך געבויר אין אייך,
וועלן אין זייער צייט אויך געבוירן קינדער,
איך וועל פאָדערן פולקאָמענע זין און טעכטער
פון מיינע ליבעס.
איך וועל פאַרלאַנגען, אַז זיי זאָלן פאַרקערן מיט אַנדערע,
ווי איך פאַרקער איצט מיט אייך.
איך וועל דערוואַרטן די פרוכט פון זייערע גוס־רעגנס,
ווי איך וואַרט אויף די פרוכט פון מיינע גוס־רעגנס איצט.
איך וועל דערוואַרטן טייערע ליבע־געפּרעטעניש, פון געבורט,
לעבן, טויט און אומשטערבלעכקייט,
וואָס איך פלאַנץ איצט מיט אַזוי פיל ליבע.“

וואָלט וויטמאַן איז אפשר דער לעצטער גרויסער טרובאַדור פון דעם אורמענטש, וואָס זינגט דאָס ליד צו זיינע אינסטינקטן. עס איז נישט דער קולטור־מענטש, וואָס זינגט אין אים — נאָר דער אורמענטש, דער סטיכיע־און־אינסטינקט־מענטש, דער פּאָעט פון דזשאָנגל — פון דער הייסער ערד, נאָך ווייך פון געבורט און פייער. פּאָעזיע איז — אינסטינקט, אור־רעמיניסענס, דער־מאָנונג פון די אורצייטן. פּאָעזיע איז נאַטור־סימפּאַניע. די גאַנצע קונסט — יעדער אמת'ער קינסטלער — ציט זיין יניקה פון דעם אור־מענטש...

אין די נביאים האָבן מיר די לעצטע גרויסע אורמענטשן און נאַטורמענטשן אויף דער וועלט. הגם עס ווערט דאָן געפורעמט דער מאָנאָטעאיסטישער גאָט — יענער אומגעהויערער, איין־און־איינציקער גאָט, וואָס קרוינט אַלע רעליגיעס און שליסט אָפּ די ערא פון געצנדינערטום. דען אין דער דאָזיקער שאַפונג — פון איין־און־איינציקן גאָט, וואָס איז אַ רעזולטאַט פון דעם דואַליזם, פון דער פילצאַליקייט פון געטער — פון זייערע פילע קאָנפליקטן און פון דער אומאָרדענונג אין מענטשלעכן מוח, נישט קענענדיק בינדן און אָרגאַניזירן די וועלט־כוחות — אין דער דאָזיקער איין־גאָט־שאַפונג איז מיט געוואַלט פאַראייניהייטלעכט געוואָרן דער אוניווערס. די פלאַמען פון געצנדינערטום האָבן אַרויסגעשפּאַרט פון אַלע שפּאַרונעס. ווידער און ווידער האָט די איין־גאָט־קייט, אַרומגעבונדן אַרום גאָר דער קרעאַציע — געפּלאַצט. די נאַטור האָט זיך נישט געלאָזט בינדן, פאַרבינדן די אויגן. איר מאַכט, אירע דראַנגען, אירע בענקשאַפטן. איר צע־שויבערטע ראָמאַנטיק — האָט יעדעס מאָל אַרויסגעפּלאַצט, רע־וואָלטירט קעגן דער איין־גאָט־געשטאַלט, וואָס דערהייבט זיך איבער אַלע פעלקער ווי אַ ריזיקע פּיראַמידע — ווי אַ ספּיראַל פון גאָלד.

די פילגעטעריי — דער פּאָליטעאיזם — רעוואָלטירט. מאַכט אָן חורבנות. שטיקער גראַניט פון דעם איין־גאָט־באַרג ווערן אָפּגעבראָכן. אָבער — די רעאַקציע איז גרויס. די מענטשן קענען נישט אַנדערש לעזן די שפּאַלטן און לעכער אין אוניווערס —ווי דורך איין געוואַלטיקן גאָט — וואָס בינדט אַלע פעלקער צו איין ברודערשאַפט — וואָס אומהאַלדזט אין ליבע אַלע זיינע קינדער.

דורך דעם וויל̇ן צו אָרגאַניזירן דעם אוניווערס, צו בינדן אַט־דאָס אומגעהויערע לעבעדיקע באַשעפעניש — דעם אוניווערס; צו פאַרשטאָפּן אַלע זיינע וואונדן און לעכער; און כדי צו שאַפן אַ סאָציאַלע אָרדענונג, איינצופירן יושר און גערעכטיקייט פאַר אַלעמען אויף דער ערד. דורך שאַפן אַ סימבאָל וואָס זאָל פאַר־אייניקן אין זיך אַלע פעלקער און באַשעפענישן אויף דער ערד — דורך די דאָזיקע צוויי הויפּט־אורזאַכן האָבן די יידן געשאַפן זייער

אומגעהויערן גאָט. אַ גאָט, וועמענס עמבריאָן שוין די אַלטע פעלקער האָבן זייט יאָרטויזנטער פריער געשוואַנגערט און אויס־געטראָגן — ווייל דער גאַנג צו איינהייט, די בענקשאַפט צו איין וועזן, איין געשטאַלט, איין פירער — וואָרצלט טיף אין דעם אור־מענטש אפילו. די פ א מ י ל י ע איז דאָס מאָדעל פון אוניווערס, וואו דער פאָטער איז דער העכסטער, דער אַליינהערשער, די איינהייט.

די נביאים זיינען די ערשטע מענטשן וואָס האָבן זיך פ ע ר ז ע נ ל ע ך באקאנט מיט זיין עקסעלענץ — דעם איין־און־איינ־ציקן גאָט; האָבן אים געזען אין זייערע פלאַמענדיקע וויזיעס; צוגלייך זיינען זיי די לעצטע גרויסע אינסטינקט־מענטשן, מיט אומגעהויערן ענטוזיאַזם און עמאָציע; מענער פון אוממיטלבארער קראַפט, וואָס שטייען — אין פייער — צווישן הימל און ערד, ווי אַ צירקל — און מיט געוואַלט פרואוון זיי בינדן די דאַזיקע קאָלאָסאַלע וועלט־פאַנאָראַמע אין איין איינהייטלעכן, אָרגאַני־זירטן, געבונדענעם אוניווערס. (פון זיי הויבן זיך אָן אַלע יענע דענקער, אַסטראָנאָמען, פּאָעטן און קינסטלער — וועלכע זוכן צו שאַפן קאָסמישע סיסטעמען, זוכן איינצופאַסן דעם אוניווערס אין זייער געזאַמטן וועלט־בילד, אין זייער אומגעהויערן גאָט־סיסטעם).

מיט זייער געוואַלטיקער פאַנטאַזיע און אומגעהויערן איננ־סטינקט האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ גאָט — וועמענס הערלעכקייט זיי זיינען געווען, אין וועמענס פייער זיי האָבן זיך געצונדן, אין וועלכן זיי האָבן זיך אָנגעצונדן און אויסגעלאָשן. עס איז געווען אַ גאָט מיט וועלכן זיי זיינען געווען אינטים און האָבן זיך ווי אָפּגעשפּליטערט פון אים, אַזוי ווי פייער פון פייער. דער גלויבן זייערער שטייגט איבער יעדער מין פילאָסאָפיע און עקסטאַז פון פירער און אָפּאָסטאָלן פון אַנדערע פעלקער. און וועגן אים זאָגט ישעיה: — — —

„...ווייל פאַרגעסן זיינען די פריערדיקע צרות.
און ווייל זיי זיינען פאַרבאָרגן פון מיינע אויגן.
וואָרום, זע, איך באַשאַף הימלען נייע,
און דאָס פריערדיקע וועט נישט גערעכט ווערן,

און אויפן זינען נישט ארויפקומען.
נאָר זייט לוסטיק און פרייט זיך ביז אייביק
מיט דעם וואָס איך באשאף;
וואָרום, זע, איך באשאף ירושלים פאר א לוסטיקייט,
און איר פאָלק פאר א פרייד.
און איך וועל זיך פרייען מיט ירושלים,
און וועל לוסטיק זיין מיט מיין פאָלק;
און נישט געהערט ווערן וועט אין איר מער
א קול פון געוויין, און א קול פון געשריי.
מער וועט נישט זיין פון דאָרטן
א קינד אין טעג, אָדער א זקן,
וואָס וועט נישט דערפילן זיינע טעג;
וואָרום דער יינגסטער וועט צו הונדערט יאָר שטאַרבן,
און א זינדיקער וועט מיט הונדערט יאָר געשאָלטן ווערן.
און זיי וועלן בויען הייזער און באוואוינען,
און פלאַנצן וויינגערטנער און עסן זייער פרוכט.״
יהוה זעלבסט וועט אויפלייכטן איבער הימל און ערד אין די

טעג פון קאָסמישער דערלייזונג. גאָט וועט לייכטן טאָג און נאכט — אזוי זאָגט ישעיה. און אין די אויבנציטירטע שורות זאָגט ער אָן, אז גאָט באשאפט נייע הימלען און נייע ערדן און קיין טרויער וועט מער נישט זיין אין איר. וואָס קען שוין זיין א גרעסערע וויזיע — א מער ליכטיקערע וויזיע — ווי דאָס פארשווינדן ווערן פון טרויער אויף דער ערד?! ווי, אז גאָט וועט מיט זיין ליכט באלייכטן די וועלט?!

ישעיה זינגט גאָט׳ס געוואַלטיקע מאכט:
„וואָרום, זע, גאָט וועט קומען מיט פייער,
און ווי א שטורעמווינט זיינע רייטוועגן,
אויסצולאָזן מיט גרים זיין צאָרן,
און זיין אָנגעשריי מיט פלאַמען פייער.
וואָרום מיט פייער טוט זיך משפטן גאָט,
און מיט זיין שווערט, מיט אלע לייבער;
און פיל וועלן זיין די דערשלאָגענע פון גאָט.״

וואָסאַראַ מאַכט און פּאַרנעם פּילט זיך אין אַט־די ווערטער;
וואָסאַראַ גרויסקייט און אומגעהויערקייט!

גאָט גייט־אויף ביי די נביאים — ווי אַ געשטאַלט פון פייער, וועלכן מיר דערקענען לויט דעם שטורעם פון זיינע פלאַמען. די נביאים זיינען שיכור פון אים. זיי זיינען באַטרונקען מיט זיין גרויסקייט. און דער עקסטאַז טרייבט זיי אַרום ווי וואַנזיניקע אויף דער ערד. דער עקסטאַז צינדט זיי אָן. און זיי זיינען פאַר־טיליקט געוואָרן פון זייער אייגענעם עקסטאַז. זיי זיינען געגאַנגען אויף דער ערד — אָבער זייערע קעפּ זיינען געטורעמט אין די וואָלקנס. אין די הימלען. די נביאים זיינען די ריטער, די טרו־באַדורן פון דער געוואַלטיקער גאָטהייט — און מען קען זען ווי זייערע געזיכטער ברענען; ווי זייערע רייד זיינען פון פייער. און דאָס פייער צינדט אָן זייערע נשמות. און ווען די קערפּערס פאַלן, פאַלן אַראָפּ ווי געלע בלעטער אין שפּעטן אָקטאָבער — פון דיביימער, פאַראייניקן זיך זייערע נשמות מיט דער אַל־גאָטהייט, מיט דעם גרויסן גאָט — וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן הויך און גרויס איבער די הימלען. פאַר וועמען די הימלען זיינען אַ טראָן און די ערד — זיין פוס־בענקעלע. אַזוי ווי די מיטלאַלטער־לעכע טרובאַדורן, פאַרליבטע אין זייערע דולציניייעס פון זייד און שפּינוועבס, אַזוי זיינען די נביאים — די גרעסטע, די עקזאַל־טירסטע פּאָעטן פון אַלע פעלקער — פאַרליבט אין זייער פלאַמענ־דיקן גאָט. אין אים ווערן זיי געצונדן. אין אים ווערן זיי צו אַש — די גרויסע ריטער, טרוימער, דאָן קיכאָטן און פלאַמענדיקע פאַרליבטע נביאים...

ניו-יאָרק, נאָוועמבער, 8, 1944.

דאָס לעבן פון דעם נביא — אַ געטלעכער פאַרגלייך

דערציילונג

(באַזירט אויפן לעבן פון פּראָפעט הושע)

„אַ נאַר איז דער נביא,
משוגע איז דער מאַן פון גייסט".
(הושע)

עס איז געווען אַ הייסער טאָג אין ירושלים. עס איז געווען אַ געפּאַר אַרויסצוגיין פון די שאָטנס פון די פּאַלמען, וואָס זיינען יענעם טאָג געווען שווער און מיד און האָבן קוים געקענט פאַרטראָגן די לאַווע פון היץ, אַזוי ווי די זון וואָלט אַרויסגעשליידערט דאָס גאַנצע פייער פון איר אומרואיקער ברוסט. און דאָך זיינען אין די געסלעך פון ירושלים געווען פאַרזאַמלט די פעלקער פון דער וועלט. קאַראַוואַנען־הענדלער פון ווייטע לענדער האָבן זיך באַרפוסע אַרומגעדרייט און מיט נייגיריקע, גליענדיקע אויגן נאָכגעקוקט דאָס ווינקל־זיך פון די היפטן פון פרויען פון פאַרשידענע ראַסן. אָריענטאַלישע שיכורים, אייביק־שכור׳ע פון וויין, האָבן זיך פאַר זייערע אויגן פאַרגעשטעלט קרומע, צעבויגענע קרוגן, וואָס אין קילקייט פון טיפע קעלטערס דערהאַלטן זיי די פרישקייט פון וויין, וואָס ווערט אַלץ יינגער — וואָס עלטער ער ווערט. בעטלערס זיינען געלעגן זון־פאַרחלשט אין די הייסע זאַמדן, אויף די שטיינער, וואָס האָבן פון דער נאַטור אויסגעוויזן ווי געזיכטער פון פאַרגאַנגענע מענטשן. בעטלערס — וואָס דער טויט פאַרגעסט צוצונעמען, אַלטע, ווי די מויערן פון ירושלים, וואָס געדענקען פילע קעניגן און פילע נביאים; בעטלערס — מיט געלע לייםגעזיכטער, מיט בערד ווי שניי, מיט פיס — דינע, קנאָכנדיקע, אָפּגעשיילטע פון פלייש. זייערע דאַרע הענט האָבן זיך, ווי שפּינען, געצויגן צום פאַרבייגייער.

פון די פענצטער האָבן אַרויסגעקוקט געזיכטער פון יונגע און אַלטע פרויען, פון זקינות און פון קינדער. דאָס זיינען די

פרויען וואָס שטראָמען קיין ירושלים פון מצרים און פון בבל, פון צור און פון דמשק. פרויען, וואָס רעפּרעזענטירן פילע ראָסן און זיי גיבן זיך איבער צו פילע ראָסן. פּאָר מטבעות, וועמענס קעניגן־קעפּ זיינען אָפּגעריבן פון די הענט פון דורות, פון די הענט פון אַלע שיכטן פון די מענטשן — גיבן זיי זיך איבער מיט זייערע פון טרויער און פון אָרעמקייט פאַרמעקטע געזיכטער. און יידן, די אייביקע יידן, מיט געזיכטער פון נביאים, מיט אַ מעכטיקן עקשנות איינגעקריצט אין זייערע ברוינע הויטן, האָבן זיך באַוועגט. יידן — וואָס אין זייערע אָדערן פליסט און פלאַמט נביאיש בלוט און וואָס זיינען געשטאַנען איינגעהילטע אין דונער און אין בליץ, אין וואָלקנס פלאַמענדן רויך ביים באַרג סיני, ווען עס איז פון דער הימלישער טראַכט אַנטפּאַנגען געוואָרן די תורה.

און מיטן אונטערגאַנג פון דער זון האָבן זיך באַוויזן מער מענטשן איבער די פרייע, צעבויגענע געמאַרקן און שטיינערנע פּלעצער. דאָס איז די שטאָט ירושלים, וואַנזיניק, פיבעריש מיט רעליגיאָנען און קאָלאָסאַלע גאָט־געראַנקען. באַטרונקען מיט ריזיקע טרוימען. דאָס איז ירושלים אויף דער בינע פון דער געשיכטע.

דער פאָרהאַנג עפנט זיך אויף. דער פאָרהאַנג — אַלט פון צייט, אָפּגעבלאַקירט. וויפיל פובליקומס פון דורות האָבן געזען דעם דאָזיקן פאָרהאַנג שטייגן און פאַלן! זיך אויפהייבן און אָפּדעקן ריזיקע שטיקער געשיכטע — און זיך אַראָפּלאָזן ביים זון־אונטערגאַנג פון דורות. און גאָט איז דער וואַנזיניקער רעזשי־סאָר פון דאָזיקן היסטאָרישן ספּעקטאַקל, וואָס פלאַמט מיט ווילדע שטיקער דיכטונג און שטראָמט מיט ריזיקע פּעסער פאַרבן...

פּלוצלינג איז לעבן אַ רואינע פון אַ פאַרצייטישן טעמפּל געוואָרן אַ צוזאַמענגעלויף. געשרייען האָבן זיך געהערט. עס איז געווען ווי פאַרשטייער פון אַלע פעלקער וואָלטן זיך פאַרזאַמלט אין אַ געשלעג, פאַרשטעלנדיק אַלע צאָרנדיקע מלחמות פון דער פאַרגאַנגענהייט. אַלע האָבן זיך געשלאָגן. אַלע האָבן באַוועגט מיט די קעפּ און מיט די הענט. מאַסקעס זיינען דערשינען — פאַרבלוטיקטע, אויסגעקרימטע, ביטערע, סאַרקאַסטישע. ווער האָט

געהייסן שלאָגן? וואָס איז דען פאַרגעקומען? ווער שלאָגט ווער וועמען? ווייסן דען די פעלקער פאַרוואָס זיי שלאָגן זיך?

מען האָט געקענט זען, ווי עס איז אָנגעלאָפן אַ הויכער, בלייכער, געדיכט־באַוואַקסענער מאַן, האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער מאַסע מענטשן, האָט זיך אַרונטערגעטויכט אין דעם ים פון פלייש, פון פאַרשוויצטע און פאַר׳עיפּוש׳טע מענטשן־קערפּערס און, ענדלעך האָט ער זיך צוריק אַרויסגעריסן, שרייענדיק. זיין מויל איז געווען פאַרלאָפן מיט בלוט און מיט שוים און זיינע הענט האָבן פעסט צוגעדריקט צו זיך די פיגור פון אַ פרוי. ער האָט זי געהאַלטן, ווי באַשיצנדיק זי פון דעם אָריענטאַליש־צאַרנדיקן המון, פון די הונגעריקע, געשלעכטלעך־צערייצטע מאַסן, וואָס זיינען גרייט אָראָפּצורייסן די קליידער פון אַ פרוי, כדי זי צו זען אַ נאַקעטע און אַ פאַרוואונדעטע ביז בלוט.

— טויטעט איר, די געמיינע זונה! — האָבן זיך דערהערט געשרייען פון דעם אויפגערעגטן המון, וואָס האָט זיך געמערט ווי דאָס וואַסער ביים ברעג פון ים און פאַרנאַכט, ווען די וואַסערן ווערן געשוואָלן און פאַרגיסן די רויטע זאַמדיקע ברעגן.

— טויטעט איר צוזאַמען מיטן פאַלשן נביא, וואָס שלאָפט מיט אַ זונה און רופט אונז צו תשובה! — האָבן אַנדערע געשריגן, וועמענס געזיכטער זיינען געווען אויסגעקרומט, ווי מעטאַלענע מאַסקעס, צעשמאָלצענע נאָך אַ שרפה. ווי פלעשער פון גלאָז, וואָס דאָס פייער האָט צעקרימט און צעבויגן. ווי קאָרע פוןביימער, וואָס אַ בליץ האָט עס אַ לעק געטאָן מיט זיין ברענענדיקער צונג. ווי שטיקער ערד אין פאַרנאַכט, וואָס פאַרבן־זיך מיט שאָטנפאַרב פון דעמערונג. ווי פעלזן פון געבירג, וואָס זיינען לויטן ווילן פון באַרג־גייסט געוואַקסן מיט גראַניטענער האַרטקייט און מיט געפרוירענעם טרויער אין זייערע אָדערן.

— זאָל ער אַליין תשובה טאָן פאַר זיינע זינד און נישט שטראָפן דאָס פאָלק פון ישראל! — האָט אַ פרוי מיט אַ קוויטשיקן קול, ווי זי וואָלט געמפּילט אין דער מינוט, אַריינגעשריגן אין הימל־אַריין, אַזוי ווי זי וואָלט געבלאָזן אויף אַ קופּערנעם טראָמפּייט אָדער אַזוי ווי זי וואָלט זיך אין דער רגע פאַרוואַנדלט אין אַ כלב, וואָס האווקעט אַנטקעגן דער לבנה — און איר מויל איז געבליבן

ברייט־אַפּן, אַזוי ווי די ווערטער אירע וואָלטן צוריקגעפּאַלן אין איר האַלדז און זיי וואָלטן איר געבריט.

— איך וואָלט זי קיין לעבעדיקע נישט געלאָזט אַרומגיין איבער די גאַסן פון ירושלים! — האָט אַ וויסטער קריפּל זיך ספּעציעל, ווי ווייט מעגלעך, אויפגעהויבן פון דר'ערד, כדי אויס־צושרייען די געוואַלטיקע רייד פון זיין צעקרימטן מויל. אַ ווייל־שפּעטער איז דער קריפּל צוריקגעפאַלן צו דער ערד, אַזוי ווי אַ שטומער שטיין, שווער, מיט זיין אייגענער קללה, אַזוי ווי אַ מת, וואָס מען לאָזט אַראָפּ אין די פעט־געלע און געדיכטע טיפענישן פון אַ טייך — מיט אַ געוויכט אויפן האַלדז.

— אַ נביא, וואָס נעמט אַ זונה פאַר אַ ווייב, איז נישט קיין נביא געשיקט פון גאָט. ער איז אַ פאַלשער נביא און מען דאַרף אים שטייניקן, צוזאַמען מיט דער זינדיקער! — האָבן עטלעכע מענער און פרויען אויסגעשריגן, ווי אין כאָר פון אַ גריכישער דראַמע, פאַר ווינט און וואָלקנס און אַלע קאָלירן פון רוים.

— — — — — — — —

עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס פאָלק איז אויפגערעגט. מען האָט דייטלעך געקענט זען, אַז דאָס איז דער המון, דאָס פּעבל, וואָס איז דאָ געשטאַנען זייט דורות אויף די שטיינער און וועגן פון ירושלים. עס איז דאָסזעלבע פּעבל וואָס האָט פערציק יאָר צייט זיך געשלאָגן אין מדבר מיט זיין שיקזאַל — מיט זיין משוגע־נעם פאַנטאַם — ווידערשפּעניקנדיק דעם ביזן הימל הויכן און ביז צו דער ערד באַשיידענעם משה — זיך שלאָגנדיק מיט די ווילדע חיות און בייזע עקדישן; מיט די גיפטיקע שלאַנגען און שטאַרקע אָדלערס. מיט די אינסעקטן און מאַסקיטאָס פון מדבר; עס איז דאָס פאָלק וואָס משה האָט אַרויסגעפירט פון דעם לאַנד פון די פּרעה'ס; עס איז דאָס פאָלק וואָס האָט אין פייער געוואָרפן זייערע גאָלד־און־צירונג שטיקער; וואָס די פרויען זייערע האָבן אין עקסטאַז און אַרגיע אָפּגעפּליקט פון זייערע העלדזער, אויערן, פּיס און הענט די גאָלד־קייטן, אויער־רינגען, בראַסלעטן, פיס־רינגען און סיגנעטן; און פון די ווילד־ברויזנדיקע פלאַמען איז דערשינען אַן עגל — נאָך פייכט פון געבורטס־בלוט־שטראָמען, שוואַרץ־פאַרקאָפּטשעט פון רויך. עס איז דאָס פאָלק, וואָס יאָגט זיך נאָך פרעמדע טעכטער און פרעמדע געטער און קען זיך נישט צוגע־

וואוינען צו דעם גרויסן און איינציקן גאָט, וואָס באַווייזט בלויז צו די נביאים זיין געזיכט, אין אַ טויזנט וואָלקנס געהילט, כדי די עקסטאַטישע זעער זאָלן נישט בלינד ווערן. עס איז דיזעלבע מאַסע, וואָס האָט געקעמפט פילע שלאַכטן פון ישראל און האָט אין פילע מלחמות געלאָזן זייער בלוט און האָט פילע פענער הויך דערהויבן צו די הימלען. עס איז דאָס פאָלק, וואָס האָט געזען די צוויי גרויסע מלכים פון דער ערד — דוד און שלמה המלך. דאָס פאָלק, וואָס האָט די מיטה׳ס פון מאַכטיקע קעניגן, ווי שווערע שטיינער, געטראָגן צו דער ערד — און דאָסזעלבע פאָלק, וואָס האָט די נביאים געשלאָגן און געטויט. עס איז דער אייביקער המון, שווער צו באַהערשן, שווער צו בינדן, צו אָרגאַניזירן, צו פאַראייניהייטלעכן.

און בשעת אַט־דאָס פאָלק האָט געטומלט און געצאָרנט קעגן בלינדן, קאָסמישן שיקזאַל, קאַכנדיק ווי אַ ים אין אַ שטורם — שטענדיק פאַרבלייבנדיק ים, אומצעשטערבאַר און גאַנץ ווי די ערד — איז דער נביא הושע אַראָפּגעשטיגן איבער קרומע, אויסגעריבענע, שטיינערנע טרעפּ. וויפיל טויזנטער טרעפּ האָט ער שוין אין זיין טויזנט־יאָריקן לעבן באַשטיגן! די טרעפּ, ווי מענטשלעכע דורות, זיינען געבליבן ליגן אונטער זיינע פיס און נייע, נייע דורות זיינען אים אַנטקעגנגעקומען. אַזוי איז דער גאָלגאָטאַגאַנג פון זיין פאָלק, וואָס ער דריקט אין שמערצן צו זיין האַרץ. אַזוי איז דער שרעקלעכער גאַנג פון די נביאים, וואָס זיינען געווען פאַר אים — און וואָס וועלן נאָך אים קומען, קומען אין פילע גרויסע און אָנגעצונדענע געשטאַלטן און קלאַפּן אין די שאַרבנס פון דורות מיט אייזערנע האַמערס, זיי וועקן און מאָנען און צעברעכן זייער שטיינערנעם שלאָף. עס איז דער גאַנג פון די דורות.

און די געשרייען האָבן זיך געהערט אַלץ שוואַכער און שוואַכער, ווי וויטע עכאָס. די שטאָט ירושלים איז געבליבן אין הינטערגרונט, און די זון האָט איר געצונדן אין צעשמאָלצענעם גאָלד. און גומר, דאָס ווייב וואָס דאָס ירושלימער פעבל איז נאַר־וואָס באַפאַלן, זי געשלאָגן אין זייער פאַנאַטיש־רעליגיעזן, געשלעכטלעך־היסטערישן אויסברוך, איז דאָ געגאַנגען לעבן אים, דעם נביא הושע. איצט האָבן זיךביידע אָפּגעשטעלט. דער אוראַלטער נביא האָט מיט טרערן אין זיינע אויגן אַריינגעקוקט אין דער פרוי׳ס פאַרבלוטיקט געזיכט. ער האָט אָפּגעריסן אַ שטיק פון זיין העמד

און האָט זי ביי אַ קאַלטן קוואַל, וואָס האָט זיך אין דעם מאָמענט געעפנט אונטער אַ פעלזן, צאַרט געוואַשן און געגלעט. ער האָט פּאַרזיכטיק אירע וואונדן אַרומגערייניקט, אַזוי ווי אַ קראַנקע חיה לעקט אַרום מיט איר מוטערלעך־הייסער צונג די וואונד פון אַ קינד־חיה, פאַרוואונדעט און געיאָגט אין טויט־פלוכט פון יעגער. ער האָט גומר׳ס אויגן ווידער שיין־געמאַכט מיטן דערפרישנדיקן וואַסער. די צעריסענע ליפּן — זיי זיינען ווידער צו בלומען געוואָרן. און אין לינדן ווינטל האָבן אירע טינט־שוואַרצע לאָקן זיך דערהויבן ווי כמאַרעס. גומר איז געווען כמעט נאַקעט. דאָס קלייד אויף איר לייב איז געווען צעריסן. און מיד איז זי געווען. אויפן באַרג, ווי אַ שטיין, איז זי אַוועקגעפאַלן. אַ פעלז איז אויסגעוואַקסן צוקאָפּנס. און צו איר צופוסנס איז געלעגן דער נביא — אַ וואַכער. זיינע אויגן ברייט אויפגעריסן, ווי פלאַמענדע טויערן פון זיין נשמה — געעפנט צו גומר, צו ירושלים, צום זון־אונטערגאַנג, צו די האָריזאָנטן וואו עס זיינען אויפגעגאַנגען וויזיעס פון פאָלק ישראל׳ס צוקונפט. — — — — — —

•

די זון איז פאַרגאַנגען בלוטיק, ווי אַלע הימלען וואָלטן מענטסטרואירט און ירושלים איז איינגעהילט געוואָרן אין פייער. שטילע שאָטנס זיינען אויפגעגאַנגען, די שטילקייט איז אַרויס פון דער ערד. די אייביקע שטילקייט וואָס באַפאַלט, וואָס נעמט צאַרט אַרום, ווי אַ שטיק טונקל־פּורפּורנער פּליוש, ווען מען גייט אַוועק פון די מענטשן און מען ווענדט זיך צו דער נאַטור, צו איינזאַמקייט.

און דאָ, אַוועקגעוואָרפן צו דער ערד, צום שטיין וואָס ליגט אונטער אים צוקאָפּנס, ליגט זיין ווייב, די זונה גומר. זי איז מיד. און ווי שנעל זי איז איינגעשלאָפן. און אין שלאָף גייט זי אויף — אַ וואונדערשיינע, אַ געלייטערטע, ווי באַזעעלט פון אַ גרויס, אינערלעך געפיל.

אייגנטלעך קען ער זי שוין פילע יאָרן, נאָך איידער ער האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב. ער קען זי נאָך פון זיין יוגנט, פון יענע ערשטע יאָרן, ווען ער איז אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן פון ירושלים — אַ פאַרטרוימטער. אַ בענקענדיקער. פלעגט זי זיך דען

נישט שפּילן מיט אים אינם גאָלדענעם זאַמד, ביים גרינעם טייך, ווען דער מאָלער פון הימל פּלעגט אָנוואַרפן, אימפּראָוויזירן מיט וואָלקנפאַרבן? פּלעגן זיי דען נישט צוזאַמען פאַרברענגען אין די אידילישע פאַרנאַכטן, ווען די שאָטנס פון דער ערד שטייגן אויף אין דער לופט, עפּענען זייערע געהיימע שפּינוועבס־פּליגלען און טראָגן זיך אין דער נאַכט אַרום — ווײַן־פאַר'שכור'טע גייסטער? און ווי שיין זי איז דאַן געווען! אַ יונגע בלום, וואָס עפּנט אירע בלויע אויגן צו הימל און ערד און זי באַלייכט מיט דעם ליכט פון איר גוף אַלע רוימען, אַזוי ווי די לבנה, און עס שטראָמט פון איר צו זיין געמיט, ווי פון אַ פאַנטאַן, אַן אַנגענעמע פרישקייט — געמישט מיט פאַרפיום.

שפּעטער איז זי אויסגעוואַקסן און אַוועק אויף שלעכטע, פאַרדרייטע וועגן. אין די קוואַרטאַלן פון זינד, וואַנדערנדיק אין איינזאַמקייט און געיאָגט פון די געפּילן פון ליבע, אין דער גרויסער סאַמעטענער נאַכט — האָט דער נביא הושע זי ווידער באַגעגנט. אירע קניעס זיינען געווען הויך אָפּגעדעקט... און די בריסטן — צוויי הערלעכע אויפשפּראָצונגען פון דעם גוף פון גומר — אַנטבלויזט... יענע בריסטן, וואָס אים האָט אַזוי כישופ'דיק געצויגן אַלס יונגער יינגל צו באַרירן. אירע שוואַרצע האָר — צעפּלאָטערט, און די אויגן — אָנגעצונדן, ווי צוויי לאַנטערנעס. ער פּלעגט פּיקן ווי צוצופאַלן צו אירע פיס, זי מיט טרערן־שטראָמען באַגיסן... זי וואַשן מיט זיינע הייסע טרערן. פון דעם פאָלק פאַרפאָלגט, פון אירע חבר'טעס באַליידיקט, אַן איינזאַמע און אַ טרויעריקע פּלעגט זי שטיין, ווי אַ סטאַטוע... איז זי נישט געווען שיין ווי אַ געטין?!...

און דאַן פּלעגט דער נביא הושע זיך צוריקציען אין געבירג, אין זיין איינזאַמען געצעלט. גרויסע שטערן האָבן געלויכטן אין הימל. גרויסע שטערן, ווי געזיכטער פון ווייזע לייט. פון אומערדי־שע חכמים. פון קעניגן פון הימל. און דער ווינט, אָנקלאַפּנדיק אין זיין געצעלט, פּלעגט ווי מיטברענגען דעם עכאָ פון גומר דער זונה'ס היים געוויין — זיין יוגנט־פריינדין, זיין קינדהייטס־חבר'טע...

הושע'ן האָט געצויגן צו איינזאַמקייט. ער האָט געוואוסט, אַז אין אַ טאָג וועט אים גאָט רופן צו ווערן זיין העראָלד איבער

דער ערד, פאַר אַלע צייטן. ער האָט געוואוסט אַז ער טראָגט אַ גרויס געשריי אין זיך, וואָס ער וועט אַמאָל אויסשרייען אויף די געמערק און די פּלעצער פון ירושלים. און ער האָט זיך געגרייט פאַרן גרויסן טאָג. און איינמאָל, אין אַ נאַכט פון שטורם, ווען בליצן האָבן מיט צינישע, לאַנגע געזיכטער, מיט פאַרבלוטיקטע מאַסקעס, באַדעקט די הימלען; ווען די ערד איז געווען וויסט און אַ שטורם האָט איבער איר מיט ווילדן כוח געיאָגט — איז הושע געשטאַנען ביי אַ בוים, ביי אַן אַלטן בוים, וועמענס שטאַם איז געווען פעסט פאַרוואָרצלט אין דער ערד און וועמענס הויך־פאַנאַנדערגעשפּרייטע, ווי פליגל, אייזערנע צווייגן האָבן געדענקט פילע קעניגן און נביאים. פון דעם בוים זיינען געווען שווערע טראָפּנס, הייסע, בלייענע טראָפּנס, ווי טרערן. ווי דער בוים וואָלט געוויינט מיט אַ ביטער געוויין. און הושע האָט דער־פילט, אַז עפּעס גייט געשען. ער האָט געזען גאָט'ס כוח אינם שטורם. אין דער ברענענדיקער נאַטור. גאָט איז געפלאָסן און געראָנען אין אַלע ווינקלען פון דער נאַטור. אין אַלע שטראָמען. די גאַנצע ערד איז געווען גאָט־שיכור. גאָט־באַזויפן און באַ־טרונקען. יעדעס מאָל וואָס אַ בליץ האָט אויפגעבליצט, האָט מען געקענט זען, ווי די הימלישע זייד־פאָרהאַנגען צערייסן זיך און געוואַלטיקעס דעקט זיך אָפּ צום נביא'ס אויגן. פּלוצלינג איז דער בוים ווי באַרירט געוואָרן פון פייער. ער האָט זיך אָנגע־צונדן ווי אַ ברענענדיקע מנורה און באַלויכטן דעם גאַנצן הימל מיט זיין בליצאַרטיק פייער. און הושע האָט געהערט אַ מעכטיקע שטימע, אַזוי ווי עס וואָלט זיך אָפּגעריסן פון ים, צו זיינע אויערן:

— „גיי, נעם דיר אַ ווייב אַ זונה,
און קינדער פון אַ זונה,
וואָרום מזנה טוט מזנה זיין דאָס לאַנד,
אַוועק פון הינטער גאָט.״

— — — — — — — —

אין יענער נאַכט, וואַנזיניק פון גאָט'ס באַפעל, וואָס האָט האַרמאָנירט מיט זיינע געפילן, איז דער נביא געלאָפן אין זינדיקן קוואַרטאַל, און אַ פון גאָט־באַרוישטער, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון גומר'ס געצעלט.

— ווער איז דאָרט ? — האָט זיך דערהערט אַ פאַרשלאָפענע, הייזעריקע שטימע פון אַ פרוי.

— איך, הושע, דער זון פון בארין, בין געקומען דיך דער־ לייזן, דיך נעמען פאַר אַ ווייב.

און הושע האָט נישט געוואַרט ביז דער ריגל פון דער טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. באַזעסן מיט גאָט, האָט ער אויפגעבראָכן די טיר, און נאַקעט, אין איר אייגענער זינדיקער שיינקייט געהילט, איז געלעגן אויף איר געלעגער אַ וואונדערשיינע פרוי, מיד פון מזנה זיין זיך מיט די ראָסן פון דער ערד. מיד פון איר מאַר־ טירעריי. צוגעפאַלן איז הושע צו איר און אַריינגעהויכט אין איר גאָט׳ס באַפעל. און באַטרונקען פון ליבע האָט ער זי אַרויסגעפירט.

עס איז געווען אַ טוי־טריפנדיקע נאַכט. ווי צעשמאָלצענער וואַקס האָט זיך געגאָסן אין טראָפּנס, ווי פייערדיקע בלומען, דאָס ליכט פון דער לבנה. און פאַר די שטערן — נאַקעטע, אָן העמדער און אָן גאַרטלען — האָט הושע געטאָן זיין מאַנס־פליכט צו גומר...

ער האָט זיך איינגעגראָבן אין איר לייב, ווי אַ טיגער, און ער האָט אין איר אַריינגעוויינט זיין שמערץ און זיין פרייד. אַזוי האָט אויף דער אָנגעצונדענער, בראשית׳דיקער וועלט־לאַנדשאַפט אָדם אַריינגעפלאַמט זיין הייסע זרע — די זרע פון אַלע קומענדיקע דורות — אין דער ברענענדיקער טראַכט פון דעם ערשט פון זיין לייב אָפּגעריסענער חוה...

מאָן האָט זיין מיליאָנעניאָריקע בענקשאַפט צו דער פרוי אין איין נאַכט אויסגעלאָדן אין אירע ווייבלעכע טאָלן, אַזוי ווי אַ רעגן פון פייער וואָס שטראָמט אַריין אין דער ערד זיין מעכטיקע ליבע און זיין משוגענע פרייד...

פילע יאָרן זיינען דורך. און איצט, אין דער שטערנפולער נאַכט, קוקט הושע אויף זיין ווייב. דאָס פאָלק האָט אים פאַראַכטעט פאַר זיין ליבע צו איר. דאָס פעבל — דער אייביקער המון פון די געמאַרקן און פון די פלעצער פון דער הייליקער שטאָט ירושלים — האָסט די נביאים פון ישראל און זוכט אוים אויף זיי אַלערליי בלבולים. און דאָס פאָלק האָט נישט געקענט פאַרשטיין ווי אַזוי עס פּאַרט זיך אַ נביא און אַ זונה ? ! און הושע׳ן אַליין, אין טיפע נעכט, פייניקט אים די ביטער־שניידנדיקע פראַגע : ווי אַזוי קען ער פאַרצערט ווערן, אויסגעדאַרט ווערן פון זיינע דריי ליבעם

צוזאמען: ליבע צו גאָט, ליבע צו ישראל און ליבע צו גומר׳ן?...
ווי אזוי האָט ער געקענט שליידערן די ווערטער פון זיין מויל צו זיין פאָלק — ווען ער אַליין האָט א פרוי א זונה?

„הערט דאָס וואָרט פון גאָט, קינדער פון ישראל,
וואָרום גאָט האָט א קריג מיט די באַוואוינער פון לאַנד,
ווייל קיין אמת און קיין גנאָד,
און קיין דערקענונג פון גאָט איז ניטאָ אין לאַנד."

— — — — — — — —

ווי אזוי קען ער די דאָזיקע רייד וואַרפן צום פאָלק — ווען דאָסזעלבע פאָלק באַטראַכט אים אַליין ווי א וואַנזיניקן און א זינדיקן?!

— דער געליבטער פון דער זונה שטראָפט אונז! — וואַרפן אים ציניש צו די מאַסן פון ירושלים.

— קוק אַריין אין דיין אייגן געצעלט! — זאָגן צו אים מיט כעס די איינוואוינער פון דער שטאָט.

— ירושלים, זייט זי באַשטייט אויף אירע גרונט־פונדאַמענטן, האָט נאָך אזא זינדיקן נביא נישט געהאַט! — ברומען די ווייבער, שטריקנדיק אויף די שוועלן פון זייערע געצעלטן.

— דו אומפאַרשעמטער, פאַלשער נביא! — שרייען אים אַריין אין די אויערן די בעטלערס אויף די שטויביקע וועגן, די קרומע, לאָמע און צעבראָכענע מענטשן פון אַלע לענדער פון אָריענט. די יידן מיט פלאַמענדיקע שאַרבנס אַנטקעגן דער זון און מיט שוואַרץ־פאַרוואַקסענע ברוסט־קאַסטנס, ווי שטיקער ערד.

„פאַלשער נביא"?!... האָט נישט דער צווייפל אין זיין באַרופנקייט צו זיין א נביא, א שליח פון גאָט — אים אין פילע נעכט געפייניקט? האָבן נישט די רייד פון גאָט און די פלאַמענדיקע וויזיעס אים איבערצייגט, אז ער איז באַרופן מיט פייער און מיט בלוט און מיט שוים אויף די ליפּן צו שליידערן גאָט׳ס וואָרט? פילט ער נישט ווי א ווילדע נאַטור־קראַפט וואָלט אים געטריבן אויסצושרייען גאָט׳ס וואָרט, וואָס באַרירט די זיידענע הויט פון זיין האַרץ מיט פלאַמענדיקע ליפּן? איז ער דען נישט נאָך מער ווי אַלע נביאים פאַר אים — פאַרשאָלטן צו זיין באַטרונקען מיט גאָט׳ס גייסט? און דאָך — דער צווייפל פרעסט אים ביטער אויף. איז עס ריכטיק, אז גאָט האָט אים טאַקע געהייסן נעמען גומר

די זונה פאַר אַ ווייב? אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות? אפשר האָט די שטימע — אנשטאט פון הימל, זיך אָפּגעריסן פון זיין הארץ? אַ נביא הערט טוויזנט שטימען אין זיינע ברענענדיקע אויערן. אַ נביא פאַרנעמט דעם צער פון אַלע מענטשנזעעלן. אַ נביא איז פאַרשאָלטן צו זיין דאָס הארץ פון אַלע ליידנדע. דער ברונעם פון אַלע טרערן. די זון וואָס באַלייכט אַלע וואונדן.

ווען גומר איז טראָגעדיק געוואָרן מיט אַ זון — האָט גאָט דען צו אים נישט גערופן:

„רוף זיין נאָמען יזרעאל,
וואָרום נאָך אַ קליין ווילע,
און איך וועל זיך רעכענען פאַר דעם בלוט פון יזרעאל,
מיט דעם הויז פון יהוא,
און איך וועל פאַרשטערן די מלוכה
פון דעם הויז פון ישראל.
און עס וועט זיין אין יענעם טאָג,
וועל איך צעברעכן דעם בויגן פון ישראל אין טאָל יזרעאל."

און ווען גומר איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן און האָט גע־בוירן אַ טאָכטער, האָט גאָט צו אים אין אַ וואָלקן פון פייער־פלאַמען גערעדט:

„רוף איר נאָמען לא־רוחמה,
וואָרום איך וועל מער ווידער ניט רחמנות האָבן
אויף דעם הויז פון ישראל,
אַז פאַרגעבן זאָל איך זיי פאַרגעבן.
אָבער אויף דעם הויז פון יהודה
וועל איך רחמנות האָבן,
און איך וועל זיי העלפן דורך יהוה זייער גאָט,
און איך וועל זיי ניט העלפן דורך בויגן
און דורך שווערט און דורך מלחמה,
דורך פערד און דורך רייטער."

און ווען גומר האָט אָנטוויינט לא־רוחמה'ן, און זי איז טראָ־געדיק געוואָרן און האָט געבוירן אַ זון, האָט גאָט צו אים גערעדט:

„רוף זיין נאָמען לא־עמי, וואָרום איר זייט נישט
מיין פאָלק און איך בין נישט אייערער."

— האָט גאָט צוליב אַ מעטאַפאַר — כדי צו אילוסטרירן זיין באַציאונג צו זיין פאָלק — אים געהייסן דורכפירן די דראַמע, וואָס קומט פאַר צווישן גאָט און זיין פאָלק? וואָלט ער דען נישט געקענט שליידערן זיינע געבאָטן — און נישט צווינגען דעם נביא צו נעמען אַ זונה פאַר אַ ווייב, כדי צו אילוסטרירן גאָט'ס ליבע צו זיין פאָלק? און ווען דאָס פאָלק ישראל פאַרלאָזט די וועגן פון גאָט — דאַרף עס דען פאַרקומען אויך אין זיין אייגענעם לעבן — אַז גומר זאָל פאַרלאָזן דעם נביא און זיך ווידער איבער־געבן צו די מענער פון דער וועלט?! מיט וואָס איז הושע דער נביא אַזוי זינדיק, אַז גאָט צווינגט אים צו זיין אַן אילוסטראַציע, אַ מעטאַפאָר, אַ פאַרגלייך, צום קאַמף און שיקזאַל פון גאָט און פאָלק ישראל? מוז ער טאַקע אויף זיין לייב שפּירן די אייזערנע שמיץ פון גורל? גלויבט ער דען נישט זיין גאָט — אַז צו מוזן דורכ־לעבן אין לעבן די רייד פון גאָט? און פאַרשטייט דען דאָס פאָלק דעם אמת פון גאָט'ס רייד, אפילו ווען דער נביא אילוסטרירט זיי מיט זיין לעבן? מיט זיין גאַנץ לעבן? איז זיין עקזיסטענץ — זיין ליבע צו דער לייכטזיניקער קינדישער און וואונדערשיינער גומר — און די דריי קינדער וואָס איר בלוטנדיקע טראַכט האָט אים גע־שאָנקען — און איר פאַרראַט — נישט אַ צוועק פאַר זיך דען, זיין אייגענער לעבנס־צוועק — נאָר בלויז כדי צו זיין אַ ביישפּיל פאַרן פאָלק ישראל? קען זיך גאָט אַזוי לייכטזיניק שפּילן מיט זיין לעבן?

אמת, די פאַרגאַנגענע נביאים זיינען אויך געווען אבסאָלוטע שקלאַפן צו גאָט. זיי האָבן קיין פּערזענלעך לעבן נישט געהאַט. זיי זיינען געבוירן געוואָרן — האָבן אָפּגעבלוטיקט — און זיינען פאַרגאַנגען אין פייער, בלייבנדיק בלויז אין זייערע פלאַמענדיקע רייד. אָבער האָט נישט אויך דער נביא אַ רעכט צו זיין אייגענער עקזיסטענץ? צו געניסן פון זיין אייגענעם לעבן? האָט דעם נביא'ס לעבן נישט קיין זין פאַר זיך זעלבסט? איז בלויז די מעכ־טיקע, פלאַמענדיקע שיינקייט פון זיין דיכטונג — כדי צו דינען אַ פרעמדן צוועק? איז נישט די דיכטונג באַרעכטיקט צוליב איר אייגענער שיינקייט זעלבסט? איז אַלץ, וואָס איז מיט אים פאַרגעקומען — בלויז אַ מעטאַפאָר, אַ געטלעכער פאַרגלייך, אַ ביישפּיל?!

די אומגעהייערע ליידן פון גומר'ס אוועקגיין. איר פאַר־ראַט — האָט גאָט בלויז נייטיק געהאַט כדי צו ווענדן זיך צו ישראל:

„קריגט אייך מיט אייער מוטער, קריגט אייך,
וואָרום זי איז ניט מיין ווייב, און איך בין ניט איר מאַן;
און זאָל זי אָפּטאָן איר זנות פון איר פּנים,
און איר ניאוף פון צווישן אירע בריסט."

— — — — — — — —

עס איז שוין געווען באַגינען. ראָזע, פלאַמענדיקע אוזאַרן האָט אַן אומגעזעענע האַנט געמאָלן מיט גאָלד איבער די פייכטע, בלייכע האָריזאָנטן. מיד איז געווען דער נביא הושע. מיד און טרויעריק פון אַ גאַנץ לעבן פון פּיין און ליידן. פון אַ גאַנץ לעבן דינען גאָט און טאָן אַלץ כדי צו אילוסטרירן גאָט'ס וואָרט. און דאָך איז מיטן באַגינען געקומען אויף אים אַ גרויסע, אַ קאָסמי־שע רו. די הימלען האָבן געעפנט זייערע גילדערנע, אומגעהייערע פאָרטאַלן. גאָט אַליין האָט זיך צו אים דערנענטערט און אָפּגע־פּרעסט אַ הייסן קוש אויף זיין שטערן. ער האָט געדינט גאָט מיט זיין לייב און נשמה. ער האָט אַלץ געטאָן וואָס גאָט האָט אים באַפוילן צו טאָן. ער איז געלאָפן דורך שטורעמס און בייזע גע־וויטערן צו גאָט'ס וואָרט. ער האָט מיט ליבשאַפט פאַרנומען די קללות און די שטיינער פון זיין פאָלק. ער האָט דורך זיין גאַנץ לעבן קוים געהאַט אַ מאָמענט זיך צו פאַרטראַכטן וועגן זיך אַליין. וועגן די געשעענישן אין זיין אייגן לעבן. אַלץ וואָס עס איז מיט אים געשען — איז געווען אומבאַוואוסטזיניק פאַר אים אַליין. און איצט לאָזט זיך אַראָפּ אַזאַ גוטסקייט איבער אים. אינטים שטראַלט אים אַריין גאָט'ס געזיכט. אַ קאָסמישע רואיקייט און גליקזעליקייט באַהערשט אים. אַלע ליידן ווערן פאַרשוואונדן. דער נביא הושע ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קוש צו גאָט, אין אַ גרויסן קוש צום אוניווערס. — — — — —

•

ווען גומר האָט דערוואַכט, האָט זי אָנגעהויבן צו שרייען. אַ גראַניט־טויטער איז צו אירע פיס געלעגן דער פאַרפאַטע הושע. זיינע אויגן, אין עקסטאַז, זיינען געווען פאַריסן צו די הימלען —

ווי אין די אומצייליקע מאָמענטן פון גאָט־אַנטפּלעקונג און הימלי־
שע וויזיאָנען. זי האָט זיך געוואָרפן צו אים און געוויינט איבער
זיין טויטן גוף, וואָס איז שוין געווען קיל. עס איז געווען דאָס
ערשטע און לעצטע גרויסע געוויין אין איר גאַנץ לעבן. מער איז זי
נישט אויפגעשטאַנען פון דער ערד, פון דעם גוף פון איר געליבטן
נביא, פון דעם טייך פון טרערן, וואָס זי האָט אין יאָמער איבער
אים אויסגעגאָסן...

ניו־יאָרק, יוני, 13, 1944.

דאָס גאָלד פון נבוכדנצר

ווען איך בין געווען קליין, פלעג איך אויסזוכן אין אונדזער
הויז אַלע אַלטע ספרים, וואָס איך האָב נאָר געקענט לייענען.
אין די שפּעטע נעכט, ווען אַלע זיינען געשלאָפן, פלעג איך לייענען
די זיסע מעשה־ביכלעך, פון וועלכע עס פלעגט טריפן אַ פעטער
האָניק. פון יעדער בלאַט האָב איך אַרויסגעלייענט די שיינקייט
פון די יידישע צדיקים, וואָס זיינען געווען אָרעם, און האָבן גע־
לויכטן מיט זייערע פלאַמענדיקע שטערנס. וועגן די פרויען פון
די תנאים, וואָס האָבן געשמערצט אין זייער אָרעמקייט און האָבן
זיך אויפגעפירט לויטער און ריין. איך פלעג אויפקנייטשן די געלע
בלעטער, אַראָפּלייענען פון דאָרט וועגן אַ פּרינצעסין וואָס איז
גרוי געוואָרן אין אַ נאַכט פון שוידער. וועגן פּרינצן וואָס פאַר־
בלאָנדזשען אין ווייטע לענדער און וואַנדערן דורך זומפּן און גע־
בירג. בלאַסע און נישט־דערקענטע. די גאַנצע פּאַנאָראַמע פון
מענטשלעכן גורל פלעג איך אַרויסלייענען פון די געל־גאָלדענע
בלעטער פון אַלטע ביכלעך, וואָס זיינען פאַר מיר שוין געלייענט
געוואָרן דורך דורות אידן. מיינע הענט פלעגן ציטערן באַריירנדיק
זיי, און ווי אַ פויגל האָט מיין האַרץ געפלאַטערט.

איינמאָל האָב איך געלייענט, אַז נבוכדנצר'ס צוועלף שיפן,
אָנגעפילט מיט גאָלד, זיינען אַראָפּגעלאָזט געוואָרן אין ים, אין

טאָג פון זיין שטאַרבן. איך האָב זיך דאָס גוט געגומען אין זינען אריין. פאַר מיר האָבן אויפגעלויכטן וואונדערלעכע שיפן מיט גאָלד־אוצרות — און ווי דאָס אַלץ זינקט אין טיפן אָפּגרונט פון ים. וואָסאַרא טראַגישער פינאַל! נבוכדנצר, דער מעכטיקער קיסר, וואָס האָט געהערשט איבער אַזוי פיל לענדער — איבערן ערד־קוגעל, איז מיט זיין גאַנצן גאָלד געגאַנגען צו־גרונט. איך פלעג נאָכטראַכטן און זיך דערמאָנען די עקספּעדיציעס פון נבוכדנצר'ן אין עגיפּטן און אין פאַלעסטינע. ווי אַזוי ער האָט געטייט אידישע קעניגן און די שענסטע און שטאַרקסטע גענומען מיט זיך געפאַנגען. ווי אַזוי ער האָט שטאַרק און מעכטיק געמאַכט די בבלישע אימפּעריע. איז עס נישט דערזעלבער נבוכדנצר וואָס, ווען ער איז נאָך געווען יונג, באַלד ווי זיין פאָטער איז געשטאָרבן — האָט ער אַראָנזשירט די ענינים מיט די עגיפּטער, די יידן, פעניקיער און אַסיריער; און ער איז מיט אַן אַרמיי אַריבער דעם מדבר, קיין בבל; דער מדבר איז געווען שטיל. קיין ווינט האָט נישט באַוועגט די זאַמדן. בלייב שטיל, נאַטור, אַ הערשער גייט צו זיין גורל — גייט אָפּשפּילן די גרויסע דראַמע פון זיין לעבן. די שטערן זיינען גרויס, אַזוי ווי די שטיקער גאָלד וואָס וואַרטן אויפן אוצר פון קעניג נבוכדנצר. און ווען ער קומט אין בבל — האָט ער צו זיי־נע פיס אַן אימפּעריע, וואָס זיין פאָטער האָט דעראָבערט. פעלקער בוקן זיך צו דיר, בלוטיקער אימפּעראַטאָר! די הערשער דעקאָרירן שטענדיק די טעמפּלען פאַר דיר. נבוכדנצר פאַרשענערט דעם טעמפּל פון בעללוס. ער צירט־אויס די שיינע טעמפּלען מיט די אוצרות וואָס ער האָט אָנגערויבט. ער בויט אַ נייע שטאָט און לאָזט די אַלטע איבערבויען. ער באַפעסטיקט איר מיט דריי מויערן פון אינעווייניק און דריי — פון אויסנווייניק, כדי קיין שונא זאָל איר נישט קענען אַטאַקירן. ער שטעלט־אויף מעכטיקע טויערן, רייך אָרנאַמענטירט, און לעבן זיין פאָטערס שלאָס ווערט געבויעט אַ צווייטער פאַלאַסט, וואָס פאַראייניקט זיך מיט זיין פאָטערס שלאָס — פונקט ווי ער וואָלט געגעבן אָנצוהערן: מיין אימפּעריע פאַראייניקט זיך מיט דער פריערדיקער אימפּעריע... אין פונפ־צען טעג — דערציילט פלאַוויוס — האָט ער דעם שלאָס געלאָזט פאַרטיק מאַכן. און דער אַלטער היסטאָריקער נעמט זיך אַפילו

נישט אונטער צו שילדערן די געוואלטיקע גרויסקייט און די אומ־ענדלעכע רייכקייט פון פאלאץ. ער האט אויך געבויט עפנטלעכע פלעצער צום שפאצירן און פארוויילן זיך, ענלעך צו בערג, און אלערליי ביימער און בלומען האט מען דארט געקענט פאר־פלאנצן.

און נבוכדנצר׳ס ווייב, וואס האט געשטאמט פונם הויף פון קעניג מעדיא, זי האט געוואלט אין בבל לעבן ווי אין איר געבורטסס־לאנד. דער מעכטיקער קעניג האט פאר איר אויפ־געבויט א גן־עדן — א קליין קעניגרייך, וואו זי האט זיך ווידער בעקעגנט מיט איר קינדהייט און יוגנט; מיט די בלומען פון פעלד, וואו זי האט אלס קליין מיידל געבלאנדזשעט. און די גאנצע נאטור פון איר היימלאנד איז פאר איר אויפגעגאנגען און דארט פלעגט דער מעכטיקער הערשער זי באזוכן און געניסן איר גוף, דעם פון דער זון פארברענטן גוף, וואס האט געהאט דעם קאליר פון האניק און איז געווען אזוי זיס...

מעגאסטענעס, אין דעם פערטן בוך פון זיין געשיכטע, שריי־בענדיק וועגן אינדיע, דערציילט אז נבוכדנצר האט איבערגע־שטיגן הערקולעס׳ן אין פיזישער גבורה און אין דער גרויסקייט פון זיינע טאטן. און אזוי דערציילן די אלטע כראניקעס און היסטא־רישע שריפטן, און די היסטאריקער דיאקלעס און פילאסטראטוס וועגן נבוכדנצר׳ס עקספעדיציעס אין ליביא און אין איבעריא, אין צור און אין עגיפטן. עס איז א ריזיקע וועלט — פון אריענט און אזיע — וואס דער הערשער האט איינגעשלאסן אין זיינע אימפעריאליסטיש־אייזערנע ארעמס.

דאס איז דערזעלבער עמפעראר, וואס איז וואנזיניק געווארן, און מיר טרעפן אים אין די אוראלטע וועלדער. א הויל־נאקעטער, מיט וואונדן אויף זיין ריזיקן קערפער, און מיט א פארברודיקטער קרוין, וועמענס גרויסע איידלשטיינער לייכטן אין דער פינצטער־ניש פון דער נאכט — לויפט ער ארום, געטריבן פון זיין גע־וואלטיקן שיקזאל. גאט קען וואנזיניק מאכן די מעכטיקע פון דער ערד! גאט קען אין מעכטיקן און טריאומפאלן טיטוס׳עס געהירן, וואס וועט באהערשן פעלקער און לענדער, ארייניאגן אן אייזערנע

פליג. גאָט קאָן מאַכן פוילן די גופים פון די שטאַרקע און שטאָלצע צעוואָרן.

און איך רו אין שפּעטער נאַכט — און קאַסקאַדן פון גילדערנע ליכט טריפן רויט פון דער לבנה׳ס מויל — ווי פון דעם מויל פון אַ קופּערנעם געזיכט פון אַ פאַנטאָן. איך דערמאָן זיך: איך האָב אים אין אורצייטן געזען — דעם אורמענטש, דעם ריזיקן גוי, מיט אַ פאַרבלוטיקטן קערפּער — אַרומלויפן אין אורוואַלד און בלוטדורשטיקע פלאַנצן אוןביימער טרינקען זיין בלוט און פאַרבן זיך רויט...

אין „ספר דניאל" שטייט דער בלייכער פּרינץ דניאל אַנטקעגן דעם מעכטיקן נבוכדנצר. נבוכדנצר קען נישט רוען. אין די נעכט, ווען דורך די גרויסע פענצטער פון זיין פּאַלאַץ לויכטן אַריין די שטערן און די פאַרבלוטיקטע לבנה, און אין אַ ווינקל פון דער אומגעהויערער קאָנסטעלאַציע ווינקט בלוטיק דער פּלאַנעט מאַרס — ווינקט ווי אַ בלוטיק אויג פון אַ שד — ווערט דער הערשער באַפאַלן פון דעמאָנען און גייסטער, וועלכע פּייניקן אים. „און אין צווייטן יאָר פון נבוכדנצר׳ס מלוכה האָבן זיך נבוכדנצר׳ן געחלומט חלומות, און זיין געמיט איז געווען צערודערט, און זיין שלאָף איז אים צעבראָכן געוואָרן."

נבוכדנצר איז אַנטקעגן געגאַנגען זיין אומגעהויערע קאַטאַסטראָפע — זיין אונטערגאַנג. און דער בלייכער פּרינץ דניאל — באַטש מיט גרויס שרעק — שטייט ביים צעפאַלן פון דעם דאָזיקן ריז — און זאָגט אים פאָרויס, שריט ביי שריט, זיין פאַנאַנדערפאַל.

ווען דער קעניג נבוכדנצר זאָגט אים פאָרויס זיינע חלומות — וואָגט דניאל אים צו ענטפערן אַזוי:

„דענסטמאָל איז דניאל, וואָס זיין נאָמען איז געווען בלטשאצר, פאַרשטאַרט געוואָרן אַ ווײַלע, און זיינע רעיונות האָבן אים געשראָקן. האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און האָט געזאָגט: בלטשאצר, זאָל דער חלום און דער פּיתרון דיך נישט שרעקן. האָט געענטפערט בלטשאצר און האָט געזאָגט: מיין האר, דיין חלום אויף דיינע פיינט, און זיין פּיתרון אויף דיינע שונאים! דער בוים וואָס דו האָסט געזען, וואָס איז געוואַקסן און געוואָרן שטאַרקער, און זיין הייך האָט דערגרייכט ביזן הימל, און זיין אָנזען

ביז דער גאַנצער ערד, און זיינע בלעטער זיינען געווען שיין, און זיין פרוכט פיל, און שפּייז פאַר אַלעמען איז אויף אים געווען; וואָס אונטער אים האָבן געוואוינט די חיות פון פעלד, און אין זיינע צווייגן האָבן גערוט די פויגלען פון הימל — דאָס ביסט דו, מלך, וואָס דו ביסט געוואַקסן און געוואָרן שטאַרקער, און וואָס דיין גרויסקייט איז געוואַקסן און האָט דערגרייכט ביזן הימל, און דיין געוועלטיקייט — ביז עק ערד. און וואָס דער מלך האָט געזען, ווי א מלאך און אַ הייליקער האָט אַראָפּגענידערט פון הימל, און האָט געזאָגט: האַקט אָפּ דעם בוים און צעשטערט אים, נאָר דעם שטאַם פון זיינע וואָרצלען לאָזט איבער אין דער ערד, און אין אַ קייט פון אייזן און קופּער, צווישן די גראָז פון פעלד; און פון דעם טוי פון הימל זאָל ער באַנעצט ווערן, און מיט די חיות פון פעלד זאָל זיין זיין טייל, ביז זיבן צייטן וועלן אַריבערגיין איבער אים — דאָס, מלך, איז דער פּיתרון, און עס איז די גזרה פון דעם אויבערשטן וואָס איז געקומען אויף מיין האַר, דעם מלך; מען וועט דיך פאַרטרייבן פון מענטשן, און מיט די חיות פון פעלד וועט זיין דיין וואוינונג, און גראָז, ווי אָקסן, וועט מען דיך מאַכן עסן, און מיט דעם טוי פון הימל וועט מען דיך באַנעצן, און זיבן צייטן וועלן אַריבערגיין איבער דיר; ביז דו וועסט וויסן, אַז דער אויבערשטער געוועלטיקט איבער דער מלוכה פון מענטשן, און צו וועמען ער וויל — גיט ער זי. און וואָס מען האָט אָנגעזאָגט, צו לאָזן דעם שטאַם פון די וואָרצלען פון בוים (באַטייט): דיין מלוכה וועט דיר בלייבן נאָכדעם ווי דו וועסט דערקענען, אַז די הימלען זיינען די, וואָס געוועלטיקן. דרום, מלך, זאָל מיין עצה וואוילגעפעלן פאַר דיר, און טו־אָפּ דיינע זינד דורך צדקה, און דיינע פאַרברעכן — דורך דערבאַרע־מונג אויף די אָרימע; אויב עס קען נאָך זיין אַ פאַרלענגערונג פאַר דיין שלווה."

וועלכע אומגעהויערע אויפשטעלונג פון דער מאַכט און דער אויטאָריטעט פון גאָט איבער די קעניגן פון דער ערד. גאָט טוט אָן קרוינען און וואַרפט זיי אַרונטער פון די גרויע קעפּ פון קעניגן. גאָט מאַכט גרויס און מעכטיק — און מאַכט וויסט און ווילד. נבוכדנצר — מיט דער אומגעהויערער פּאַנאָראַמאַ פון אַמבי־

ציעס, וואָס דער אימפּעראַטאָר עפנט אין פארלויף פון זיין מאַכט און גדולה — קומט צום גרונט פון דער ערד און פאַלט קאַנאַסע פאַרן אַלמעכטיקן. עס שיינט, אַז גאַנץ ספר דניאל — גאַנץ תנ״ך — גאַנץ תהילים — איז באַשאַפן געוואָרן כדי צו באַווייזן גאָט׳ס געוואַלטיקע מאַכט. נבוכדנצר איז דאָ אַ שעקספּירישע געשטאַלט — וואָס עפנט אַמביציעס פון אַן איבערערדיש ווען און וואָס איז אָבער שטערבלעך און קראַנק — און גאָט טוט אַ ריר מיט זיין נאָגל און אַן אויפגעטורעמטע און אויפגעבויעטע אימפּעריע ליגט צעטרימערט מיט איר קעניג און מיט זיינע טויזנט קרוינען — פאַר וועלכע מיליאָנען מענטשן האָבן באַצאָלט מיט זייערע פאַרבלוטיקטע שאַרבנס! עס שיינט, אַז גאַנץ דניאל איז כדי צו באַווייזן גאָט׳ס אומגעהויערע מאַכט; כדי אויפצושטעלן ריזיקע געשטאַלטן און זיי צוריק צו פאַרניכטן דורך די שטורעמווינטן פון גאָט׳ס ווילן.

„דאָס אַלץ איז געקומען אויפן מלך נבוכדנצר. צום סוף פון צוועלף חדשים איז ער אומגעגאַנגען אויף דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ פון בבל. האָט אויסגערופן דער מלך און האָט געזאָגט: איז דאָס ניט די גרויסע בבל, וואָס איך האָב געבויט פאַר אַ קעניגלעכן וואוינאָרט מיט מיין גרוים רייכטום, און פאַר דעם כבוד פון מיין פּראַכטיקייט? דאָס וואָרט איז נאָך געווען אין מלכ׳ס מויל, איז אַראָפּ אַ קול פון הימל: דיר זאָגט מען אָן, מלך נבוכדנצר: די מלוכה האָט זיך אָפּגעטאָן פון דיר. און פון מענטשן וועט מען דיך פאַרטרייבן, און מיט די חיות פון פעלד וועט זיין דיין וואוינונג, גראָז ווי אָקסן וועט מען דיך מאַכן עסן, און זיבן צייטן וועלן אַריבערגיין איבער דיר; ביז דו וועסט וויסן, אַז דער אויבערשטער געוועלטיקט איבער דער מלוכה פון מענטשן, און צו וועמען ער וויל גיט ער זי. אין דער אייגענער שעה איז דערפילט געוואָרן דאָס וואָרט אויף נבוכדנצר, און ער איז פון מענטשן פאַרטריבן געוואָרן, און גראָז, ווי אָקסן, האָט ער געגעסן, און פון דעם טוי פון הימל איז באַנעצט געוואָרן זיין לייב, ביז זיינע האָר זיינען אויסגעוואַקסן אַזוי ווי ביי אָדלערס, און זיינע נעגל אַזוי ווי ביי פויגלען.

און — צום סוף פון די טעג, האָב איך, נבוכדנצר, אויפ־

געהויבן מיינע אויגן צום הימל, און מיין שכל האָט זיך אומגע־קערט צו מיר, און איך האָב געבענטשט דעם אויבערשטן, און געלויבט און געאָכפּערט דעם וואָס לעבט אייביק,
וואָס זיין געוועלטיקייט איז אַן אייביקע געוועלטיקייט,
און זיין מלוכה איז אויף דור דורות.
און אַלע באַוואוינער פון דער ערד זיינען ווי גאָרנישט גערעכנט;
און לויט זיין רצון טוט ער מיט דעם חיל פון הימל,
און מיט די באַוואוינער פון דער ערד,
און ניטאָ ווער זאָל ווערן זיין האַנט,
און אים זאָגן: וואָס טוסטו?"

דאָס אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן — אַט די פירכטערלעכע קאָמעדיע — כדי דעם קעניג צו באַווייזן, ו ו ע ר אין דער דאָזיקער וועלט איז דער ווירקלעכער הערשער פון דער ערד! און ווען נבוכדנצר אָנערקענט עס — ווען ער לערנט פון זיין לעבן — ווערט ער צוריק גרויס און באַקומט צוריק זיין מאַכט איבער דער אימפּעריע — — —

און בשעת דער קעניג לויפט אַרום אַ וואַנזיניקער אין די אוראַלטע וועלדער — ווי קעניג עדיפּוס — און ער בינדט אַרום מיט בלעטער זיינע וואונדן — און שיכור׳ע מלאכים־כאָרן טאַנצן פאַר אים אויבן און אונטן זייער משוגענעם טאַנץ —

זיצט די פרוי פון נבוכדנצר אין איר קינסטלעכן גן־עדן און אַלץ, די גאַנצע נאַטור פון איר פאָטערלאַנד — פאַרוואַנדלט זיך אין רויט און זי ווייסט נישט, אַז דאָס פאַרבט זיך אין האַרבסט — מיטן בלוט פון איר וואַנזיניקן מאַן — די גאַנצע נאַטור... — — —

און די צוועלף גרויסע שיפן מיט גאָלד, וואָס זינקען אין ים אַריין — זייער גורל האָב איך טיף באַדויערט. איך האָב זיי נאָכגעפאָלגט, ווי זיי זינקען אין דער טיפעניש פון אָקעאַן, אַלץ נידעריקער און נידעריקער און טיפער — צו שוואַרצע ים־קברים, צו טיפע טאָלן אין דער געדיכטעניש פון פאַרפלייצטע אור־וועלדער אויפן גרונט פון ים. וואָס איז דאָרט אַלץ נישט פאַר־באָרגן! קרוינען פון פילע קעניגן — מיט אויסגעשטאָכענע אויגן. צירונג פון פילע דאַמען — וואָס זיינען צו־גרונט געגאַנגען.

אַנגעזאַמלטע, אָנגערויבטע אוצרות אין משך פון דריי־און־פערציק יאָר הערשאַפט — זיינען געגאַנגען צום גרונט. אויף אייביק פאַרגאַסן צו ווערן פונם ים. און אין חלומות — נאָך ביז איצט — האָב איך צו די שיפן געגידערט, געעפנט זייערע קאַיוטעס און ווי אַ מוראשקע דורכגעשלייכט די ריזיקע זאַלן — פול מיט משוגענע אוצרות פון דעם קעניג נבוכדנצר וואָס האָט געהערשט פון איין עק וועלט ביזן אַנדערן עק וועלט... פאַר מיינע אויגן האָט עס געבלענדט מיט אַלערליי פאַרבן און שימערן — דאָ זיינען געווען בערג מיט מטבעות פון גאָלד — און צירונג פון פרויען — און סטאַטועס פון מאַרמאָר געפּלאַסטערט מיט גאָלד און זילבער — און טייערע געווערן און ריזיקע בעכערס און זעלטענע איידל־שטיינער — און דאָס אַלץ איז אויף אייביק געווען פאַראורטיילט צו רוען אין ים — אויף אייביק פאַרגאַסן, און פון טויזנט געהאַמערטע גאָלד־מאַסקעס האָט דער קעניג נבוכדנצר געלויכטן און געשראָקן — ווי אַ קאָנסטעלאַציע פון זונען. זיין משוגענער פּנים איז געווען ווי אַ שטורם — מיט בליצן דורכגעשניטן. נאָר איבער דעם ים — איבער די אוצרות — איבער דער בלוטיקער קאָמעדיע — לויכט די גרויסע שטילקייט פון גאָט.

ניו-יאָרק, אויגוסט, 27, 1944.

טיטוסעס אייזערנע פליג

עס איז קיל אין דעם אָקטאָבערדיק־גאָלדיקן אָוונט; טיטוס גייט אַרום אַ נערוועזער אין זיין גאָרטן. ווי שיין איז דער גאָרטן! ווי וואַקס זיינען אָפּגעגאָסן רויט די ביימער. די בלעטער — אויס־געגראַווירטע הענט פון זקנים. און צווישן די אַלייען ביימער — צווישן וואַזאָנען און ערדענע טעפּ — זעען זיך די סטאַטועס פון די צעזאַרס. און שטיקער גראַניט און מאַרמאָר פון גריכישע קונסטווערק. דער אָוונט און דער נעפּל פון זילבער פאַרהילט, ווי אין העמדער, די נאַקעטע געטינס. אַן אַקסל פון ווענוס פון מילאָס

ברעכט זיך ארויס ווי אַ שוואַן פון דער זילבערבלויקייט. אַפּאָל־לאָ׳ס געלאָקטער קאָפּ טונקט זיך אין דעם האַניקדיקן ליכט פון דער מאַטער לבנה. די שלאַנקע געשטאַלט פון גריכישע יינגלעך — די פארקרימטע און סאַרדאָנישע געזיכטער פון פאַונען; די רונדע גלידער פון נימפעס וואָס זיינען פארהילט אין אַן איידעלן טרויער. און די אין־אייזן־געהאַמערטע־קעפּ פון די צעזאַרס. וואָס זשאַווערן. וואונדערלעך איז מאַרמאָר! די זינד קומען נישט ארויס. זיי בלייבן פארבאָרגן אין דעם מעכטיקן שטיין און פארגאַסן פון דער זונס ליכט. מאַרמאָר־מאָנומענטן פון די זינדיקסטע טיראַנען זיינען אומ־שולדיק־ווייס. אָבער אייזן זשאַווערט. זשאַווערט ווי פארבלו־טיקטע שווערטן — וואָס דער קריגער, דער העלד ווישט דערפון נישט אָפּ דאָס בלוט מיט קיין זייד און קיין פּליוש.

און צווישן די סטאַטוען און גיגאַנטישע ביוסטן — אַזוי ווי דער סקופּטאָר וואָלט וועלן איבערשטייגן די פיזישע מאָס און דאָס צעפּאַלן פון פלייש — זעט טיטוס זיין אייגענעם ביוסט. וועלכע אַמביציעס! וועלכע טרוימען! וועלכער מעכטיקער אויסדרוק אויפן אייזערנעם פּנים! די אויגן זיינען גרויס ווי הינערשע אייער. די ליפּן — זיי זיינען פּאָר פלאַמענדע קושן געמאַכט און פארן גריזשען פון פעלקער. די ציינער — ווי פון אַ חיה. דער קאַרק — דיק ווי דער שטאַם פון אַ דעמב. דאָ האָט דער רוימישער סקופּטאָר סימבאָליזירט מאַכט און אַמביציע — קראַפט און שטאָלץ — ברוטאַליטעט און ציניזם — פארביסנקייט און פאר־ריסנקייט. און קיין חרטה נישט אויף בלוטיקע מעשים. און קיין חרטה נישט אויף די זינד, אין וועלכע דער יוגנטלעכער טיטוס האָט געשטעקט.

און טיטוס זעט ווי דער ביוסט זשאַווערט. אַ רויטער זשאַווער, ווי אַ פלאַם, הילט איין דעם אייזערנעם ביוסט. און טיטוס שטייט לעבן זיין ביוסט און ציטערט. שוין יאָרן ווי די אייזערנע פליג, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אָפּגעבראָכן — אַ שפּליטער פון אַ מאָנומענט פון אייזן — האָט זיך איר נעסט געבויט אין זיין מוח. און דאָס פלייש פאַלט פון זיינע ביינער. ער איז שוין צו אַ נאַקעטן, דינעם סקעלעט געוואָרן. ער איז שוין געוואָרן, ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט, הויט און ביינער. און אַ ווינט גייט דורך דעם גאָרטן און מאַכט ציטערן די איידעלע ביימער און זייערע געשניצטע, וואַק־

סענע בלעטער. און די פאונען פארקרימען זיך שמערצפול, ווי זיי וואלטן וויינען. און אומענדלעך־אומעטיק איז דער גאט באקכוס מיט דעם זאפט פון סאמעטענע וויינטרויבן רינענדיק איבער זיין שטערן. די לבנה, ווי א גאלדענע פאמעראנץ, שווימט אין הימל אביסל פוילנדיק און דער זשאווער איבער די סטאטוען און ביוסטן פון רוים׳ס צעזארס און שטארקע מענער — פלאמט און ציט־ארויף די זינד פון דער געשיכטע. — — —

*

איז עס טיטוס וואס ציטערט אזוי אין דער הארבסטיק־אקטאָ־בערדיקער נאכט? איז עס דער מעכטיקער טיטוס וואס פלעגט שטיין אין די נעכט ארום ירושלים און קוקן אויף די שטערן, ווי זיי גלאנצן העל און לויכטן און זאגן אים צו רום, כבוד, גאלד און ליבע? עס גייען פארביי פילע שלאכטן מיט דעם דאזיקן אלטן העברעער־פאלק. עס איז מערקווירדיק, ווי בשעת ער האט זיך מיט זיי געשלאגן, ווי ער האט גענומען פעסטונג נאך פעסטונג און האט מיט מאכט געשטירצט די שטארקע מויערן ארום ירושלים — און האט געלאזט זיינע באפאנצערטע לעגיאנען קעמפן מיט די מעכטיקע מחנות פון ישראל — עס איז מערקווירדיג ווי אים האט מיסטעריעז געצויגן צו זיי און ער האט געפילט דעם אייזערנעם שפינוועבס פון גורל וואס פארציט זיך ארום זיין האלדז און ארום זיין נאקן. עס איז די פרעכטיקע פרינצעסין בערעניקע, וואס האט געשטילט אין אים דעם דאזיקן פארלאנג. אונטער אויסגעשטערנטע הימלען, ווען דער גלעטנדיקער ווינט פלעגט ברענגען דעם פארפיום פון אריענטאלישע נעכט, פון וויינגערטנער און בלומען, און ווען דאס געשריי און דאס געקרעכץ פון די הונגעריקע און קראנקע יידן פון ירושלים האט זיך קלאר געהערט אין דער סאמעטענער נאכט — פלעגט ער ליגן לעבן אירע נאקעטע בריסט. ער פלעגט אריינקוקן אין אירע אויגן — ווי הונדערט נעכט שווארץ און פינצטער. קושנדיק אירע בריסט, ליגנדיק א פארשמאכטער לעבן איר נאקעטער פיגור, וואס איז געווען שענער ווי פון די שענסטע פון רוים׳ס טעכטער — האט ער געזוכט צו דערגיין צום כישוף פון איר אומה. צום מעכטיקן צויבער פון איר פאלק, וואס האט מיט טיראנען געקעמפט און איז געבליבן פעלזנפעסט אויף דער ערד פאראנקערט.

עס איז געווען בערעניקע, וועמענס שווארצע לאָקן זיינען ווי כמאַרעס איבער אים געפאַלן און ווי שפּינוועבס אים פאַרהילט — וואָס האָט געשטילט זיין ליידנשאַפט צו אַן אַלטן פאָלק. וואָס האָט געהאַלטן געשפּאַנט זיין נייגיריקייט און וואָס האָט אין אים געעפנט דעם קאַמף פון ליבע און האַס. בערעניקע — די יידן־פּרינצעסין — אין די אָרעמס פון דעם, וואָס צעשטערט און פאַר־ניכטעט איר פאָלק; וואָס צעברעכט דאָס לעבן פון פילע בערעני־קעס און וואָס שפּאַלט די שאַרבנס פון אירע העלדן. דאָ ליגט זי פאַר אים — זיין מיסטעריע און זיין גורל. זי קושט אים — נאָר זי טרינקט וואַמפּיריש זיין בלוט. זי נעמט אים אַרום — נאָר זי שטיקט אים. זי איז איינגאַנצן באַהערשט פון דער שטאַרקער מענ־לעכקייט אין אים — נאָר זי צעברעכט אים. זי נוצט אים אויס. זי שעפּט אַרויס אַלע זיינע כוחות פון אים. זי ליבט אים — נאָר זי וועט אים פאַרניכטן. זי וועט מיד מאַכן דעם שונא פון די יידן, פון איר פאָלק. זי זינגט פאַר אים די אַלט־העברעאישע מעלאָדיען — נאָר זי שילט אים. זי קרעכצט־אויף פון טיפן שמערץ. עס גריזשעט איר חרטה און פּיין.

און עס איז די דאָזיקע מיסטעריעזע פּרינצעסין בערעניקע — וואָס טיטוס האָט ליב. עס איז איר האַס, איר שטאָלץ, איר גראַניט־כאַראַקטער, איר אינערלעכער פּיין, איר דואַליזם, איר געבראָכנ־קייט — וואָס טיטוס ליבט. און יעדעס מאָל, וואָס אים געלינגט צו צעברעכן אַ נייע מויער אַרום ירושלים — האָט ער סאַדיסטיש ליב צו זען אין די נעכט ווי עס רעפלעקטירט זיך אויף בערעניקעס האַלטונג. ווי די פאַרליבטע פּרינצעסין וויינט און שלוכצט. ער וואָלט וועלן אַלע מויערן פאַרניכטן — ער וואָלט וועלן מיט פייער פאַרניכטן דעם בית־המקדש — ער וואָלט וועלן אויסראָטן אַלע יידישע העלדן — כדי אַרויסצורופן אין איר דעם שטאַרקסטן שמערץ — דעם שרעקלעכסטן ציטער — כדי צו קענען זי אין אויסטערלישסטן צאַפּל באַצווינגען און באַזיגן. ער וואָלט וועלן אָפּמעקן ישראל פון דער ערד — אויסוואָרצלען ירושלים פון אירע פונדאַמענטן — כדי צו ברעכן דאָס דאָזיקע ווילדע פרויענהאַרץ.

און דאָך רירט ער נישט אָן דעם בית־המקדש — פאַר אירעט־וועגן. ער שענקט איר מתנות — יידישע לעבנס. ער באַפעלט זיינע סאָלדאַטן צו קעמפן טאַפּפער — אָבער דעם בית־המקדש נישט

אַנצורירן. אַנשטאָט צו טויטן — הייסט ער ברענגען די יידישע קריגער לעבעדיקערהייט. פאַרבלוטיקטע — דורך שווערטן צעשני־טענע — דערשיינען זיי. קענסט שווערן, אַז זיי זיינען שענערע, מער־מעכטיק־געגאָסענע סטאַטועס ווי די אייזערנע דענקמעלער פון די צעזאַרס. דורך די קראַטן קוקט אויף זיי בערעניקע און וויינט, און ברעכט־אויף אין שמערץ.

און אין יענע מאָמענטן — פון העכסטן שמערץ — האָט ער זי ליב צו באַצווינגען און צו ברעכן. און דאָך פילט ער, אַז אינ־גאַנצן באַזיצן בערעניקע׳ן — איז אוממעגלעך. און אַז עס קומט פאַר אַ קאַמף צווישן זיי — און אַז דער באַזיגטער איז ער — טיטוס — — —

*

עס ווייעט אַ לינדער ווינט דורך די צווייגן פון די וואַקס־רויטע ביימער. און טיטוס גייט אַרום צווישן אייזערנע און מאַר־מאָרענע סטאַטועס. און אין מוח קלאַפּט און רוישט און שטורעמט מיט אירע פליגל די אייזערנע פליג. עס איז, ווי אַלע שטורעמס וואָלטן זיך צונויפגענומען און געברויזט אין אירע פליגל. און וויפיל דער שמיד זאָל ניט קלאַפּן מיט זיין אייזערנעם האַמער אויף אייזן — קען ער נישט איבערקלאַפּן דאָס געשריי פון דעם אינסעקט — די קלעפּ פון געוויסן — דאָס געקרעכץ פון די העברעער — דאָס געשריי פון די יידישע העלדן — די קייטן וואָס ער האָט געלאָזט אָנטאָן ישראל׳ס זין — דאָס ברענען פון בית־המקדש און דאָס געוויין פון אירע קראַכנדיקע און אָנגעצונדענע ווענט. די אייזערנע פליג פון געוויסן עסט אים אויף לעבעדיקערהייט. און טיטוס זעט די ווייבער און די קינדער וואָס שטייען הויך איבער די מויערן און גיסן קרוגן מיט זודיקן אויל און שליידערן שווערע גראַניטן אויף די קעפּ פון די רוימער. נישט איינמאָל האָט אַזאַ זודיקער שפּריץ באַרירט זיין פאַנצער־העלם — זיין שטאָלצן קאָפּ. נישט איינמאָל האָט אַ שפּליטער פון שטיין צעוואונדיקט זיין הויט. און די אויסדרוקן פון די פרויען — זיי זיינען געווען ווי לייבן וואָס פלאַמען. אין נקמה פלעגט טיטוס הייסן זיינע לייט אָפּהאַקן די הענט ביי די יידישע געפאַנגענע, און זיי צוריקשיקן קיין ירושלים מיט הענט — בלוטיקע שטראָמען. ער פלעגט אין די שיינע זונענטעג אויסהענגען הויך אין דער לופט די יידישע העלדנקריגער, כדי די העברעער זאָלן זען וואָס עס דערוואַרט זיי.

די יעניקע, וואָס פּלעגן אין פאַרצווייפלונג זיך איבערגעבן צו די רוימער — האָט טיטוס געלאָזט אויפשניידן די בייכער, צו זוכן אין זייערע געדערים צירונג און מטבעות.

און אַלע יענע העלדן פון די העברעער פלאַמען איצט אויף פאַר טיטוס׳עס אויגן. עס איז אַ מאַרש פון צען מאָל הונדערט טויזנט מענטשן, וואָס די מלחמה אַרום ירושלים האָט אומגע־בראַכט, און אַלע יענע דערמאָרדעטע כהנים — אומגעבראַכטע פרויען און קינדער — און דאָס פאַרברענטע בית־המקדש — און העלדן, וואָס ווערן געוואָרפן פון די הויכע פעלזן — און ירושלים ביז צום גרונט פאַרוויסט — און יענע קלאַגנדיקע נביאים וואָס לויפן אַרום איבער די ברענענדיקע גאַסן ווי מלאכים פון הימל, וואָס קיין פייער רירט נישט אָן. זיי אַלע — אָט־די גאַנצע היסטאָרישע דראַמע גייט־אויף פאַר טיטוס׳עס אויגן — און עס צע־ברעכט זיין געהירן — און וואָס מער חורבן ער האָט פאַרשאַפט צו די יידן, אַלץ מער האָט ער געפילט, אַז ער איז מעכטיק פאַרוועבט אינם יידישן שיקזאַל און אַז איבער אים וואַכט דאָס אויג פון נקמה און אַז די דאָזיקע פאַרניכטעטע העברעער דראָען אים — און אַז יעדער דערמאָרדעטער ייד איז אַ פּראָפעט און ער זאָגט אים, טיטוס׳ן, פאָרויס די נקמה פון דעם יידישן גאָט. און דער בלייץ קען נישט צעשטערן די שרעקלעכע וויזיאָנען און דער דונער קען נישט פאַרטומלען דאָס קלאַפּן פון די פליגל פון דעם אייזערנעם אינסעקט אין זיין מוח. און טיטוס שפּאַנט אַרום אַ וואַנזיניקער. און דאָס געזיכט פון בערעניקע גייט־אויף צו אים — זיין שונא און זיין געליבטע. די, וואָס האָט אים אין מעכטיקן און זיסן תענוג געשענקט איר גוף — נאָר איר נשמה האָט ער נישט געקענט ברעכן, נישט באַצווינגען. און עס איז זי — די דאָזיקע וואולקאַ־נישע העברעאישע פּרינצעסין — וועמענס פאָטער איז דער גרוי־סער קעניג פון הימל, דער גאָט פון די העברעער — וואָס האָט אים צעבראָכן און האָט אים געבראַכט צום איצטיקן צושטאַנד, און האָט אים צו אַ ביטערע קאַריקאַטור פון אַ צעזאַר געמאַכט און האָט אים דאָ געלאָזט שטיין — אַ פאַרלענדער סקעלעט — געשלאָגן פון אַלע ווינטן פון אַלע פיר זייטן פון דער וועלט — געפּאַטשט פון די פליגל פון דעם אייזערנעם פויגל פון געוויסן.

ניו-יאָרק, סעפּטעמבער, 22, 1945.

ר׳ ישראל נאַגאַרה

(געבוירן 1560, אין דמשק)

עס איז געווען אין אַ קליין ווינקעל אין סטאַמבול. דאָרטן איז געווען פאַרזאַמלט אַן עולם קאָרטנשפּילער, וואָס האָבן מיט פאַרשוויצטע, רויבערישע פּנימער געבליקט צו די קאָרטן. זייערע צעקרימטע הענט האָבן נערוועז געמישט די קאָרטן, אויף וועלכע עס האָבן געפלאַמט די פאַראַליזירטע קעפּ פון קעניגינס און קעניגן. עס זיינען ביי אַ טיש אינם טרונק־קעלער געזעסן אַ גרופּע סטאַמבולער גנבים, מיט שמוציקע, רויטע פעסקעס אויף די קעפּ. מיט קרומע, בייזע און ציטערנדיקע הענט האָבן זיי אַנגעוואָרפן אויפן אַלט־הילצערנעם טיש, וואָס איז געווען צעפרעסן פון מאָלן, שטיקלעך צירונג. בראַסלעטן פון אָריענטאַלישע גאָלד־מינצן געקייטלטע, רינגען מיט לויכטנדע סאַפירן, אויערינגען פון מאַסיוון גאָלד געגאָסן, טייערע בראָשקעס, וואָס האָבן מיט זייערע בריליאַנטן געלויכטן אין דער האַלב־טונקלקייט פונם טרונק־קעלער און אַ סך מטבעות פון אָפּגעריבענעם גאָלד, מיט קעפּ פון אַלטע קסרים, וואָס די הענט פון פאָלק האָבן אין משך פון יאָרהונדערטער אָפּגעריבן. די גנבים האָבן זיך צעלאַזט מיט געמיינע רייד אויף טערקיש און אויף גריכיש און זיי האָבן געזשלאָקעט קופּלעס מיט ביר און וויין. דער ווייסער זילבער־שוים איז געשטאַנען אויף זייערע פאַרברענטע ליפּן, אויף די שוואַרצע און שטעכיקע וואָנסעס. און עס זיינען דאָ געווען ביי אַ טיש פרויען פון ירושלים און פון אַטען, פון דמשק און פון אַלעקסאַנדריע, פון בבל און און פון אשור. פרויען — ווי שמעטערלינגען; אין זיידנס געהילט און אין פאַרבן געשמירט; פרויען, וואָס זיינען געקומען אין סטאַמבול פאַרקויפן זייער לייב. זיי האָבן געטומלט, געמאַכט מיט די נאַקעטע הענט אין דער לופט, אַרויסגעלאָזט געשרייען און אַ סך גערעדט — אויפן אָריענטאַלישן שטייגער.

ביים בופעט, אין הינטערגרונט פון טרונק־קעלער, איז גע־

שטאַנען אַ פּעטעך טעךק, מיט צוויי ךויטע באַקן ווי פּאַנטשקעס — הייס־אָנגעגליטע. יעדער ווײַלע האָט ער אַרײַנגעזשלאָקעט אַ באַקאַל מיט ווײַן. האָט מיט די קורצע ווײַבערישע הענט אַ וויש געטאָן די וואָנסעס, און די נאַסע ליפּן און זײַנע שוואַרץ־פּלינקע אײַנגעלעך האָבן געוואַנדערט צו די קאָרטן־שפּילער, צו די גנבים וואָס צעטיילן זיך מיט זייער רויב און וואָס ברעכן צווישן די אײַזערנע פינגער דאָס דעליקאַטע צירונג, צו די גאַסנפרויען וואָס האָבן לוסטיק און גיריק געקוקט אויף די הענט פון די גנבים, וואָס האָבן איצט זיך גע'עסק'ט מיט קינסטלערישע שטיקלעך גאָלד — באַרויבטע פון אַ רײַכער סטאַמבולער הײַם, אוודאי פון דעם אוצר פון אַ יִנגער גרעפין און אַן אינדישן מאַהאַראַדזשאַ.

אין אַ ווינקל פון טרונק־קעלער איז געשטאַנען אין אַ שטייג אַ פּאַפּוגיי. זײַן האַלדז איז געווען פון געלן קאַנאַרעק־קאָליר. זײַנע פליגל — רויט, אַזוי ווי פייער פון זון־אונטערגאַנג; זײַן שנאָבל איז געווען שאַרף און אויסגעקרימט, ווי געשמידט פון אַלטע אײַזן און זײַנע אויגן זײַנען געווען אַלט, אַזוי ווי טויזנט יאָר אַלט, אַזוי ווי ער וואָלט זײַן יענער פּאַפּוגיי פון דער צויבער־מעשה'לע — אוראַלט. דער פּאַפּוגיי האָט כסדר באַטראַכט דאָס גראָטעסקע פּובליקום. ער האָט אויפגעכאַפּט קלאַנגען און ווערטער פון דער גאַס, און פון די גנבים און קאָרטנשפּילער און גאַסנפרויען. ער האָט אַלעמען נאָכגעשפּעט. ער איז געווען דער גייסט פון הומאָר, פון חוזק. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער ברענט אין זײַנע קאָלירן — און ווערט דאָך נישט פאַרברענט.

פּלוצלינג איז געוואָרן אַ געפּאַטשערײַ אין די טישן עס זאָל ווערן שטיל. דער טערק ביים בופעט האָט זיך קוים געקענט אָפּווישן זײַנע פייכטע וואָנסעס און די זילבער־באַשוימטע ליפּן — ווען האַרט צו דער טיר צו, דורך וועלכער די אונטערגייענדיקע זון האָט געשפּאַרט מיט אַ זייל פון פייערדיקע שטראַלן, לעבן די פרומע, ליימיקע טרעפּלעך, וואָס זײַנען געווען אויסגעריבן און צעקרימט פון מענטשנטריט — האָט זיך אויפגעשטעלט אַ הויכער און אַ שלאַנקער מאַן, מיט אַ געל־פאַרוויאַנעטער הויט אויפן געזיכט, מיט פיבעריש־ברענענדיקע, שאַרפע אויגן, מיט אַ האַלדז אַן אויסגעצויגענעם, וועמענס „קנאַפּ" האָט זיך איצט נאָך פּראָמינענטער

געשפּאַרט פּאַרויס, מיט צוויי לאַנגע הענט ווי די געלע פּליטן, וואָס האָבן געצופּט די סטרונעס פון אַ גיטאַר. ער האָט אין דעם מאָמענט, ווען דער זייל פייער פון דער אונטערגייענדיקער זון האָט אים באַרירט דעם אַקסל, פאַרמאַכט אין עקסטאַז זיינע אויגן און מיט די פינגער, וועמענס נעגל זיינען געווען אומגעווייינלעך־לאַנג און שפּיציק, ווי מיטביינדלעך, געצופּט די סטרונעס. דאָס האָט געדויערט עטלעכע רגע'ס. ער האָט מיט אַ זייער טרויעריקער, אָבער טיף־איידעלער און רירנדיקער שטימע אויפגעזונגען אַ העברעאיש ליד מיט דער מעלאָדיע פון איינעם פון די אַראַבישע פאָלקס־לידער. אין דער האַלב־טונקעלקייט פונם טרונקקעלער, געבראָכן דורך די שטראַלן פון דער זון, וואָס האָבן, ווי צעריסענע בלומען, געפּלייצט אין אַלע טונקעלע ווינקלען פון טרונקקעלער — האָט דער שלאַנקער און דינער מאַן אָנגעהויבן צו זינגען די דאָזיקע ווערטער, וואָס האָבן זיך ווי אָפּגעריסן פון זיין האַרץ:

„איך האַלט דיך פאַרזיגלט אין האַרצן
און וועל אייביק דיך געדענקען;
איך באַהאַלט דיין ליבע און נשמה,
נאָך דיין ליכטיקייט טו איך בענקען.“ אאז״וו.

*

ווען דער זינגער האָט געזונגען די פערזן, איז געוואָרן אַ טויט־שטילקייט אין קעלער. און וואָסאַמאָל איז די שטילקייט געשטיגן, בשעת דאָס ליד האָט געקלונגען אַזוי האַרציק און שיין. מיט זיין גיטאַר האָט דער זינגער זיך אַליין באַגלייט און, ווען ער איז שטיל געבליבן, עפּנענדיק זיינע טרערנפולע אויגן — האָט אויסגעבראָכן אַ הילכיקער אַפּלאָדז. די קאָרטנשפּילערס און די גנבים און די גאַסנפרויען האָבן שטאַרק געקלאַפּט. אַלע זיינען געווען באַגייסטערט פאַר דעם העברעאישן ליד, וואָס האָט אפשר צום ערשטן מאָל אויפגעקלונגען אין אַ טערקישן טרונק־קעלער. און ווען דער זינגער האָט געהאַט געענדיקט, האָט דער זייל פייער פון דער אונטערגייענדיקער זון געהאַט אַרומגענומען זיין גאַנץ געשטאַלט און האָט אויך באַרירט אַ שטיק הילצערן לייב פון דער גיטאַר. צום סוף, ווען דער אַפּלאָדז האָט זיך איינגעשטילט, האָט דער פּאַפּוגיי געוואָרפן שטיקער העברעאישע פּראָזן און קלאַנגען און

האָט אומרואיק זיך באַוועגט אין דער צעבויגענער שטייג, אַזוי ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין היסטאָרישע סצענעס פון ירושלים, וואו ער האָט אַוודאי פאַרבראַכט זיין יוגנט, מיט טויזנט יאָר צוריק... ער האָט געמוזט גערענקען די יידישע קעניגן און דער גלאַנץ פון זייערע קרוינען האָט אים נאָך געבלענדט פאַר די אויגן — און די העברעאישע נביאים, וואָס האָבן געמוסרט אויף די גאַסן פון ירושלים...

פלוצלינג האָט זיך אויפגעשטעלט איינע פון די פרויען פון דער גרופע, וואָס האָבן איצט אַוודאי גערערט וועגן דעם מאָדנעם העברעאישן זינגער. זי איז נאָך געווען יונג, אַזוי ווי פון אַ יאָר צוואַנציק, און אירע גערידכטע טונקעלע לאָקן האָבן זיך געוויגט איבער אירע אַקסלען, בשעת זי האָט אַן אַנטשלאָסענע געשפאַנט אין דער ריכטונג צום פאָעט.

זי האָט זיך טיף פאַרנויגט צו אים, בשעת ער האָט זי איבער־ראַשט אָנגעקוקט.

— זענט איר נישט דער פאָעט פון דמשק, ר׳ ישראל נאַגאַרה? — האָט זי אין אַ קלינגענדיקן אַראַביש געפרעגט.

— יאָ, איך בין ר׳ ישראל נאַגאַרה, און ווער ביסטו, טאָכטער מיינע?

— איך בין אַ קינד פון דמשק. איך בין נעמי, די טאָכטער פון סאלאָמאָן דעם באַגרעבער...

ר׳ ישראל נאַגאַרה האָט אַ ציטער געטאָן... ער האָט טיף אַריינגעקוקט אין דעם טונקעלן, ווייכן סאַמעט פון אירע אויגן... און עפּעס האָט ער זיך דערמאָנט... עס איז פאַר אים אויפ־געגאַנגען אַ קליין מיידעלע, מיט וועלכער ער פלעגט זיך שפּילן קליינערהייט. עס איז שוין זייער לאַנג דערין. פילע שטראָמען זיינען דורך דער צייט אָפּגעפלאָסן. פילע קאַסקאַדן אָפּגערונען... ער איז דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל און יעדעס מאָל אַז עס פלעגט פאַרקומען אַ לויה, פלעגט ער מיטלויפן מיט די יידן צום ליימיקן בית־עולם... די ערד האָט ווי געפלאַמט, אַזוי ווי דאָס בלוט פון די מתים וואָלט איר אָנפילן. די ערד איז געווען ווי מענטשנפלייש... און איבער איר האָט דאָס ריינסטע גראָז געגרינט. און רויטע בלומען האָבן וואונדערלעך אַרויסגעטאַנצט פון דער ערד... עס איז געווען אַן אַלט בית־עולם און די קברים

זיינען געווען איינגעפאַלן. ווינט און רעגן האָבן אויסגעגלייכט מיט דער ערד צוגלייך די בערגלעך. און די מצבות זיינען געווען צעבויגן און צעקרימט פון די וועטערן פון א טויזנט לאַנגע יאָר. אויף די אָפּגעבראָכענע שטיינער, אויף די העברעאישע אותיות אריינגעשניטן אין גראַניט, האָט ר׳ ישראל נאַגאַרה זיך געלערנט לייענען העברעאיש. און דאָרט האָט ער אָפט פאַרווייַלט און זיך געשפּילט מיט דער קליינער נעמי. דאָרט האָט זיין גייסט דער־וואַכט, און ער האָט געזען ווי די זון גייט־אונטער און צינדט־אָן אין וואונדערלעכע פלאַמען די וועלט. אין זון־אונטערגאַנג פלעגט ער טראַכטן וועגן די פילע דורות, וואָס זיינען דאָ פאַרזאַמלט אין די קברים. וועגן דעם זין פון מענטשלעכן לעבן. וועגן דעם גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. און זי, נעמי, מיט אירע טונקעלע לאָקן, מיט איר טאַנצנדיק־גראַציעזער פיגור, מיט איר קלינגענ־דיק געלעכטער, פלעגט פאַריאָגן די טרויעריקע מחשבות אין אים. און פון דעם טאָל פון טויט האָט זי אים ארויסגעבראַכט צום לעבן, צו פרייד, צום וואונדער פון דער נאַטור. וואָרים זי איז געווען דער־פרישענד ווי א וואַסערפאַל, וואָס פאַלט מיט גערויש אַראָפּ פון די בערג און דערפרישט דעם גייסט.

פון עולם פונם טרונק־קעלער האָבן זיך געהערט געשרייען, אַז דער העברעאישער פּאָעט זאָל עפּעס זינגען. באַזונדערס איז דער אפּלאַוז געקומען פון דער גרופּע פרויען, וועלכע זיינען געווען די פריינדינס פון נעמי׳ן. ר׳ ישראל נאַגאַרה האָט זיך אויפגעשטעלט, מיט א וויים טיכל זיך אַרומגעווישט דעם פאַרשוויצטן שטערן און, אָפּהוסטענדיק, האָט ער געזונגען דאָס פאָלגענדיקע ליד:

„דו, מיט די שיינע אויגן,
האָסט אַלעמענס הערצער געפאַנגען —
דיינע ליפּן טריפן מיט האָניק,
אויף דיין פּנים איז ליכט אויפגעגאַנגען.״ אאז״וו.

ווען ר׳ ישראל נאַגאַרה האָט געענדיקט דאָס ליד זינגען, איז ער, ווי ביים ערשטן מאָל, ענטוזיאַסטיש באַגריסט געוואָרן פונם פּובליקום אין טרונק־קעלער. אין דעם מאָמענט איז נעמי אויפ־געשטאַנען א ליכטנדיקע און אָפּגעפרעסט א קוש דעם פּאָעט אויף די ליפּן — פאַר דער זיסער שטימע, פאַר דער שיינקייט פון די ווערטער.

— די דאָזיקע לידער — האָט ר׳ ישראל נאַגאַרה געזאָגט צו נעמי׳ן — זיינען געווידמעט צו דיר. איך האָב זיי אַלע געשריבן אויף די וועגן פון וואַנדערונג, אין פרעמדע לענדער און מדינות. וואוהין איך פלעג קומען, פלעגסטו מיר נאָכגיין. פלעג איך דיך זען. און אין איינזאַמקייט האָב איך אַרויסגעריסן די לידער פון מיין לעבן, ווי די זון רייסט אַרויס פלאַמענדיקע טעג פון איר ברענענדיקן לייב.

— דו ביסט געטריי געבליבן צו נעמי׳ן. דו האָסט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. איך, אָבער, זינט יענער נאַכט, ווען איך האָב געהייראַט מיט יענעם, וואָס מיין האַרץ האָט נישט ליב געהאַט, בין איך געוואָרן פאַרזונקען אין זינד...

ר׳ ישראל נאַגאַרה האָט זיך דערמאָנט יענע חתונה־נאַכט, ווען נעמי האָט יענע נאַכט אים פאַרראַטן. עס איז געווען ווי היינט, אַזוי שטאַרק איז עס איינגעקריצט אין זיין זכרון און האַרץ, הגם פילע יאָרן זיינען שוין פאַרפלאָסן דורך דער צייט.

— געדענקסט, נעמי, די נאַכט פון דיין חתונה? איך געדענק זי גוט. עס האָבן דעמאָלט געברענט די וואַקסענע ליכט און זייערע געלע פלעמלעך האָבן געציטערט, אַזוי ווי אַן אומהיימלעכער ווינט וואָלט זיי מאַכן ציטערן, וואָלט אין זיי בלאָזן מיט זיין טרויער. און די גאַנצע צייט וואָס מען האָט געטאַנצט, בין איך געשטאַנען אין אַ ווינקל, אַ בלאַסער און אַ טרויעריקער, און אָבסערווירט די טאַנצענדיקע פּאָרלעך. די פרויען זיינען געווען אין זייד, האָבן זיך געוויגט גראַציעז, אַזוי ווי מלאָכים זיינען זיי געווען שיין און שוועבנדיק. און די מענער — ווי ריטער. ווי נאָבלע, ווי איידל זיי זיינען געווען צו זייערע געליבטע... דער טאַנץ איז אָנגע־גאַנגען פאַר שטונדן — און איך בין נישט געוואָרן מיד צו זען, ווי די געקליבענע פּאָרלעך באַוועגן זיך — און ווי דער ווינט פון טרויער באַוועגט די ליכטלעך, באַוועגט די פּאָרלעך, באַוועגט די זיידענע קליידער פון די דאַמען, באַוועגט זייערע צוויבערהאַפטע לאָקן, און זייערע געהיימע פליגל וואָס הייבט זיי אויף הויך און לאָזט זיי אַראָפּ. די מוזיק איז געווען אַ פּרעכטיקע. ווי פון געהיימע ווינקלען האָט זי אַרויסגעשפּילט. מלאָכים זיינען געווען אין זאַל. מלאָכים זילבערנע האָבן געזונגען... און איך האָב געציטערט פון

שרעק... געציטערט פון פיין... דער ווינט האָט מיך געמאַכט אימה׳דיק ציטערן...

איך געדענק גוט די חתונה־צערעמאָניע... ווי פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען די זינגער אין ווייסע קיטלען אָנגעטאָן. עס איז געווען אַ פייערלעכער מאָמענט... מיט ליכט, טריפנדיקע, אין זייערע הענט... דורך דער אַלייע פון יום־טוב׳דיקע זינגער זיינען דורכגעגאַנגען דיינע עלטערן, דיינע זיידע־באָבע... פייער־לעך און שטיל — באַוואוסטזיניק פון דער ערנסטקייט פון מאָמענט. דער בעסטער בחור... די בעסטע מיידל — גייען באַזונדער... און באַלד קלינגט־אויף די מוזיק — דער כאָר פון זינגער — מלאָכים קומען אָן און נעמען אָנטייל אינם כאָר — און פאַרביי דער אַלייע פון זינגער און פון בלומען, פון רייכע גערטנער מיט בלומען — ציען פאַרביי חתן־כלה... ווי שיין! ווי דערהויבן! נאָר אָנשטאָט ישראל נאַגאָרה — גייט אַ צווייטער פאָרויס פון דער כלה... אַ צווייטער חתן... און אָט דערשיינט די כלה — ארויסגעפירט פון איר מיידלשאַפט צו דער חופה... די כלה ציטערט... אַ ווינט באַוועגט אירע גלידער; אַ שמערצפולער ווינט באַוועגט שמערצפול אירע גלידער... זי גייט — ווי אַ בלייכע פרינצעסין... און אָט שטייט זי אונטער דער חופה... דער חתן רינגלט זי אַרום, דרייט זיך אַרום איר... קיינער ווייסט נישט דעם שמערץ אין איר האַרץ. נאָר דיביימער ווייסן... דער געהיימנישפולער ווינט באַוועגט די בלעטער פון די ביימער — די גרינע בלעטער... און די מלאָכים שוועבן אַרום אין דער קילער, פאַרפיומיקער לופט... און די כלה — פאַרהילט אין אַ שלייער — וויינט און ציטערט... און עס ציטערן מיט איר די דינע און דעליקאַטע מיידלעך אין זייערע זיידענע קליידער און נעפלדיקע וואַלן... און פון דעם פירמאַמענט, פון די ציטערנדיקע שטערן רייסן זיך אָפּ צוויי שטערן — און פאַלן גאָלדיק אין שוואַרצן תהום אַריין... און אַ גרויסער ציטער גייט דורך די וועלט... די נאַכט ציטערט מיט אַלע אירע איברים...

— און שפּעטער — טאַנץ און ווײַן... דער ווײַן גיסט זיך אין די העלדזער פון די גליקלעכע... און די מוזיק רייסט זיי צום טאַנצן... באַוועגונג פון פיס און הענט... אַ ריטם טראָגט זיי אין דער לופט... דער דראַנג צו פאַרגעניגן און צו גליק...

און צום סוף דערשיינט די כלה — די שטערבלעך־שיינע כלה, נעמי. זי איז גליקלעך און טרויעריק... דאָס פּנים — פאַרברענט פון ליידנשאַפט. די ליפּן—שוואַרץ פון גליען דורך די דערוואַרטנדיקע נעכט. דאָס ווייסע, דינע און שפּינוועבסטיקע קלייד — ציטערט... ווי שטערבנד־שיין איז די כלה! און אין אַ ווינקל קוש איך די יונגע כלה... געדענקסט די קישן? ... איך האָב געקושט דיין שטערבנדיקע שיינהייט. כלה, איך האָב געקושט דיין ציטערניש און דיין טרויער... די מלאָכים האָבן אין אַ כאָר געזונגען און געשפּילט... געריישט האָבן די בלעטער אין ווינט... און איך האָב איינגעזאַפּט אין זיך דעם אַראָמאַט פון די שטערבנדיקע בלומען און דעם רופנדיקן, דעם רייצנדיקן פאַרפום פון דיין ליב... דעם שמערץ פון דיין געשטאַלט, דיין שרעקן זיך און דיין ציטערן... אָ, דו ביסט געווען אַן אמת׳ע כלה — די כלה פון ווײ... ווי גליקלעך בין איך געווען וואָס איך האָב דיך געקושט! פיל ביסטו יענע נאַכט געקושט געוואָרן... נאָר איך האָב דיך געקושט מיט די קושן פון ליבע — און כ׳האָב אַריינ־געקושט מיין טרויער און מיין באַוואונדערונג. מיין יעדער קוש איז געווען אַ סאָנעט צו דיר...

און שפּעטער ביסטו ווידער פאַרשוואונדן געוואָרן צווישן דעם עולם. איך בין פאַרבליבן אַליין. מוזיק שפּילט, און עס שפּילט אין מיר דער שמערץ... און די שטערבנדיקע בלומען — זייער אַראָמאַט פאַר׳שיכור׳ט מיך... און פון די בוקעטן בלומען צי איך אַרויס איינע — כדי מיט איר בייַנאַכט אַהיימצוגיין, דורך דעם שימער פון די שטערן... כדי מיט איר — די כלה — אַהיימ־צוגיין... און די רויטע בלום האָט יענע נאַכט געוויאַנעט און געשטאָרבן פאַר מיינע אויגן. די רויטע, די ראָמאַנטישע בלום... און אַזוי זיינען אַלע בוקעטן צענומען געוואָרן... דאָס, וואָס איז געווען פלאַמענדע־שיין און פאַראייניקט, איז איצט צעשיידט גע־וואָרן... די שענסטע בלומענבוקעטן זיינען געוואָרן צעשטערט — אַזוי ווי דאָס לעבן... אַזוי ווי חתן־כלה ווערן צעשטערט פון דער נאַכט פון זייער חופה אָן...

— און זייט יענע חתונה — מיט דער רויטער בלום אין האַרצן — בלאָנדזשע איך אַרום, איך, דער פאַרוואָגלטער ר׳ ישראל פון נאַגאַרה...

— איך האָב דורך דער צייט אויסגעוואַנדערט די ערד און אומעטום געזונגען און געשפּילט... פּאָר קעניגן און פּאָר בעט־לערס, פּאָר פּרינצן און פּאָר גנבים, פּאָר פּרינצעסינס און פּאָר גאַסנפרויען... און אומעטום האָב איך געטראַכט פון מיינע צוויי געליבטע — פון נעמי, און פון מיין אומגליקלעך פאָלק... און לעצטנס ווידמעט מיין שמערצפולע מוזע אַלע לידער צום ליידנ־דיקן פאָלק — — —

נעמי האָט די גאַנצע צייט געהערט וואָס דער פּאָעט האָט גערעדט. און זי האָט געוויינט און באַהאַלטן איר געזיכט אין אירע הענט, וואָס האָבן ווי בלעטער אַרום איר געציטערט, ווי האַרב־סטיקע בלעטער...

אין דעם מאָמענט האָט דער פּאַפּוגיי אויסגעשריגן אומפאַר־שטענדלעכע ווערטער, אַזוי ווי ער וואָלט אומבאַהאָלפענערהייט איבערדעקלאַמירט ר׳ ישראל נאַגאַרה׳ס לידער אין לשון־קודש.

און ווען עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, האָבן די חבר׳טעם אָפּגעריסן נעמי׳ן פון פּאָעט. אַ גרופּע מענער, פאַר־דעכטיקטע, זיינען דערשינען און האָבן אַוועקגענומען די פרויען. אַ ציטערנדיקע, ווי אין יענער חתונה־נאַכט, באַהערשט פון טרויער, ווי אונטער דעם כאָר פון מלאָכים, איז געגאַנגען נעמי. איצט איז ווידער דער פּאָעט אַליין פאַרבליבן. עמעץ ביים בופעט האָט אים געבעטן זינגען און ר׳ ישראל נאַגארה האָט באַשלאָסן צו זינגען נאָך איין ליד — איינס פון זיינע הונדערטער לידער וועגן דער־לייזונג פון פאָלק ישראל:

„מיין הארץ קלאַפּט זיך אָן אין דיין טויער,
און האָפט נאָך אויף רחמים און גנאָד;
עס גליט נאָך אַ קול אין מיין טרויער,
אַז ס׳וועט אונדז דערנענטערן גאָט.“ אאַז״וו.

*

עס איז שוין געווען באַגינען ווען ר׳ ישראל נאַגאַרה האָט מיט זיין טאָרבע געצויגן איבער די גאַסן, קרומע און צעבויגענע, פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. פון דיביימער האָט דער טוי האָניקדיק געטריפט. די זון איז נאָך נישט געווען אויפגעגאַנגען... די לבנה איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער אויפן הימל, אַזוי ווי זי

וואַלט זיך אַריינגעטריפט אין דער זיידענער הימל־בלויקייט...
ר׳ ישראל נאַגאַרה האָט געצויגן אין דער ריכטונג צום ים־צו, וואו ער האָט געהאַט זיין געלעגער אין אַן אַלטער, פוילנדיקער שיף. עס איז אויף דער שיף, ביים ברעג פון ים, וואו דער פּאָעט פּילט זיך אינמיטן וועלט... אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט אָפּגע־שטעלט אויף קיין באַשטימטן פונקט פון דער ערד... די שיף איז אַן אַלטע. זי האָט דורכגעמאַכט אין איר לעבן פילע רייזעס — דורך שטורעמדיקע אָקעאַנען, און בייזע שטורעמס. איצט איז זי מיד. דאָס האָלץ פוילט. בלויע און צאַרטע שוואַלבן האָבן זיך דאָ באַזעצט און געמאַכט זייערע נעסטן — און צוזאַמען מיט די שוואַלבן — אַ העברעאישער פּאָעט...

און ביינאַכט, ווען די לבנה לויכט, טרוימט ר׳ ישראל נאַגאַרה, אַז ער טראָגט זיך איבער די כוואַליעס קיין ירושלים. דאָרט, ביי דער כותל מערבי, אַוועקצולייגן אַלע זיינע לידער... וואָס ער האָט געשריבן אין בענקשאַפט נאָך ציון, צו דערלייזונג... און אויסגיין אין ירושלים, ווי ר׳ יהודה הלוי... פון אַלע לענדער, פון אַלע וואַנדערונגען — ווען ער זיך צוריקקערן קיין ירושלים, וואו עס רוט דוד המלך... טראָגט ער דאָך אין האַרצן דעם פלאַם פון קעניג דוד׳ס תהילים... ברענט דאָך אין אים די נשמה פון קעניג דוד... און דאָ, וואו דער קיניג האָט געקיניגט — אַהין געהערט דער דיכטער, כדי צו שטאַרבן דאָרט, אַרומגערינגלט פון אַ כאָר פון קלאַנגדיקע מלאָכים — — —

*

און אין דער טיפעניש פון דער שיף איז געלעגן ר׳ ישראל נאַגאַרה... ער איז געווען פאַרזונקען אין אַ טרוים... אָט שטייט ער ביי די אַלטע שטיינער פון בית־המקדש, וואו מוזיק פון די לוים האָט הויך און כאַראַליש געקלונגען... און אַלע זיינע לידער ווערן פון די מלאָכים אין דער לופט געזונגען... און אָט קומט אים אַנטקעגן אַ וואונדערלעך געשטאַלט, מיט אַ שיינענדיק פּנים... מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ... און ווען זיי טרעפן זיך נאָענט, פאַלן זיי זיך אַריין אין די אָרעמס און האַלדזן זיך... דוד המלך קושט ר׳ ישראל נאַגאַרה׳ן...

און אין דעם מאָמענט האָט דער פּאָעט אויסגעהויכט זיין

נשמה. און איבער אים האָט אַ כאָר פון מלאָכים געזונגען...
געזונגען און געקלונגען מיט די שענסטע חתונה־מעלאָדיען...
ר׳ ישראל פון נאַגאַרה איז געווען דער חתן... און זיין כלה —
די אייביקייט...

ניו־יאָרק, יולי, 29, 1945.

פּרינץ דוד הראובני און זיין אויסגעטראַכט קעניגרייך פון יענער זייט סמבטיון

(דערציילונג)

עס איז געווען זון־אונטערגאַנג. דער לעצטער זון־אונטער־גאַנג אין דוד הראובני׳ס לעבן. דוד הראובני איז צוגעגאַנגען צום שמאָלן פענצטערל פון דער דיקער מויער וואָס איז געווען פאַר־פאַנצערט מיט קראַטן, וואָס זיינען געווען רויט־פאַרזשאַווערט. אַ שטראַל ליכט האָט זיך אַ גאַס געטאָן פונם פענצטערל, דורך די אייזערנע קראַטן. יעדן אָוונט אַזוי, אין משך פון פילע יאָרן, שיקט די זון איר אַדיע צו דעם יעניקן וואָס האָט פון זיין לעבן געוואָלט מאַכן אַ זוניק פייערווערק און וואָס האָט צו די ליידנ־דיקע געוואָלט ברענגען זון און פרייד. די איינציקע איז אים גע־טריי געבליבן די זון. דען די יעניקע, וואָס ער האָט געוואָלט העלפן זיינען פאַרבליבן מאַכטלאָז, אין קייטן געשמידט.

דאָס געפענקעניש איז געווען יאָרהונדערטער אַלט. אויסער די גייסטער פון העלדן, וואָס האָבן דאָ אָפּגעשמאַכט זייערע יאָרן, זיינען אין געפענקעניש געווען בלויז ראַצן און ווערים און אין די זייטיקע קאַמערן — איינזאַמע און אָפּגעשלאָסענע פאַראורטיילטע, וואָס האָבן פון צייט צו צייט זיך אָנגעשטרענגט אַ קרעכץ צו טאָן אין דער דומפּיקער לופט. די אַלע יאָרן וואָס דוד הראובני לעבט אין שלאָס, האָט ער כמעט נישט אָנגעקוקט די טונקעלע ווענט, פול מיט נעמען פון מענטשן וואָס זיינען דאָ געזעסן און פאַר־צייכנט מיט זייער בלוט זייער עקזיסטענץ. אַן אויסגעבלייכטער און אַ קליינער, נאָך קלענער געוואָרן, פיזיש און גייסטיק דער־

נידעריקט — האָט דוד האורבני געלעבט מיט די גרויסע טאַטן פון זיין לעבן, מיט די העראָאישע אַוואַנטיורעס, וואָס זיינען געווען באַזעלט פון איין גרויסן אידעאַל: צו העלפן די מאַראַנען.

די אויסערלעכע ווענט פונם געפענקעניש זיינען אַרומגע־הילט מיט פלאַנצן, מיט גרינע און שטעכיקע און בלומיקע פלאַנצן, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך רייסן צו די קראַטן פון די געפאַנגענע און וואָלטן זיי ווען וויזן אַ רויטע רויז, זיי וועלן ווידער אויפ־וועקן אין זכרון די וויזיאָן פון דער גרינער וועלט, פון מעכטיקע וועלדער, וואָס ציטערן אין ווינט. און אָפט, אין האַרבסט, הייבט דער ווינט אויף אַ גאַנצע מחנה בלעטער. זיי דרייען זיך אין דער לופט און פאַלן צוריק אַראָפ. פרינץ דוד הראובני זעט אין זיי דאָס שפּיל פון מאַסקעס. די דאָזיקע בלעטער — זיי שטעלן פאָר מאַכ־טיקע קעניגן און פרינצן, וואונדערשיינע דאַמען, געזיכטער פון די ליידנדיקע פון פאָלק ישראל, פנימער פון מאַרטירער און העלדן. דער ווינט הייבט אויף די מאַסקעס פון הערשער און מיסטיקער, פון בעטלער און נביאים. ער איז זיי אַלע דורכגעגאַנגען. ער איז געקומען פון שטויב פון דער ערד און האָט דורכגעלעבט אַ שטיק וועלט־געשיכטע. ער האָט פון שפּינגעוועבס באַשאַפן אימפּעריעס. ער האָט, ווי אַ קינסטלער, פון גאָרנישט געשאַפן ממשותדיקייטן. אַליין אַ גרויער, אַ קראַנקער, הוסטענדיק און פיבנדיק דעם טויט אין די לונגען — האָט ער זיך דערהויבן הויך איבער די מעכטיקע פון דער ערד. ווי אַ ווינט, האָט ער זיי געוואָלט די קעפ פאַרדרייען. ער האָט געוואוסט וואָס ער טוט. ער האָט פון גאָרנישט געצויגן מאַכט און גלאָריע. ער איז דערשינען פון קעניגרייך פון שטויב, געשיקט צו די גוט־באַוואָפנטע פעלקער פון דער ערד — און דאָ איז ער צוריקגעקומען, אין געפענקעניש, צום קעניגרייך פון שטויב, צו די ראַצן און ווערים... דער פּולקאָמענער וועג פון אַ מאַן, וואָס האָט זיין לעבן געוואָלט מקריב זיין פאַר אַנדערע. און די דאָזיקע וועלן ווייסן ווי אים צו שעצן. זיי וועלן אים נישט פאַר־וואַנדלען אין קיין שווינדלער, אַדוועטוריער, פאַנטאַסט און ליגנער, ווי עס פאַרשרייען אים די קירכע און די קעניגן. זיי וועלן ווייסן, אַז אַ ייד האָט געוואָלט ברענגען פרייהייט צו די יידן.

עס איז אין זיין זכרון פריש געבליבן יענער ערשטער, יענער

געפּערלעכער טאָג אין רוים. עס איז געווען אַ זוניקער טאָג. די זון האָט העל געפּלייצט איבער רוים׳ס מויערן מיט ברייטע כוואַליעס ליכט. עס איז נאָך געווען פרילינג. און די וואָלקנס האָבן פאַר־דעקט און אָפּגעדעקט די זון. עס איז געוואָרן פּלוצלינג ליכטיק און פינצטער. אַזוי ווי זיין לעבן. אַזוי ווי דאָס לעבן פון די יידן. און אויפן ווייסן, שיין־געפּאַרמטן פערד איז ער געריטן איבער רוים׳ס גאַסן. מיט אים — דער ציטערנדיקער דינער, וואָס האָט געאַנט פון זיין מייסטערס גרויסקייט און וועלכער איז דאָך גע־בליבן אַ געהיימעניש צו אים. מיט אים — דער איבערזעצער. דען דוד הראובני רעדט נישט קיין אַנדער שפּראַך ווי העברעאיש. די שפּראַך פון זיין לאַנד, פון זיין אימפּעריום. און לאַנגזאַם, זעלבסטבאַוואוסט און שטאָלץ טראָגט ער זיך אויפן ווייסן פערד. עס באַוואונדערן רוים׳ס איינוואוינער די זעלטענע פּראַצעסיע. ווער איז דער קליינגעוואוקסיקער מאַן, אויסגעדאַרט פון פאַסטן, מיט אַ טונקעלן פּנים, מיט שטרענגע אויגן, מיט אַ באַפעלערישן טאָן, מיט געהיימעניש אין זיין יעדן קער און ווענד, מיט מאַניערן פון אַ געבוירענעם פּרינץ.

די פּראַצעסיע רייט צו צום הויף פונם פּויפּסט קלעמענטי דער זיבעטער. דער פּויפּסט נעמט אים אויף מיט פּאַראַד און מיט אַ שמייכל. עס בוקן זיך צום העברעאישן פּרינץ די באַוואָפנטע דינער, וואָס שטייען דאָ פון מיטלאַלטער אָן. גלאַנץ און פּראַכט בוקט זיך צום פּרינץ. און ווען שטעלט ער אייגנטלעך פאָר? זיין נאָמען — פּרינץ דוד הראובני. איז נישט זיין נאָמען אַליין גענוג — דער נאָמען פון דוד המלך... דעם גרעסטן קעניג אויף דער ערד — פון אַלע צייטן. דעם שטאַרקסטן און דעם וויזעסטן. און דעם גלענצנדיקן אויטאָר פון תהילים... און דוד הראובני שטאַמט פון שבט ראובן — וואָס טראָגט דעם שטאָלצן נאָמען פון יעקב׳ס זון, דעם בכור, וועלכן יעקב האָט פון טויטנבעט גערופן: דו ביסט „מיין כוח און מיין ערשטע קראַפט, די פּער פון גרויסקייט, און די פּער פון מאַכט.״ און — דוד הראובני׳ס ברודער איז דער קעניג איבער אַ גרויס פאָלק, וואָס ציילט דריי־הונדערט־טויזנט גיבורים, און יעדער איינער פון זיי איז באַ־וואָפנט פון קאָפּ ביז צו די פיס — און זיי קענען צעטראָגן אָן

אימפעריע. און אויב דאָס איז נאָך וויניק — רופט מען זייער לאַנד, דאָס שפּינוועבסטיקע, דאָס אויסגעטראַכטע לאַנד — חבור. און דער קעניג מיט די זיבעציק זקנים, וועלכע רעגירן דאָס לאַנד, האָבן אים אַרויסגעשיקט צום פּויפּסט און צו די אייראָפּעאישע הערשער, כדי זיי זאָלן אים געבן אַמוניציע און שטאַרקע שיפן, כדי זיי זאָלן קענען מלחמה האַלטן מיט די מחמדנער ביים רויטן ים און דערשלאָגן אין ארץ ישראל יעדן טערק. און אַזוי אַרום וועלן די קריסטן פריי מאַכן דאָס קבר פון דעם געקרייציקטן און די יידן פון איטאַליע, שפּאַניע און פּאָרטוגאַל וועלן זיך צוריקקערן קיין ירושלים. און אָנפירן דעם דאָזיקן הייליקן קריג וועט זיין ברודער — מיט דער גרויסער אַרמיי פון גיבורים, ערגעץ אויף יענער זייט פון סמבטיון...

גרויסע און וויכטיקע פּלענער — קיין צווייפל! מאָדנע, — האָט געטראַכט דער פּויפּסט קלעמענטי דער זיבעטער, — ווי דער דאָזיקער קליינער ייד, וואָס זעט אויס ווי אַ כישוף־מאַכער, איז גאָר ענלעך צו יענעם ייד פון נאַזאַרעט, וועלכן מען האָט געקרייציקט אין דער געזעלשאַפט פון צוויי בלוטנדיקע רויבער. ער איז געבוירן געוואָרן, ווי יענער, צו זיין אַ מאַרטירער. און דאָך — ווי אין בלוט פון יענעם, פליסט אויך אין דאָזיקנס אָדערן דאָס בלוט פון דעם בית דוד... ער איז געוואַגט. אויב ער איז אַ ליגנער — מאַכט נישט אויס. די דאָזיקע אַרמייען, וועלכע ער טראַכט אויס — קענען ברענגען נוצן. דאָ איז אַ מאַן, וואָס וואַגט. און אויב ער איז געקומען באַפרייען די מאַראַנען, קען ער אָבער ווערן אַ וויכטיק ווערקצייג אין קאַמף פאַר דער קירכע. פאַראַן אין אים אַ וועלט מיט אַמביציע. ער ציטערט פון נערוועזיטעט. אָבער ווי גרויס איז זיין אָנשטרענגונג צו זיין פרינצלעך! וואו האָט ער גענומען די מאַניערן? און אפשר עקזיסטירט טאַקע אַזאַ אימפּעריע אויף יענער זייט פונם פאַנטאַסטישן סמבטיון? איז דאָך ערשט נישט לאַנג צוריק אַנטדעקט געוואָרן אַ נייע וועלט — אַ פראַגמענט פון דער ערד — דורך אַ געוויסן גענועזער, וועמענס פּנים איז אויך ענלעך צו קריסטוסעס. זיין נאָמען איז קאָלומבוס. די לאַגע איז אַן ערנסטע. עס שפּרייטן זיך איבערן האָריזאָנט שוואַרצע וואָלקנס. דעם קויל־

גרעבערס זון, מארטין לוטער, אויפן ברעג פונם רהיין, איז א גרויסע געפאר פאר דער גאנצקייט פון דעם קאטוילישן וועלט־קעניגרייך. א מאן מיטן נאמען עראזמוס פון ראטערדאם ווירקט נישט בלויז אין ראטערדאם — נאר איבער דער גאנצער וועלט. ער האט געפערלעכע געדאנקען. גאנץ אייראפע ברענט. די מענטשן צווייפלען און פראטעסטירן. עס איז נייטיק א נייער קרייץ־צוג קיין ירושלים. דער עקסטאז פון דעם דאזיקן קרייץ־צוג וואלט ווי א פייער ארומגענומען די קריסטלעכע מאסן. עס וואלט געווען א נייער מעכטיקער אויסברוך פון קריסטלעכן ענטוזיאזם, וואס וואלט פאראייניקט די בעטלערס און די לײדיקגייערס, די קרומע און לאמע און צעבראכענע. די מאסן דארפן א גרויסן, הייליקן קריג. עס וואלט א סך שלעכטס און געפערלעכס אפגעצויגן פון אייראפע — אין די מוטנע וואסערן פון סמבטיון... דער דא־זיקער געהיימנישפולער ייד קאן זיין נוצלעך...

זייער העפלעך האט פויפסט קלעמענטי געשמייכלט צום העברעאישן פרינץ דוד הראובני. און אין דער דאזיקער העפלעכ־קייט איז געווען א געפאר פאר אים, פאר הראובני'ן זיך נישט צו פארלירן. נישט צו ווערן היימיש מיט קיינעם. א מאדנער גורל פון א מאן — צו לעבן זיין גאנץ לעבן אין געהיימעניש. וואס מער ער האט פארבראכט אין פויפסט קלעמענטי דעם זיבעטנס הויף — אלץ וויניקער האט ער זיך געגעבן צו דערקענען. ער איז געווען דער געבוירענער דיפלאמאט. ער האט געוואוסט די טויט־לעכע געפאר פון רייד. ווערטער קענען לייכט פארראטן. צו דער־זעלבער צייט מוז ער דורכפירן די פלענער. און וואס מער ער פאר־ברענגט אין הויף פון פויפסט, אלץ מער מורמלעריי צווישן פאלק. מען מוז זיין שטארקער פון אייזן נישט צו שמייכלען צו די, וואס מען איז געקומען באפרייען. זיך צו האלטן ווייט און שטאלץ פון די, וואס מען האט אזוי שטארק ליב, אז מען וואלט צוגעפאלן צו זיי און זיך ברידערלעך געקושט.

איינזאם האט דוד הראובני געמוזט לעבן אין א וועלט פון לויטער פאלשקייט און אמביציע, וואו יעדער האט אים פארדעכ־טיקט און יעדער האט אים געפרואווט אויסנוצן פאר זיך; וואו אין יעדן מענטש איז פאראן אן אוואנטוריסט און גאלד־גייציקער.

און ער, דער אויסגעטראַכטער פּרינץ, דאַרף אַלעמען באַזיגן אין קלוגשאַפט און אין שאַרפזיניקייט. ער דאַרף אַלע בלבולים צעשלאָגן.

איינזאַם און באַהאַלטן — און דאָך זיין טאָג און נאַכט אונטער די אויגן פון די, וועלכע פאַרדעכטיקן אים. און צו קענען ציען די שווערד פון דער גילדערנער שייד אין ריכטיקן מאָמענט. צו קענען פאַכען מיט איר דערפאַלגרייך מיט אויסגעפּרואווטע דועליסטן און פעכטער. צו קענען זיך פאַרמעסטן אין יעדער שפּיל און געפאַר. צו קענען אפילו ווידערשטיין דעם נסיון פון יענער שיינער פרוי, בענווענידא, די פרוי פונם רייכן דון שמואל אברבנאל, וואָס האָט אים צוגעשיקט פון נעאַפּאָל פיל געלט און אַ פאָן פון זייד, וואָס אויף איר זיינען געווען מיט גאָלד אויסגעשטיקט די עשרת הדברות. יענע וואונדערשיינע פרוי, מיט די מאַניערן פון אַ יידי־שער פּרינצעסין, אָנגעטאָן אין זייד און אין גאָלד — האָט אים צוגעצויגן ווי אַ פייער... אין דער וועלט פון זיינע פאַנטאַזיעס האָט געפעלט אַ פרוי, וואָס זאָל אים באַגייסטערן. האָט נישט דאָן קיבאַט אויסגעטראַכט די פּרינצעסין דולציניע, כדי צו קענען אָנגיין מיט זיינע הייליקע מלחמות קעגן שלעכטס פון דער וועלט...

בשעת דער שליח האָט אים איבערגעגעבן דאָס געלט און די פאָן פון זייד, האָט פּרינץ דוד האורבני זיך איינגעבויגן איבער דער פאָן און זי געקושט... קוים באַרירנדיק דעם איידעלען זייד... עס איז געווען אין דעם מאָמענט, ווי ער וואָלט געקושט דעם זייד פון איר קלייד... דער שליח האָט אַ ציטער געטאָן און איז פאַרשוואונדן... ער האָט עס זיכער דערציילט בענווענידאַן... זי וועט פילן זיין קוש דורכן זייד... אויף איר הייס און אַלבאַס־טערדיק לייב...

און ווען שפּעט ביינאַכט קערט זיך דוד הראובני אַהיים, אין זיין חדר, שליסט ער זיך אָפּ אַליין. ער גיסט קאַלט וואַסער אויף זיין קאָפּ. ער מונטערט זיך אָפּ פון אָנשטרענגונג און מידקייט. ער ליגט שעה'נלאַנג אַ וואַכער, צוגרייטנדיק די פּלענער און אפילו די רייד פאַרן נעקסטן טאָג. איין פאַלשער שריט — און ער איז פאַרלוירן אין אַ וועלט פון לויטער שונאים. און זיין גרויסע אונטערנעמונג קען גיין צו־גרונט.

און דאָס וויכטיקסטע איז זיין אונטערנעמונג.

און ווען די לבנה ווערט בלייך און די שטערן ווערן ווי ליכט אין אַ גרויסן לייכטער פאַרלאָשן פון די הענט פון גאָט, איז שוין פרינץ דוד הראובני וואַך, כדי אָנצופאַנגען דעם גרויסן טאָג פון אונטערהאַנדלונגען. ער דאַרף געווינען נייע פריינט. יעדן איינעמס פריינטשאַפט איז וויכטיק. ציילט. עס איז וויכטיק צו געפינען פאַרערער פאַר זיין הערשער. פאָרזיכטיק, אָבער פרעציז מוז מען צעפלאַקערן דעם רום פון אַ שטאַרקער אימפּעריע אויף יענער זייט סמבטיון. די מאַפּע פון דעם פאַנטאַזיע־קעניגרייך איז גרויס... די ערד האָט נישט קיין סוף...

און — מיט דער שווערט שטענדיק ביים זייט, איז פרינץ דוד הראובני גרייט צו מעשים...

* * *

דוד הראובני גערעדנקט זיין רייזע נאָך פּאָרטוגאַל. זיין אויפנט־האַלט אין רוים, זיין פריינטשאַפט מיטן פויפּסט. זיין געהיימניש־פולע פערזאָן — האָט נאָך מער צעפלאַקערט זיין רום. פון דעם שטראָם פון דערינערונגען גייט־אויף זיין רייזע אויף דער שיף קיין ליסבאָן. עס זיינען געווען זוניקע טעג. אין זיין געצוואונ־גענער איינזאַמקייט האָט דוד הראובני געזען די יום־טוב'דיקייט פון די מענטשן אַרום אים. דער ים זעלבסט איז געווען פריילעך און שטורמיש. און דוד האָט אין דער נאַכט אַראָפּגעקוקט טיף אין ים אַריין. די שטערן פון הימל האָבן זיך געשלאָגן מיט די כוואַליעס. און דוד האָט פון די דאָזיקע קאַלטע שטערן געוואָלט אַרויס־לייענען זיין צוקונפט. דער ים איז געווען ווי איין לעבעדיק, אומ־געהויער ווען. און פאַר דוד הראובני'ן זיינען אויפגעגאַנגען ביל־דער פון זיין יוגנט. אין וועלכן לאַנד? ער האָט מורא צו טראַכטן דעם אמת. דער אמת איז געווען געפערלעך אין אַ וועלט פון שקר. אָבער די קינדערשע דערינערונגען שפּאַרן זיך אַרויס מיט גוואַלט. אַ בוים. אַ בלום. אַ מיידל. די יוגנט פון יעדן קינד. די זיסע קינד־הייט, ווען די מוטער איז די איינציקע דאַמע אין דער וועלט... די איינציקע געליבטע...

אין חודש נאָוועמבער האָבן זיך ביידע באַקענט — קעניג

יאָהאַן פון פּאָרטוגאַל און דוד הראובני. קעניג יאָהאַן האָט איינגעשטימט אים צו געבן געווער. און דאָס איז געווען אַ גרויסער זיג! דוד הראובני וועט אימשטאַנד זיין צו אָרגאַניזירן אַן אַרמיי פון די מאַראַנען און גיין באַזיגן די טערקן אין ארץ־ישראל. דאָס יידישע לאַנד וועט אויסגעלייזט ווערן פון די פרעמדע הערשער — און פון אַלע עקן וועלט וועלן זיך די ליידנדיקע יידן אומקערן קיין ארץ ישראל. אַ גרויסע אידייע, וואָס האָט דוד הראובני געמאַכט ציטערן אין די נעכט פון שלאָפלאָזיקייט.

אויך צווישן די יידן אין פּאָרטוגאַל איז דורכגעגאַנגען אַן עלעקטרישער ציטער. אַ מאַן האָט זיך באַוויזן אין הויף פונם קעניג און אָנשטאָט קעניג יאָהאַן זאָל אָנפאַנגען די אינקוויזיציע, ווערט ער גאָר פריינטלעך צו די יידן. ווען דוד הראובני רייט דורך די גאַסן אויף זיין ווייס פערד, קושן די יידן זיינע קליידער. עס געפינען זיך פאַר'חלש'טע, וואָס פאַלן פאָרויס פון זיין פערד און האַלטן אים אָפּ אינמיטן וועג. יונגע פרויען גייען אים אַנטקעגן מיט בוקעטן בלומען אין די הענט און רייכן עס צום „יידישן קעניג". די יידישע מאַסן זיינען ווי משוגע פון עקסטאַז. עס איז משיח'ס צייטן — און עס בענקט זיך זיי צו אַ ביסל ליכט. צו דער אויפריכטונג פון יידישן פאָלק. צו אַ יידישע מלוכה. צום יידישן קעניג — וועלכן זיי האָבן געזען אין דוד הראובני'ן. און אין איינזאַמקייט טראַכט דוד הראובני פון יענעם „יידישן קעניג", וואָס זיי האָבן געקרייציקט צווישן צוויי גנבים. עס וועט קומען אַ טאָג — און זיי וועלן אים, דוד'ן, צונאַגלען צו אַ יונגן בוים, וואָס זיי וועלן אָפּשיילן פון דער גרינער, זאַפטיקער הויט — זיי וועלן אים אויפהענגען — מיט אַ קרוין פון דערנער אויף זיין בלאַסן שטערן —און מיט נעגל וועלן זיי אים צונאַגלען צום בוים און דאָס בלוט וועט רינען איבער אים שטראָמענווייז. אָט איז דער יידישער קעניג! — וועלן די צעיושעטע מאַסן, דאָס אייביקע פעבל, זאָגן. און די לבנה וועט אים פאַרגליווערן מיט איר ליכט...

אָבער — די אַוואַנטיורע איז ווערט די מי. פון דעם דאָזיקן טרוים קען ווערן אַן אמת. דער פּויפּסט איז מיט לייב און זעל מיט אים. קעניג יאָהאַן וועט אים געבן געווער — און באַוואָפנענען וועט ער די יידישע מאַראַנען.

אין אָרעמקייט און רעכטלאָזיקייט, אין פינצטערניש און אין טרויער, איז ביי די יידן געבוירן געוואָרן די באַוועגונג פון קבלה. פון די אַלטע בלעטער פון זוהר האָבן אַרויסגעשטראַלט וויזיאָנען און וואונדערלעכקייטן, וואָס דאָס געוויינלעכע לעבן פון דעם ייד האָט נישט געקענט באַזיצן. די ליבע צו ווּיסנשאַפט האָט אָפּגע־טראָטן פאַרן געהיימניספולן נעפל פון קבלה. אין אַ וועלט פון ברוטאַליטעט האָבן אַזעלכע יידן ווי ר׳ יוסף יעבץ פון פּאָרטוגאַל און ר׳ אברהם בן שלמה פון שפּאַניע געפּרעדיקט די יידן זאָלן זיך צוריקציען אין דער וועלט פון תלמוד. ווען דער זון פון דון יצחק אברבנאל, ד״ר לעאָן אברבנאל מדינו, האָט אָנגעשריבן זיין עלע־גאַנט ספר „שמועסן וועגן ליבע״, וועלכן ער האָט געשענקט אַ מתנה צו פיליפּ דעם צווייטן — האָבן עס יידן געהאַלטן פאַר אַן אומגליקלעכע זאַך. גרויסע יידישע קבליסטן האָבן מיט אַ מערק־ווירדיקער טיפקייט צעוויעט די סעקרעטן פון קבלה, וואָס איז שטודירט געוואָרן אַפילו פון אַזעלכע קריסטן, ווי רייכלין, עגידאָ פאָן וויטערבאָ, גאַלאַטיני און פון פּויפּסט זעלבסט. דון יצחק אברבנאל האָט אין זיין ווערק „משמיע ישועה״ אויפגעוויזן, אַז משיח׳ס קומען איז נאָענט . . .

די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט פייער. לײדנדיקע פּי־בערן. און די דאָזיקע משיח־טרוימען האָבן אַרויסגערופן צו אַקטי־וויטעט דוד הראובני׳ן.

אויב די יידן האָבן אָפּן געהאָפט אויף משיח׳ן, איז געווען פיל טראַגישער די לאַגע פון די מאַראַנען. דאָס פייער פון דער אינקוויזיציע האָט יעדן טאָג געמוזט פאַרצערן זיינע קרבנות. אויסערלעך — קריסטן, האָבן די מאַראַנען אינערלעך געהאַלטן די דינים פון דער יידישער רעליגיע. אַ גרויסע ליבשאַפט, אַ גע־היימע ליבע האָט זיי געבונדן צום יידישן גאָט.

דוד הראובני האָט געפילט דאָס קלאַפּן פון די הערצער פון די מאַראַנען. ער האָט געזען דעם צער פון זייערע פּנימער, וואָס אויסערלעך מוזן זיי דינען צום קריסטנטום, גיין אין קירכע, טראָגן דעם צלם — און אינערלעך געהערן זיי צו אַן אַלט, טראַ־גיש פאָלק. פּאַטעטיש זיינען געווען די דאָזיקע מאַראַנען — אין זייער טאָפּלטן לעבן. דוד הראובני האָט געפילט דעם גרויסן ציטער

אין זייערע הערצער. און ער האָט געוואוסט, אַז ווען דער טאָג וועט קומען, וועלן זיי זיך אָנשליסן אין זיין אַרמיי, צו גיין דעראָבערן ארץ ישראל.

אָבער ווען די מאראנען אין שפּאַניע זיינען געוואויר געוואָרן פון דוד הראובני, איז ווי אַ גרויסער ווינט פון פרייד דורך זייערע ביינער. אַ פרוי אין הערעראַ האָט געזען וויזיאָנען. משה רבינו און די מלאָכים זיינען פאַר איר אויפגעגאַנגען אין פייער און איר מגלה געווען דעם סוד, אַז די גאולה איז נאָענט. די מאסן מאראנען האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום איר. זי האָט, ווי די אַמאָליקע דבורה הנביאה, פאַראַדירט איבער די גאַסן און אַלע האָבן געקענט זען, אַז זי איז באַזעסן פון גייסטער און אַז געשרייען פון דערוואָרגענע רייסן זיך אַרויס פון איר. די מאראנען זיינען געוואָרן ווילד פון פרייד. און דאָס איז געווען אַ געפאַר צו דוד הראובני׳ס פאַרזיכטיקער מיסיע...

איינמאָל אָנגעהויבן די געפערלעכע אַוואַנטיורע, איז נישט פאַראַן קיין צוריקטריט. אַזוי פיל מענטשן זיינען געוואָרן אויפגעריכט אין דערוואַרטונג. די מענטשן בענקען שטענדיק נאָך אַ נס. זיי נייטיקן זיך אין אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וואָס זאָל זיי פירן, אָנטפּלעקן, ריכטן. און ער, דוד הראובני, איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר קיין מאַסנבאַוועגונגען. אמת, ער איז באַוועגט געוואָרן פון די ליידן פון יידן און מאראנען אַזוי צו האַנדלען. אָבער ער איז אַן איינזאַמער אינדיווידואַליסט. געבוירן צו האָבן צו טאָן מיט קעניגן און מיט פירשטן. עס איז פאַראַן אַ געוויסער צווייבער אין האַנדלען מיט די דאָזיקע נאָבלליייט, וואָס מיינען, אַז זיי זיינען די קליגסטע פון דער וועלט, וואָס קוקן מיט פאַראַכטונג אויף די מאסן, אויפן פעבל. עס קאָסט אים גרויס אָנשטרענגונג מיט זיי צו רעדן. ווען ער קומט אַהיים, איז ער אויסגעווייקט אין שוויים. אָבער ער געניסט די קאָנווערזאַציעס. ער האָט אַ מאָדנע הנאה צו זען, ווי אַזוי זיי ווערן פאַרצויבערט פון זיינע קורצע, אָפּגעהאַקטע פראַזן, ווי אַזוי ער פאַרשטריקט אַרום זייערע קעפּ אַ שפּינוועבסטיקע נעץ... ווי אַזוי ער האַלט זיי געפאַנגען. ווי לייכטזיניק און לייכטגלויביק זיי זיינען... און ווי זיי זוכן נאָר דעם פערזענלעכן

נוצן... ער פארברענגט מיט זיי שטונדנלאנג און דערקענט זיי געננוי — בשעת זיך איז ער געגוג פארזיכטיק נישט צו פאר־ראטן מיט קיין איבעריק ווארט. ער רעדט צו זיי ווי דער ברודער פון א הערשער — ווי דאס אורקינד פון גרויסן קעניג דוד... און ער אנטפלעקט אריענטאלישע פילאסאפיעס און לעגענדעס. ער „אמוזירט" מיט א וועלט וואס ער מוז אויסטראכטן. און ער טראכט אפילו אויס זיין פרוי, די פרינצעסין, און ער מאלט פאר זיי איר שיינקייט. ער טראכט אויס זיין ברודערס אימפעריע — און פון די שטערן ציט ער אראפ רייכקייט און מאכט.

און, אין שפעטע נעכט, אין איינזאמקייט געווארפן, באפאלן דוד הראובני'ן שרעקלעכע ספקות. טוט ער, חלילה, נישט קיין שאדן זיינע געפייניקטע ברידער? ווי שרעקלעך קען ווערן פאר זיי די אנטוישונג, אויב ער וועט דורכפאלן. און ווי לאנגזאם עס גייען צו די פארהאנדלונגען! עס קומט פאר א קעגנזייטיקער דועל אין נערוון. יעדער ראנדעוואו איז אן אויספארשונג פארן העברעאישן פרינץ. יעדעס מאל מוז ער דערפינדן נייעס פון זיין פאנטאסטישער אימפעריע. ער מוז אנצינדן א וועלט פון נישט־עקזיסטענץ, פון שפינוועבס — און די אנשטרענגונג איז אומ־געהויער. און דאך, פון די טויזנט שוועריקייטן און צווייפלען, וואלט זיך „דער קעניג פון די יידן" נישט געוואלט צוריקציען פון זיין געפערלעך שפיל. און ער איז גרייט אויף די קרבנות אפילו פון די מאראנען. אין קארדאווא האט מען אין די לעצטע טעג פארברענט ניינציק לעבעדיקע נפשות — בלויז פארן חטא וואס זיי האבן געוואגט צו גלויבן און צו האפן, אז משיח וועט קומען און אז די מאראנען וועלן זיך אומקערן צו זייער רעליגיע. דער טויט ווערט פון דער קריסטלעכער קירך געטיילט צו מענטשן, צו מענער און פרויען, דערפאר וואס זיי וואגן צו האפן... און נישט קיין אנדערער ווי דוד הראובני האט זיי געבראכט צו זייער האפענונג. א פריינט האט אין געהיים צוגעזען די עקזעקוציע. זייערע פנימער — פון די מאראנען — האבן געלויכטן נאך פלא־מענדיקער, ווי דאס פייער וואס האט זיי ארומגענומען. און צוזא־מען מיט „שמע ישראל!" האט מען געהערט דעם נאמען פון דוד הראובני, וואס די שמאכטענדיקע האבן געשריגן, בשעת די

פלאַמען האָבן געשרפה'ט זייערע לייבער. יונגע פרויען, וועמענס לאָקן האָבן געברענט, האָבן אין עקסטאַז אויפגעשטראַלט, מיט אויפגעבליצטע אויגן, זעענדיק דעם דערלייזער אין וויזיאָן. בשעת דער שליח האָט איבערגעגעבן די פּאַסירונג אין קאָרדאָווע — האָט דוד הראובני געוויינט. וויפיל נייעם מוט פאַר זיין ווערק דאָס אים געגעבן! וויפיל קוראַזש! עס וועט קומען דער טאָג — און ער וועט אַרויספירן די ליידנדיקע פון זייער קנעכטשאַפט. — און אין מאָמענטן פון שטאַרקן גלויבן האָט זיך דוד הראובני פאַר־טראַכט וועגן משה רבינו. ווי ענלעך איז זיין גורל צו משה'ס! אויך משה איז דערצויגן געוואָרן אין עגיפּטישן קעניגס הויף. אויך ער האָט געקענט געניסן לוקסוס און פרייד און קיינמאָל נישט וויסן פון דעם גורל פון די ליידנדיקע. אָבער אויך משה האָט געאָפּ־פערט מיט זיין פערזענלעך גליק — לטובת הכלל.

ווי אַ זייל פון פייער — פון דער ערד ביז צום הימל — איז פאַר אים אויפגעגאַנגען משה רבינו — און אין אַזעלכע מאָמענטן האָט ער זיך שטאַרק געפרייט וואָס ער האָט אַ ביישפּיל אין דער אידישער געשיכטע! משה רבינו וואָס האָט אינטים גערעדט מיט זיין פערזענלעכן פריינט — דעם רבונו של עולם — איז געוועזן פון קליינערהייט אָן זיין אינספּיראַציע. ווי ער, שלאָגט ער זיך מיט די קעניגן. ווי ער, דאַרף ער זיך באַקעגנען מיט אַלערליי פאַל־שע כישופמאַכערס. די צייט איז איצט אַן אַנדערע. אין פאַרגלייך מיט די מאָדערנע דיפּלאָמאַטן, יעזואיטן, קעניגן און אונטער־שמייכלער — זיינען די עגיפּטישע כישופמאַכערס און אַסטראָלאָגן געוועזן נאַאיווע מענטשן! אָבער, דוד הראובני ווייסט, אַז זיין ווערק איז געזיכערט — דען פונקט ווי אונטער די פּלייצעס פון משה'ן — שטייט אויך אונטער אים — גאָט, זיין אייזערנע פעס־טונג. און דאָס וואָס ער ווייסט נאָך נישט ווי אַזוי איצט צו רעאַלי־זירן, וועט מאָרגן גאָט אַליין אים דיקטירן, ווי ער האָט דיקטירט משה'ן — דעם פירער פון די יידן...

און בשעת דוד הראובני האָט זיך געראַנגלט מיט די ענטור־זיאַסטישע מאַראַנען און יידן, מורא האָבנדיק אַז זיי קענען אויפרעגן די הערשער און צעשטערן זיין ווערק — און מיט די הער־שער זעלבסט, וואָס האָבן אויך געהאַט זייערע ספקות אין אים —

איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט נאָך מער געקענט שאַדן ברענגען דוד הראובני. דאָס איז געווען די דערשיינונג פון דיעגאָ פּירעס — אַ מין אהרן, וואָס איז אויסגעוואַקסן ווי אַ פלאַם פון דער באַוועגונג פון קבלה, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן דאָס יידישע פאָלק.

* * *

ווען דוד הראובני טראַכט איצט נאָך וועגן שלמה מולכו, אָדער ווי ער האָט זיך גערופן נאָך איידער ער האָט זיך מלה געווען, דיעגאָ פּירעס — קען ער קלאָר אָנצייכענען די איידעלע קאָנטורן פון זיין פּאָרטרעט. דיעגאָ פּירעס איז געווען געוועבט פון דעם שטאָף פון וואַנען די חלומות פון די מאַראַנען זיינען געוועבט געוואָרן. אין אים איז געווען אַלט־ביבלישעס, פון די אמת'ע אַלטע העברעער און די עכטע פּרינצלעכע מאַניערן פון קעניגלעכן הויף. ער איז געווען דענקער, טרוימער און אַריסטאָקראַט. געבוירן און דערצויגן אין קייזערלעכן הויף אין פּאָרטוגאַל, שוין געבוירן אַ קריסט, האָט ער באַזעסן די גראַציע פון אַ קעניגס־מענטש, די עלעגאַנץ פון אַ ריטער. דעם צויבער פון אַ טרובאַדור. דיעגאָ פּירעס האָט געקענט גוט העברעאיש און קבלה. ווי פּרינץ בודא, האָט ער איינגעזען די אייטלקייט פון עשירות און גלאַנץ. נישט אין פיזישער גבורה איז די גרויסקייט און שיינקייט פון דער ערד. נישט אין ערדישע רייכטימער איז דאָס גליק פון די מענטשן. דיעגאָ פּירעס איז געווען אַ זון פון די מאַראַנען. און ער האָט דעריבער געטראָגן זייער שמערץ און זייער געהיימעניש. זייער מאַסקע פון טרויער און זייער קאָסטיום פון מאַרטירער. סענסיטיוו, איידל, נאָבל־געבוירן, אינטעליגענט אין מאָדערנע און קלאַסישע וויסנשאַפטן, איז ער אויך געווען וויזיאָנער און טרוימער. פון קליינערהייט אָן — פאַרטראַכט. פיל באַלעזן. און אין די לעצטע יאָרן האָט ער זיך אַריינגעטאָן אין קבלה. ביז אין די שפּעטע נעכט, ווען די לבנה באַלייכט די גראַטעס פון די פענצטער, זיצט דיעגאָ פּירעס אין איינזאַמקייט פון זיין צימער און שטודירט די אַלטע ווערק. דעם זוהר. וועלכע וועלטן מיט שיינקייט לויכטן אין אים אויף! און וועלכע הערלעכע וויזיעס פון דער גאולה. טיילמאָל טראַכט דיעגאָ פּירעס,

אַז די נשמה פון דניאל׳ן איז אין זיין געביין. די נשמה פון יענעם איינזאַמען העברעאישן פּרינץ, וואָס האָט זיך אַ בלאַסער אַרומ־געדרייט צווישן די ליבן אין קאַלכאַויון; וואָס האָט זיך אַ בלאַסער אַרומגעדרייט צווישן די קעניגן — צווישן דינאַסטיעס — דער טרוימער און אויסטייטשער פון חלומות. און ווי פּרינץ דניאל — איז ער געווען סאַרדאָניש און וויציק. עפּיגראַם־מייסטער. שלאַגפערטיק און קלוג. און דאָך איינגעהילט אין אַ נעפּל פון ראָמאַנטיק.

דוד הראובני האָט דיעגאָ פּירעס׳ן קאַלט אויפגענומען. ער האָט אין דאָזיקן יונגנמאַן געזען אַ געפאַר. ער האָט געקענט מיט זיין אומפאַראַנטוואָרטלעכן ענטוזיאַזם צעשטערן זיינע פּלענער. זייער ווייניק האָט דוד הראובני געגלייבט פאַרן דאָזיקן טרוימער. און נאָך ווייניקער האָט ער אים געענטפערט אויף זיינע פראַגעס וועגן דער גאולה. דוד הראובני האָט זיך בכלל געפירט ווי אַ דאָקטאָר וואָס דאַרף היילן דעם חולא. נאָר דעם פּאַציענט זעלבסט איזאָלירט ער. ער ווייסט די געפאַר פון זיין סענסיוויטעט. ער קען צעשטערן מיט אַ נישט־גוטער באַוועגונג זיין גאַנצן קינסטלעכן געוועב אין אַ וועלט פון שונאים און פאַררעטער.

דיעגאָ פּירעס האָט איבער זיך געלאָזט דורכפירן אברהם אבינו׳ס אָפּעראַציע. בלויז דאַן, האָט ער געדענקט, וועט ער געהערן צום יידישן פאָלק. בלויז דאַן האָט ער אַ רעכט זיך צו פילן אַלס ייד. בלויז דאַן וועט דוד הראובני צו אים האָבן פולן צוטרוי.

די אָפּעראַציע האָט שלמה מולכו׳ן געבראַכט אַ גרויסן פאַר־לוסט פון בלוט. ער איז ערנסט קראַנק געוואָרן, זייענדיק פון דער נאַטור אַן איידעלער, ווי אַ פּרינץ. דוד הראובני האָט זיך דערשראָקן ווען ער האָט געהערט פון דיעגאָ פּירעסעס טאַט. דאָס האָט אים געקענט קאָסטן זיין פריינטשאַפט מיט קעניג יאָהאַן, וועמענס פריינט, דיעגאָ פּירעס, האָט אים „פאַרראַטן". דוד הראובני האָט דע־ריבער געראַטן שלמה מולכו צו פאָרן אין טערקיי און זיך אָפּרוען נאָך דער אָפּעראַציע.

דוד הראובני און שלמה מולכו — דאָס זיינען געווען צוויי באַזונדערע כאַראַקטערן, וואָס האָבן פּילייכט נישט געקענט הויזן צוזאַמען. שלמה מולכו — אָפן, אויפריכטיק און פייערלעך. דוד

הראובני — געהיימנישפול, באהאלטן, פארזיכטיק און אויסערלעך־
קאלט. א נזיר און א דיפלאמאט. שלמה מולכו האט געקענט
ברענגען שאדן זיין ווערק. איבעריקנס, וואלט ער נייטיק געווען
עטלעכע חדשים שפעטער, ווען זיינע פלענער וואלטן אנגעהויבן
מאטעריאליזירט צו ווערן. דערווייל איז ער — שעדלעך.

שלמה מולכו האט ליב געהאט רייד. דער צויבער פון ווער־
טער איז אים געווען זיס ווי מוזיק. און ווען ער איז אנגעקומען אין
טערקיי, האט ער אנגעהויבן עפנטלעך דערציילן וועגן דוד הראובני,
דעם שליח פון יידישן קעניג פון יענער זייט סמבטיון, וואס איז
אזוי פייערלעך אויפגענומען געווארן פון פויפסט און פון קעניג
יאהאן. וואונדער זיינען געפלאסן פון זיינע רייד. ער האט געשיינט
פון שמחה. און אומעטום האבן די יידן געשמאכט נאך דער גאולה.
יידן זיינען שוין צוויי טויזנט יאר דורשטיק נאך משיח — און
שלמה מולכו איז געווען א וואונדערלעכע אפפרישונג. אין סאלא־
ניקי האבן זיך מיט אים געפרייט די מקובלים, די תלמידים פון
ר' יוסף טאיטצק. שלמה מולכו האט געלויכטן מיט זיין גרויס
קענטעניש אין קבלה, מיט זיין גאלדענער פאנטאזיע, מיט זיינע קע־
ניגלעכע מאניערן. פארן דאזיקן מאן זיינען געפאלן גלייך מענער
ווי פרויען. אלע האבן זיך געוואלט געפינען אין זיין געזעלשאפט.
מיידלעך האבן וועגן אים געטרוימט אין זייערע חלומות. תלמידים
האבן געשטראמט צו אים פון אלע לענדער — און צווישן די
תלמידים, איינער וואס וועט שפעטער ווערן אליין אן אומשטערב־
לעכער מאן, ר' יוסף קארו. שלמה מולכו איז געווארן דער פראפא־
גאנדע־מיניסטער פון דוד הראובני'ן. דוד הראובני האט געשוויגן.
שלמה מולכו האט גערעדט. ער איז געווארן דער פלאמענדיקער
אמבאסאדאר פון דער גאולה. פון דעם קעניגרייך וואס דארף
קומען.

דוד הראובני איז באוואוסטזיניק וועגן אלע געפארן. ער איז
אנטשלאסן צו וועבן זיין נעץ — אבער נישט געגנוג אינערלעך
זיכער מיט זיין טריאומף. שלמה מולכו איז זיכער! קיין ברעקל
צווייפל נישט אין זיין אנגעצונדענעם מוח. דוד הראובני ווייסט,
ווי שרעקלעך עס קען זיין דער פינאל אין א וועלט פון שונאים,
ווען ער זאל, חלילה, דורכפאלן — נישט נאר פאר אים אליין,

נאָר אויך פאַר אַלע מאַראַנען. שלמה מולכו איז אַזוי צעהיצט, אַז ער ווייסט נישט און טראַכט נישט וועגן דער געפאַר. ער איז ביז צום הימל אין עקסטאַז דערהויבן. ער מוטיקט די יידן. נישט ווייט איז שוין דער טאָג פון גאולה. ער איז דער מיסיאַנער פון אַ קעניג, וואָס שווייגט... אָבער דערפאַר באַזיצט ער אַליין די גילדערנע שפּראַך צו רעדן.

די אַטמאָספערע פון טערקיי; די שטעט וואו יידישע קבלה האָט זייט יאָרטויזנטער געבליט; די אַלגעמיינע אומרואיקע לאַגע פון דער וועלט; די לײַדן פון די יידן און פון די מאַראַנען — און די דערשיינונג פון דעם מיסטעריעזן שליח פון אַ יידישן קעניג, דוד הראובני — דאָס אַלץ האָט נאָך מער אָנגעצונדן די פאַנטאַזיע פון דעם קינסטלער־טרוימער און מיסטיקער — שלמה מולכו.

* * *

פאַר דוד הראובני'ן איז די לאַגע אין פּאָרטוגאַל געוואָרן וואָסאַמאָל שווערער — ביז ער האָט אין אַ טאָג געמוזט פון דאָרט אַוועק. דוד הראובני האָט פאַרלוירן זיין פריינטשאַפט ביים קעניג יאָהאַן, וועלכער האָט געמוזט צוזען וועלכן שטורעם דוד הראובני האָט געמאַכט צווישן די מאַראַנען, ווי זיי לויפן אים נאָך ווי נאָך אַ קעניג און גיבן אים אָפּ כבוד. אים האָט אויך פאַרדראָסן, וואָס דיעגאָ פּירעס, זיין גוטער פריינט, איז אַוועקגעריסן געוואָרן פון אים. קעניג יאָהאַן האָט געוואָלט וואָס פריער איינפירן די אינקוויזיציע — און דוד הראבני איז אים געווען אין וועג. דער דאָזיקער מאַן מיט פאַרמעט־פּנים האָט זיך ווי געשטעלט קעגן דער „הייליקער" אינקוויזיציע און ער סטראַשעט מיט אַן אימפּעריע וואָס איז נישטאָ אויף דער וועלט. די בעסטע זאַך וואָלט זיין אים אָפּצוּבראָטן אין פייער פון דער אינקוויזיציע...

צוויי חדשים האָט דוד הראובני נאָך געמעגט פאַרבלייבן אין פּאָרטוגאַל. ער האָט געזען ווי דער קעניג און די קעניגין אַרבעטן כדי איינצופירן די אינקוויזיציע. ער האָט שוין געפילט דעם ריח פון מענטשנפלייש וואָס ברענט אויף די שייטערהויפנס.

די פינצטערניש האָט זיך נאָך מיט אַ שטאַרקערער קראַפט אויס־געשפּרייט איבער דעם גאַנצן לאַנד.

די שיף, אויף וועלכער דוד הראבני האָט זיך געטראָגן קיין שפּאַניע, האָט דורכגעמאַכט אַ שטורעם. און דוד הראבני איז געזעסן אין זיין קאַיוטע און זיך דערמאָנט וועגן יונה הנביא׳ן. ווי ענלעך זייערע ראָלן זיינען! יענער איינזאַמער נביא, אָן אַ פרוי און אָן קינדער, האָט געוואָלט אַנטלויפן פון דער מאַכט פון גאָט. ער האָט געוואָלט געפינען אַ ווינקל אין קאָסמאָס, וואו גאָט׳ס גייסט הערשט נישט. ער האָט געוואָלט פון זיך אַראָפּ־וואַרפן דעם יאָך פון נביא. ער האָט געוואָלט אויפהערן צו שטראָפן די יידן. און נישט פּאַרויסזאָגן קיין חורבן און קיין פאַרניכטונג פון שטעט און לענדער. ער איז שוין מיד פון שטראָפן די מענטשן. און ער צווייפלט אין גאָט׳ס שטאַרקייט. גאָט וועט חרטה האָבן. און דער איינזאַמער נביא האָט געוואָלט זיך באַהאַלטן אין אָפּגרונט, פונם אויג פון גאָט. ער האָט גאָט׳ס קלייד געוואָלט פון זיך אַראָפּוואַרפן.

דער ים שטורעמט. וועלכער אומגעהויערער כוח שרייט פון די טיפענישן פון ים צו די הימלען! דער ים איז אויפגערעגט — און אויך ער, אַן אומבאַרופענער נביא, איז מיד פון דעם געטומל פון מענטשן. הגם ער איז דורכגענומען מיט דער עקזיסטענץ פון גאָט, זוכט ער אים אין יעדן ווינקל. יונה איז געלאָפן פון גאָט ווי פון אַ פייער. און ער לויפט צו גאָט, ווי צו אַ פייער. און ער, דער אומבאַרופענער נביא, וואָס וואָלט וועלן אויסלייזן די וועלט פון אומגערעכטיקייט, וואַנדערט שוין יאָרן אַרום — אַן רעזול־טאַטן. אים געלינגט אַנצומאַכן אַ שטורעם צווישן זיינע אייגענע. ער איז די סענסאַציע אין קעניגלעכע הייף. וועלכע געוואַגטקייט צו רעדן פון אַ יידישע מלוכה! פון אַ יידישע אַרמיי! פון אַ יידישן קעניג! צום ערשטן מאָל, נאָך בר־כוכבא רעדט אַ מאַן פון אַ יידישער מאַכט. ער קומט נישט בעטלען. ווען קעניג יאָהאַן האָט אים אָפּגעזאָגט צו געבן די אַכט שיפן מיט פיר טויזנט פאַרשידענע כלי־זין, האָט ער געציטערט. ער האָט גוט געציטערט. ווייל ער האָט זיך געשראָקן פאַר דוד הראובני׳ס בליק. פאַר זיין מלוכה — וואָס קען דאָך זיין אַן אמת.

עס ציטערט דער ים. עס ציטערט די גאַנצע ערד — מיט איר שלעכטס. אַזוי ווי עס ציטערט דער ים, אַזוי וועט אין טאָג פון גרויסן געריכט ציטערן די ערד. דער אַלמעכטיקער וועט זי אָננעמען פון אַלע פיר זייטן און טרייסלען ווי אַ בלאַט אין שטורעמווינט. אַזוי ווי עס ציטערן די כוואַליעס פון ים איצט, אין אַלע זייערע קאָלירן, אַזוי וועלן זיך די פעלקער טרייסלען. דורות וועלן אַרויס־שטייגן פון דער פאַרגאַנגענהייט און באַצאָלן פאַר די זינד. גענע־ראַציעס וועלן אויפגעוועקט ווערן פון זייער שטיינערנעם שלאָף כדי צו באַצאָלן פאַר זייערע פאַרברעכנס. עס איז נישט קיין גע־וויינלעכער שטורעם — עס איז אַ וויכער פון נאַציאָנען. עס איז דער פראָלאָג צום גרויסן געריכט. ציטערט, איר פעלקער און קעניגן, עס גייט אויף אייך דער ריכטער פון די הימלען!

און דוד הראובני איז פונדעסטוועגן גרייט פאַר נייע טאַטן און אָנשטרענגונגען. איין טייל — די קריסטלעכע — רופט אים שווינדלער. די צווייטע טייל — די יידישע — רופט אים משיח. אויב אַ שווינדלער — איז דוד הראובני אַ געטלעכער שווינדלער. טרוימער. בעל־חלומות. אָבער ער איז אויך אַ גרויסער רעאַליסט. ער ווייסט, אַז מען מוז צו די הערשער רעדן מיט מאַכט. אין פילע יאָרן, אין איינזאַמקייט, אָן ווייב און קינדער, לעבנדיק דאָס לעבן פון אַ נזיר — האָט דוד הראובני זיך געלערנט רעדן מיט מאַכט, מיט כוח פון אַ יידישער מדינה. ער האָט שוין אַלס קינד געדערט צו ביימער און צו שטראָמען, צו שטערן און צו זונען — כדי שפּע־טער צו רעדן צו קעניגן און קאַרדינאַלן. די דראַמע איז נאָך נישט געענדיקט. אָבער צווייפל פייניקט אים זיין גאַנץ לעבן און נאָכ־מער — איצט.

אין דער צייט ווען דוד הראובני האָט זיך געטראָגן אויף די שטורעמדיקע כוואַליעס קיין שפּאַניע, האָט זיך אין יאָר 1529 שלמה מולכו אומגעקערט קיין איטאַליע. אַ נאָך מער צעפלאַמטער ווי פריער. ער איז איצט געוווען רייפער אין יאָרן; אַ מאַן, וואָס האָט בעסער געקענט מענטשן און פעלקער. די רייזע אין טערקיי, אין די אָריענטאַלישע לענדער, האָט אים געבראַכט מער וויסן אין פּסיכאָלאָגיע פון די מענטשן. זיין קאָנטאַקט מיט די יידן האָט

אים באוויזן, אז אומעטום ווארטן יידן אויף דער גאולה. זיין שטודיום אין קבלה האָט רייכער געמאַכט זיין פאַנטאַזיע און זיין פּאָעטיש געניוס. און אין דערזעלבער צייט האָט ער אַלץ באַצוי־בערט מיט זיינע פּרינצלעכע מאַניערן, מיטן געשליפענעם אָרט רעדן, מיט דער מעכטיקער איראָניע און מיט דעם פייער פון פּאָעזיע אין זיין הארצן. און אים האָט איינגעהילט אַ גרויס פייער — דאָס פייער פון גאולה.

צום ערשט האָט זיך שלמה מולכו אָפּגעשטעלט אין אַנקאָנאַ, וואו עס האָט שוין עקזיסטירט אַ יידישע קהלה פון געוועזענע מאַראַנען. שלמה מולכו האָט דערזען, אַז זיין ענטוזיאַזם שלאָגט פייער. פון אַלע זייטן האָבן זיך צו אים באוויזן פיל פריינט. אַ מאָדנער צויבער גייט אַרויס פון זיין פּערזענלעכקייט. און דאָך געפינען זיך אויך שונאים. מענער, וואָס ווייסן וועלכע געפאַר שלמה מולכו טראָגט אין זיך פאַרן פאָלק; מענער, וואָס שרעקן זיך פאַר דער אַנטוישונג; מענער, וואָס ציטערן פאַר דער קראַפט פון קבלה, פּאַרזעענדיק אינגאַנצן די אָביעקטיווע באַדינגונגען.

שלמה מולכו ציט קיין רוים. עס איז דאָרט, אין דער פעסטונג פון קאַטוילציזם, וואו ער מוז אַריינדרינגען. עס איז אַ גרויסער מאָמענט. דאָרט, אין דער שטאָט וואו צעזאָרן און פויפּסטן האָבן דערקלערט אַ קאַמף קעגן ירושלים. דאָרט אַהין, פון וואַנען עס קומען די יידישע שונאים, די טיטוסעם און די וועספּאַסיאַנוסעם — ציט דעם דרייסטן אָדלער. דערקלערן אַ קאַמף דעם קאַטוילישן קלויסטער — דעם וואַטיקאַן — דעם פויפּסט. מיט טויזנט און פינף הונדערט יאָר צוריק איז פון דער באַזיגטער פּאַלעסטינע אַרויס אַ מאַן, וואָס האָט אויפגעשטעלט די קאַטוילישע רעליגיע — אַ ייד. און איצט קומט אַ צווייטער ייד כדי זי צו צעשטערן.

אין רוים האָט שלמה מולכו זיך געטראָפן מיט די גייסטער פון די יידישע מאַרטירער, וואָס זיינען דאָ געטייט געוואָרן. די העלדן פון יידישן אויפשטאַנד. שמעון בר־גיורא און זיינע שטאָלצע לייט. דאָ, אַנטקעגן די מעכטיקע צעזאַר־געשטאַלטן, האָבן די יידישע העלדן דעמאָנסטרירט זייער גרויסקייט. נאָך שטייען די קאָלאָסעאומס, וואו די יידישע העלדן האָבן געקעמפט קעגן לייבן

און טיגערן. דאָ איז נעראָ געזעסן און געקליבן נחת פון יידיש פלאַמענדיק בלוט, וואָס שטראָמט פון אָפענע וואונדן. רוים — דאָס אוראַלטע רוים — ווערזוס ירושלים. אָבער פון ירושלים קומט שלמה מולכו — און ער וועט זי אין שלאַנגענקאָפּ דער־שלאָגן.

שלמה מולכו האָט פאַר זיך דערזען אַ וועלט מיט באַמטע, אונטערגעקויפטע פון דער קירכע. אַ וועלט פון שונאים — וואָס שטעלן זיך קעגן זיינע פלענער. און ער איז שליסלעך אַן איינ־זאַמער מאַן. דוד הראובני איז ערגעץ אין שפּאַניע. ער איז דער איינציקער מענטש, מיט וועלכן מען קען זיך בּאַראַטן. אָבער אויך ער רעדט אַזוי ווייניק. און ווען פון זיינע הייסע דרשות און פאַר־זאַמלונגען קומט ער אַהיים — דערפילט ער די איינזאַמקייט. קיין פרוי, וואָס זאָל מיט איר פרישקייט און ליבע דערפרישן זיין גייסט. קיין ווייב, וואָס זאָל אים מוטיקן. די נאַכט פאַלט־אַרויף אויף אים, אויף זיין ברוסט, ווי אַ מאַרמאָרבלאָק.

אַזוי ווי דוד הראובני פּאַראַדירט אין נאָמען פון אַ יידישער מלוכה, אַזוי מוז שלמה מולכו דערשרעקן די שונאים מיט מופתים. נישט אומזיסט האָט ער שטודירט אַסטראָלאָגיע אין סטאַמבול.

אויפן 8־טן אָקטאָבער 1530 האָט שלמה מולכו פאָרויסגע־זאָגט אַ פאַרפלייצונג איבער רוים. און אויפן 26־טן יאַנואַר 1531 — אַן ערד־ציטערניש אין ליסבאָן. ווען דאָס וואַסער האָט זיך שטורמיש געטראָגן איבער די פּאַלאַצן פון דער צעזאַרישער שטאָט, האָבן זיך די מאַכטיקע פון דער ערד דערשראָקן. דאָס וואַסער, דער שרעקלעכער רעגן, דאָס נידעריק גיין פון די וואָלקנס — האָט געשראָקן און חוזק־געמאַכט פון די מאַכטיקע פון דער ערד. די שטורמישע כוואַליעס האָבן געשלאָגן די פּריסטער און די דיר־פלאָמאַטן. מענטשלעכע רייד און פלענער זיינען געוואָרן צו שטויב. דאָס וואַסער האָט מיט טייוולישע הענט צעטראָגן מויערן און שלעסער; ס'האָט אויפגעהויבן פּאַרקאַנס און פונדאַמענטן און זיי ווי פּילקעס געוואָרפן צו דר'ערד. עס האָט געפּאַטשט דער ציניזם פון דער נאַטור. און דער אָבערגלויבן האָט זיי לעכערלעך געמאַכט. און דאָס האָט אַ בלאַסער ייד פאָרויסגעזאָגט. האָט ער פאַרבינ־

דונגען מיטן טייוול? האָט ער אַ האַנט אין דעם דאָזיקן נאַטור־אומגליק? קען זיין גאָט באַווייזן דיזעלבע קראַפט, ווי אין די צייטן פון משה'ן, ווען ער האָט די עגיפּטער ביטער געשטראָפט?

די ערד האָט געציטערט אין ליסבאָן, ביי די סאַמע פונדאַמענטן פון קעניג יאָהאַנס פּאַלאַצן. און דער קעניג און די קעניגין האָבן געציטערט. די באַפעלקערונג איז געלעגן אונטער די רואינען און די טויטע זיינען געווען פּאַרקרימט פון שמערץ און די לעבעדיקע — פאַרשטיינערט פון שרעק. וואָס קומט דאָ פאָר? האָבן די העברעער אויפגעוועקט זייער אַלטן גאָט און ער בליצט און דונערט? ציטערט איר, פעלקער, פאַרן העברעאישן גאָט! דער טאָג פון נקמה קומט און ער וועט הייסע בערג מאַכן פאַלן אויף אייערע קעפּ. ער וועט זיך אויסגיסן — גאָט'ס צאָרן — ווי אַ ברענענדיקער ים מיט זיינע כוואַליעס אויף אייערע זינדיקע לייבער.

און די אינקוויזיציע האָט דערווייל עטלעכע מאָל אַרעסטירט שלמה מולכו'ן און אים געוואָלט אָפּשיקן צום פייער. דאָס ערשטע מאָל — פאַרן אינקוויזיציע־געריכט — האָט שלמה מולכו אַרויסגעכאַפּט דעם שוטץ־בריוו פון פויפּסט קלעמענטי, און דאָס האָט אים באַפרייט. אָבער דעם צווייטן מאָל האָט אים די אינקוויזיציע פאַרמשפּט צום טויט — דורך פייער.

אין אַ וועלט פון שונאים האָט שלמה מולכו געהאַט איין פריינט — פויפּסט קלעמענטי. עס איז ער, וואָס האָט אים כסדר געראַטעוועט פון די הענט פון דער אינקוויזיציע, וואָס האָט אירע פייער־הענט כסדר געהאַט אויסגעשטרעקט אויף אים. און אויך איצט האָט פויפּסט קלעמענטי געהאַט באַשלאָסן צו לאָזן אַן אַנדערן מאַן פאַרברענען אויפן שייטערהויפן, אַנשטאַט שלמה מולכו.

עס איז געווען אַ נאַכט אין אויגוסט, ווען די עקזעקוציע איז פאָרגעקומען. די ביימער זיינען געווען פול מיט גאָלדיקע בלעטער, איינגעוועבן דורכן הארבסט־גילדערנע און שאַרפע ציין. פון דער ערד איז אויפגעגאַנגען אַ ריח — דער ריח פון צעפוילטע אינסעקטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו שטאַרבן אין די פּאַרקן, צווישן די גראָזן. דאָס גראָז איז געווען אָפּגעברענט, גאָלדיק, אַזוי ווי עס

וואַלט איינזאַפּן אין זיך דאָס גאָלד פונם זומער. און צווישן דער מאַסע וואָס האָט געפּאַדערט דעם טויט פון שלמה מולכו, איז ער אַליין געווען. אויפן פייער, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אויפן גרויסן פּלאַץ, פון פייכטע צווייגן, איז געלעגן אַ מאַן, גע־בונדן מיט שטריק, פאַר'חלש'ט און שיכור. די פלאַמען האָבן זיך לאַנגזאַם צעברענט. צוזאַמען מיטן פאַראורטיילטן האָבן גע־קרעכצט די צווייגן — דען נישט בלויז מענטש אַליין איז דאַ פאַר־ברענט געוואָרן — נאָר אויך לעבעדיקע ביימער, אַ גאַנצער וואַלד, מיט זיינע טרוימען און זיינע פייגל־לידער. און מענטש האָט געזען זיין קינדהייט, זיין יוגנט אויפגיין. און ביימער האָבן געזען זייערע באַגינענס און פאַרנאַכטן, זייערע טוי־פרימאָרגנס און זייערע הימלען. און מענטש מיט טרערנפייכטע צווייגן האָבן זיך פאַר־איייניקט אין אַ ביטער געוויין איבער דעם שלעכטס פון די מענטשן. און דאָס פייער האָט געשניטן די לייבער פון איינזאַמען מענטש און פון די איינזאַמע ביימער — און די מאַכטיקע, די אָנוועזנדע פון פויפּסט, פון דער אינקוויזיציע, פון מיליטער, פון די רייכע — ביזן פּאָלק, ביזן פעבל, האָבן מורא געקראָגן פאַרן פייער. באַ־זונדערס, ווען די פלאַמען האָבן צוריק אויפגעשטעלט די פלאַקערנ־דיקע צווייגן ווי מנורות, דראָענדיק די הערשער און די זאַטע און די געגנום־זוכענדיקע. ספּעציעל האָבן זיי מורא געקראָגן ווען די פלאַמען האָבן צוריק אויפגעשטעלט דעם אין אַ קלייד פון פייער־איינגעהילטן מאַן — און זיינע ברענענדיקע הענט האָבן זיך אויפ־געהויבן — ווי צום דראָען. און די פאַרבן פון זיין גרימירט געזיכט האָבן זיך צעגאָסן און אַנטפּלעקט דאָס פנים פון אַ מאַן, וואָס איז גאָרנישט געווען ענלעך צו שלמה מולכו. — אַ פרעמדער מאַן האָט זיי געדראָט מיט פאַרניכטונג און מיט טויט — פון די פינצטערע און פאַררויכערטע פייערן אַרויס.

שלמה מולכו איז געשטאַנען צווישן די מאַסן, וואָס האָבן געשריגן און געליאַרעמט. און ער איז די גאַנצע צייט געווען פאַר־גליווערט פון שמערץ. געווען מאָמענטן ווען ער האָט געוואָלט צולויפן צו די פלאַמען און אויסשרייען פאַר אַלעמען: איך בין דער אמת'ער שלמה מולכו! באַפרייט דעם מאַן פון שייטער־הויפן. בינדט אים אָפּ די שטריק.

אָבער ער האָט געוואוסט, אַז דער אויבערשטער האָט אים צוגעשיקט די פּריינטשאַפט פונם פּויפּסט, כדי אים צו ראַטעווען פון אומקום; כדי ער זאָל ברענגען פריהייט צו די מיליאָנען אומגליקלעכע יידן און מאַראַנען. ער האָט געוואוסט, אַז ער בלייבט לעבען צוליב אַ גרויסער מיסיע. אַז עס איז דאָס גאַנצע יידישע פאָלק — וואָס איז וויכטיק, און נישט זיין אייגן לעבן.

און אין יענער אויגוסט־נאַכט, ביזן באַגינען, האָט שלמה מולכו פאַרבראַכט ביים שייטערהויפן. ער האָט געזען ווי די מאַסע איז מיד געוואָרן פון געשרייען. ווי זיי האָבן זיך ווי די שאָטנס אהיימגעקערט — פול מיט זינד און פאַרברעכן. ער האָט געזען ווי איינזאַם בלייבט דער שייטערהויפן, מיט בערגלעך פון דורכ־געברענטע גלאָווניעס, מיט אַ דורכגעברענטן מאַן צווישן די גלאָוו־ניעס, וואָס איז געשטאָרבן — פאַר וועמענס זינד? זיכער נישט פאַר זיינע אייגענע. אין דער פרי איז געקומען אַ שלאַקסרעגן פון הימל און האָט פאַרלאָשן די לעצטע גלאָווניעס. מיט טרויעריקע מחשבות האָט זיך דוד הראובני אהיימגעקערט, צום שלאָס פון פּויפּסט קלעמענטי. דער רעגן האָט געשלאָגן די גלאָווניעס, די דורכגעברענטע ביינער, די שטיינער פון מאַרק, האָט געשלאָגן די ערד פאַר אירע זינד. דאָס איז געווען דער צאָרן פון גאָט.

דערווייל איז קעניג יאָהאַן געלונגען איינצופירן אין פּאָר־טוגאַל די אינקוויזיציע. די מאַראַנען זיינען אויפסניי געברענט און געבראָטן געוואָרן. זייער פאַרמעגן איז קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער קירכע. די גוטע פריינט זיינען אויסגעשטאָרבן. דער פּויפּסט איז געווען מאַכטלאָז זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם אָרגאַ־ניזירטן שלעכטס. די יידן, איבערהויפּט די מאַראַנען, זיינען אריינ־געפאַלן אין פאַרצווייפלונג. אַ כוואַליע פון זעלבסטמאָרד האָט זיך געטראָגן איבער די יעניקע, וואָס האָבן נאַר־וואָס אויפגעלעבט אין ליכט פון גאולה־עקסטאַז. צוויי מענטשן זיינען פאַראַן וואָס זיינען אַנטשלאָסן צו ברעכן די וועלט. צוויי מענטשן, וואָס אויב יעדער פון זיי גייט מיט פאַרשידענע וועגן, זיינען זיי אָבער ביידע פעסט פאַראייניקט אינם גרויסן ציל: צו דערלייזן די יידן.

און אין דעם דאָזיקן שטורמישן צייטאַלטער טרעפן זיך

ווידער די דאַזיקע צוויי לייט, וואָס זיינען צוגעצויגן איינער צום אַנדערן מיט אַ היפּנאָטיזירענדיקער קראַפט; עס טרעפן זיך אויף אַ ראַנדעוואו — דוד הראובני און שלמה מולכו.

* * *

די געשיכטע פון דער וועלט, דער גורל פון מענטשן ליגט אין די הענט פון די קעניגן. און דוד הראובני וועט שפּילן ביזן סוף דאָס שפּיל מיט די קעניגן... און ווען ביידע איינזאַמע מענטשן טרעפן זיך, פאַראייניקן זיי זיך ביידע אינם מאַרש צו אַ קעניג, צו דעם דייטשן קעניג קאַרל...

דורך דער צייט זיינען ביידע עלטער געוואָרן. שלמה מולכו האָט נישט דערקענט פּרינץ דוד הראובני'ן. אין ווייסן שניי איז פאַרוואַנדלט געוואָרן זיין קאָפּ מיט טונקעלע האָר און זיין קליינע באָרד. און אויך שלמה מולכו איז אין די אויגן פון דוד הראובני'ן געוועזן שטאַרק פאַרעלטערט. די צייט האָט זיי עטוואָס אויסגעקרימט. דאָס שפּיל מיט קעניגן און מיט גייסטער האָט זיי געקאָסט פיל אָנשטרענגונג. זינט דער צייט ווען זיי זיינען דאָס ערשטע מאָל ארויס אין דער עפנטלעכקייט, איז פיל בלוט אָפּגעפלאָסן פון די מאַראַנען און פון די יידן. און די לאַגע ווערט אַלץ געפערלעכער. און עס מוז פאַרט געפונען ווערן אַ מיטל צו ראַטעווען די יידן פון די הענט פון די שרעקלעכע שונאים, פון דער אינקוויזיציע.

דער וועג צו קעניג קאַרל איז געווען אַן אומזיכערער. אויב דער פּויפּסט איז נאָך געווען פריינטלעך און אויב קעניג יאָהאַן איז געווען אַ געשעפטס־מאַן, איז קעניג קאַרל געווען אַ פאַנאַטישער קאַטויליק. און אין פרעמדן, גאָטישן שלאָס באַוועגן זיך צוויי יידן פאַרן קאַטוילישן קעניג. עס איז אַ געוואַלטיקער מאָמענט — טראַגיש אין זיין קאָמעדיאַנטישקייט. צוויי יידן — איינער האָט געוואַלטיקע אַרמייען און אוצרות אויף יענער זייט פונם סמבטיון. דער צווייטער האָט זיין קעניגרייך אויף די וואָלקנס. און זייערע רייד זיינען נעפּלדיק. אָט שטעלט זיך דוד הראובני אין שטאָלצער פּאָזע אַנטקעגן דעם קעניג, פּונקט ווי ער וואָלט ציען קעגן אים זיין שווערט. דעם קעניג פאַרדריסט די פּאָזע. און דוד הראובני

זעט ווי דעם קעניג איז שווער די קרוין אויפן קאָפּ, ווי זי צעדריקט אים דעם מוח. זיינע הענט ציטערן פון אויפרעגונג. און די פרעמדע צוויי יידן טראָגן צוויי פאַרשידענע פּלענער. שלמה מולכו שילדערט דאָס קעניגרייך פון ירושלים און אַגיטירט, אַז קעניג קאַרל זאָל ווערן אַ העברעער און אָנפאַנגען אַ קריג קעגן די טערקן. דוד הראובני פאָדערט די מעגלעכקייט צו אָרגאַניזירן די מאַראַנען אין אַן אַרמיי וואָס זאָל שלאָגן די טערקן. פאַנטאַסטישע פּלענער. און ווי וואַגן צוויי אָרעמע יידן קומען צום גרויסן קעניג מיט אַזעלכע פּלענער? ער דונערט, דער קעניג, אויף צוויי אָרעמע יידן — צוויי פּרינצן...

קעניג קאַרל האָט ביידע לייט געלאָזט שמידן אין קייטן. און אין מאַנטוא איז פאָרגעקומען דאָס אינקוויזיציע־געריכט. שלמה מולכו איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, דורך פאַרברענען. און יענער שייטערהויפן, וואָס האָט פאַרברענט אַן אומשולדיקן מאַן, אַנשטאָט שלמה מולכו, איז איצט אויף אַן אמת'ן פאַרגעקומען. שלמה מולכו ווערט געפירט צו דער עקזעקוציע מיט אַ פאַרבונדענעם מויל. די מאַכט־אויטאָריטעטן האָבן מורא פאַר דעם צויבער, פאַר דער קראַפט פון זיין וואָרט. דער פּלאַץ איז פול מיטן פעבל, דאָס אוראַלטע פעבל, וואָס פילט אָן די פּלעצער פון אויטאָדאַפעען און קאָראָנאַציעס; דאָס פעבל וואָס זעט קעניגן קרוינען און קעניגן קעפּן. עס איז אַ גרויסער מאָמענט — דער יידישער משיח ווערט געפירט צום פייער, אָפּגעבראָטן צו ווערן. עס איז דערזעלבער, וואָס האָט דורך כישוף געבראַכט אַ פאַרפלייצונג אויף רוים — און האָט די פאַרפלייצונג פּינקטלעך פאָרויסגעזאָגט. עס איז דערזעלבער, וואָס האָט אין ליסבאָן געמאַכט ציטערן די ערד — און האָט פּינקטלעך פאָרויסגעזאָגט די ערדציטערניש; עס איז דערזעלבער, וואָס האָט אין אָריענט, אין ווייטן אַזיע געלערנט כישוף — און האָט אָנגעוויזן אויף קאָמעטן און בלוטנדיקע שטערן. דער יידישער „משיח" ווערט היינט געפירט פאַרברענט צו ווערן. קיין צוויי גנבים נעמען אים נישט אריין אין זייער מיטן. נאָר זע, ווי בלאַס זיין שטערן איז — אַזוי ווי פון יענעם גואל, פון „גאָט'ס זון", דעם „הימלישן" פּרינץ יעזוס. און אַ קראַנץ פון דערנער איז אַרום זיין קאָפּ, דעם שיין־געפאָרמטן קאָפּ.

זיין מויל — דאָס שיינע מויל איז געבונדן — זיין צויבער פון וואָרט זאָל נישט פאַר׳כישופ׳ן דעם עולם. קעניג קאַרל׳ן, ווייזט אויס, האָט זיך היפּש דער קאָפּ פּאַרדרייט פון זיין וואָרט... זיינע אויגן — אָט טרויערן זיי פול מיט טרערן; אָט זיינען זיי אין עקסטאַז געווענדט צו די הימלען — און אָט נידערן זיי צו דער מאַסע, זוכן עמעצן, זוכן אַ פרוי, אַ געליבטע? ניין. זיי טרעפן אָן אויף די פּנימער פון די יידן. עס זיינען אין אָט־דעם נאָך־מיטל־אַלטערלעכן, גראַטעסקן פּעבל — פאַראַן יידן. און די אָנוועזנקייט פון יידן גיט שלמה מולכו מוט צו שטאַרבן. ער שטאַרבט נישט אַליין. יידן זעען זיין מאַרטירערשאַפט. יידן זעען פון קינדהייט אָן זיין לעבן. זיין לעבן איז אָפן, ווי דער הימל מיט זיינע שטערן ביי־נאַכט איז אָפן. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר אמת און גערעכ־טיקייט. עס איז געווען אַ קאַמף פאַר זיין אַלט און פאַרטרויערט פאָלק. ווען ער זאָל האָבן אַ לייכט געוויסן — וואָלט ער געקענט פאַרבלייבן אַ קריסט און וואָלט דאָ קענען שטיין צוזאַמען מיט דער סוויטע פון קעניג, צוזאַמען מיט די גלחים און קאַרדינאַלן — צוזאַמען מיט די העכסטע פון דער מלוכה. ער וואָלט געקענט אויסהערן די וויצן פון די דאַמען, אויפן אַדרעס פון די פאַראור־טיילטע. ער וואָלט געקענט רואיק צוזען ווי עס סמאַליען זיך די לייבער פון זיינע ברידער — און ער וואָלט געקענט שמייכלען. ער וואָלט געקענט דעם טרויער אפילו מאַסקירן מיט שיינע רייד. מיט פּרעכטיקע פראַזן. מיט גלענצנדע וויצן. מיט שאַרפע עפּי־גראַמען. ער, מיט זיין מעכטיקן הומאָר, מיט זיין פּרינציפּישער איראָניע, מיט זיין אינטעלעקט און מאַניערן. ער וואָלט דאָ געקענט שטיין — און נאָך דער עקזעקוציע זיך אומקערן אין פּאַלאַץ און פאַרטרינקען מיט בורגונדער וויין דעם טויט פון די יידן, פון אַ פאָלק וואָס נאָר ווייניקע ווייסן אַז ער שטאַמט פון זיי. ער וואָלט געקענט יעדער עקזעקוציע ביישוואוינען אין קעסטלעכע מלבושים און דאַן די רעשט פון דער נאַכט פאַרקישן מיט די ליפּן פון אַן איידל־וואויל־געבוירענער פּרינצעסין.

עס איז צוגעגרייט דאָס האָלץ פאַרן שייטערהויפן. גרינע, דינע צווייגן, מעכטיק־שווערע שטאַמען. אַ גאַנצע נאַכט וועט דער שייטער ברענען, באַלויכטן דעם הימל, וואוהין ער גרייט זיך איצט

פליען און וואוינען. און די צווייגן זיינען פון די וועלדלעך וואס דערמאנען אים אין זיין קינדהייט. דינע בוימלעך, וואס ציטערן ווי סטרונעס פון א הארף אין ווינט. פערלדיקע מיידלעך וואס באדן זיך ביי א טייך, און ווען זיי גייען ארויס פון וואסער, טריפן די טראפנס פון זייערע פערלדיקע לייבער ווי ברילִיאנטן. זייערע האר זיינען פייכט און גאלדיק. און דאס בילד איז וואונדערלעך. עס גייט ווידער אויף... — דאס פעבל שרייט און ליארעמט. און אין דעם טומל רייט א רייטער. די פערדישע פערד קאפן און טרעטן דאס פעבל, ברעכן די ביינער פון די וואנזיניקע. אט איז דער רייטער שוין זייער נאענט. ער טראגט פארויס א ריזיקן גילדערנעם צלם. שטרעקט אים צו שלמה מולכו'ס ליפן. א שליח פונם קעניג קארל. ער קען בלייבן לעבן און צוריק אננעמען די קאטוילישע רעליגיע. שלמה מולכו שפייט אויפן גילדערנעם צלם. און שוין פלאקערט דאס פייער. פונם גאנצן פעבל ווערט איין גרויס געזיכט מיט טויזנטער אויגן, אזוי ווי פונם מלאך המות. און אלץ הייבט זיך אן צו דרייען פאר דיר און צו פארגיסן מיט פלאמען, און די פלאמען נעמען דיך ארום און זיי טראגן דיך אין שטורעם אוועק — שמע ישראל! — און דו שטייסט א ציטערנדיקער פארן רבונו של עולם... דו ציטערסט — די פלאמען האלטן דיך אונטער, ווי שוועסטער — דו זאלסט נישט אומפאלן — דו פלאקערסט פאר גאט, און פלוצלינג רייסטו מיט דיינע ברענענדיקע הענט שטיקער פלאמען פון דיין פלאמענדיק לייב און ווארפסט עס צו גאט, ווי שטיינער — ווארפסט צו גאט דיינע פייערן — און גאט קוקט דיך אן און דו דונערסט קעגן אים און דו שליידערסט דיין צארן און דיין שמערץ, און אט צינדט ער זיך אויך אן — ער ברענט צוזאמען מיט דיר — עס ברענען ביידע: גאט און זיין פרינץ, שלמה מולכו — און עס ברענען אלע יידן — אלע ברידער און שוועסטער פון דיין פאלק — עס ברענען די דורות אין א פייער צו גאט — מיט גאט צוזאמען — — —

און עס איז פארגעקומען מיט שלמה מולכו דאס, וואס עס איז מיט פופצען הונדערט יאר צוריק פארגעקומען מיטן ייד פון נאזארעט. יידן האבן דערציילט, אז מען האט שוין איינמאל פריער פארברענט שלמה מולכו עפנטלעך — און ער איז דערנאך לעבן־

געבליבן. אזוי אויך איצט — איז עס געווען כדי אפצונארן דאס פאלק. שלמה מולכו לעבט... און פילע האבן אים געזען ארומ־וואנדערן איבער דער שטאט אין באגינען, ווען די שטראלן פון דער זון ברעכן זיך דורך דורך דער נאכט. און פילע האבן אים געזען ביינאכט, מיט לבנה באגאסן — ווינטיק זיך ארומדרייען איבער די גאסן, שעפטשענדיק קבליסטישע פסוקים. און דאס פאלק האט אנגעהויבן צו רעדן מיט פרייד, אז שלמה מולכו לעבט און אז ער ברענגט פאר יידן די ישועה. און אזוי איז שלמה מולכו אריין ווי א מארטירער אין דער נשמה און אין דער געשיכטע פונם פאלק. — — —

* * *

און דוד הראובני ער האט דאס אלץ איצט איבערגעטראכט, אין דאזיקן לעצטן אוונט. אלס ייד, און אפשר אויך אלס בירגער פון א פרעמדער מדינה, האט די אינקוויזיציע נישט געהאט קיין מאכט אים צו משפטן. קעניג קארל האט אים געלאזט פירן מיט א שיף קיין שפאניע און דא אין תפיסה שמאכט ער שוין פילע יארן. דא איז ער אלט געווארן — און אלץ געהאפט. געהאפט אז עמעץ וועט זיך דערמאנען אן אים און אים באפרייען, ער זאל זיך קענען אומקערן אין די לענדער פון וואנען ער קומט, צו דער יידישער מלוכה פון זיין ברודער...

עמעץ האט זיך אין אים דערמאנט. א פריינט, אדער א שונא? איין פרימארגן, ווען ער האט דערוואכט פון שלאף, האט ער גע־פונען סם אויף זיין געלעגער. דאס איז די איינציקע הילף וואס עמעץ האט אים געשענקט אין די לעצטע יארן. און שוין עטלעכע שטונדן ווי ער טראגט דעם סם אין זיך, דעם טויטלעכן גיפט. און דאס גאנצע לעבן איז פארבייגעגאנגען פאר אים אין מינוטן. און אט ווערט פייערלעך ארום אים. די ווענט פונם געפענקעניש צעגייען זיך, צעברעקלען זיך ווי שפינוועבס. די נשמה דערזעט דעם גאלדענעם וועג צו די שטערן. עס דעקן זיך אפ ריזיקע לאנדשאפטן פון דער ערד און פון הימל. וואס גלאנצט עס פונדערווייטנס אזוי פייערלעך? זיינען עס די ארמייען וואס קומען אים ראטעווען? די ארמייען פון זיין ברודער, דעם קעניג? און אט בויגט זיך איבער

אים אַ צאַרט געשטאַלט אַריבער — אַ וואונדערליך געשטאַלט.
עס איז די וואונדערלעכע בענוועניִדאַ... עס איז גוט, וואָס זי
איז געקומען. פון איר מויל גייט־אויף אַ זיסער פאַרפיום...
ווי רוישט איר קלייד מיט זיסן גערויש! און זי צעפלאַטערט
איבער אים אַ פאָן — עס איז די ווייס־בלויע העברעאישע פאָן —
ווי אַ בלויער הימל מיט ליכטיקע שטראַלן הילט די פאָן אים איין
— און זי טראָגט אים אַוועק — זי טראָגט אים אַוועק, בענוועניִדאַ,
אין וואונדערלעכע רוימען, געאַרעמט מיט איר, געבונדן מיט
איר — אויף קיינמאָל מער זיי נישט פאַנאַנדערצורייסן — צו איין
גוף געוואָרן — צו איין לעבן — צו איין נשמה — — —

* * *

אין דעם מיטלאַלטערלעכן פעסטונג זיינען אַרויסגעקומען
די שטשורעס און דערזעענדיק דעם שטומען פרינץ דוד הראובני, מיט
וועלכן זיי האָבן זיך יאָרנלאַנג געשלאָגן, דערזעענדיק אים אַ טויטן,
זיינען זיי ווי אַ שטורעם אים באַפאַלן און אָנגעהויבן צו גריזשען.
די ראַצן האָבן צעפרעסן דעם הייליקן גוף פון אַ פרינץ, אפשר דעם
גרעסטן פון אַלע פרינצן — פון אַן אויסגעטראַכט קעניגרייך...
אין וועמענס נאָמען ער האָט געוואָלט באַשאַפן אַ קעניגרייך פאַר
זיינע געפּלאָגטע ברידער און שוועסטער.

ניו-יאָרק, אויגוסט, 20, 1944.

אייזיק וואַליך און די שאָטנס פון דיכטער

(געשטאָרבן אין יאָר 1632)

דערציילונג

מיט דאַנק שענק איך די דערציילונג
צו יוסף קעטשער, מיין
האַרציקן פריינד.

די לבנה האָט אויפגעלויכטן פון די פינצטערע וואָלקנס אַרויס.
און האָט באַרירט די אייזערנע קראַטן פון די פענצטער, וואָס
זיינען געווען נידעריק צו דער ערד. די לבנה, מיט איר ליכטיקן

בלוט, האָט פאַרגאָסן די פאַרזשאַווערטע קראַטן פון די פענצטער, די שויבן וואָס זיינען שוין געווען לאַנג נישט געפּוצט, און האָט באַרירט די פייכטע, די ווילגאַטנע ווענט פונעם קעלער, האָט ווי געמאָלן פאַרביקע אַבראַזן פון מאַדאָנעס אויף די ווענט, האָט אָנגעוואָרפן מיט איר גאָלדן ליכט וואונדערלעכע סקיצן פון רענעסאַנס־מאָלערייען, פון דורער־פּאָרטרעטן און גראָטעסקע דזשעראָם באָש־אימאַזשן — בילדער פון מיטלאַלטער.

עס איז געווען אין חודש מערץ. אייזיק וואָליך איז דעם אָוונט געזעסן אין זיין איינזאַמען קעלער, אַזוי ווי אַ גריל. ער האָט גוט געהערט די ווינטן פון מערץ, שטאַרקע, מיט אייזערנע שטימען, מיט מעטאַלענע מוסקולן, וואָס האָבן געפייפט און געיאָמערט. עס זיינען די ווינטן פון ווינטער — און גלייכצייטיק די טראָמפייטן פון פרילינג. עס זיינען שופרות פון גראַניט — אויף וועלכע ריזיקע גייסטער שטורמען אויס זייערע געפילן. און גאָלדענע טראָמפּייטן — אויף וועלכע סאָנעטן פון ווינטער הערן זיך אין דער לופט. און די ווינטן קלאַפּן אָן אין די קראַטן, אין דער הילצערנער טיר, ווען עס האָט איז מיד פון אַלטקייט און געדענקט שוין אַפילו נישט דעם וואַלד, דעם גרינעם וואַלד, וואו דאָס האָלץ איז געווען אַ שטאַרקער בוים און פון זיינע גלידער איז געוואָקסן זשיוויצע — און ס'האָבן פייגל הויך געזונגען לידער צווישן זיינע פלייצעס, דורשטיקע און הונגעריקע צווייגן.

אייזיק וואָליך איז צוגעגאַנגען צו אַ קליינעם שענקל און ארויסגענומען פון דאָרט אַ פלעשל מיט ווישניאַק און אַ גלעזל. דער ווישניאַק איז נאָך געבליבן פון זיין מוטער, וואָס איז ערשט נישט־לאַנג־צוריק געשטאָרבן. דער ווישניאַק איז געווען שוואַרצלעך־רויט. און ווען די שטראַלן פון דער לבנה האָבן אים באַרירט, איז ער ווי לעבעדיק געוואָרן, האָט באַקומען גייסט. מיט זיינע גראָבע, מיט טונקעלע האָר באַוואַקסענע הענט האָט אייזיק וואָליך נעגרייפט דאָס באַגילדערטע פלעשל, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַן איידעלן זינג־פויגל — מיט אַ באַגילדערטן שנאָבל. ער האָט אַריינגעגאָסן דעם טונקעל־רויטלעכן עליקסיר אין אַ זייער דינעם, אָבער מיט גאָלדענע בלומען פאַרפּוצטן גלעזל, וואָס האָט גלייך זיך פאַרגאָסן מיטן יום־טוב׳דיקן ווישניאַק. מיט די געזונטע הענט, הענט וואָס האָבן געאַרבעט ביי פאַרשידענע מלאָכות, הענט

וואָס האָבן געקנאָטן די ראשצינינע פון ברויט אין בעקערייען; וואָס האָבן געהאַקט האָלץ אין די וועלדער — אונטערגעזעגט ריזיקע ביימער און מיט אַ קרעכץ געלאָזט פאַלן די גיגאַנטן פון וואַלד; הענט וואָס האָבןביים שעכטן — זיך רויט פאַרשמירט מיט בלוט פון די צאַפּלענדיקע קי און עופות; הענט וואָס האָבן גע־האַלטן נעצן אין ים און געפאַנגען זילבער־שופּיקע, בריליאַנטענע פיש; הענט וואָס האָבן צערטלעך און ברוטאַל געדריקט צו זיך יונגע, שיינע פרויען — טרויעריקע, ווי די מאַדאָנעס אויף מאָלע־רייען און לוסטיקע, ווי די נאַכטיגאַלן אין מאַי —מיט די דאָזיקע ריזנהענט האָט אייזיק וואָליך צוגעטראָגן דאָס דינע, געשליפענע גלעזל צו די ליפּן און, מורמלענדיק אַ ברכה, האָט ער אַריבער־געדרייט דאָס גלעזל ווישניאַק איבער זיין מויל.

עס האָט געדויערט אַ סעקונדע, אויסטרינקענדיק דעם וויש־ניאַק — ווען דער אויטאָר פון די שורות האָט דערזעען זיין פּנים. עס איז געווען דאָס פּנים פון אַ פערציק־יעריקן ייד. זיין פּנים איז געווען צעשניטן פון מעסערס. ערגעץ אין דייטשע קנייפּעס, אין האַפן פון האַמבורג, אין די אונטערוועלט־קעלערן פון וואָרמס, וואו אייזיק וואָליך איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטורעמדיקער און שניי־קאַלטער ווינטערנאַכט, איז זיין פּנים צעשניטן געוואָרן. און פון די שניטן איז זיין פּנים געוואָרן אַזוי ווי פּילע פּנימער. די שניטן האָבן עס געמאַכט צערטלעך און ברוטאַל. זיין רעכט אויג איז געווען ווי פון אַ גזלן און דאָס לינקע — ווי פון אַ רבי'ן, אַ הייליקן. זיין רעכטע זייט פּנים — אַ רויבער, אַ פרעסער, אַ זויפער, אַ הורניונג און אַ גנב. עס האָט רויט געפלאַמט, ווי די זון. עס האָט געבריט דעם פרעמדן מענטש. דאָס מויל — מיט פעטע, גיריקע ליפּן, באַשאַפן צו קושן און צו פּליקן אַן איידל פרויענ־געזיכט און עס אויפצוגריזשען. אָבער די לינקע זייט געזיכט — בלייך, ווי די לבנה, פול מיט פלעקן פון צווייפל און מעדיטאַציע, פול מיט טרויער און געבאָדן אין די געזאַלצענע כוואַליעס פון איינזאַמקייט; דאָס פּנים פון אַ צדיק, אַ הייליקן, וואָס האָט פיל פאַרבראַכט אין רעפלעקציע איבער דער וועלט — און איבער די לוסטן פון דעם מענטש, פון דעם דאָזיקן פרעמדן מאַן, דעם פרעמדן לעבע־ און זויפער־יונג, וואָס זיצט אין אים און אָרעמט זיך, ראַנגלט זיך, פּעסעלט זיך מיט אים — מיט דעם ערלעכן אייזיק

וואליך, וואס שלאגט זיך דאס גאנצע לעבן מיט זיין שלעכטן שותף. מיט זיינע ליידנשאפטן און ווילדע געפילן. און דאס וואס יענער לעבט דורך און ברעכט זיך דורך אין לעבן, ווי א שטורם, און פרעסט פון דעם קוכן פון לעבן — דאס טראכט דער אנדערער איבער, אין שטילער מעדיטאציע, אין איינזאמקייט, צעגלידערט און פארדייעט עס.

אין מאמענטן ווען אייזיק וואליך איז מיד פון די לוסטן פון לעבן; ווען ער שפילט פילע נעכט אין קארטן; ווען ער וואנדערט איבער די קרומע, מיטלאלטערלעכע גאסן פון ווארמס דורך די לבנה־דיקע נעכט; ווען ער פארברענגט אין געמיינע קנייפעס; ווען ער טרינקט פעסער ווייןן און טאנצט אין קארנאוואלן איבער די אלטע הייף, מיט פירשטינס און גרעפינס, וואס ער נעמט אראפ פון די ליימיקע און שטיינערנע באזרעליעפן פון קירכן, פאלאצן און מלוכה־געביידעס; און ווען ער קושט זיך אן און פרעסט זיך אן און זויפט זיך אן מיט דעם פלייש און די זאפטן פון אלערליי פרויען — נאך אזעלכע אויסברוכן פון פרייד און לוסט ווערט אייזיק וואליך מיד פון די לוסטן. מיד פון די גאסן מיט זייערע מיטלאלטערלעכע טורעמס און זיך־קרישלענדיקע ווענט. דאן קומט ער אהיים, אין זיין פינצטערן קעלער, און עס ציט אים צו זיין ביבליאטעק. עס איז נישט קיין גרויסע, אבער עס איז א געקלי־בענע ביבליאטעק. אין פארטרוקנטן, אין ווייסן און ווי אין בלע־כערנעם פארמעט געבונדן זיינען אלטע תנ"כן און העברעאישע ספרים; דא זיינען פארזאמלט מאנוסקריפטן, געשריבן מיט אלער־ליי פארצוקטע האנטשריפטן — פון דיכטער, פון פאעטן, וואס האבן געלעבט און האבן זייער גאנץ לעבן באהאלטן אין א ליד, אין עטלעכע פערזן. דא זיינען באהאלטן די לידער פון פאלק — פון אנאנימע דיכטער, וואס האבן אמאל, אין א פאעטישן קאפריז, אנגעשריבן א געזאנג־ליד און זיינען אן אן „אדיע" פארשוואונדן פון דער ערד. דא האבן זיך דערהאלטן איינצלנע בלעטער פון לידער־אלבומען — אזוי ווי איינצלנע רויזן פון רייך־פאנאנדער־געבליטע גערטנער; און היינט בייגאכט איז אייזיק וואליך אהיים־געקומען פרי — א מידער פון טרינקען און פרעסן, פון ליבע און האסן; מיד פון די קריגן צווישן די לוטעראנער און קאטויליקן,

מיד פון די בלוטיקע קריגן צווישן די קריסטלעכע פּאַרטייען און צווישן די דעגענערירטע קעניגן און פּויפּסטן.

ער איז אַהיימגעקומען עפענען זיין לידער־אַלבום; צום ערשט — די לידער פון זיינע צייט־גענאָסן און פון די פּאָעטן, וואָס לעבן שוין לאַנג נישט — זיינע ברידער־פּאָעטן. און דאַן — דעם אַלבום פון זיינע אייגענע לידער, וואָס ער שרייבט פון צייט צו צייט, אין ליכט פון אַ קליינעם לאָמפּ, אין זיין געראַומען קעלער. ער וואָלט דעם דאָזיקן קעלער, וואָס איז אַמאָל געווען אַ וויינ־קעלער, נישט אויסגעטוישט פאַרן שענסטן פּאַלאַץ אין ווענעדיג. אין די נעכט גייען אַרויס פון די שפּאַרונעס פון די ווענט — גייסטער און באַטרונקענע, קרומע און שיכורים, מאַסקירטע און קאָסטיומירטע דאַמען; עס טאַנצן אַלטע, אייביק־פרישע טענץ — דער אַלטער, לוסטיקער גראַף און די פאַרקליידעטע פּרינצעסין; עס טאַנצן יעגער און פּאַסטוך־מיידל; יעדער מיט זיינע לידער און געזאַנגען; און פון דער וואַנט־אַרויס קלאַגט דער קאָפּ פונעם ווילדן הירש — מיט זיינע פאַרגליווערטע הערנער; אין די נעכט, ווען אייזיק וואָליך ליגט אויף זיין געלעגער — גייט דורך דאָס לעבן פון וויינקעלער פאַר זיינע אויגן. און צווישן זיי — די איידעלע, די שלאַנקע פיגור פון דער באַשערטער, וואָס אַן אַנדערער האָט צוגע־נומען; וואָס אַן אַנדערער קושט און גריזשעט אַראָפּ די גאָלדענע פאַרב פון אירע פלוימענרויטע ליפּן.

און מיד פון די בלוטיקע קריגן, און פון די געשלעגן אין לעבן — ציט זיך דער דיכטער אייזיק וואָליך צוריק אין זיין קעלער — אַ גריל, וואָס זינגט אין האַרבסט איר מאָנאָטאָן ליד. די גריזן פאַרגייען צוזאַמען מיטן האַרבסט. מיט די בלעטער פון די ביימער. אָבער ער, אייזיק וואָליך, וואָס זינגט אין האַרבסט פון יידישן ליד אין דייטשלאַנד — וועט בלייבן לעבן ווי אַ גרויסער זינגער. אַלץ וועט פאַרשוואונדן ווערן. אַפילו פּאַלאַצן און מאָנו־מענטן קרישלען זיך. נאָר דאָס ליד וואָס אייזיק וואָליך שרייבט אין די נעכט — וועט בלייבן.

און היינט ביינאַכט, אַ דערפרישטער פונם שטאַרקן ווישניאַק, מישט דער פּאָעט די בלעטער פון דעם אַלבום פון יידיש־דייטשער דיכטונג...

ווען ער וואָלט קענען קושן די אַלטע בלעטער, וואָס טראָגן אין זיך די אויסדרוקן פון אַ פאָלק, וואָס האָט אין פינצטערניש פון געטאָ זיך דערהויבן צו די שטערן, און וואָס האָט אין טרויער געזונגען דאָס קעניגלעכע ליד. און בשעת דער מערב־ווינט ווייעט מיט די בלעטער פון פאַרגאַנגענעם יאָר און קלאַפּט זיי אָן אין די אייזערנע, אין די רויט־פאַרזשאַווערטע קראַטן פונם אַמאָליקן ווינקעלער — דאַכט זיך אייזיק וואַליד'ן, אַז דאָס זיינען די געזיכטער פון די דיכטער, פון די זענגער, וואָס האָבן געזונגען זייערע לידער אויף דער דייטשער ערד און ער הייבט־אָן צו לייענען די פּאָעמען, מיט אַזויפיל מי געזאַמלט און ער הייבט־אָן צו דערזען איינצלווייז די דיכטער — די בלעטער־מאַסקעס אין דער קאַלטער און ווינטיקער האַרבסט־נאַכט...

אָט איז ר' זעלמעלין, אַ קליינער ייד מיט אַ רויטער, פייער־דיקער באָרד און מיט פינקלנדיקע אייגעלעך. קיינער ווייסט נישט ווי אַלט ר' זעלמעלין איז. ער ווערט קיינמאָל נישט אַלט. ווען ער וועט פילן מיד אין די גלידער, — פלעגט ר' זעלמעלין זאָגן, — וועט ער אוועקגיין אויפן בית־עולם און זיך אויסציען ווי גרויס ער איז אויף מאַנכן גאַלדענעם שטיקל ערד — און ער וועט דאָרט ליגן בלייבן, ביז די זון וועט אים אויסטריקענען. רב זעלמעלין בן ר' שלמה בר יקר האָט געשריבן דאָס באַרימטע שבת־ליד (מיטן ניגון פון הערצאָג ערנשט...) פון אַלע שיינע דאַמען פון דייטש־לאַנד — און פון אַלע יידישע כלות — איז ר' זעלמעלין, דער קליינער ייד מיט דער גרויסער באָרד, געווען פאַרליבט אינם שבת — אין דער הייליקער כלה שבת — וואָס גאָט האָט געשענקט צו די ליידנדיקע, ווי אַ רו־טאָג — ווי אַ גאָלד־טאָג. און אפשר איז אין אַ שטיק דעמערונג — פרייטיק־צו־נאַכטס, אַ געהאַלדזטער מיט זיין צאַרטער כלה שבת — אוועק ר' זעלמעלין אויפן בית־עולם — זיך אין טויט באַהאַלטן...

און אָט איז מנחם אַלדענדאָרף, וועלכער קלאָגט שוין אין זיין „ליד" וועגן דעם האַנדל־וואַנדל פון דער וועלט. וועגן דעם מאַרש צום גליק. וועגן דעם רייטער, וואָס זוכט דאָס גאָלדענע לאַנד עלדאָראַדאָ. זיי שפּאַלטן דעם פּפעניק אויף צוויייען. צוליב געלט וועלן זיי שינדן אַ טויט פערד.

און נאָך דעם גאַנצן צויבער־יאגד פון טאָג און נאַכט — זאָגט מנחם אלדענדאָרף:

„וואש זאָל דש לויפן אונ׳ שערן,
נאָקט מוש מן ווידר קערן,
צו דר ערדן דא מן פון אישט גינומן,
טוט תשובה מיט שטערק,
אויף אייער ביזי ווערק.״ — אאז״ו.

אזוי טריפט אַראָפּ פונם אַלטן פּאַרמעט — אינם שיין פונם לאָמפּ — דאָס קהלת־ליד און טרויעריקע ווייזהייט פון מנחם אלדענדאָרפ׳ס דיכטונג...

און אָט טויכט־אויף די געלע בלעטער־מאַסקע פון זלמן סופר. זיין פּנים איז רויט, זוניק, דען ער האָט געמוזט זיין הארץ פיל באָדן אין וויין ביים לעבן. אַנדערש וואָלט ער נישט געזונגען זיין באַרימט ליד „וועט־שטרייט צווישן וויין און וואַשר״. נאָך פּריש, ווי אין ערשטן טאָג, טריפן אַראָפּ רויטע און זוניקע די אותיות פון דאָזיקן וואונדערשיינעם ליד:

„זאָהן דעם וויין בין איך געהיישן,
אַלזו שפּראַך זיך דער וויין,
מן טרינקט מיך מיט פליישן,
דאצו בין איך גאָר פיין.״ — אאז״ו.

און אַזוי געווינט די דיסקוסיע דער וויין איבערן וואַסער. וויין — זאָגט שטאָלץ:

„מן לויבט מיך צו אַלן צייטן,
שפּראַך דער וויין מיט ניידונג,
צו דר פרויען ברויטן
און צו דר קינדר בעשניידונג.״ — אאז״ו.

און לייענענדיק די וואַיניק־פּעטע שורות — די קריגן צווישן וויין און וואַסער — פאַרשווינדט דערווייל זלמן סופר׳ס רויט־שיכור׳לעך געזיכט — לויכטנדיק ווי רובין־פייער אין דער הארבסט־נאַכט...

און אָט טויכט־אויף די מאַסקע פון שמואל הוגרלן — עטוואָס פאַרקרימט און מיט אַ צויבערהאַפט־שמערצפולן שמייכל. זיין הארץ ציטערט אינם שפּיל — בשעת דאָס ליד „איבער דאָס שפּיעלן״ — וואו ער שפּילט מיט זיין מענטשלעכן גורל דאָס שפּיל

פון גאָלד. ער דיכטעט — נאַקעט און באָרפוס. און ביים שפּילן זינגט ער אויס זיין ציטערנדיק ליד — און ווען ער גייט אוועק פון שפּיל, ערגעץ אין דעם טונקעלן טאָל, געזעגנט ער זיך מיט ווירפל און מיט די פאַרביקע קאָרטן כדי „אורלופּא (אורלויב) וויל איך ביידן געבן", און ציט אוועק ערגעץ אין איינזאַמקייט. און אייזיק וואַליך פילט אַזאַ נאָנטקייט צו שמואל הוגרלן. ער פילט, אַז ער איז איינער פון זיינע גוטע ברידער — און אַז ער האָט דורך די פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער פיל געשפּילט מיט אים אין ווערפל און אין קאָרטנשפּיל...

און אָט איז אליהו לעוויטאַ — דער העברעאישער געלערנטער און גראַמאַטיקער. וויפל מאָל האָט אייזיק וואַליך געלייענט דאָס בבאָ־בוך — און איבערגעלעבט די קריגן און די דועלן פון הערצאָג גווידאָן און ער געדענקט וואויל ווי שיין עס איז געווען ברונדוניע, די טאָכטער פונם הערצאָג פון בורגונדיע. אייזיק וואַליך האָט וועגן איר געטראַכט — און אין נעכט פון שלאָפלאָזיקייט פלעגט ער אויפמישן די זעלטענע בלעטער און ווידער פאַרברענגען מיט דער יונגער דאַמע, וועמענס לאָקן האָבן געלויכטן ווי אַ קרוין און צווישן וועמענס פולע, מילך־ווייסע בריסט אַ גאָלדענער קרייץ האָט געקילט איר לייב. אייזיק וואַליך איז געווען פאַרליבט אין איר נאָך מער ווי דער אַלטער הערצאָג גואידאָן... און לייענענ־דיק דעם וואונדערלעכן ראָמאַן — האָט זיך זיין ליבע צעפלאַמט, כדי צום סוף צו ווערן אַנטוישט און איר צו האַסן און צו זאָגן צוזאַמען מיט אליהו בחור:

„אלי אונגליק קומט פון דען ביזן ורוי אן (פרויען),
זעכט וואש שלמה המלך טוט שרייבן
וויא ער זוכט אייזן ורויא איין רייני
אינ' זיין טאַג פאַנד ער קייני."

און אליהו בחור, וואָס איז געווען אַזאַ שיינער, האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. ער האָט נישט געטרויט קיין פרויען... די מעשה פון הערצאָג גואידאָן איז אים אַריין אין די ביינער — און איידער צו פאַרשפּענדן זיין לעבן מיט דער פרוי, ווע מענס שיינקייט פאַרגייט — האָט ער געפירט זיין גרויסן ראָמאַנס מיטן ליד — מיטן תהלים. אין די נעכט, ווען די וועלט האָט מיט גרויס

אינטערעס געלייענט זיין בבא־בוך — האָט אליהו בחור פאַרבראַכט זיין איינזאַמקייט אין איבערזעצן דעם תהלים אין יידיש־טייטש. דעם תהלים — וואָס אַ גרויסער, ווייזער קעניג האָט געזונגען אין זיינע מענטשלעכע שרעקן — אין זיין געפאַלנקייט און פּיין אין טאָל פון טרערן — צו זיין אומגעהייערן גאָט אין די הימלען. דער תהלים — וואָס זינגט נישט צו דער שיינקייט פון אַ שטאַרבנ־דיקער דאַמע — נאָר צו דער אייביקייט פון גאָטס ווערק — די נאַטור — וואָס דערהייבט די פלאַמענדיקע פּאַנאָראַמאַס פון הימל און ערד. און אָפט, אין די נעכט, ווען באַטרונקען מיט ווייַן און מיד פון די לוסטן — קערט ער זיך אַליין, אייזיק וואַליך, אום צו די קעניגלעכע לידער פון תהלים. אים ציט דאָס צאַרטע, און דאָס מעכטיקע בוך. ער וואָלט זיין אייגן זינדיק לעבן וועלן דערין איינשליסן — באַהאַלטן — אָוועקשטעלן — ווי אַ דאַמענבלאַסע האַנט באַהאַלט אַ רויז אין אַ בוך פון פּאָעמען ... די קאָנפעסיע פונם קעניג צו גאָט — איז זיין אייגענע קאָנפעסיע. און טיף וויינט ער, ווען ער זינגט צו גאָט — פון זיין תהלים:

„מן המיצר, איך טו אָנרופן גאָט,
דער אונז היפט אוים אַלער נאָט,
אונד שפייזט אונז דאס טעגליך ברויט,
לויבן וועלן מיר אין פרי אונד שפעט.“ — אאז״וו.

דער מערץ־ווינט מישט די בלעטער און מאַסקעס — און צווישן זיי ווערט פאַרווייעט די מאַסקע פון אליהו בחור, וואָס האָט זיין תהלים געשריבן און געדרוקט פאַר די פרויען, וואָס וועלן דערינען „פינדן מיינסטער שטוק“ און אייזיק וואַליך וואָלט ווידער וועלן אַפּלאָדירן און אַרויסרופן די מאַסקע פון זיין דיכטער אליהו בחור און אים דריקן צו זיין האַרצן מיט גרוים ליבשאַפט — ווי אַ קאָלעגע מיט אַ קאָלעגע... נאָר די מאַסקע איז פאַר־שוואונדן געוואָרן צווישן די בלעטער, ווי אַ דערשיינונג פון זיל־בער־ליכט...

און אָט גייט־אויף די בלאַסע מאַסקע פון אַ דיכטער — וועמענס נאָמען איז אומבאַקאַנט געבליבן פאַר די דורות. נאָך נישט דערגאַנגען צום דעקאַדענץ פונם דיכטער׳ס עגאָ אַריינצו־שניידן זיין נאָמען אין דער שטאָל־וואַנט פון אייביקייט — גייען די אַנאָנימע דיכטער פאַרלוירן אין דעם גאַנג פון די דורות. אָבער

זיין פנים פלאַמט פון ליבע באַלויכטן. זיין האַרץ ברענט. צוזאַמען מיט דער געליבטער איז ער אַוועק אין דעם גאַנג פון אַלע מענטשן אויף דער ערד — אין דעם טויטנטאָל פון שאָטנס. און דאָך — ווען אייזיק וואַליך לייענט דאָס ליד פון דאָזיקן אַנאָנימען פּאָעט — קען ער זען, ווי ער שטייט איינגעטונקען אין ליכט פון דער לבנה — אַ פאַרליבטער. קען ער זען זיין געליבטע — אַ בלאַסע מיידל, וואָס גייט־אויף און פאַרגייט ווי אַ כוואַליע, וואָס בליט אַרויס פון דער ערד ווי אַ בלום — כדי זיך צו דער ערד אויף אייביק צו לייגן — און כדי פון אַ שיין האַרץ אַרויסצוציען, ווי זייד־פעדים, די פאָלגנדיקע פערזן:

„וווּ זאָל איך הין, ווּ זאָל איך הער,
ווּ זאָל איך מיכז הין קערן?
איך בינז איין ציונט, מיין הערץ דאָז ברענט,
איך קאָינז ניט פריי ווערן.
דאָ שפּעהט די הערץ אַלר ליבזט מיין
די איך האָב אויף דער ערדן.״

די מאַסקע ציטערט ווי אַ כוואַליע פון פליסנדיקע פּערל. ווי אַ כוואַליע פון זוניקע לופט — און דאַן פאַרשווינדט זי — עפּעס וואונדערלעך־מעלאַדיעזעס בלייבט קלינגען אין אייזיק וואַליך׳ס ברוסט־און־האַרץ. דאָס צערטלעכע האָט פול מיט דער איידלקייט פון זייד — פול מיט דער צאַרטקייט פון דער ווייב־לעכקייט — פול מיטן הויך פון פרילינג זילבער־בליענדיקן — באַרירט זיין מעכטיק, זיין גזלנ׳יש האַרץ... און שטיל בלייבט אייזיק וואַליך אַ ווײַלע זיצן ביי די פערזן פון דעם פיליכט ערשטן ליבע־ליד אין דער יידישער שפּראַך — כדי אין אַ ווײַלע אַרום זאָלן זיינע הענט מישן די לידער פון די ווייטערדיקע דיכטער און דער ווינט זאָל מישן די מאַסקעס פון זענגער און פּאָעטן פון דער פאַרגאַנגענהייט...

אָט גייט־אויף די מאַסקע פון משה בן מרדכי פּראַג — וואָס האָט איבערזעצט אין יידיש דעם תהלים, יהושע און שופטים און דעם ספר יונה. און די מאַסקע פון יוסף בן יקר — וואָס האָט איבערזעצט דעם סידור. זיי האָבן דערנענטערט די יידישע פרוי און דעם יידישן מאַן צו די אוצרות פון תנך. און בשעת דאָס

פאָלק האָט אין פינצטערניש געליטן, ווערנדיק געפייניקט פון זיינע אונטערדריקער, האָט דאָס ספר פון קעניגן און פון גלאָריע געבראַכט טרייסט די יידישע מענטשן. און אייזיק וואַליך וואָלט וועלן פאַרהאַלטן די ציטערנדיקע געזיכטער, זיי זאָלן לענגער בלייבן אַ ווײַלע אין זיין ווינקעלער, ער זאָל זיך מיט זיי איינזאַפּן.

און אָט טויכט־אויף דאָס פּנים פון יהודה בן ישראל פון רעגענשבורג — דער מחבר פון „דער קליין בראַנט־שפּיגעל״. זיינע אויגן פלאַמען מיט פייער פון דיכטונג, און זיין גאַנץ פּנים ברענט אין אַן אָרעאָל. וויפל מאָל האָט אייזיק וואַליך געלייענט אין שפּעטע נעכט דעם „קליינעם בראַנט־שפּיגעל״ — וויפיל טרויער פון מענטש און וויזהייט איז דאָרט פאַראַן. וויפיל דראַמאַ! און וויפל לעבנס־רעאַליזם. ווי גערן האָט אייזיק וואַליך, ווען מען טוט אַריין אין די פּערזן שטיקער פון לעבן — פון דעם פלייש פון לעבן. ווען ער דערזעט מענטשן און ליידנשאַפטן און הומאָר און וויץ. אפילו אין תנך פילט ער, טאַפּט ער אָן, אפילו ווען עס רעדט זיך וועגן הייליקע — די עכטע שטיקער בלוט־טריפנדיק לעבן. די מעכטיקע פּראָזע אין דער דיכטונג. אין רעגנש־בורג׳ס איבערזעצונג שפּרודלט עס מיט וויזהייט און הומאָר. עס איז ווי דאָס גרויע, פּראָזאאישע לעבן וואָלט באַרירט די דיכ־טער. געדענקט ער נישט די דאָזיקע פּערזן, אויף וועלכע ער קומט איצט אָנטקעגן:

„איין חכם וואר איבר זיינר הויז טיר שרייבן:
גאָט געבדז אליז בעיז פון זיינר טיר זאָלט אויסן בלייבן.
דא וואר איין אַנדרר חכם דער ויר ג׳פאָרן,
דש טעט אים באַנג אונ׳ צאָרן:
אונ׳ שריב דארונטר: ווען דו דיך דש האסט ויר גינומן,
ווען דיין ווייב אויז געיט, וועלכר טיר זאָל זי ווידר היימן קומן?״

אַ גוט געפיל האָט אייזיק וואַליך צום ראַפינירטן און קלוגן, צו ר׳ יהודה בן רב ישראל רעגענשבורג — און בשעת ער רע־פלעקטירט פון אים, מישן זיינע הענט די בלעטער פון זיין לידער־אַלבום. אַ מאַסקע גייט־אויף — יצחק בן מרדכי לינקוס פון קראָקע. ער האָט איבערזעצט אין יידיש דעם מחזור — די פּרעכטיקע תפילות, די פּאָעזיע. ווי אָפט איז אייזיק וואַליך אייפערזיכטיק

אויף די פּאָעטן וואָס זיינען אריין אין מחזור. אין דעם ווינט פון די צייטן, ווען די לידער־מאַנוסקריפּטן וואַנדערן אין דער לופט ווי די בלעטער אין האַרבסט, און ווען דאָס פאָלק ווערט געיאָגט פון לאַנד צו לאַנד — ווי גוט איז זיך צו פאַראַנקערן אין אַן אַלטן ספר, ווי גוט איז זיך צו באַהאַלטן אינם מחזור און לעבן אין דעם פאָלק. צו בלייבן אין די הערצער פון פאָלק. אין יום־טוב־טעג ווידער צו ווערן געמורמלט און געוויינט פון דעם פאָלק, פון מענער און פרויען פון די יידן. זיי זיינען געווען גרויסע פּאָעטן, די דיכטער פון שפּאַניע. אייזיק וואַליך האָט אויך זייערע פּאָעמען געלייענט. שוין אַלס קליין יינגל האָט ער זיי אינם מחזור געדאַווענט — און נישט פאַרגעסן צו פילן אין עקסטאַז פון דאַוונען — דעם צויבער פון זייער שפּראַך, די קונסט פון וואָרט און די שטימונג און די פילאָסאָפיע. זיי זיינען געווען הייליקע. גרויסע. זיי האָבן, ווי די נביאים, קאָמוניקירט מיט גאָט. די היינטי־קע פּאָעטן זיינען זינדיק. זיי בלאָנדזשען אַרום מיט זייערע לידער ווי די שדים אין ווינט, אין לופט און אין רעגן. זיי וועלן פאַר־לוירן ווערן אין זייערע זינד. דערפאַר גיט ער זיך אַזויפיל אָפּ מיט זאַמלען זייערע לידער. ער, אייזיק וואַליך, וואָלט וועלן זיך אויך באַהאַלטן אין אַ סידור, אין אַ מחזור. נאָר דער געדאַנק איז מאָדנע. פונקט ווי אַ ריזניונג וואָלט וועלן צוריק אריין אין דער מאַמעס בויך, צוריק ווערן עמבריאָן, ווייל דאָרט איז מוטערלעך־וואַרעם — און אויף דער וועלט איז קאַלט און גרוי און פינצטער. און אייזיק וואַליך לייענט יצחק בן מרדכי לאַנקוס'עס פאָרוואָרט:

„און' מיט גרושר פורכט זאָלט איר פר אים קוקן,
דיין הויבט, דיין נאַקן, אויך דיין רוקן.
און ווען אייער לייב ווערט געין צו דער גראָבן,
זאָ ווערט די זעיל געין אין הימל אָבן."

און ר' יצחק בן מרדכי לאַנקוס איז זיכער איצט אין גן־עדן — אין רויש פון פּאַלמען — טרינקענדיק דורכזיכטיקן האָניק...

און אָט איז ר' הוסלן (האַסלין) וואָס האָט איבערזעצט ר' שלמה בן גבירול'ס ליד. דאָס ליד בעט זיך צו זינגען און זיינע פערזן לאָדן איין צום טאַנץ. ער ציטערט אין דער לופט — ר' הוסלין, ווי אין וואַסער געזען. טאַנצט ער מיט זיין הערצנס־

געליבטע א שיינעם טאנץ? רעציטירט ער אין איר קליינעם, ליבן אויער די שיינע פערזן:

„מיין גוטר אלטר שטערקר וויין,
וואסער וויל דיין מיינסטר זיין."

עס דויערט א רגע — און דאן טאנצט ר' הוסלין מיט זיין אומזעבארער דאמע אריין אין א טונקל־גרינער אלייע... און זיין פארטרעט ווערט לופט... ווערט וואסער... און די געהיימניש־פולע דאמע גייט אים נאך געהארכזאם... געבונדן צו אים ווי מיט גאלדענע שטראלן...

און אויך משה שטענדאל האט זיך צוגערירט צו די פערזן פון תהלים — פון גרויסן, קעניגלעכן תהלים, וואס זיין פרוי, רייזע פישלס, האט ארויסגעגעבן מיט א געגראמטער פאר־רעדע. געבענטשט זיינען די, וואס לערנען תורה. תורה — דאס איז א בוים, וואס איז פול מיט פירות. בשעת די רשעים פארגייען ווי בלעטער אינם ווינט — אזוי זינגט ר' משה שטענדאל. און אויך ער האט גוט געטאן וואס ער האט זיין נאמען פארבונדן מיטן תנך. דער וואס האלט זיך מיט א שטארקער שיף אין שטור־רעמדיקן ים — קומט אן בשלום אהיים...

און אולמא זעליגמאן איז געווען פארצווייפלט וואס זיין דור זינדיקט. די זינד — ווי פייערדיקע דאמען, אין לופטיקע קליידער, מיט וואונדערשיינע פנימער, מיט גילדערנע לאקן, דערהייבן זיך איבער זיין דור. זיין מוסר־ספר „צוכט־שפיגל" האט אנגעמאכט א רושם ווען עס איז דערשינען.

„די ווארהייט איז געשטארבען, האט גענומען אויבער האנד,
די פרומקייט איז פערדארבען; שעם און צוכט
לאסטער אונד שאנד נימאנט זוכט." אאז"וו.

דאס קרעפטיקע געשטאלט פון אולמא זעליגמאן פארגייט מיט א געוויין. ער האט פיליכט נישט געוואוסט, אז די וועלט איז שטענדיק געווען פארכאפט פון שלעכטס און זינד. אבער עס קומט דער אוונט. מיט די קאלירן פון זון־אונטערגאנג צעשמעלצן זיך די בראנדזיגע פליגל פון די דאמען פון זינד. זיי פאלן אראפ ווי ליימיקע באשעפענישן, פאראליזירטע. מענטש שוואנקט צווישן זינד און הייליקייט. דער אוונט בארואיקט דאס געמיט און פון די וואלקנס פון פייער באווייזט זיך דאס פנים פון גאט — און מענטש באדענקט זיך...

אלחנן העלן, דער מחבר פון „מגילת וינץ“ — טויכט־אויף, ווי א כוואליע. די עפיק פון יידישע ליידן — איז ארייגעקריצט אין זיין מגילה. די טויערן פון דער שטאט ווערן געבראכן פון די שונאים. יידן לויפן אין שול אריין — צו זייער איינציקן גאט. עס פלאקערן און קרעכצן יידישע ספרים אין די פלאמען. עס בויגן זיך אוים שמערצפול די בלעטער — אין דער שרפה פון גייסט. דער וואס שרייבט „מגילת וינץ“ — איז געווען אין די פלאמען. האט זיך שמערצפול געבויגן צוזאמען מיט די בלעטער. מיט די פארמעט־בלעטער פון אונזערע הייליקע ספרים. און ווען ער איז פון די פלאמען ארוים — האט איבער אים געברענט דאס קלייד. ער איז געווען איינגעהילט אין פלאמען. און מיט די פלאמען האט ער געשריבן זיין „מגילת וינץ“. און איצט, בשעת ער גייט פארביי אייזיק וואליק'ן, אין דער אלייע פון דיכטער און זענגער, פארלויכט ער מיט זיין פייער דעם ווינקעלער... א היץ שלאגט פון אים... די פייערן ברענען נאך אויף אים — און די פערזן פלאקערן אראפ פון זיין לייב, זיי זיינען ווי וואונדן איינגעברענט אין זיין פלייש און אייזיק וואליק דערפילט א ציטערן פון פורכט פאר דער דיכטונג פון א דיכטער וואס האט געברענט... און אין פלאמען געהילט פארשווינדט אלחנן העלן — זיך קיינמאל נישט צו פארלעשן. נאר ווי פון א זון־אונטערגאנג, וואנדערן שטראלן און ליכט־שטורקאצן אין אייזיק וואליק'ס ווינקעלער... אין די שפארונעס פון די ווענט באהאלטן זיי זיך. און אייזיק וואליק בלייבט זיצן אין דער דעמערדיקער טונקלקייט — אליין — ארומגערינגלט פון דער אומענדלעכער פראצעסיע פון פאעטן...

באזונדערס האט אייזיק וואליק איבערגעשריבן אין זיין לידער־אלבום די פאעזיע פון לייב קוטנים — די בארימטע כלה־לידער. שטענדיק, ווען אייזיק וואליק לייענט די פערזן —

„גימגאלד טוט זיך פיר בלייכען
וואל פיר דער כלה צארט,
זיע איזט זא צוכטיק גלייכען — — —

ווערט ער טיף גערירט. לייב קוטנים האט געמוזט זיין א צארטער, איידעלער מענטש, וואס האט גענען די כלה ווי א וואונדערלעכע מאלעריי. אמת, אייזיק וואליק איז שוין צו אלט פאר אזא צארט,

בלייך ווען... אין זיין לעבן איז ער דורכגעגאנגען אלערליי פרויען — אבער די דאזיקע כלה, ווי לייב קוטנים מאלט זי, איז ווי אויף א קריסטאלענעם אבראז. עס איז אפשר דאס צארטעסטע כלה־ליד אין דער דייטש־יידישער דיכטונג. ווען אייזיק וואליך איז געווען א קליין יינגל, האט ער ליב געהאט זיין שכנ׳ס מיידעלע. זי האט געהאט לאנגע האר ביז צו דעם פוס־באדן. זי איז געווען א שוואכע, א בלאסע און זי האט קוים אירע קופערנע צעפ גע־קענט דערטראגן. זי איז געווען ווי א מאראננא — מיט גרויסע, צעבליטע אויגן, וואס זיינען געווען ווי צוויי אפגעפוצטע שפיגלען. אפשר, ווען ער הייראט מיט איר, וואלט ער געקענט פארשטיין דעם אמת פון לייב קוטנים פערזן:

„עס איז קיין גרעסער פרייד אויף ערדן,
אלס ווען צוויי ליעב צוזאמענגעגעבן ווערדען.״

און אייזיק וואליך דערמאנט זיך זיין לעבן און ווי דער טרויער רינט איבער זיינע יארן, ווי דער רעגן אין א פינצטערער שטוב — און פון די כלה־פערזן ציטערט זיין הארץ...

און ווי אייזיק וואליך האט ליב דעם סוף פונם ליד:

„דער אונז דאס ליעדליין ניי האט געמאכט,
חתן אונד כלה האט ערס צו ערען געמאכט,
ער איז וואל בעקאנט אין אלע לאנד,
לייב קוטנים איז ער גענאנט,
זיין האפנונג שטעט צו גאט דעם הערען.״

וואונדערשיין איז דער סוף. ווי דער דיכטער צייכנט זיך אריין אינם וויניעט פון זיין ליד...

אויך אינם „פורים־ליד״ פון יוסף בן בנימין צייכנט זיך דער פאעט אונטער:

„דער אונז דאס לידליין ניי האט געמאכט,
ער האט עס געמאכט ביי איינער נאכט,
גענאנט מיט זיינעם נאמען,
דעם פורים האט ער עס צו ערען געמאכט,
גענאנט יוסף זאן בנימין.״

יעדער פון די דאזיקע ברידער־דיכטער האט זיין ליד פאר־ענדיקט מיט זיין נאמען. ער האט געוואוסט, אז זיין ליד וועט

וואנדערן ווי א הארבסט־בלאַט אין צייט... האָט ער זיין ליד פארקריצט צום סוף פון די שורות, אומפאנאנדערצושיידן...

און אייזיק וואליך לייענט דאָס פורים־ליד. עס איז דער דאַזיקער סאָרט לירישע לידער, וואָס ער קלייבט מיט באזונדערער ליבע צוזאמען... די לידער וועגן כלות — וועגן אסתר...

„אסתר, דיע ליעס זיך ניט לאנג ביטען,
זיע טראט פיר דעם קעניג מיט גאנצען זיטען.
אויף אירע קניע טעט זיע פאלען,
דריי טאג האט זיע איר שפייז פירמיטען,
נאך טעט זי אים וואל געפאלן."

אייזיק וואליך האָט ליב די צאַרטע אסתר... אין דער גילדערנער קרוין... פון קינדהייט אָן שפּילט ער איר זיין ליד...

און אָט איז ר' שלמה פון פראג'ס געזיכט אין דער לופט. ער מאָלט דעם נביא —

„זיין באָרט איזט ציעמליך גרויס,
מיט זיין קאָפּ געט ער גאר בלויז,
בארפוס מיט זיינע פיסען;
קיין קעלט טוט אים פערדריעסען,
זיין ראָק פון פיל פארבען
מאכט זיין לייב פיינפארבן." אאז"וו.

ווי אָפּט האָט אייזיק וואליך אזוי געלעבט! האָט נישט ר' שלמה פון פראג געצייכנט אינם ליד דעם פּאָרטרעט פון דעם דיכטער, דעם וואנדערער, דעם אין טויזנט איינזאמקייטן געהילטן זענגער פון לײדן...

און פונקט ווי די פריערדיקע פּאָעטן, שרייבט זיך ר' שלמה פון פראג אונטער:

„דער דא האָט געמאכט דאָס ליעד,
דער הייסט דער פראליק יוד;
ווען איך אין וועלט געזען.
מאכט איר אין וואל קענען;
דאך וויל איך אייך זאָגען,
ער הייסט ר' שלמה פון פראָגען."

אייזיק וואליך האָט געשמייכלט איבער די דאַזיקע פערזן... ווי טרויעריק איז דערפאַר דער גורל פון די יעניקע וועמענס נעמען

זיינען פארלוירן געוואָרן, אזוי ווי עס גייען פארלוירן גאָר די נעמען פון דער מענטשהייט... פון די דורות... אַ באַזונדערע ליבע האָט אייזיק וואליך פאַר די פּאָעטן — אַנאָנימע, וואָס האָבן דאָס פאָלקסליד געזונגען און זיינען אַריין אין דר׳ערד מיט זייערע גאָלדענע הערצער.

אפשר דאָס שענסטע ליד איז דאָס ליד „צו בעדעקענס“ — פון אַן אומבאַקאַנטן פּאָעט. וויפיל מאָל אייזיק וואליך לייענט די שטימונגספול־לירישע, די צויבערהאַפטע פערזן. דאָס ליד פלעגט געזונגען ווערן אויף יידישע חתונות — צום בעדעקען די כלה... פריער פלעגט מען פאַרפלעכטן דער כלה׳ס גאָלדענע לאָקן — און דערנאָך זיי אָפשערן... אייזיק וואליך געדענקט, ווען ער איז געווען אַ קליין יינגל, די יידישע חתונות. און — די כלות! בלייכע און צאַרטע, ווי זייד און ווי בלומען, האָבן זיי ווי הארבסט־בלעטער אין דער חתונה־נאַכט געציטערט... צעבליטע און זיסע, ווי מלאָכים... דאָס זיינען געווען די יידישע פּרינצעסינס, די יידישע אוצרות... יעדער פון זיי איז געווען אַן אסתר המלכה... שטום און שטיל זיינען זיי געווען ווען מען האָט זיי זייערע שיינע האָר אָפּגעשוירן... נאָר אייזיק וואליך — ווען דאָס מעסער האָט זיך פאַרשניטן אין זייערע צעפּ — האָט אויפגעציטערט... עס איז געווען, ווי דאָס מעסער וואָלט זיך פאַרשניידן אין זיין האַרץ, אין זיין לירישן האַרץ. און ווי גאָלד זיינען די האָר געפאַלן צו דער כלה׳ס פיס — צו דער כלה׳ס ווייסע, ציטערנדיקע פיס... און עס איז געווען, ווי עס וואָלט איר יוגנט אַרונטערגעפאַלן פון איר. צרות און לייד הייבן זיך איצט אָן. אַרבעט און מי — און די אייזערנע גרויקייט פון לעבן לאָזט זיך איבער די יידישע כלה־קינדער אַרונטער... די האָר — ווי גאָלד... די בלאַסע פּנימער — ווי זילבער... אָ, די צאַרטע, די ציטערנדיקע כלות — און דאָס ליד רופט אַרויס טויזנט רעמיניסענסן פון זיין קינדהייט...

„עס בעגעגנעט אים צור זעלביגן פאַרט,
איין יונג פרייליין, וואַר אַלזאָ צאַרט.
ער שפּראַך: גאָט גריס אייך יונגפרייליין,
וואָס שאַפט איר היר אַליין אַן דעם אבענד.“ אאַז״וו.

דאָס דאָזיקע ליד — מיט זיין נאָקטורנער שטימונג — געווענדט צו דער פרוי, ווי אַ לירישע סערענאַדע, האָט שטענדיק

טיף געריירט אייזיק וואַליד׳ן. עס איז צו אים פון די פערזן אויפ־געגאַנגען די אומהיימלעכע שטימונג פון אָונט... זוכנדיק די פרוי דורך גאַסן און מערק — דורך איינזאַמע פּאַרקן מיט בראַנ־דזענע סטאַטועס — דורך בערג און טאָל — זוכנדיק די פרוי אין דער וועלט — זוכנדיק זיין באַשערטע... און מיט וויפיל ליריזם קלינגען צו אים, ווי אַ ליטמאַטיוו, די הערלעכע פערזן:

„מיט שטילשווייגן פאר, ערפארעט מאַן פיל,
שענע כלה איך זינג דיר דאס ביישפיל,
דאס מאַן דיך האט געזוכט זאָ ווייט,
ביז מאַן דיך האט געפונדן הייט אַן דעם אבענד."

און מיט די פערזן פונם ליד פון דאַזיקן אומבאַקאַנטן פאַר־פאַסער, וואָס איז אַוודאי אויך געבליבן אַ בחור — ווי אייזיק וואַליד — פאַרמאַכט ער זיין לידער־אַלבום. ער האָט היינט ביינאַכט דורכגעלייענט — און געלעבט — מיט אַ גאַנצער פּעריאָדע פון יידישער דיכטונג... אַ דיכטונג מיט קאַרנאַוואַל־מאָטיוון, מיט ליבע־לידער, מיט כלה־געזאַנגען, מיט קעניגן־געשיכטן און מיט תהלים־פערזן. אַ דיכטונג, וואָס איז געבליבן פון הונדערטער יאָרן יידיש לעבן... לידער — וואָס זיינען די מאָנומענטן פון יידישע ישובים און דורות. —

•

שפּעט ביינאַכט איז שוין געווען. דער אַלבום מיט לידער איז געווען צוגעמאַכט. און אייזיק וואַליך איז געווען מיד. אין אַלע זיינע גלידער איז געווען מידיקייט. ער האָט געטראַכט, אַז ווער ווייסט צי אויך ער וועט נישט בלייבן אַנאָנים. צי זיין רויט געזיכט וועט נישט אָפּגעמעקט ווערן אינם שטורם פון די צייטן. אַ גרויסער ווינט פון יידן־האַס דערהייבט זיך איבער דער וועלט. און מיט דער צייט וועלן יידן דאַרפן זוכן אַ ניי מקום מקלט. וואוהין פּאַרט וועלן יידן דערגיין? וואו וועט זיין זייער ערד, וואו זיי וועלן זיך קענען בויען זייער נעסט? אַ גאַנץ לעבן האָט ער געזונגען וועגן ווייַן און אָקסן און פרויען און פרעסן. אָבער איצט, ווען די מידיקייט באַזעצט זיך אין זיינע גלידער — ווי בענקט ער נאָך איר, נאָך דער גרויסער פרייהייט פון זיין פאָלק! דער קאָנצערט איז געענדיקט. פון אַלע מאַסקעס — אַ קופּע מיט בלעטער. און

דער מערץ־ווינט יאָמערט. און עס איז ווי דער מערץ־ווינט וואָלט רעציטירן ווי אַ רעפריין צו גאָר דעם ערדישן געשען — פון אייזיק וואַליך׳ס ליד:

„אך ערדעלהייט, ערדעלהייט,
עס איזט דאָך ניט איין ערדעלהייט.
אַלעס, דא איזט אויף ערדן.
אַלע דינג פאַרגיין זאַ שנעליגלייך,
וויר אָדם קינדער, אָרעם אונד רייך,
מוזען אַל צו עשן ווערדען.“ אאַז״ו.

— — — — — —

— — — — — —

אייזיק וואַליך איז היינט זייער מיד. און אַט עפנט זיך די קאַרוזעלע און פילע דיכטער, בעטלערס, וואַנדראַוואניקעס, בדחנים, כלה־מוידן, קעניגינס מיט קרוינען אויף די קעפּ, ווייבער און קינדער און זענגער און טענצער — דערשיינען ווידער. טאַנצן, שפּרינגען און האָפּקען און ציטערן אין האַרבסט־ווינט און דער־נענטערן זיך צו אים אַלע נענטער און נענטער... און אַ גרויס געוויין רייסט זיך פון אייזיק וואַליך׳ס ברוסט — און טרערן קוואַלן פון זיינע אויגן. אָ, ווי ער וואָלט וועלן אַרומנעמען זיינע טאַטע־מאַמע, וואָס זיינען פּלוצלינג דערשינען צווישן דעם מאָדנעם, הימלישן פּובליקום... ער דערקענט זיין מוטער — און זיינע שוועסטער — ווי זיי האָבן זיך נישט געעלטערט! — ווי זיי זיינען געבליבן יונג און שטראַלנדיק, ווי כלה־מיידלעך... פון וואַנען קומען זיי עס פּלוצלינג?... פון וועלכע צוייבער־לענדער? און וואונדערלעך שפּרייטן זיך איבער אים פליגל פון מלאָכים... גאָלדענע פליגל, ווי מלאָכים וואָלטן גיין אַרויף און אַראָפּ אויף אַ לייטער — אין אַ וואונדערלעכן חלום... און די קינדהייט גייט־אויף,ביימער מיט פייגל זינגענדיקע, טייכן מיט די גופים פון זיינע זיך באָדנדיקע חברים, און דאָרטן ווייט — די מיידלעך וואָס באָדן זיך ביים וואַסער... ווי שיין זיי זיינען — ווען ווי טוי טריפט פון זייערע לאָקן דאָס הייסע וואַסער... טריפט אַראָפּ צו זייערע צאַרטע בריסט... איבער די זילבערנע לייבער. און פּלוצלונג ווערט אייזיק וואַליך׳ן זייער שלעכט, זייער ביטער, און ער פאַלט ווי אַ שטיין צו דער ערד...

און איבער אים שוועבן מלאָכים און זינגען:
„דער קיניג לאָט אייך ביטען,
מיט דען ציגען צו האַלטען איינען טאַנץ;
פון איינעם זאַלט צעהען שטיקען,
איין ריקבראַטען אַלזו גאַנץ.“ אאַז״וו.

די מלאָכים זינגען פרייליכע, גראַטעסקע לידער פון דעם דיכטונגס־אוצר פון אייזיק וואַליך. עס ווערט טאָג. דער מערץ־ווינט בייזערט זיך און שרייט, אַז היינטיקע נאַכט איז געשטאָרבן אייזיק וואַליך — דער דיכטער פון יידישן לעבע־ליד. נאָר קיינער ווייסט נישט. אין ווינקעלער רוט דער גוף פון דעם, וואָס האָט פיל געלעבט און פיל געזונגען.

און ווען די ערד וועט אים אַריינקריגן אין איר שויס, וועט זי צו אים טאָן זיין רעכט. און פרייען וועט זיך גוף מיט יעדעם זעמדל — מיט יעדן בוים וואָס רוישט איבער זיין קבר — מיט יעדער בלום וואָס טראָגט אַנטקעגן דער זון איר געזיכט ווי אַ טאַץ — און מיט זיינע גאָלדענע הענט וועט אייזיק וואַליך אַרומנעמען הימל און ערד און גיין אין אַ טאַנץ מיט זיי אין דער לופט, און ער וועט זיין שיכור פון טרינקען דעם בעכער פון אוניווערס...

ניו-יאָרק, אויגוסט, 12, 1945.

טויבה פאַן און איר געבעט צו גאָט

טאָכטער פון ר׳ ליוב פיצקער,
פרוי פון ר׳ יעקב פאַן,
וואַרשיינלעך געלעבט אין פראַג (?)
אין 17-טן יאָרהונדערט (?)
(דערציילונג)

אַ מידע און אַ צעבראָכענע איז טויבה פאַן אַהיימגעקומען. זי האָט אָנגעצונדן דעם קליינעם לאָמפּ און דאָס ליכט איז גאָלדיק געפאַלן אויף דעם טונקעלן מעבל. עס האָט אַ בלישץ געטאָן איבערן אויסגעקרימטן און פון דורות־ליידן צעשמאָלצענעם חנוכה־לאָמפּ, וואָס איז געווען פאַרטריפט מיט קאַלטן חלב; אויפן מערזשער,

וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, פון אָפּגעפּוצטן מעש, אויפן זייגער וואָס איז געהאַנגען אויף אַ וואַנט אַן אויסגעקרימטער און ווען ציפערבלאַט איז געווען ווי אַ מענטשנגעזיכט — אַזוי ווי אַ שטומער געץ וואָס ווייַנט און לאַכט. דאָס ליכט פון גאָלד, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קנויט פון לאָמפּ, האָט באַלויכטן דאָס טייטש־חומש, וועמענס טאָוולען זייַנען געווען צעקנייטשט, געל, און די בלעטער — צעבראָכענע און צעריסענע, אַזוי ווי די צייכנער פון דורות וואָלטן בייסן די געלע בלעטער.

טויבה פאַן האָט זיך אַ ווײַלע געפּאַרעט אין קיך, וואו עס זייַנען אויף דער וואַנט געהאַנגען געשייערטע קופּערוואַרג, פאַנען און ריינדלעך, וואָס האָבן אויסגעזען ווי צעבויגענע לבנות. שפּעטער איז זי צוריקגעקומען אין דער גרויסער שטוב אַריין, האָט מיט ציטערנדיקע פינגער געהאַלטן אַ בינטל בלעטער און האָט זיך געזעצט ביים שרייב־טיש, לעבן דעם אַלמער מיט ספרים. די ספרים זייַנען געווען אַלטע און אָפּגענוצטע; די גאָלד־אותיות אויף די רוקנס — אָפּגעריבענע, אָפּגענוצטע און אָפּגעבלאַקירטע. עס איז געווען, ווי אַ פאָלק וואָלט טויזנט יאָר צייט געלערנט פון די דאָזיקע ספרים, און זיי וואָלטן פון מענטשנהענט געווען צעבויגן און צעקרומט. פון זייערע ווערטער און געדאַנקען האָט אַ פאָלק זייט יאָרטויזנטער געטרונקען חכמה און, לעבנדיק צווישן שונאים — זייַנען די ספרים געווען זייער אימפּעריע, וואו זיי האָבן זיך אין דעם באַהאַלטן, די אייביק־פאַרפאָלגטע. די ספרים געהערן צו ר׳ יעקב פאַן. און ווען טויבה פאַן באַרירט זיי מיט איר קליינער, צאַרטער האַנט — פילט זי, ווי זי וואָלט באַרירט זיין לייב, זיין גוף. די ספרים שמעקן מיט זיין לייב, מיט זיין לעבן. און מיט די ספרים איז איר היימלעך — היימלעך אין אַ וועלט פון טרויער־פאַרן יידישן פאָלק. און צוזאַמען מיט די ספרים זייַנען געבליבן אויף די ווענט די צייכענונגען פון רש״י, און פון רבינו יעקב תם און פון דעם רמב״ם און באַזונדער, אין אַ ווינקל — הענגט אַ צייכענונג פון ר׳ שלמה בן גבירול... זיין אויסגעצערט געזיכט, זייַנע גרויסע, פיבערנדיקע אויגן. אין אים איז טויבה פאַן געווען פאַרליבט. ר׳ יעקב פאַן פלעגט פיל דערציילן פון רב שלמה בן גבירול, ווי ער וואָלט אים אינטים געקענט... און טויבה פאַן פלעגט צעגיין פון עקסטאַז פאַרן קאַסטיליאַנער פּאָעט... אין

שפּעטע נעכט קוקט זי אויף אים — און עס איז ווי ער וואָלט אראָפּגיין פון דער צייכענונג — זי אַרומצונעמען...

טויבה פאַנ'ס פּנים שפּיגלט זיך איצט צופעליק אין דעם בלעכענעם שפּיגל. אויך אין דאָזיקן שפּיגל איז געבליבן ערגעץ וואו שטעקן ר' יעקב'ס מאַסקע. די מאַסקע מיט דער רויטער באָרד. מיט די גרויס־אויפגעריסענע אויגן, אַזוי ווי בן גבירול'ס... מיט די ליפּן, וואָס פלעגן קושן די תורה מיט אַזויפיל צערטלעכקייט, פּונקט ווי דעמאָלט, ווען ער פלעגט זי, אַלס זיין כלה, קושן... און שפּעטער — קושן די בלעטער פון די ספרים ביים פאַרמאַכן זיי. די ליפּן, וואָס האָבן גאָט געקושט דורך די פייערן פון דער תורה, דורך די הייליקע ספרים. און, יאָ, זי געדענקט גוט זיינע קושן — מיט פילע יאָרן צוריק... ווען זי איז געווען זיין כלה... די ווייסע, די אומשולדיקע, די שטילע כלה. שיין און שמעקעדיק, ווי אַ בוקעט מיט בעז. די וואונדערלעכע יידישע כלה. און ער איז געווען שלאַנק, ווי איינער פון די ריטער פון די גויים, עס זאָל נישט אויסגערעדט זיין... און אַזוי גוט צו איר... אַזוי וואונדערלעך. פילע יאָרן זיינען שוין פאַרביי... און דער בלעכענער, צעבויגענער שפּיגל ווייזט איצט טויבה פאַנ'ס געזיכט. די רויטלעכע האָר פאַלן איבער איר עטוואָס־געריכצעלטן, שמערצפולן שטערן. דאָס פּנים איז זייער איידל און זייער שמערצפול. עס איז ווי אין עקסטאַז. עס איז פול מיט וויזיאָן. מיט שרעק. מיט פאַרצווייפלונג. אַזוי איז אסתר די קעניגין געווען שרעקנדיק אין די טעג פון דער מגילת אסתר... און אויך איצט איז אַ גרויס אומגליק געקומען אויף ישראל. די מגפה בושעוועט שוין זייט וואָכן. און שוין פילע וואָכן ווי טויבה פאַן שרייבט אַ געבעט צום פאָטער אין הימל...

איר צאַרטע האַנט ציטערט בשעת זי נעמט די גענדזענע פּעדער, מיט וועמענס שפּיץ זי באַרירט אירע שיין־געפאַרמטע ליפּן, אַ ווײַלע טראַכטנדיק, מיט דער פּעדער אין מויל. דאַן שרייבט זי אָן די פּערזן:

„יומר און גרושה קלאָגן.
ווען מען איינם אַרויז טוט טראָגן.
און דאָז איז לײדר די גרעשטי פּיין.
אַז ער ניט אויף דען בית חיים זאָל ביגרבן זיין."

און טויבה פאַן נעמט ווידער אַריין צווישן אירע דינע ליפּן דעם שפּיץ פון דער ציטערנדיקער, געגנדזענער פעדער. זי דער־מאָנט זיך אין דער לויה וואָס זי האָט היינט געזען. עס איז היינט געווען אַזאַ זוניק־גילדערנער טאָג. אין דער לופט איז געווען פרילינג און — צווייפל. די וואָלקנס האָבן, ווי זיידענע פאַרהאַנ־גען, יעדער ווײַלע אָפּגעדעקט די זון און זי צוריק פאַרהילט. און דאָס שפּיל פון זון און וואָלקן איז געווען אַזאַ מין שיינס — און פאַנטאַסטישס. עס איז געווען, ווי די וואָלקנס וואָלטן געשפּילט מיט דער זון דאָס בלינדנשפּיל — און יעדעס מאָל אין שפּאַס פאַרהילט און פאַרבונדן אירע אויגן, זי זאָל נישט קוקן אויף דער ערד און זי באַשײַנען מיט אירע בליקן. און יעדעס מאָל גייט אויף ליכט און שאָטן אויף דער פייכטער ערד, אַזוי ווי העלערע און טונקעלערע גייסטער. און שטיקער שניי־אינדזלען זײַנען געווען אויף דער ערד — ברודיק, פאַריסט, ווי פּנימער מיט מאַסקעס אין שושן־פּורים. און אָט שמעלצן די שניי־אינדזלען און דאָס היימישע, פּשוטע גראָז פון דער ערד גייט אַרויס, דעקט זיך אָפּ מיט אַ וואונ־דערלעכן קאָליר — ווי פון זייד...

טויבה איז אין דעם דאָזיקן צויבערהאַפטן פרילינגס־טאָג געווען ווי פאַר׳כישוף׳ט. דורך איר זעעל גייט־דורך דאָס חתונה־שפּיל פון אַ פידל. אַ האַנט — די האַנט פון וואַנזיניק־שווינד־זוכטיקן כלי־זמר — שוין לאַנג אין דר׳ערד — שפּילט אין דער לופט דאָס וואונדער־ליד — דאָס חתונה־ליד — דאָס כישופ׳דיקע כלה און חתן־ליד. די האַנט אין דער לופט מיטן רויטן אַרבל — פאַרפלעקט פון צימעס, און איי־גלעכלעך, און פעטע יויך—שפּילט אין דער לופט דאָס גאָלדענע ליד. און די פידל אין דער לופט—לעבן זײַן האַרץ—ווי אַ קינד, ווי איר, טויבה פאַנ׳ס קינד—ציטערט און צאַפּלט — עס ציטערט איר קינד מיט זײַן ליד — דעם כלי־זמרס ליד. און דאָס האַרץ ציטערט — ווי די זון אין דאָזיקן פאַרביקן פרילינגס־טאָג — אין דאָזיקן מאַסקירטן צויבערטאָג — און די ערד ציטערט — די גאַנצע ערד ציטערט און דורך די ביימער גייט־דורך אַ געשריי פון פרייד און פון שמערץ — אַלע ביימער־הערצער ווערן באַרירט, ווי בויגנס, וואָס ווערן באַרירט פון ווייסע, ציטערנדיקע צויבערהענט — פון וואונדערלעכע כישופהענט...

און טויבה פאַן דערמאָנט זיך שטיקער פונם טאָג — ווי

בלעטער פון א ספר — פארטונקלט־פארשריבענע מיט פאסירונג — פארפלעקטע מיט געשעענישן. די פראצעסיע באוועגט זיך באַרג־אַראָפּ. עס גייען נאָנעם אין שווארצן, מיט גרויסע, גאָלדענע קרייצן — רוי געשמידט. די קרייצן באַמבלען זיך זינדיק צווישן זייערע פים — איבער די בריסט — ביי די זייטן. קרייצן פון מאסיוון גאָלד — וואָס שלאָגן און באַרירן, ווי מיט פרעמדע, פרעכע הענט דאָס לייב פון די נאָנעם. עס גייען גלחים אין לאַנגע, מאַנאַכישע זשופּיצעם — אין ברוינע קליידער — און זייערע לייבער זיינען צעשניטן פון שלאָגן זיך, פון פייניקן זיך, פון שטראָפן זיך, פון וועלן די געשלעכטס־פייערן פארלעשן מיט שאַר־פע ריטער, פון וועלן דעם טייוול, ווי אַן אַנגעצונדענעם געץ, פאַר־טרייבן פון זיך מיט געשריי און מיט געוויין און מיט היסטערישע תפילות. און די גלחים זיינען באהאנגען מיט אייזערנע קרייצן — קרייצן, באַרירטע פון אַלמעכטיקן קעניג זשאַוועך, און וועלכעס מויל פון פאָלק עס קושט זיי — ווערן די ליפּן באַלייגט מיט רויטן זשאַווער, ווי בראַנדז פון די פליגל פון שמעטערלינגען — ווי פארב פון באַרירטע בלומען.

טויבה פאַן איז מיטגעגאַנגען מיט דער לויה — ביז צום בית־עולם. קיין יידישע זעעלע איז נישט געווען צו זען. די גויים זיינען אויפגערעגט אויף די יידן. דער פינצטערער המון קען צו יעדער צייט פארשטייניקן אַ ייד. דער המון — דער אייביקער המון — פון אייזן־געגאָסענע געזיכטער; פארקרימטע, צעבויגענע, אין דער וועלט־קוזשניע געשמידטע און געקאָוועטע און די ערד אויפן בית־עולם איז פייכט — דער שניי צעשמעלצט זיך. די לופט — פול מיט גילדערנע פעדים, מיט זייד, מיט איידעלן כינעזישן זייד — און גלחים מורמלען איבער די מתים און די ערד איז אָפן — די טראַכט פון דער ערד נעמט צוריק אריין די קליינגעוואָרענע מענטשן — די העלדן, צוריק צו קאַרליקעס פארוואַנדלט — צו עמבריאָנען — און צווישן די מתים דערקענט טויבה פאַן היימישע יידן פון פראָגער געסלעך — געפאַלענע פרויען פון יידישן פאָלק — מיט געוואַלט ווערן זיי באַגראָבן צוזאַמען מיט גויאישע מתים אויפן קריסטלעכן בית־עולם. די ערד פון בית־עולם איז רויט ווי לייס און פייכט, און זי פאַלט איבער די יידן — איבער די גויים. און דאָס האַלץ פון די טרומנעס איז געל, ווי האָניק; די אָדערן

פון דעם האַלץ — נאָך פריש, נאָך ציטערנדיק, ווי אַרטעריעס פון מענטשן — ערשט האָבן נאָך געבליט דיביימער ביז צום הימל — ערשט האָבן נאָך די מענטשן געלעבט און געטרונקען זון פון די הימלען — פון דעם גרויסן גילדערנעם בעכער פון דער זון. מענטש און צוזאַמען מיט בוים געשטיגן צו די אומגעהייערע הויכקייטן — זיך אָנגע׳שיכור׳ט מיט גאָט׳ס ליכט.

און טויבה פאַן צעוויינט זיך און פאַרהילט איר איידל געזיכט אין אירע הענט, ווי אין צוויבער־טרויעריקע בלעטער...

און טויבה פאַן פאַרצייכנט ווידער:

„שרייא אָן דען מלאך מיט געוואַלט.
אַז ער פון אונז די מגפה אויף הלט.
דוא זאָלשט דיך ליבר הער גוט איבר אונש דער ברמן:
פאָטער קיניג.״

און טויבה פאַן זעט ווי גאָט שטייט אויף פון זיין כסא הרחמים און שרייט העפטיק אויפן מלאך — און פון די געשרייען ציטערט דער מלאך אַזוי ווי אַ בוים אין אַ שטורם־ווינט... ציטערט אַזוי ווי די פליגל פון אַ בליץ — דורכשוועבנדיק פון איין עק וועלט ביז צום אַנדערן עק וועלט... און זי דערמאָנט זיך ווי יידישע קינדער פאַלן ווי די פליגן אין יידישע היימען. און ווי שיין זיי זיינען — שענער ווי די מלאכים מיט רונדע געזיכטער אויף די געמאָלענע בילדער אין די קריסטלעכע היימען...

און די יעניקע וואָס ווערן קראַנק, טיילט מען אָפּ פון די געזונטע. און די אָפּגעטיילטע קראַנקע שטאַרבן פון שרעק. אַ גליק, וואָס עס געפינען זיך באַרמהאַרציקע ווייבער וואָס העלפן די ליידנדע.

„פרומה ווייבר אך אַלי צייט
טונן פיל גוטץ דיא קרנקן לייט.
פיל חברותת אַלי צייט.
זענן צו פיל מצות אָן בירייט.
גאָט זאָל זיא בהיטן פר אַלי לייד:
פאָטער קיניג.״

און טויבה פאַן דערמאָנט זיך ווי די ווייבער לויפן אַרום ווי וואַנזיניקע. רויזל די פישערקע מיטן אָפּגעברענטן געזיכט. „פרינצעסין זעלדע״, ווי מען רופט זי מיטן צונאָמען, לייגט איין וועלטן

צו ראַטעווען די אומגליקלעכע. יחנה די הויקערין, וועמענס האָרב איז אַן אוצר מיט גאָלד—ווי דאָס פאָלק רעדט. אַלע, די קרומע און לאָמע, די טויבע און שטומע — גייען צווישן די מחנות, ווי צווישן פייער. זיי דערלייכטערן מיט אַ טרונק ווײַן די ליידנדע. זיי גיבן וואַסער צו די אָרעמע. זיי פאַרלייכטערן די שמערצן פון די יעניקע, וואָס זיינען אין אַגאָניע. און אָפט פאַלן זיי אַליין אוועק און מען פאַרטראָגט זייערע הייליקע לייבער אויפן קריסטלעכן בית־עולם, צווישן די פאַרזשאַווערטע, אייזערנע צלמים, צווישן די פאַרוויאַנעטע קופּער־קאָלירטע קראַנצן, אין אַ פרעמדער און גוי־אישער ערד.

און בשעת דאָס אַלץ גייט אָן, און דער מלאך המות גייט אַרום מיט זיין פייערדיקער שווערט — דערהייבן זיך די שונאים פון די יידן. זיי טענה'ן, אַז יידן זיינען שולדיק אין דער מגפה. יידן האָבן, אַלזאָ, טאָפּלטע שונאים — אי די מגפה זעלבסט, אי די אַלערליי יידן־פיינט, וואָס שלאָגן אונדז און זוכן אַלע אומגליקן פון דער וועלט צו פאַרוואַנדלען אין יידישע קאַטאַסטראָפעס. דער דיכ־טערינס האַרץ שרייט אויס אין גרויסן געשריי:

„ליבער הער גוט טוא אן זעהן.
די תורה מעשים טובים וואש טוט גישעהן.
אז מיר זאָלן גיפינן חן וחסד אין קיסר אויגין.
אָלי דיא ביז אויף אונז רידן זאָל ערש ניט גלויבן:
פאַטער קיניג." אאז"וו.

אָט־אַזוי בעט זיך טויבה פאַן אין איר ליד פאַרן קיניג און זיין קעניגין און פרינץ, און פאַר אַלע די, וואָס טוען גוטס און רעדן נישט קיין שלעכטס אויף יידן.

און טויבה פאַן לייגט אַריין איר גאַנצע מוטערלעכקייט — איר ווייבלעכקייט — איר פּאָעטישן טאַלאַנט אינם דאָזיקן איינ־ציקן ליד, וואָס זי לאָזט איבער נאָך זיך — אַ געדעכעניש צו די קומענדע דורות:

„מיט די טרערן מעק אָפּ אונזרה זינד.
דוא בישט אונזר פאָטר אונ' מיר דיינה קינד.
מיר טונן גלויבט זיישטו אַל דיין זיין.
ליבר פאָטר פר לאָז ניט דיא קינדר דיין.
פאָטער קיניג."

און אַזוי טראַכטנדיק, פילט טויבה פאַן אַ שמערץ אונטערן האַרץ. זי דערמאָנט זיך, ווי זי בלאָנדזשעט אַרום דעם גאַנצן טאָג צווישן די ליידנדע; ווי זי באַוועגט זיך מיט געבעט, און מיט רפואות, און מיט שטיקער תהילים צווישן די אומגליקלעכע; ווי זי גייט אַרום זינגט איר קינדהייט אָן אין דעם טאָל פון לייד און באַמיט זיך מיט וואָרט און מיט שפּייז, און מיט ברויט און וואַסער צו העלפן די ליידנדע. ד י כ ט ע ר י ן ז י י ן — איז נישט שרייבן קיין לידער אין איינזאַמקייט, נאָר שטיין ביז איבערן גאַרטל אין טאָל פון טרערן און בלוט און ברענגען טרייסט און לינדערונג. און עס פאַלט איר קיינמאָל נישט איין זיך אויסצוהיטן פון דער מגפה. צו באַשיצן איר אייגן לעבן — דאַכט זיך טויבה פאַן — איז אַ זינד. אַ פאַרברעכן. און וואָס טיפער זי גייט אין דעם אָפּגרונט פון ליידן — אַלץ שטאַרקער, אַלץ מעכטיקער ווערט זי ביי זיך, אַזוי ווי זי וואָלט טראָגן אַרום איר גוף אַ פּאַנצער פון גאָטס־שטראַלן. אַזוי ווי עס וואָלטן קרייזן אַרום איר קאָפּ מלאָכים מיט פייערדיקע פליגל און וואָלטן איר באַשיצן. און אַלץ מיט אַ גרע־סערן שטורעם וואַרפט זי זיך אין די אָרעמס — אין דעם ים פון מענטשלעכע ליידן. און וואָסאַמאָל ווערט זי העפטיקער, שטורעמ־דיקער — און זי וויל דורכשווימען אַלע אומגליקן, אַלע ליידן, אַלע טראַגעדיעס — ביז צו דער זון, וואָס שטראַלט־אויף מיט פרייד איבער דער גאַנצער מענטשהייט און דערוועקט צום לעבן אַלע דורות — און לאָזט זיי אויפגיין אויפסניי איבער דער ליידנ־דער ערד. זי וויל זיך דורך דעם ים פון ליידן דערשלאָגן ביז צום אַלמעכטיקן און אים צווואַרפן גאָר די ליידן פון זיינע קינדער — פון זיין פאָלק ישראל און פון אַלע גוטע און ליידנדע פון אַלע פעלקער — און אונטערן האַרצן שמערצט איר טיף — און אַ גרויסע לייד באַפאַלט איר, אַזוי ווי די פייערדיק־אייזערנע ציין פונם מלאך המות וואָלט איר אַ ביס געטאָן אין סאַמע האַרצן און אויף אירע בלויע, ציטעריקע ליפּן ציטערט דער פערז:

„אַלע מלאכים אין הימל זאָלן פאַר אונז תפילה טון.
און השי״ת זאָל נעמען די תפילה אָן.
זאָל אונז אונזער געבעט געווערן
און אַלע קרענקע לאָזן אויפהערן —
פאָטער קיניג.״

און טויבה פאַן ציטערט פון ליד און פון געבעט און פון שרעק און פון תפלה — ווי אַן איינזאַמער, אַ פאַרגעסענער בלאַט אין גרויסן מערץ־ווינט.

* * *

עס איז געוועזן נאַכט. און אין דער נאַכט האָט זיך אויס־געברענט דער נאַפט פונם לאָמפּ. טויבה פאַן איז געבליבן זיצן אין דער פינצטערניש. די שטערן האָבן העל געלויכטן, אומגע־ווינלעך געבליצט און געקומען נענטער און נענטער. די לבנה גייט־אויף גאָלדנפאַרביק. און אָט געשעט עפּעס וואונדערלעכעס — פון די שטערן ווערן קעפּ פון ליכטיקע מלאכים. און טויבה פאַן זעט אַ וואונדערלעכע מלאכים־באַוועגונג. זיי שטייגן־אויף־און־אָפּ. זיי טאַנצן אין דער לופט. זיי ציטערן און צאַפּלען און באַוועגן זיך ווי די בלעטער אין אַ געוואַלטיקן גאָרטן. אין אַ געטלעכן סאַד. און אַלע מלאכים זינגען אין מעכטיקע כאָרן און בעטן, אַז די מגפה זאָל אויפהערן. און זיי יאָמערן מיט אַזויפיל מענטשלעכן שמערץ... פונקט ווי זיי וואָלטן זיין אומשטערבלעכע מענטשן... און טויבה פאַן דערקענט אירע אייגענע פערזן — פון די גאָלדענע מיילער פון די מלאכים —

„אַלע טויערן זיינען צו אָן די טויערן פון טרערן.\
ליבער הער גאָט, טו אונזערע געבעט דערהערן.\
נעם אונזערע טרערן אין דיין לאָגל היניין.\
און טו דיין פאָלק ישראל מציל זיין —\
פאָטער קיניג.“

און דער כאָר ווערט אַלץ גרעסער און פייערלעכער — און די מלאכים לויכטן ווי זייד — ווי גראַציעזע פלאַמען — און זייערע שטימען זיינען רירנד און יאָמערלעך — און ווי וואונ־דערלעך קלינגען די פערזן פון איר ליד — פון איר געבעט. און אָט דערזעט זי אַלע די, וואָס זיינען אומגעקומען פון דער מגפה און וואָס מען האָט באַגראָבן אויפן קריסטלעכן בית־עולם. זייערע קעפּ שטראַלן ווי אין אָרעאָלן. זיי לייכטן־אויף וואונדער־לעכע. זיי ווערן געהילט אין גאָלד. און אָט שטראַלן צווישן זיי די קעפּ פון רחל רבקה און לאה, פון אברהם יצחק און יעקב. און אָט איז משה רבינו, וואָס האַלט די לוחות ביים זייט, אַזוי ווי אַ זון. עס

איז אַ הערלעכע געזעלשאַפט. און אַלע זינגען — און אין גרויסן כאָר קלינגט דאָס ליד פון טויבה פאַן — די באַרימטע תפלה — און אַזויפיל ליכט לויכטן אין די הימלען — און אָט זיינען טאַקע די ווענט פון די הימלען — פון בלויען מירמלשטיין — די הימלען, וואָס דו האָסט פון קליינערהייט אָן געטרוימט מיט דיינע פינגער צו באַרירן. נאָר נישט איצט איז די צייט צו באַרירן מיטן קינ־דערש־אַלטן הענטל די הימלען — די גילדערנע הימלען. נישט איצט איז די צייט זיי צו באַרירן — די גאָלדענע הימלען. און אָט דערזעט טויבה פאַן צוויי הערלעכע געשטאַלטן און זיי מישן די בלעטער פון זייערע ספרים — פון ספרים, געמאַכט פון גאָלד און זילבער — און די בוכשטאַבן לויכטן ווי בריליאַנטן. און זיי טראָגן — די צוויי הערלעכע מאַנספּאַרשוינען — קרוינען פון ריינעם גאָלד מיט אַ סך פינקלענדע בריליאַנטן. און טויבה פאַן צעשמייכלט זיך פלוצלינג: פאַרוואָס זאָל זי נישט וויסן ווער זיי זיינען... דאָס זיינען דאָך דוד המלך און שלמה המלך... און דוד האַלט אַ האַרף אין דער האַנט און צופּט־אויס פון די סטרונעס די קלאַנגען און ווערטער פון טויבה פאַן׳ס ליד. און אָט שטראַלט־אויף אַ פייער פאַר אירע אויגן — און זי פילט די גרויסע היץ, און דאָס פייער נעמט איר אַרום — און גאָט אַליין פרעסט־אָפּ אַ קוש אויף איר האַרץ — און אין דעם מאָמענט — פון גרויס עקסטאַז — האָט טויבה פאַן׳ס נשמה אַרויפגעשוועבט צו גאָט — אַ קרבן פון דער מגפה פון פּראַג...

* * *

און גאָט האָט איר טייערע נשמה געהאַלטן נאָענט צו זיך — און זי האָט זיך אייביק געבאָדן אין גאָט׳ס זוניקע פלאַמען... און צוזאַמען מיט דעם כאָר פון מלאכים הערט זי נישט אויף צו זינגען איר גרויס געבעט פאַר די קינדער פון פאָלק ישראל...

ניו-יאָרק, סעפּטעמבער, 17, 1945.

בער בראָדער קומט צוריק אַהיים

(1880—1817)

דערציילונג

עס איז געווען אין אַ זוניקן פרימאָרגן, אין בראָד (גאַליציע), ווען אויף די ווענט פון די שטאָטישע הייזער, אויף די אַלטע, צעפוילטע פּלויטן, איבער די אויסגעקרימטע גאַנעקעס האָבן זיך באַוויזן פּלאַקאַטן אין אַ מאָדנער רויטער און בלויער פאַרב, אַזוי ווי דער קאָליר פון דער ציוניסטישער פאָן, וואָס האָבן געמאָלדן, אַז נאָך פילע יאָרן אָפּוועזנקייט, נאָכדעם ווי ער איז באַרימט געוואָרן אין גאַנץ אייראָפּע, אין אַלע לענדער וואו יידן לעבן, קומט צוריק קיין בראָד דער באַרימטער און גרויסער פאָלקס־וויין־קעלער־זינגער בערל בראָדער. די שריפט איז געווען קינדעריש געצייכנט, דער נאָמען — בערל בראָדער — איז געווען אין אַ גע־געדיכטן רויט געמאָלן, און די פּלאַקאַטן זיינען געווען פאַרגאָסן מיט טינט, פאַרשמירט מיט פאַרבנפלעקן. נאָך פייכט זיינען זיי געווען, אַזוי ווי קאַנוועזעס נאָך פייכט מיט קאָלירן, אַוועקגענומען פון דעם מאַלערס הענט. און דער פרילינגס־ווינט האָט חוזק־געמאַכט, האָט היימלעך געשפּאַסט מיט די דינע פּלאַקאַטן. האָט אויסגעריסן שטיקער. און ווי רויטע פייגל האָבן די אָפּגעריסענע שטיקער פּלאַקאַטן געשוועבט אין דער לופט.

און נאָך עפּעס איז געווען געמאָלדן אויף די פּלאַקאַטן — אַז דער פאָלקס־וויינקעלער־דיכטער וועט אויפטרעטן אין אַן אַלט־נייעם רעפּערטואַר פון זיין גינגאָלדענער ליריק; אַז ער וועט אויך פאָרשטעלן אין מאַסקע און קאָסטיום — פון ביבלישע און פון לעבנס־טרויער־און־פרייד־שפּילן און אַז אַלע זאָלן קומען זען דעם „שטאָלץ פון בראָד", — בערל בראָדער, דעם גרויסן פאָלקס־זענגער און פאָרשטעלער פון טיפן און געשטאַלטן.

כמעט דאָס גאַנצע שטעטל האָט געלייענט די פּלאַקאַטן. פילע

אַלטע לײט פֿון בראָד האָבן געדענקט די צײַט װען בערל בראָדער איז נאָך געװען אַ קלײן ייִנגל און ער האָט געזונגען װי אַ װינט איבער די גאַסן. מײדלעך זײַנען געשטאַנען בײַ די פֿלױטן און מיט זײערע צאַרטע הענט אױפֿגעװיקלט די אַפּישן, װאָס דער װינט האָט זײ צוגעװיקלט און אָפּגעריסן שטיקער פֿון זײ. און באַיאָרנטע פֿרױען מיט קױשן מיט שפּײַז, אײַנגעקױפֿטע אױפֿן מאַרק, און מיט נערװעזע הענער, װאָס פֿילן אינסטינקטיװ דעם שוחט׳ס חלף איבערן האַלדז — האָבן זיך אָפּגעשטעלט און געשלונגען די רױטע און בלױע פֿלעקן, װאָס האָבן פֿאַרגעשטעלט די הײליקע ייִדישע אותיות. קינדער, קלײנע ייִנגעלעך װאָס האָבן געטראָגן גרױסע געװנדן, װי די שװאַנען, װאָס האָבן װי שלאַנגען אױסגעשטרעקט די העלדזער און זײ צוריק אײַנגעצױגן, האָבן געשלונגען די פֿאַרבנשמירעכצן און די קרומע בוכשטאַבן, אַזױ װי זײ װאָלטן זײַן קלײנע, פֿאַנטאַסטישע באַשעפֿענישן, געבױרן אין פֿרילינג. אָן אױסגעבױגענער פּאַראַליטיקער, װעמען דאָס לעבן האָט מיט געװאַלט אױסגעקרימט, האָט פּאַטעטיש זיך קױם דערשלעפּט צום פֿײַער פֿון די אַפּישן און ער האָט הױך געלײענט, אַזױ װי עס װאָלט געװען אַ נאַציאָנאַלע פּראָקלאַמאַציע צום פֿאָלק: „אַ קלײניקײט — דער בראָדער זינגער! ער האָט דאָך די װעלט פֿאַרקלונגען מיט זײַן ליד! זײַנע פֿאָלקס-געזאַנגען װערן דאָך איבער גאָר די מדינות געזונגען! קינד-און-קײט האָבן זײַנע לידער געזונגען געטראָגן אױף די ליפּן.״

* * *

מיטן פֿײַער און מיט די קאָלירן, װאָס אַ געהײמע האַנט האָט אױפֿגעקלעפּט איבער די אַלט-קלײנשטעטלדיקע פֿאַרקאַנעס און הילצערנע הײַזער און איבער די רױטע ציגל-װענט פֿון דער ציגיעלניע און אַפֿילו אױף די אָפּגעקרישלטע מױערן פֿון דעם אַלטן, צו־דער־ערד־זינקענדיקן בית־המדרש און צו דער גראַנדיעזער, צום־הימל־שטײַגנדיקער שול — מיט די פֿלאַמען פֿון די פּלאַקאַטן איז אױפֿגעגאַנגען אין בראָד דער גרױסער פֿרילינג. די זון האָט יענעם פֿרימאָרגן צעריסן די לעצטע װאָלקנשפּינװעבסן און האָט צעשמאָלצן די לעצטע בערגלעך ברודיקע שנײ, װאָס האָבן דורך פֿילע װאָכן פֿאַרזוכט דעם ערדישן שטױב, דעם פֿינצטערן

שטויב פון דער ערד. און די ערד איז געוואָרן ווייך און ווייבלעך און פריש און איז אויפגעגאַנגען שוואַנגערדיק אין רוים. שטיקער לאַנדשאַפטן האָבן זיך אָפּגעדעקט פונם שניי, זיך באַפרייט פון דער אייזיק־מעטאַלענער לאַסט, און אויפגעלויכטן מיטן געזיכט אַנטקעגן דער זונס קושנדיק געזיכט. די ביימער האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פונם שטויב און שניי און אויסגעשטרעקט הויך די צווייגן — ווי תפילה'דיקע הענט — ביז צום הימל און אַ פרישע, גרינע און צאַרטע הויט האָט זי באַנייט און זיי איבערגעצויגן, ווי נײַ־געבוירענע מענטשן. און די ערשטע בלומען האָבן אַרויסגעשפּראָצט פון דער ערד, אַזוי ווי פאַרבנפלעקן, אַזוי ווי פון די טראָפּנס פאַרבן וואָס דער הימלישער מאָלער פאַרלירט אין די זומפּן פון דער ערד, אין עקסטאַז פון ליבע. און די פלאַנצן האָבן זיך פאַרזאַמלט און ווידער געבליט. עס האָט אויסגעזען, ווי איין טאָג — אינם טאָג, ווען בערל בראָדער האָט געלאָזט צעהענגען די פלאַקאַטן איבער דער שטאָט — איז געקומען דער פרילינג. דער פרילינג איז געקומען צוזאַמען מיטן פּאָעט — מיט דעם זיסן רויש פון זיינע לידער.

און אַ גרויס געפיל איז דורכגעגאַנגען די גאַנצע ערד. אַ גרויסער ים מיט טוי — די טרערן פון דער ערד, אין רויש און עקסטאַז פון אַנטפאַנגען דעם פרילינג, אין אַנטבינדונג פון פרילינג — האָט זיך צעגאָסן איבער גאָר דעם לעבן פון דער ערד.

און אין אָט־דעם פרילינגס־טאָג איז, צוזאַמען מיט די פלאַקאַטן, אָנגעקומען בערל בראָדער מיט עטלעכע פון זיינע נאָענטסטע פריינט. ער האָט זיך ספּעציעל געלאָזט פאַרקליידן און גרימירן, כדי די איינוואוינער פון בראָד זאָלן אים נישט דערקענען. אָבער סיי־ווי האָט אים דאָס לעבן אַזוי גרימירט, אַז קיינער וואָלט אים נישט דערקענט. בערל בראָדער, קוים אַריבער די זעכציקעריאָרן, איז געווען אינגאַנצן גרוי, ווי אַ טויב. און ער איז געווען אינגאַנצן פאַרענדערט, אַזוי ווי אַ פייער וואָלט איבער אים דורך און וואָלט דעם יונגן לעבעיונג פאַרברענט. און עס איז פאַרגעקומען אין אים, בשעת ער האָט באַרירט די ערד פון שטעטל, די רעליקוויעס פון זיין יוגנט, פון זיין קינדהייט, אַזוינס וואָס ער וואָלט קיינמאָל אין קיין ליד נישט געקענט אויסדריקן. די ערד,

די אַלט־היימישע, מאַמעשע ערד, איז אים געווען טייער. ער האָט איר דערקענט. אויף איר האָבן געטראָטן אַמאָל זיינע קינדישע פיס־לעך, באָרפוסע, ווען ער איז געווען נאָך אַ קינד. דאָ האָבן פאַר־ליבטע געטראָטן זיין פאָטער און מוטער, אַזוי ווי אָדם און חוה האָבן געטראָטן די גילדערנע ערד פון גן־עדן. ער דערקענט די שטיינ־דלעך — אויסגעריבענע פון מענטשנטריט, פון מענטשנדורות. די שטיינער — ווי מענטשנגעזיכטער, ליידנדע און פארקרימטע, טראַגישע, אומגליקלעכע. און יעדעס שטיינדל, יעדער קרומער בוים, יעדער קרושאַק — דערציילט אים פון זיין קינדהייט, פון דער גרויסער בענקשאַפט אין אים. פון דער צייט, ווען ער האָט געזונגען זיינע ערשטע לידער — ביז צו זיינע ערשטע ליבעס — און ערשטע דערפאָלגן אין דער וועלט.

אַלץ דערציילט אים פון זיין קינדהייט און יוגנט, פון דער צייט ווען זיין פאָטער האָט נאָך געהאַנדלט מיט ליים און מיט ציגל אין בראָד. נאָך יעדער שרפה, וואָס האָט אויפגעלויכטן אין דער נאַכט און באַלויכטן דאָס גאַנצע שטעטל — פלעגן זיך די גע־שעפטן פון זיין פאָטער פאַרבעסערן. ווי גערן וואָלט ער וועלן באַרירן די ווענט פון די אַלטע הייזער, געבויט מיט די רויטע ציגל און דאָס פשוטע ליים, וואָס זיין פאָטער האָט פאַרקויפט. און שפּעטער, ווען זיין מוטער איז געשטאָרבן, ווען זיין מוטער מיט איר עלטסטן זון אברהם האָבן פאַרזאָרגט דאָס הויז — געדענקט ער די טעפּ, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַנדלט. אַזוי פיל ערדענע טעפּ — ווי די אורנעס, אין וועלכע די זון שטראָמט־אַריין איר גאַנץ גאָלד...

און נאָך שפּעטער — ווען ער האָט געמוזט יונגערהייט אָנ־פאַנגען צו אַרבעטן ביי חזיר־האָר — דערמאָנט ער זיך, ווי טרויע־עריק די צייט איז פאַר אים געווען. און דאָך, אַ קליינער יתום, אין אַן אומהיימלעכער סביבה פון לצים, האָט ער פונדעסטוועגן זיך געראַטעוועט אין זיין גילדערנעם הומאָר, אין זיינע וויצן און ווערטלעך. „בערל דער ווערטלזאָגער" — פלעגן אים די אַרבעטער רופן. און אין אים האָט זיך טאַקע געוועקט דער פאָלקסזינגער. די פאָלקסווייזהייט און פאָלקסשפּרוך.

און איצט — ווי אַלץ איז דאָ קליין און איינגעדאַרט גע־

וואָרן! מיט יאָרן צוריק האָבן אָט־דיביימער זיך הויך און מאַיעס־טעטיש ביז צום הימל דערהויבן. זיי זיינען געווען אומגעהייער־גרויס און לעגענדאַר! און זיי האָבן, ווי מאַלערישע געוויקסן, דעקאָרירט די ריזיקע און פלאַמענדיקע האָריזאָנטן. איצט זיינען די ביימער, צוזאַמען מיט אים, אַלט און טרויעריק געוואָרן. זייער גילדערנער זאַפט איז אויסגערונען, און די ערד אַליין אונטער די פיס איז געוואָרן אַלט און טרויעריק.

און וואו זיינען די מיידלעך, וואָס ער האָט געליבט אין זיין יוגנט? האָט די צייט זיי אָפּגעפליקט די רויטע באַקן און איינ־געקאָרבט די הויט? האָט צייט, מיט איר קינזשאַל, צעשניטן זייערע לייבער און זיי גרוי און אַלט געמאַכט די לאָקן? ער גע־דענקט זיי גוט, די פּרינצעסינס פון שטעטל, וואָס גייען אַרויס פון דער לבנה באַלויכטן און שפּילן דאָס קעניגלעכע שפּיל פון ליבע. ווי איז ער געווען אין זיי פאַרליבט! ווי זיי האָבן אים אינספּירירט צו די שענסטע לידער — די קליינע און שלאַנקע דאַמען פון שטעטל, וואָס די נאַטור האָט זיי אָנגעטאָן אין נאַטיר־לעכע צירונג, וואָס דער געניוס פון ראָמאַנס פון שטעטל האָט אַרויסגעבראַכט אין גאַנצן לאַר — און זיי געשענקט דעם לעבן, דאָס לעבן זאָל זיי פאַרנאַרן און צעטראַנצלען זייער שיינקייט, דאָס לעבן זאָל זיי אויפעסן, און אַראָפּגריזשען די קאָלירן פון זייערע פנימער און גופים, ווי דער געזאַלצענער ים־ווינט פרעסט אַראָפּ דעם בראַנדז פון גילדערנע מאַראַנאַס. וואו זיינען די אַלע פרויען? ווי אַזוי איז זייער שיקזאַל? ווי אַזוי האָט זיך צו יעדער איינע פון זיי, וואָס האָט געטרוימט, געשטרעבט און געליטן — געעפנט דער שלאָס פון דעם לעבנסבוך? ווי אַזוי רוישן און קלינגען די בלעטער פון דעם גרויסן לעבנסבוך?!

אפשר וועלן זיי קומען — די, וואָס לעבן נאָך, ווי ער — צום גרויסן אָוונט אין פּאַלקסטעאַטער — צום אָוונט פון גרוזענע לכבוד זייער אַלטן לאַנדסמאַן — בערל בראָדער?

* * *

בערל בראָדער באַוועגט זיך אַליין, גאַנץ איינזאַם, איבער די אַלט־היימישע וועגן, פאַרביי פעלדער און וועלדער, אַרום און אין דעם שטעטל. יעדער פּניאַק, יעדער שטיין, יעדער הויז און יעדער

פלויט און גאנעק און פארענטש — איז אים טייערער ווי זייד און ווי גאלד. אָט איז ער נאָענט צום וועלדל. און ביים ברעג פון וועלדל, פון די ערשטע ביימער, עפּעס אזוי ווי אַ יידיש יינגל וואָלט מורא געהאַט צו גיין צו־טיף אין פּוילישן וואלד, דערקענט ער דעם פּלאַץ, מיטן גרויסן שטיין, וואו ער פלעגט קומען מיט מרים׳ען און מיטן אַלטן לידער־בוך.ביידע זיינען אים געווען טייער — מרים, דאָס יונגע מיידל, וואָס האָט פארשטאַנען זיין האַרץ, האָט זיך צוגעהערט צו זיינע געזאַנגען און, איבערהויפּט, צו דעם מיין פון זיינע לידער־פּארפּאַסונגען, צו די ווערטער. מרים, וואָס האָט אים צוגעגעבן אזוי פיל מוט און קוראַזש אין זיין יוגנט און וואָס האָט אין אים אָנגעצונדן די פייערן פון דער ערשטער ליבע — און דאָס אַלטע לידער־בוך, מיט דעם גילדערנעם שלאָס, ווי פון אַ תנך, און די פארגעלטע בלעטער מיט לידער. עס איז דאָ, וואו ער האָט זיך געלערנט און באַקאַנט מיט די ערשטע יידישע שעפער און פארפאַסער פונם יידישן ליד. ביידע האָבן זיי הויך געלייענט די אַלטע פאָלקס־לידער — ער און מרים. און פונקט ווי עס וואָלט איצט געשען, געדענקט ער נאָך יענע לידער, וואָס האָבן דערוועקט אין אים זיין אייגענע מוזע.

עס גייען שנעל דורך יענע צייטן, ווען ער איז אַהיימגעקומען אַלס פינף־און־צוואַנציק־יאָריקער בחור און האָט זיך באַזעצט אין פּידקאַמיען, דריי מייל פון בראָד. דאָרטן האָט ער געהייראַט מיט אַן אָרעמער קרובה און ער האָט געדענקט איינצולייגן זיינע פליגל, אויפגעבן זיינע אַמביציעס און זיך ווידמען אַ רואיקן פאַמיליענלעבן, אַרבעטנדיק פאַר זיין בראָדער פירמע. די יאָרן זיינען זיך געלאָפן און ערשט אין פערציק־יאָריקן עלטער גייען־אויף פאַר אים די אכסניות און די ביר־קעלערן, וואו ער האָט געזונגען זיינע לידער. ער גרינדעט די „בראָדער זינגער"־טרופּע און עס פאַרזאַמלען זיך אַרום אים משוררים און חזנים און זענגער פון פאָלק און אומרואיקע נאַטורן און טרוימער. דאָס פאָלק באַוואונדערט זיין מימיק, זיין פעאיקייט פאַרצושטעלן זיינע העלדן, און ער ווערט איינגעלאַדן צו שמחות און חתונות. דאָס פאָלק — נאָך אזוי פיל פינצטערע צייטן — נייטיקט זיך אין געזאַנג, אין מוזיק. עס איז אַ מצוה צו זינגען פאַרן פאָלק.

אזוי האָט אין יענעם פרילינגדיקן פרימאָרגן בערל בראָדער ארומגעוואנדערט אין זיין געבורטסשטעטל, טרעטנדיק אויף די רעליקוויעס פון זיין יוגנט. פון זיין קינדהייט. און אים האָט ארומגענומען, אים, דעם אלטן מאַן, אלט געוואָרן פאַר דער צייט — דער גרויסער פרילינג. דאָס פייער פון פרילינג.

* * *

עס איז געקומען דער אָוונט ווען בערל בראָדער האָט גע־דארפט אויפטרעטן. קינד־און־קייט זיינען געקומען צום אָוונט, אין דעם שטאַטישן גרויסן הויז. עס איז געווען אַ פובליקום פון צעאקערטע פנימער, פון די אלטע יידן וואָס האָבן בערל בראָדער׳ן גוט געקענט אלס יינגל. ווען ער האָט נאָך געאַרבעט ביי חזיר־האָר. און עס זיינען געקומען יידישע פרויען און מיידלעך. די מיידלעך האָבן געהערט פון זייערע מאַמעס וועגן די זיסע לידער פון בערל בראָדער. און טיילמאָל, ווען די מאַמעס פלעגן זיין אויפגעלייגט, פלעגן זיי זינגען זיינע פאָלקס־געזאַנגען. און ווען די טעכטער פלעגן זיי פרעגן וואו בערל בראָדער געפינט זיך איצט, פלעגן די מאַמעס ענטפערן, אַז ער וואנדערט איבער די ווייטסטע מדינות; אַז ער שפּאַרט אָן וואו נאָר די וועלט האָט אַן עק. אָט איז ער אין סטאַמבול ביים סולטאַן, און ער געפעלט דעם סולטאַנ׳ס טאָכטער אזוי ווייט, אַז זי קריגט די ניכפּה פאַר אים — און אָט איז ער אין כינע ביים קיסר און ער זינגט יידישע פאָלקסלידער פאַר די גרעסטע שררות. בערל בראָדער איז אַ וואונדערשיינער מאַנספּאַרשוין און ער געפעלט די ווייבער — און טאַקע היינט אויפדערנאַכט איז ער ספּעציעל אַראָפּגעקומען פון בעסאַראַביע צו דער געלעגנהייט פון דאָזיקן אָוונט, וואָס זיין געבורטסשטאָט אָרדנט איין פאַר זיין כבוד וועגן.

דאָס פובליקום איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס גייען קיינ־מאָל נישט צו קיין שום עפנטלעכע אונטערנעמונג. די עלטער פון שטעטל—און די יוגנט—ביידע האָבן זיך דאָ צוזאַמענגעטראָפן. די ערשטע — צו זען אַ יינגל, וועלכן זיי געדענקען נאָך. די צוויי־טע — צו זען אַן אלטן מאַן, וואָס ווייזט כישוף. און די לאָמפּן זיינען געהאַנגען איבערן קאַלעכדיקן סופיט און ווי שפּינען אַראָפּ־געלויכטן אויף דעם עולם. די פרויען האָבן געטראָגן זייערע

שייטלעך — פרעמדע, טרויעריקע האָר. די באָבעס „טשופּע־קעס" זיינען געווען באַזעצט מיט טייערע און פינקלענדיקע איידל־שטיינער, אין זייד און אין זאַמעט, נאָך פון דער כּלה׳ס צייטן, און זייערע בוזעמס זיינען געווען דעקאָרירט מיט שפּילקעס און מיט בראָשקעס. אַלץ האָט מיט זיין גאָלד און זיינע בריליאַנטן, מיט זיין זילבער און זיינע איידלשטיינער אַנטקעגנגעלויכטן דעם דיכטער.

און ענדלעך האָט זיך באַוויזן בערל בראָדער אויף די ברעטער פון דער בינע. ער האָט זיך באַוויזן אַזוי ווי אַ פרעמדער, ווייטער פרינץ, פון אַן אַנדער לאַנד. ער איז געווען אינגאַנצן גרוי, ווי שניי. עפּעס פּאַטעטישעס און טראַגישעס איז געווען אין זיין דער־שיינונג. ער איז געווען הויך און דין און ער האָט שנעל און קורץ געאָטעמט, ווי אים וואָלט פעלן אָטעם. און זיין געזיכט איז געווען שמערצפול און איידל, מיט עטוואָס איראָנישעס, ווי פון היינריך היינע. מען האָט געקענט זען, אַז ער האָט אַ סך דורכגעלעבט און אַז ער איז געווען איינגעהילט אין דעם צער פון זיין פאָלק.

איינער פון די בראָדער בעלי־הבתים האָט באַגריסט דעם פּאָעט. מיט די געוויינלעכע ווערטער, אַז בראָד איז שטאָלץ אויף איר גרויסן פּאָלקסזענגער. און ווען בערל בראָדער איז שווער אויפגעשטאַנען פון דער הילצערנער שטול, איז ער צוגעגאַנגען צום סאַמע ברעג פון דער בינע, אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אַריינ־פאַלן אין שוים פון דעם פאָלק, אין דער טיפעניש פונם פאָלק, פון וואַנען ער איז געקומען, פון וואַנען ער האָט אַרויסגעפלאַמט ווי אַ פייער. און ער האָט עטלעכע מינוט אָנגעקוקט די פּנימער, טיף און אויפמערקזאַם, ווי ער וואָלט צווישן זיי זוכן זיין פאָטער און מוטער, זיינע שוועסטער און ברידער, אָדער זיינע יוגנטלעכע כּלות. ער האָט זיך פאַרטיפט אין זייערע פּנימער — און הענט האָבן אים האַרציק אַפּלאָדירט. די הענט פון פאָלק האָבן זיך אומ־געלומפּערט געהויבן אין ענטוזיאַזם צו זייערס אַ זון. און עמעץ האָט צו דער בינע צוגעטראָגן אַ קראַנץ מיט רויטע בלומען, זיי אוועקגעלייגט צום דיכטערס פיס. בערל בראָדער האָט גענומען דעם בוקעט בלומען, אים גוט אָנגעקוקט און דאָס פייער פון די בלומען האָט אים ווי באַלויכטן. און דאַן האָט ער זיך אויסגעשטרעקט, זיך געמאַכט מוט און געזאָגט:

— מיין זייער ליבעם פובליקום, די הערן און די גנעדיקע דאמען און די פארערער אין מיין געבורטסשטאט בראד! איך בין שטאלץ אויף אייך, פונקט ווי איר זענט שטאלץ אויף מיר. איך האב אין דער וועלט אויסגעדריקט אייער פרייד און אייער שמערץ. ווען איך בין געווען קליין, און מיין מוטער האט מיך געוויגט אין וויגל, האט זי מיר ווי איין זיסעם פאגעליין אריינגעטרעלט די שענסטע לידער און ראמאנצן — און די לידערליינס זיינען געווען אפגעריסן פון אייער גרויסעם פאלקסהערץ. און די דאזיקע לידעליינס האב איך שפעטער געזונגען בכל תפוצות ישראל. און אומעטום האט מיך דאס פאלק הארציק אפלאדירט. דער דאזיקער אפלאוז האט געהערט צו אייך... עס איז אייער לייד וואס איך האב אויסגעקרעכצט... עס איז אייער ליד, וואס איז מיר אריין אין הערצן... און אויך איצט, מיין ליבעס, מיין היימישעס פובליקום, זינג איז אייך אייער אייגן ליד... איין אלטער דיכטער — וועלכן איר האט געשענקט צו דער וועלט איין יונגען אפאלא, קומט צוריק צו אייך ווי אן אלטער, מידער מאן... אבער נאך איז מיין שטימע נישט געבראכן... נאך זינגט אייער פאלקסדיכטער זיין שטראלנדעס ליד...

בערל בראדער האט גערעדט מיט טיפער עמאציע. און ווען ער איז שטיל געבליבן, האט דאס פאלק אים ווידער הארציק באגריסט. און בערל בראדער האט קורץ געמאלדן:

— איך זינג אייך איצט „איין ליד פון דעם גילדענים מארגין."

ווידער האט דאס פובליקום אויסגעבראכן אין אן אפלאוז, וויל דאס ליד פון דעם „גילדענים מארגין" איז געווען באקאנט איבער גאנץ גאליציע און רומעניע. און ווען דער פאעט האט אנגעפאנגען צו זינגען, איז געווארן א טויט־שטילקייט אין זאל. בערל בראדער, מיט אן עמאציאנעלן אויסדרוק אויף זיין פנים, וואס איז געווארן פארקרימט פון שמערץ, האט געזונגען:

„צום גאלדינים מארגין ער וועקט אייך גרויס
און' קליין,
און דאנקט דעם לעבידיגען גאט!
ווען דיא זון הייבט נאר אן אויף צוגיין,
דורך זיין גיבאט." אאז"וו.

— — — — —

ווען בערל בראָדער האָט געענדיקט דאָס ליד, איז אויסגע־בראָכן אַ גרויסער אַפּלאָוז. אַפילו די אַלטע יידן האָבן זיך גע־פרייט מיט די ווערטער און מיט דער מעלאָדיע פונם ליד. עפּעס האָט ער באַרירט זייער קינדהייט, זייער יוגנט. ווען די נאַכטיגאַל האָט געזונגען און די בין האָט געזשומעט און דאָס קאַנאַרעקל האָט געצוויטשערט... און זיי האָבן זיך ווידער דערפילט יונג און שטראַלנדיק... אַזוי ווי אין די ערשטע טעג... ביז צו דר׳ערד האָט זיך טיף געבוקט בערל בראָדער — האַלטנדיק אויף לאַנג אויסגעבויגן דעם קאָפּ און ביוסט אין דער נידער, צום פּובליקום...

ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט און דאָס פּובליקום איז שטילער, רואיקער געוואָרן, איז בערל בראָדער פאַרשוואונדן געוואָרן אויף עטלעכע מינוט פון דער בינע. באַלד איז ער דער־שינען אַ פאַרענדערטער — אין גרים און אין קאָסטיום. ער האָט אויסגעזען ווי אַ טרעגער, מיט אַ שטריק אַרומגעבונדן, און ער האָט אָנגעפאַנגען צו זינגען דאָס באַרימטע ליד „איין ליד פון איין וועכטער״:

„איך נעבעך אָרימער וועכטער
איך לוג אין דרויסען און׳ טראַכט
פון אַ יעדען מענטשין איז מיר שלעכטער
ווייל פאַר מיר איז ניט דיא נאַכט.״ אאז״וו.

אַלע זיינען געוועז שטאַרק גערירט פון דעם גרויסן ליד, אין וועלכן דער זינגער דערקענט דאָס ווערק פון גאָט מיט אַזאַ שטערנפּראַכט. און ווי אַלע חיות איילן זיך דורך פאַרביי אים, דעם טרעגער — דעם דיכטער פון גאָר דער וועלט... און אַלע האָבן געציטערט ביי די מאַכטיקע ווערטער וואָס שילדערן דעם שטורעם פון האָגל און ווי דער ווינט רייסט אויס אַלע ביימער... עס איז נישט נאָר פון דער רירנדיקער מעלאָדיע פון וואָס דער עולם איז באַגייסטערט געוואָרן — נאָר פון דעם דיכטערישן עלעמענט אינם ליד. פון דער וויזיאָן פון נאַכט — פון דער גאַנצער נאַטור — פון גאָט מיט זיין ווערק — וואָס גייט דורך די ביינער פון דעם איינזאַמען דיכטער, וואָס פּערסאָפיניצירט זיך צום טרע־גער — כדי דורכצולעבן די סעזאָנען פון יאָר, די שטורעמס און די ווינטן און די וועלט־איינזאַמקייט זאָל דורך אים דורכגיין. עס

עס איז דאָס ערשטע מאָל ווי אַ פאָלקס־זינגער האָט אָפּגערעקט די נאַטור־פּאַנאָראַמאַ מיט גרויס קראַפט און מאַכט און האָט אין טרעגער נישט געוויזן בלויז אים — נאָר דעם פּאָעט — אינמיטן פון קאָסמאָס, דערפילנדיק דעם אָטעם פון דאָס אומענדלעכע...

דער דיכטער איז איצט געווען מיד. וויפיל מאָל ער זינגט דאָס ליד — גייט־דורך דורך זיין געביין דער וועלט־ווייי. דער שטריק האָט אים געברענט דאָס לייב. פון זיין פאַרשוויצטן געזיכט איז געראָנען די רויטע שמינקע אויף זיין ווייסער באָרד... און עס האָט אויסגעזען ווי זיין פּנים וואָלט געברענט. און אַזוי, אַ שטומער, אַ פאַרשטיינערטער פון ליידן, אַ גערירטער פון עמאָציע, איז בערל בראָדער געשטאַנען פאַר זיין פּובליקום, וואָס האָט גע־שטורעמט זייער פאָלקסזינגער — דעם אמת'ן דיכטער פון פאָלק.

— מיינע פריינדע, איך בין שטאַרק גערירט פון אייער אויפמערקזאַמעס זיך פאַרהאַלטן... איך זעהע אַז איר ווייסט רעכט ווירדיג אָפּצושאַצן אייער דיכטער — אייער זענגער... דאָ קום איך מיט מיינע אַלטע און נייע לידער — און איך האָב שוין לאַנג זאַלכעס פאַר־געניגן נישט איבערגעלעבט, ווי היר, אים דיזען זאַאַלע... פּנים אל פּנים מיטן הויכגעשעצטן פּובליקום פון מיין געבורטסשטאָט בראָד...

— אונד צום שלום, זאָ ווי איר ווייסט וואויל דעם סוף פון אונזער אַלעמענס עקזיסטענץ — אַך, די טרויע־ריקע ענדע פון יעדער מענטשן־זעעלע! — זינג איך אייך „איין ליד פון איין גרעבער"...

„גרוב, דיא גרוב, דיא בייזי זאַך,
ביסט פון אַלעם פון דער וועלט אַם ערגסטין.
הן פאַר אָרום, הן פאַר רייך,
אפילו פאַר דעם שטאַרקסטין." אאז"וו.

רויזן זיינען געפלויגן פון אַלע זייטן צום פּאָעט, וואָס האָט זיך טיף געבוקט צום פּובליקום. רויזן — וואָס דאָס פאָלק האָט געריסן אונטערן שטעטל, דאָרט וואו דער קליינער בערל בראָדער האָט זיך יונגלווייז געשפּילט. דיזעלבע רויזן זיינען איצט געפלויגן באַגריסן דעם אַלטן דיכטער. און ווען דער עולם האָט זיך גרופּעס־

ווייז דערנענטערט צום פּאָעט. האָט זיך אויך לעבן אים אָפּגע־שטעלט אַ גרויע פרוי, פול מיט שפּורן פון אַמאָליקער שיינקייט... אירע בלויע אויגן זיינען געווען פול מיט טרערן... דער דיכטער איז ווי עלעקטריזירט געוואָרן... ער האָט אויפגעציטערט... פון דער דאָזיקער גרויער פרוי איז אויפגעגאַנגען די יוגנטלעכע מרים, פאַר וועמען ער האָט אין ליבע די ערשטע לידער פאַרפאַסט און געזונגען... און פּאָעט און יוגנט־געליבטע האָבן זיך ארומגע־נומען... און זיי האָבן געטראָטן איבער די בלוטנדיקע רויזן, וואָס זיינען פאַר זיי געלעגן — צעטראָטענע פונם פּובליקום...

* * *

עס איז שוין געווען שפּעט ביינאַכט, ווען, איינגעהילטע אין דעם ווייסן און וואָאַלנדיקן ליכט פון דער לבנה — האָבן צוויי מענטשן געשלייכט איבערן געווייגלעכן, פּוילישן וועג, פאַזע די פעלדער, ביי די פייכטע גראָזן און טוי־נאַסע פלאַנצן פון דער ערד. זיי זיינען געווען צוגעטוליעט איינע צו די אַנדערע — בערל בראָדער און מרים... איינער, דער פּאָעט, וואָס האָט אַ גאַנץ לעבן געוואַנדערט ווי אַן אַקטיאָר און פאָלקספּאָעט איבער דער וועלט — און האָט אין הארצן, ווי אין אַ גילדערנעם מעדאַליאָן, געטראָגן דאָס מאָדאָנישע בילד פון זיין „ערשטער געליבטער" — מרים... און די צווייטע — אַ פרוי, וואָס איז געוואָרן גרוי און אַלט און געוואַרט אויפן דאָזיקן מאָמענט, אויפן גרויסן מאָמענט, ווען דער ריטער וועט זיך צוריקקערן אַהיים, אַ מידער פון די לעבנס־שלאַכטן...

און ביידע — דיכטער און אומשטערבלעכע כלה — גייען מיט דעם וועג פון די פייכטע גראָזן, וואָס טוליען זיך איינע צו די אַנדערע. און די לבנה צינדט אַן אילומינאַציעס פון ליליעס איבער די פעלדער, פייכטע און איינזאַמע וואַסער־ליליעס, וואָס חזרן זיך איבער איינע אין די אַנדערע. און דאָס געהיימניספולע פּאָרל — אָן אַ וואָרט צו רעדן — שפּאַצירט אין דער איינזאַמקייט פון נאַטור, אינמיטן דער גרויסער נאַכט, ווען די לבנה שיינט העל און גייסטערהאַפט און באַלויכט די לאַנדשאַפט מיט איר זילבערן ליכט... זיי גייען — און עס איז ווי דאָס גאַנצע לעבן, פון פילע יאָרן, איז בלויז געווען איין מינוט און זיי האָבן געוואַרט,

אז די מינוט זאָל זיך ענדיקן און זיי זאָלן זיך ווידער קענען טרעפן ביים איינזאַמען ווערל, וואָס ברענט אין דער לבנה ווי אַ גילדערנע קאַנדעלאַברע.

און אַזוי גייען זיי אין דער נאַכט, אין דער אַלייע וואָס ציט זיך ווייט און טיף — און פון וועלכער זיי וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט אומקערן — ווייל די אַלייע ציט זיך גרין און טויאיקפייכט און זילבערן אריין אין דער אומענדלעכקייט...

ניו-יאָרק, אויגוסט, 2, 1945.

וועלוול זבאַרזשערס טאָג פון אַגאָניע

(דערציילונג)

עס איז געווען דער לעצטער טאָג אין וועלוול זבאַרדזשער'ס לעבן. און דער דאָזיקער טאָג איז געווען ווי אַ קרוין אויף אַלע זיינע טעג. דער טאָג איז געווען קלאָר, ווי קריסטאַל. מען האָט פון דער לופט געקענט שניידן דיאַמאַנטן. די זון איז געווען אויסערגעוויינלעך־גרויס און אינמיטן הימל האָט זי געלויכטן און האָט וועלוול זבאַרזשער'ס צאַנקענדיק לעבן אַנגעצונדן, ווי אַ פייערלעכע אילומינאַציע. צו אַ גרויסע בינע איז די ערד געוואָרן. צו אַ צונויפגעקלאַפּטע בינע, און אַרום דער בינע — מאַסן יידן, מאַסן מענטשן, פון אַלע מדינות פון דער ערד. און ווען ער קוקט זיך צו צום פּובליקום, דערקענט ער זיינע היימישע יידן. ער האָט פאַר זיי אַ לעבן־לאַנג געזונגען און געשפּילט. עס זיינען די יידן פון זיין געבורטס־שטעטל זבאַראַזש, אין גאַליציע, וואו ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פראָסטיקע, ווינטערדיקע נאַכט, ווען די לבנה איז געווען אַ שטיק גלאָז, און וואו ער האָט, אין די היימישע זומערן, אין די גרויסע זומערן פון קאָליר און פון ליכט, זיך געפרייט מיט דער נאַטור.

אין די זומערן, ווען ער האָט געליבט דאָס ערשטע מיידל מיט דער ערשטער ליבע. פונם פּובליקום דעם דונקעלן, ווי העלע, ווי

צעבליטע קוויאטן, לויכטן זיי ארויס, אין זייער גאנצן צויבער און קאלירן, ווי הייליקע מאדאננעס פון קירכנבילדער. — עס איז דאס פובליקום פון די פילע שטעט אין גאליציע, וואו ער איז אויפגעטראטן מיט דערפאלג און געזונגען זיינע פאלקסלידער, די לידער וואס די מאסן האבן געקענט אויף אויסנווייניק. עס איז געווען א טרויעריקע צייט. און די יידישע מאסן זיינען געווען טרויעריק און פאר׳חושכ׳ט. און זיי האבן געבענקט נאך ליכט און פייערלעכקייט. זיי האבן געבענקט נאך דער פייערלעכער חתונה און קארנאוואלישן פורים, ווען דאס פאלק קרעכצט אפ זיין גרויסן קרעכץ, און טרינקט אויס מיט ציטערנדיקע הענט זיין פינקלענדיקן כוס וויין און צעטאנצט זיך הויך איבער דער בלאטיקער ערד, צעטאנצט זיך ביזן הימל. פארוואס נישט זינגען פארן פאלק — פארוואס עס נישט פריילעך מאכן? פארוואס נישט דערוועקן זיין געזאנג און זיין כאר אין הארצן? פארוואס נישט ארויסברענגען דעם שמערץ און אים פארוואנדלען אין קונסט, אין געזאנג, אין אמוזירונג? פארוואס נישט דעם שמערץ גופא פארוואנדלען אין קינסטלערישן געצום? גערענקט ער דען נישט, דער טרובאדור וועלוול זבארזשער, די בדחנים פון די גאליצישע שטעטלעך, פון זיין היים־שטעטל זבאראזש? גערענקט ער דען נישט די דאזיקע בדחנים, וואס האבן פאר א ווייליע הער־געמאכט דאס יידישע געמיט, האבן צעלויכטן דעם יידישן גייסט און האבן פריילעך־געמאכט די יידישע ארעמקייט? ס׳האבן בעטלערס און בעטלערינס געטאנצט צוזאמען מיט חתן־כלה — מיט דעם ציטערנדיקן חתן און בלייכע, ליליא־בלייכע כלה — געטאנצט אונטער דער אפגעבראכענער לבנה און אונטער די בלויע חופה־שטערן? און שוין קלייגערהייט האט ער געוואלט זיין דער ווינט, וואס פארטרייבט דעם יידישן שמערץ און טרויער און וואס ברענגט ליכט אין דער פינצטערניש און וואס טוט אן א מאסקע, כדי פריילעך־צו־מאכן דעם יידנס געמיט. און גערענקט דען נישט וועלוול זבארזשער די פרייד פון פורים — ווען לאבוסעס און מוידן האבן געשפילט דאס אסתר־און־אחשורוש־שפיל — דאס גרויסע קעניגס־און־נארן־שפיל אין דער נאכט פון יידישע לײדן! און קרוינען און שווערטן ציטערן אין דער בלויער לופט — און מאסקעס ציטערן ווי מענטשלעכע געזיכטער — זיידענע מאסקעס

— מיט פארבן פארשמירטע — און צווישן זיי — ער, וועלוול זבארזשער!

ווי אנדערש איז דאָס שטעטל — געזען דורך די צוויי אויגנ־לעכער פון דער מאַסקע! און אזוי האָט ער קיינמאָל זיין מאַסקע נישט געוואָלט אויסטאָן. עמעץ — א מאָדנער, א פאנטאַסטישער גייסט האָט זי אים אויף אייביק צוגעקלעפּט צום געזיכט — האָט זי געמאַכט פאַר זיין אייגן פּנים! — און די מאַסקע איז געווען פארשמירט אין אַלע קאָלירן, ווי די מאַסקע פון דעם, וואָס קריגט שטענדיק די פּעטש — און אויך איצט — פאַרן גרויסן פּובליקום פון זיין פאָלק — טראָגט ער די אוראַלטע מאַסקע. זאָל אייביק לויכטן פּורים פאַר די יידן — זאָל אייביק לויכטן ווי א בריליאַנט דער יידישער שמערץ.

און בשעת דאָס פּובליקום אַפּלאָדירט און רופט אַרויס דעם פּאָעט צום ליד — בויגט זיך וועלוול זבארזשער צום דאַזיקן אומ־געהויערן פּובליקום, וואָס איז פאַרזאַמלט אַרום דער בינע, פון אַלע נעכט וואו ער האָט געזונגען און געשפּילט, פון אַלע שטעט, פון זיין היים־שטאָט זבאַראַזש ביז צו זיין טויט־שטאָט סטאַמבול — דאָס פּובליקום, פון וועלכן פילע זיינען שוין גע־שטאָרבן — נאָר זיי זיינען געקומען אויס נייגעריקייט א קוק־טאָן אויפן פּאָעט — זיין ביי זיין לעצטן אָוונט — און אָט זינגט ער זיין וועלט־באַרימט ליד „דער עלענדער זוכט די רוהע“:

„זאָג מור, איך בעט דיך, דוא ווינד,
דוא שוועבסט דיר אויף דער גאַנצער וועלט.
ווייסט נישט וויא דער עלענדער זיך געפינט
צוא רוהען אנגצעלט.“ אאז״וו.

גייסטערהאַפט האָט אַפּלאָדירט דאָס פּובליקום. עס פּאַטשן מיט זייערע הענט די טויטע און די לעבעדיקע. וועלוול זבארזשער איז גערירט פון זייער אַפּלאָז. איז עס דער לעצטער אַפּלאָז אין זיין לעבן? א גאַנץ לעבן האָט עס געדרוישט פאַר אים — דאָס פּאַטשן פון פאָלק — ווי די כוואַליעס פון ים. א גאַנץ לעבן האָט ער דערצו געצויגן און וואַנדיק געשמאַכט — און ער האָט עס אומע־טום פאַרנומען — דאָס אַפּלאָדירן פון די פאַר׳חושב׳טע מאַסן,

וואָס ער האָט ווי אַ פייער מיט פרייד אָנגעצונדן. און איצט — שטאַרקער ווי אַלעמאָל — הילכט עס ווי אַ ים — אַזוי ווי אַלע מענטשן — אַזוי ווי אַלע פּובליקומס וואָלטן זיך צוזאַמענגעקומען אים אַפּלאָדירן אין דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן...

און איצט, ווען וועלוול זבאַרזשער קערט זיך אום פון פּובלי־קום — וואָס זעט ער פאַר זיינע אויגן? אויף דער בינע זיצן אַלע פאָלקסזענגער פון יידישן ליד. וואָס קומט דאָ פאָר? ווי אַזוי האָבן זיך פאַרזאַמלט פּאָעטן פון פאַרשידענע יאָרטויזנטער? וועלכער גייסט האָט אַראָפּגעבראַכט פון הימל אַלע טרובאַדורן פון יידישן ליד? אַלע זינגער פון יידישן געזאַנג? און ווי ער קען זיי אַלע! ווי ער איז מיט זיי אינטים באַקאַנט! אַזוי ווי ער וואָלט זיי ערשט נעכטן באַגעגנט. אַזוי ווי זיי וואָלטן אַלע וואַקסן אויף איין ריזיקן בוים.

אָט שטייען זיי אויף און באַגריסן אים הארציק — דעם יידישן פּאָעט — זייער קעניגס־זענגער — און זיי דריקן אים די הענט! וועלכע וואַרעמע, ברידערלעכע הענט! אָ, ברידער־זינגער! איר שרעקט מיך אין דאָזיקן טאָג! וואָס, פּלוצלינג, האָט איר זיך פאַרזאַמלט? וואָס האָט אייך אַהערגעבראַכט אויף איין בינע — פּאָעטן און הייליקע זענגער? און וועלוול זבאַרזשער דערקענט זיי און באַטראַכט זיי איינציקווייז. אָט זיינען די נאָענטסטע, זיינע צייט־גענאָסן — בערל בראָדער, וואָס שמייכלט צווישן די אָנוועזנ־דיקע; מיט אים האָט ער אין איין צייט געזונגען אין פילע שטעט פון גאַליציע און רומעניע און פּוילן. וואָסאַרע וואַרים געפיל ער האָט צום דאָזיקן פּראָפּעסיאָנעלן זינגער און קאָלעגע, וואָס איז אין זיין יוגנט געווען אַ חזיר־האָר אַרבעטער. און אָט שמייכלט מיכל גאָרדאָן — וועמענס לידער: „מיינע יאָרן", „די שטיפמוטער" און „מיין לעבנסצייט" וועלוועל זבאַרדזשער געדענקט אויף אויסנ־ווייניק. און ער האָט אפילו געפּרוּווט צופּאַסן אַ מעלאָדיע צו די אוניווערסאַל־לירישע שורות:

„עס טוט אַמאָל פון ים אַ שפּריץ
אַ טראָפּן וואַסער פאַרן זונענשיין,
און פאַלט געשווינד, אַזוי ווי אַ בליץ
צוריק אַראָפּ אין ים אריין.

אזוי איז מיין קורצע לעבנסצייט,
אזוי איז מיין גלענצנדר לעבנס־גליק.
עס גייט נאָר פלוצלינג אַרויס פון אייביקייט,
און פאַלט אין אייביקייט געשווינט צוריק."

א טיפער אומעט איז פאַרצויגן איבער מיכל גאָרדנ'ס געזיכט. לעבט ער נאָך? צי איז ער שוין טויט — אזוי ווי די כוואַליע וואָס טוט א שפּריץ און פאַרגייט? ...

און אָט איז עליעזר־צבי צווייפעל — מיט דעם שטרענגען געזיכט און דער ווייסער באָרד. שרייבנדיק העברעאיש — האָט ער דאָך אָפּגעבראָכן פון זיין האַרצן שטיקער ליבשאַפט פאַרן יידישן לשון, וואָס איז אריין אין זיין בלוט פון קינדהייט אָן. אויך ער — הגם ער ווילט זיך און שפּילט מיטן סאַטיר־גאָט פון קאָמעדיע — איז איינגעהילט אין טרויער. ווער רעציטירט — וועלכער גייסט, צי דעמאָן, ברענגט אַרויס פון וועלוול זבאַרזשער'ס זכרון יענע שיינע, יענע רירנדיק־מעלאָדישע סטראָפן וועגן טויט.

„פאַר דיר, בייזער שרהה! — באַקלערנדיק איז אַ שרעק,
לייגט דער גרעסטער העלד זיין געווער אַוועק;
דער קאַרגער — זיין בייטל, די חכמה — איר לוין;
דער פאַרליבטער — זיין ליבע, דער קעניג — זיין קרוין."

און אָט לויכט־אַרויס פּאַטריאַרכאַליש — צווישן דער גרויסער זיצונג פון לויטער גילדערנע בדחנים און דיכטער און זענגער פון פאָלק — אברהם־בער גאָטלאָבער. מיט זיין זיידענעם, פלאַכן קאַפּל און מיט דער ברייטער, רבנישער באָרד זעט ער אויס ווי משה מאָנטעפיאָרע, דער יידישער נגיד און מעצענאַט. אָבער דער אמת איז, אַז איצט איז גאָטלאָבער בלינד געוואָרן — און צווישן די יעניקע, וואָס לויכטן מיט זייערע נביאישע בליקן, זיצט מיט זיינע פאַרלאָשענע אויגן דער דיכטער, וועמענס מוזע איז געווען א טרויעריק־לירישע. און איצט, בשעת זיין אַלטע, רירנדיקע געשטאַלט ציטערט — הערט וועלוול זבאַרזשער די טרויעריקע ווערטער פון זיין ליד:

„ניט נאָר דאַרויף וויין איך און קלאָג אַצונד,
וואָס מיין פאָלק איז אין גלות דורכאויס;
עס טוט מיר נאָך ווי גאָר די אַלטע וואונד,
אַז איך דערמאָן זיך, גייט מיר דאָס לעבן אויס." אאז"וו.

און אין מורמלען און רויש פון לידער און געזאנגען שטעקט עמעץ ארוים דעם קאפ פון די מאסקעס און קאסטיומען פון דאזיקן רירנדיקן באנקעט. ווער איז עס? מיט יארן צוריק האט וועלוול זבארזשער געזען ערגעץ־וואו, דאכט זיך אין ווילנע, אייזיק מאיר דיקן. די בארד פיין פארקאמט, מכשיפיש געקליידט, מיט א גלאנץ אין זיינע פיין־פארקאמטע האר און מיט סאטיריש־שמייכלענדיקע אויגן. זבארזשער האט גוט געקענט זיינע יידישע ראמאנען פון לעבן פון די יידן. געדענקט ער דען נישט זיינע פילע לידער — צווישן אנדערע, דאס ליד „אויף פרייטיק צונאכט" און „איין ליד אויף שבת צונאכט":

„א, דער הייליקער שבת איז שוין אוועק,
און מיט זיסע מנוחה נעמט שוין איין עק;
דען עס שלימן שוין איין די זארגן ווידער,
ווי גאנץ שווערע קייטן די מידען גלידער." אאז"וו.

און אט זיצט דער מיט הומאר באקרוינטער ישראל אקסענפעלד. עפעס ציטערט ער, ווי ער וואלט נישט מער זיין צווישן די לעבעדיקע. ער זעט אוים גייסטערהאפט... זיין שטערן לויכט. און צוזאמען מיט זיין שמייכל גייט־אויף אויף זיין פנים דער יידישער צער... א, ווי גוט איז אין דער גרויסער מורא פון לעצטן טאג — אין דעם פורכט פון טויט — צו טרעפן די אלע הייליקע געשטאלטן — די דיכטער און פערזן־שמידער, וואס זיינען געקומען פאר דיר און אין איין צייט מיט דיר! ווי פייערלעך איז דער דאזיקער באנקעט מיטן יידישן פובליקום פון אלע וואנדערונגען — פון אלע גאסטראלירונגען — און פון אלע צער'פולע נעכט פון דיין לעבן — און מיט יידישע דיכטער־קאלעגן, וואס דו האסט אפשר ביים לעבנסטומל נישט געהאט קיין צייט זיך צו טרעפן — און דא קומען זיי ווי אייביקע פריינט, ווי פון איין גורל באהאפטן, אויף איין שיף אין שטורעם פאראייניקט — ווי פון איין געפאר פארבונדן... עס איז א וואונדערלעך געפיל צו זיין ארומגערינגלט פון זיי אלע... און ישראל אקסענפעלד — ווי טרויעריק און ווי ליבלעך ער שמייכלט צו וועלוול זבארזשער. און וואר־ערגעץ האט ער געלייענט זיינע קרעפטיקע, לעבנס־לוסטיקע פערזן:

„לאזט מען מיך ניט אריין נעכטיקן,
מיך, דעם גוטן נחמן דעם גרויסן,
שלאפט נחמן ביז אין טאג־אריין אין לעכטיקן,
טאקע גוט אויף א וואגן אין דרויסן.” אאז"וו.

און אט זעט זיך יצחק־בער לעווינזאן, דער גרייז־גרויער מאן, מיט פארצערטן געזיכט פון טרויער אויף זיין יונג־פארשטאר־בענעם זון, דעם פאעט. זיין געשטאלט ציטערט, אזוי ווי א דינע פלאנץ אין א ווינטיקע לבנה־נאכט — און אט איז אין א ווינקל דער חשוב'ער דאקטאר, דר. שלמה עטינגער. איז ער נישט דער יעניקער, וואס האט צווישן די ערשטע שוואלבן געוועקט דעם גרויסן פריליגג אין דער יידישער דיכטונג? האט ער דען נישט גערופן דעם ייד צום גרויסן, פאעטישן שפאציר, וואו די נאטור גייט־אויף אין טויזנט בלענדונגען? איידל און סענסיטיוו, פול מיט דעם צויבער און טונקעלער געהיימניש פון אומהיימלעכער באלאדע, האט ער דער ערשטער דערפילט די גאלדענע פינגער פון דער נאטור בא־רירן זיין ציטערנדיק הארץ, ווי א הארפע — און ער האט גערופן צום גרויסן נאטור־שפאציר — ער האט ווי א נאכטיגאל געוועקט אין גרויסן מארגנרויט:

„שטייט־אויף, זייט ניט פויל!
וועט איר זען די קויל,
ווי פייער אויף מזרח־זייט;
ווען מיט דעם באגין,
עס גייט אויף די זון
דארט הינטער די בערג גאר ווייט.” אאז"וו.

— וועלכע ריינע פאעזיע עס ציטערט פון די פערזן ארויס! — טראכט דער שטערנבנדער וועלוול זבארזשער. און ציטערנדיק פאר זיך אליין די פערזן, גייען־אויף פעלדער און וועלדער פון זיין קינד־הייט, וואונדערלעכע אוונטיקע פייזאזשן; פארנאכטן, וואס לייגן זייערע פרינצעסיניש־איידעלע קעפ אויף די אקסלען פון דעם שווארצן פרינץ — די נאכט... און די לבנה צינדט אן, ווי עלעק־טרישע לאמפן, די באהאלטענע בלומען, וואס בוקן זיך צו איר אין עקסטאז — און דר. שלמה עטינגער'ס לבנה־ליד ווערט ווייך רעציטירט פארן פאעט:

„איך פארגעס אן צרות, און לייד,
איך ווער מלא שמחה און פרייד,
אז איך קוק ארויף דארט צו דיר.
פון דעם גאנצן הימל,
מיט זיין גאנצן רימל,
געפעלסטסט דו אליין, לבנה, מיר.“ אאז"וו.

וועלכע צויבעריי גייט־אויף צו וועלוול זבארזשער׳ס אויערן פון דאזיקן וואונדערשיינעם ליד! וועלכער בלאסער כישוף! אלע לבנה־נעכט זיינע — פאראייניקט אין דאזיקן לבנה־ליד — ווע־מענס פערזן זיינען ווי געוועבט פון לבנה־ריטמען — פון לבנה־זייד — און דער גרויסער פלאם פון איר פנים, ווי עס שטייט אין ליד, לייכט אריין אין וועלוול זבארזשער׳ס ציטערנדיקע אויגן — אין די אויגן פון לייד און טרויער — און ער וויל צוגיין צו דר. שלמה עטינגער, וואס זיצט זיך איינזאם און טרויעריק אין א ווינקל פון דער בינע. נאר דער „גרויסער פלאם“ פארבלענדט זיין בליק. און עפעס צעשמעלצן זיך אלע געזיכטער פון זיינע צייט־גענאסן אין דעם גרויסן פלאם... זיי צעשמעלצן זיך, ווי אלטע שטיקער גאלד, מיט צייט פארשטויבט, וואס דער פלאם בארירט מיט זיינע היץ־פינגער און צעמאלט און צעשטויבט זיי... זיי צעפאלן — ווי דורך א גרויסער ערד־ציטערניש — אלע דיכטערי־שע פיגורן — און וועלוול זבארזשער ווענדט זיך מיט אנשטרענ־גונג צום אימאזשינערן פובליקום — וועמענס מאסקעס ווייען ווי בלעטער אין א גרויסן, א פורכטבארן ווינט, א ווינט וואס רייסט די מאסקעס און די זעעלן פון דר׳ערד — און באהערשט פון די אלע לידער — פרואווט ער זינגען דאס ליד „דער אומגליק־לעכער פארליבטער“:

„אך! דאס איינע וואס מיך קוועלט,
מאכט מיר דאס לעבן ביטער;
אך! דאס איינע וואס מיר פעלט
באצאלן מיר נישט מיינע גיטער.“ אאז"וו.

ווען וועלוול זבארזשער ענדיקט, הערט ער א גרויסן אפלא־דיסמענט, ווי דאס פאטשן פון כוואליעס אין א גרויסן שטורם־ווינט. ווער אפלאדירט עס אזוי מעכטיק און אזוי טרויעריק —

אזוי גייסטערהאפט און ווינטיק, ווי אין אַ באַלאַדע? ווער באַוועגט די הענט פון הערשאַרן, פון ריזיקע פּובליקומס — וואָס זיינען ערדיש און אומערדיש? און פאַרוואָס דרייען זיך די מאַסן, ווי אויף קאַרוזעלן — פאַר זיינע אויגן — און פאַר אַ מאָמענט דערזעט ער ווידער די גרויסע דיכטער — זיינע צייט־גענאָסן — און עפּעס כאַפּט אים איינער אַרום האַרציק און דריקט אים צו זיין ברוסט מיט גרויס ליבשאַפט. ער דערקענט אים — עס איז שלום בערנשטיין — דער פּאָפּולערער יידישער פאָלקס־דיכטער און חבר — און פון זיין פאַרקרימטן, פיינפולן מויל הערן זיך איינצלנע, צאַרטע און ציטערנדיקע ריטמען:

„די לבנה שיינט איבער מיר
מיט אירע בלאַסע שטראַלן,
עס שלאָגט שוין זייגער פיר —
מיין שלאָף איז שוין פאַרפאַלן.
זיסע חלומות שוועבן,
פאַרגרעסערן מיינע ליידן,
אוי! אַ ביטער לעבן —
מיט דיר אין חלום צו ריידן...“ אאַז״וו.

עס איז געווען אַ חלום — טראַכט וועלוול זבאַרזשער, און ער באַמיט זיך קלאָרער און ריינער צו זען זיין פּובליקום. נאָר דאָס פּובליקום איז פאַרשוואונדן. דער באַנקעט פון דיכטער איז געענדיקט... עס איז געווען אַ חלום — און פון דער וויזיאָן פון דיכטער און מאַסן גייט־אויף צו אים דער טרעגער — דער גרויסער טרעגער, וואָס טראָגט, ווי אַטלאַס, די ליידן פון דער וועלט. ער גייט אַרויס פון די וואָלקנס, ווי אַ גבור. און, ווי פאַר שמשון הגבור — ציטערן די לבנה־שטראַלן פון הימל ביז צו דער ערד — ווי מאַרמאָרענע זיילן...

„עס זאָגט אים יעדער, ווער נאָר אים אָנקיקט —
דו ביסט גאָר משוגע, דו ביסט פעריקט!
איך זע נישט דו זאָלסט זיין געבונדן, ווי דו זאָגסט —
און ווי איז דיין משא, וואָס דו טראָגסט?“ אאַז״וו.

•

וועלוול זבאַרזשער האָט שוין איצט מער נישט געהערט קיין אפּלאָדיסמענטן. און עס איז נישט געווען ער אַליין, וואָס האָט דאָס ליד רעציטירט. עס איז געווען אַן אומזיכטבאַרער גייסט וואָס האָט געזונגען זיין ליד „דער טרעגער", וועלכער טראָגט די ליידן פון דער וועלט.

און איצט האָט אַלץ גענומען אונטערגיין פאַר זיינע אויגן. זיך מישן אין אַ גרויסן ווירבלווינט. אין אַ ווינט, וואָס האָט גע־מישט די בלעטער און מאַסקעס פון דער ערד. וועלוול זבאַרזשער האָט זיך אָנגעשטרענגט צו זען קלאָר מענטשן און זאַכן. נאָר די וועלט דרייט זיך ווי אַ קאַרוזעל. עס דרייען זיך קעניגן און נביאים און דיכטער און העלדן און לאַנדשאַפטן פון זיין געבורטס־שטעטל און מער פון אַלץ טוט ווי „פון דער ליבע נאָך אַן אַלטע וואונד". און עפּעס אַ וואונדערלעכע פרוי טרעט־אויף — אַזאַ כישוף־שטראַלנדיקע — און ער דערקענט זי. עס איז די פרוי, וואָס ער האָט געליבט אין דעם ערשטן גרויסן פרילינג פון זיין לעבן... און זי דערנענטערט זיך — זי קומט אַלץ נענטער און איידעלער צו אים צו — זי בויגט זיך איבער אים אַריבער מיט איר גאַנצער שיינקייט און צערטלעכקייט און דאָרט, אין האַרץ, וואו עס איז פאַרבליבן פון ליבע אַן אַלטע וואונד — פּרעסט זי אָפּ אַ קוש, אַ שטילן, טיפן קוש, וואָס צעפּלאַמט זיין גוף — זיין נשמה — און זיין גאַנץ לעבן ווערט פאַרוואַנדלט אין דאָזיקן גרויסן ליבע־קוש... — — — — — —

און אָט גייט־אויף אַזוי ווי אַ חתונה אַרום אים. ער איז דער חתן, דער גרויסער חתן פון דער חתונה. אַלע פּאָעטן טאַנצן אַרום אים. און בערל בראָדער, דער חזיר־האָר־יונג, וואָס האָט געזונגען אינם בראָדער „פּינקוס"־גאַסטהויז, זינגט איצט לכבוד דעם חתן אַלע זיינע לידער — זיין גאַנצן רעפּערטואַר. און פון די לידער גייען אַרויס דער פּאַסטוך מיטן ביבלישן שטעקן, דער בעל־עגלה מיט דער בייטש, דער בלינדער וואָס טראָגט דעם הימל־בלוי אין זיינע ווייסע אויגן, דער שינדל־טרעגער וואָס זיינע הענט זיינען רויט פון ציגל, דער וועכטער וואָס וואַכט אונטער דער לבנה, דער ווינט־אָפּגעריבענער וואַנדערער מיטן גלאָבוס אין האַנט, דער וואַ־סער־טרעגער מיט די נאַסעס און צוויי וויאַדרעס; עס גייען אַלע אַרויס — בדחן און באַהעלפער, שדחן און חזן, מלמד און שוחט —

גאָר דאָס אָרעמקייט טאַנצט אַרום אים. און אַ גרויסער כאָר ציטערט אין דער לופט מיט זיינע לידער. און עפּעס אַ גרויסער פויגל, מיט וואונדערלעך־זיידענע פעדערן, זינגט איבער אַלעמען מיט אַ הויי־זעריקער שטימע און מאַסקעס ציטערן אין דער לופט — און אַלץ איז אַזוי שיין און פייערלעך... און דער קוש דויערט נאָך, אַ קוש וואָס דויערט אַן אייביקייט. ווי זיס, ווי שמערצפול זיס איז צו זינקען אין דער דאָזיקער אייביקייט — זינקען מיט דער מאַסקע פון אַ פרוי אין הייליקן האַרצן... אין שטערבנדן האַרצן...

•

און וועלוול זבאַרזשער איז געשטאָרבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין יאָר 1884. און עס איז מיט אים געשטאָרבן דער לעצטער טרובאַדור פון די „בראָדער זינגער". דאָס יידישע פאָלקסליד האָט אין וועלוול זבאַרזשער געפונען זיין שענסטן דיכטער — און דער דיכטער, פון ערדישע ליידן, פון דעם עלעמענט וואָס זוכט די רוהע, פון דעם אומגליקלעכן פארליבטן און פון דעם טרעגער — האָט שטאָלצערהייט באַשטיגן די ווייס־מאַרמאָרענע טרעפּ פון הימלישן פּאַלאַסט. ס'האָבן דאָרט געוואַרט אויף אים זיינע צייט־גענאָסן, די זענגער און דיכטער. פונדעסטוועגן האָט וועלוול זבאַרזשער אויף יעדער טרעפּ זיך אָפּגעשטעלט און מיט בענק־שאַפט געקוקט צו דער ערד, צו דער ערד פול מיט ליידן און טרויער, פול מיט פיין און אונטערגאַנג — און פול מיט שיינקייט פון ליכט און קאַליר, וואו עס איז שמערצפול־זיס אַרומצוגיין מיט אַן אייביקער ליבע־וואונד אין האַרצן...

און אַרויפקומענדיק פון אַלע טרעפּ — האָט דער פּאָעט זיך אָוועקגעשטעלט ווי אַ מאָנומענט און געקוקט צו דער ערד. דאַן האָט ער זיך העפלעך פארנויגט צו איר, זייער גאַלאַנט און אַקטיאָ־ריש, ווי ער וואָלט שטיין אויף דער בינע. נאָר אין דעם מאָמענט זיינען אַ מחנה רויט־באַפליגלטע בליצן אַראָפּ איבער דער ערד, געקרייצט אַרום איר און זיך געשלאָגן אין דועלן. די ערד איז פאַר־הילט געוואָרן אין נעפּל און אין וואָלקנס. און עמעץ האָט גע־עפנט די גרויסע פראָנטאָווע טיר פאַרן וואַנדערנדיקן דיכטער וועלוול זבאַרזשער... — — — — — — — — —

ניו-יאָרק, אויגוסט, 1945.

מאָריצי גאָטליב ביים טיבער

(דערציילונג)

„די וואָס ווערן געליבט פון די געטער —
שטאַרבן יונגערהייט"...

זשאַן טאַפּאַס

אין אַ פאַרנאַכט בין איך אַריינגעפאַלן אין הויז פון מיינס אַ פריינדין. עס איז געוועזן דאָס בלויע, אַריסטאָקראַטישע בלוט פון דעמערונג איבער די שויבן, איבער די פאַרשטויבטע טונקעל־רויטע בלומען אין די וואַזאַנען, איבער עטלעכע אַלטע קאַנוועזעס פון קאַראַ און באָנאַר.

פלוצלינג האָט מיין פריינדין מיר געוויזן אַ רעפּראָדוקציע פון מאָריצי גאָטליב׳ס „יום־כיפור". און ווי נאָר זי האָט עס מיר געוויזן, האָט דאָס בילד אָנגעפאַנגען צו לויכטן פאַר מיר. דער זונס רויטע, ציטערנדיקע, אין בלוט־טריפנדיקע הענט האָבן עס געכאַפּט און באַלויכטן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עס צינדן זיך אָן די קאַנדעלאַברעס אין דער אַלטער, גרויסער שול, וואו די יידן שטייען — אין תפילה פאַרטיפט, און צווישן זיי לויכט די ספר תורה — די כלה פון יידישן פאָלק.

איך האָב לאַנג געקוקט אויפן בילד. זיין צויבער האָט מיך באַהערשט. און ווען איך בין שפּעט ביינאַכט אַהיימגעגאַנגען, האָב איך וועגן דעם געטראַכט. מאָריצי גאָטליב׳ס געשטאַלט איז מיר טייער געוואָרן. איך האָב געפילט זיין עקזיסטענץ. זיין זעעלע האָט געברענט אין מיר. איך האָב זיין האַרץ געפילט אין מיינעם. איך האָב געוויינט פון ליבשאַפט, פון ברידערלעכקייט צו אים און זיינע איבערלעבונגען זיינען געוואָרן — מ י י נ ע. און שטיקער לעבן פון מיר האָבן אויפגעשטראַלט אין זיין פּערזענלעכקייט, ווי דורך זיין פריזמע געבראָכן. איך האָב זיך געפילט אין זיין פלייש — אין זיין ליבע — אין זיין שיקזאַל — אין זיינע אַמבי־

ציעס. איך האָב מיין גאַנצע ראָמאַנטיק אין אים אַריינגעצוי־
בערט. מיין גאַנץ פייער האָב איך אים אָנגעטאָן. און איך האָב
גענומען פאַרצייכענען מיין נאָענטקייט צו אים — — —

געזען היינט מאוריצי גאָטליב׳ס אַ בילד — „יום־כיפור".
וועלכער אַריסטאָקראַטישער טרויער ווייעט פון די נאָבעלע גע־
זיכטער! וועלכע בלייכקייט און איידלקייט! אַ טיפער טרויער
— אָבער אַ גייסטיקער, אַ געלייטערטער, אַ פירשטלעכער.

די פרויען — איידעלע, צאַרטע, אַזוי ווי בלייכע און פאַר־
צערטע פרינצעסינס. צוויי פרויען־געזיכטער זיינען דיזעלבע.
אוודאי פון אַ שוועסטער פון דעם מאָלער — אוודאי אַן אויסגע־
טראַכטע כלה פון דער פריעסטער קינדהייט — דער אידעאַל פון
אַ דאַמע, וואָס האָט פאַרבייגעשוועבט זיינע אויגן מיט אַלע צויבערן
געהילט — אין אַ פרילינג — ערגעץ־וואו ביי דער ווייכסל —
אין אַ פוילישן שטעטל. און די מוטער — און די באָבע — געזיכ־
טער פון עלטערע פרויען — אָבער שטאָלץ, אין גייסט פון תנ״ך,
פון אונדזערע אורמוטערס. די גאַנצע פאַמיליע האָט דער קינסטלער
דאָרט אַריינגעמאָלן — אין דעם איידעלן און וואונדערלעכן בילד...

און דו זעסט אַ יונגע, אַ פאַרטראַכטע פיגור. איז עס ער
אַליין, מאוריצי גאָטליב? ער האַלט מיט זיין איידעלער האַנט
פאַרשטעלט דעם שטערן, דאָס פנים. דאָס איז דאָך אַ פרינץ —
פאַרקליידט אין יידישע לײַדן. דאָס איז אַ גראַף — איבערגעטאָן
אין יידישן שמערץ. דאָס איז אַ יונגער פירשט — וואָס האָט
פאַרבלאָנדזשעט אין יידישן געטאָ. און וועלכער טיפער פיין
פאַרהילט אים — דעם איידעלן ראָמעאָ! אַ קליינע, דינע באָרד
טונקעלט איבער זיין פנים. נאָר אַ גרויסע, אַ טיפע וואונד בלו־
טיקט אין הארצן. דו זעסט, אַז ער קען נישט לעבן לאַנג; אַז ער
שמערץ האָט אים צו שטאַרק פאַרצערט; אַז די טעג זיינען גע־
ציילטע; אַז די זון שטראַלט אויף מיט איר גאַנצן ליכט —
און דאָך קען זי נישט אַריינטריפן לעבן אין דאָזיקן צאַרטן און
אין טראַגעדיע געבוירענעם גייסט. ער טראַכט. ער דענקט פון
יידישן פאָלק. פון די נביאים. ער טראַכט פון זיין צוקונפט.

אַזוי ווי זיין מייסטער, מאַטייקאָ, מאָלט ער בילדער פון יידן,
פון דורות־אַלטן יידישן שמערץ — מיט רייכקייט פון קאָליר, מיט

פּראַכט פון ביזשוטעריע, מיט ליכט פון גאָלד, מיט שטאָלץ און מיט קעניגלעכן טרויער. ער וועט — אין קעגנזאַץ צו זיין מייסטער, וואָס מאָלט פוילנס העראָאישע און גלאָררייכע געשיכטע, וואָס מאָלט קעניגן און ריצערזשעס, מענער פון שלאַכט און פון היסטאָרישער פייערלעכקייט — אין רייכער אילומינאַציע, אין גרויס פּאַטאָס און העראָאיזם — מאָלן די יידן פון תנ״ך, די יידן פון פויקן, די דורות וואָס האָבן געליטן, די דאָזיקע אַלטע יידן פון קראָקע, וואָס ער זעט יעדן פרימאָרגן גיין אין שול אריין, בשעת ער באַוועגט זיך אין דער ריכטונג פון דער קונסט־שולע — זיינען עס נישט נביאים, אויפגעשטאַנען אין פלאַמען פון די בלעטער פון תנ״ך, און דער תהלים ווייעט אראָפּ פון זיי מיט זיינע גרויסע און הייסע ווערטער, מיט דער פּראַכט פון גאָט. מאוריצי גאָטליב וועט מאָלן דאָס יידישע מיידל, די יידישע פרוי — אַזוי ווי ער זעט זיי אויף די בילדער פון רעמבראַנדט. ער איז געווען קלוג און געוואוסט, וואָס ער טוט — דער דאָזיקער איינזאַמער האַלענדער. ביי די אַמשטערדאַמער בירגער איז געווען רייכקייט, צופרידנקייט, זאַטקייט און שפע, אַזוי ווי זיי ווערן געמאָלן אויף די בילדער פון פראַנץ האַלס. אָבער נישט צו זיי איז געווענדט דער בליק פון מייסטער, נאָר צו אַן אַלט פאָלק, צו די יידן, וועמענס זין זיינען, ווי די נביאים — פאַרבלאָנדזשעטע פון די נאָקעט־זוניקע זאַמדן פון פּאַלעסטינע, און וועמענס טעכטער זיינען ווי אסתר המלכה, ווי רחל, ווי רות, ווי אַלע יענע שלאַנקע און וואונדערלעכע פרויען־פיגורן, וואָס גאָט האָט איינגעהילט אין שטראַלן, וואָס גאָט האָט אָנגעטאָן קרוינען אויף די קעפּ, וואָס גאָט האָט געלייטערט אין שמערץ און אין שיינקייט. און ווען מאוריצי גאָטליב גייט דורך די גאַלעריעס צו קוקן אויף דעם אַלטן האַלענדערס מייסטערווערק, ספּעציעל אויף די פּאָרטרעטן פון יידישע רבנים, פאַרטראַכט ער זיך איבער רעמבראַנדט׳ס אופן פון מאָלן. אים געפעלט, ווי רעמבראַנדט מאָלט ציורונג און דעקאָראַציע; ער האָט ליב דעם גלאַנץ פון גאָלד און זילבער; ער טוט אָן זיינע דאַמען־מאָדעלן אין רייכע פּערל און גאָלדוואַרג. ער באַמיט זיך עקסטראַוואַגאַנט אריינצומאָלן די אַלע שיינקייטן פון זיין קאָלעקציע. פּונקט ווי ער וואָלט געוווּ וויסן, אַז עס איז שפּינוועבס און אַז אפילו סאַסקיאַ, וועמען ער מאָלט אַזוי שיין,

פריש און אין א וואונדערשיין קלייד, באצירט מיט גאלד־קייטן און ווערן ער דערלאנגט א פערלהאלדזבאנד — וועט שטארבן אין א קורצער צייט ארום, און פון דעם גאלד פון זיינע קאלעקציעס וועט ווערן ווערים. און דאך האט ער אפילו די אלטע יידן איינגע־הילט אין רייכקייט. עס איז אבער די רייכקייט פון גייסט, וואס לויכט פון זיי ארויס. דעם מענטשנס מאסקע האט רעמבראנדט אליין געקענט, אנאליזירט און מיט א טיפן טרויער אנגעווארפן. זיין בלייפעדער און פענדזל האט נאר באדארפט בארירן דעם קאנוועז — און א מענטשנגעזיכט, פול מיט שרעק פארן אונטער־גיין, פול מיט דעם טרויער פון שטארבן — א מענטשנפנים איז געווארן לעבעדיק. און מאוריצי גאטליב האט ליב ווי רעמבראנדט ווארפט דאס גאנצע ליכט פון זיין הארצן אויף דער דאזיקער מענטשנמאסקע. און בשעת שאטנס פארהילן אלע ווינקלען פונם בילד — לויכט פלוצלינג אויף א ליכט־שטראם, וואס פארגיסט אלץ מיט גאלד. דאס ליכט פון גאטס גאלדענעם הארצן. די מענטש־לעכע פנימער ווערן פלוצלינג שטראלנדע זונען. און מאוריצי גאט־ליב וואלט וועלן אזוי־ארום מאלן זיינע אויסגעטרוימטע געשטאלטן. שעה'ן־לאנג שטייט ער פארן מייסטער רעמבראנדט'ס פארטרעטן און עס איז, ווי זיינע אויגן וואלטן טרינקען, ווי שאמפאניער, די גאלדענע אטאמען וואס לויכטן אין זיינע בילדער.

די יידישע מיידלעך פון קראקע, פון דער אלט־שטאט קאזשי־מיערזש, ווען זיי טוען זיך אן אין זייערע שבת'דיקע קליידער, צניעות'דיקע און זילבערנע, ווי די אייביקע כלות; ווען זיי דרייען זיך ביי די אלטע מויערן פונם וואוועל, ווען זיי שפאצירן אראפ צום ברעג פון דער ווייכסל און די קילע כוואליעס קושן זייערע הייליקע פיס — ווי שיין זיינען זיי! רעמבראנדט האט געוואוסט וואס ער טוט! ער האט געזען אין אמסטערדאם, אין יידישן געטא, אויפן מארק פון פיש, ביי די איינגעבויגענע סינאגאגעס, ביי די זקנים־הייזער — האט ער דערקענט דאס אלטע פאלק. מיט געזיכטער — איינגעקארבטע פון שמערץ — פון טויזנט־יאריקע ליידן — און דארט האט ער געפונען קונסט, וויזיאן, דראמע, דעם אפדרוק פון צייט אויפן לייב פון מענטש, דעם טויט אין דערשראקענע אויגן, און גייסט, און גאנצע זונען מיט גייסט

אויף די פּנימער פון יידישע רביים, הונדערט־יאָריק אַלטע — אָבער שטאַלצע, מעכטיקע, ווי די ביימער פון אַ ריזנוואַלד — וועט זיי קיין שום שטורם פון דער ערד נישט אַרויסרייסן. זיי זיינען אייביק — ווי גאָט. גאָט האָט זיי געזאַלבט און געקרוינט און אָנגעטאָן אין ליידן, ווי די הייליקע.

און מאוריצי גאָטליב, וואָס לערנט ביי מאַטייקאָ, דעם גרויסן פּוילישן מייסטער — איז אין דער אמת'ן אויך, און אפשר נאָך אַ מער ענטוזיאַסטישער תלמיד, פון דעם גרויסן און איינ־זאַמען האָלענדער, רעמבראַנדט. עס איז פון רעמבראַנדט, ביי וועמען ער האָט געלערנט די פייערלעכקייט פון ליידן — און, ווי ער, מאָלט ער אַליין אַלטע לייט און יונגע מענטשן. מאָלט ער דען זיך אַליין נישט ווי טיטוס, ווי רעמבראַנדטס און סאַסקיאַס שטאַרבנדיקער זון טיטוס, מיט אַ בלייך און פאַרגעננלעך געזיכט — מיט אַ טויטלעכער וואונד אין הארצן? פאַרגעננלעך און בלייך אין לעבן — אָבער אייביק און אָנגעצונדן אין זיין מאָלערישער געשטאַלט — אוועקגעשטעלט צו די דורות — אויף אייביק.

און וואָס מער איך שטיי פאַרן בילד — יום־כיפּור — אַלץ טיפער עפנט עס זיך אויף צו מיר. עס ווערט טיפער און דורכזיכ־טיקער. עס קומען אַרויס פון דער טיפעניש נאָך געשטאַלטן און וואונדערלעכע וועזנס. יידישע פרויען גייען־אויף — ווי פּרינ־צעסינס געמאָלן. און יידישע מענער — נישט פאַרקרימט, נישט געבויגן, נישט פאַרטריפט מיט טרערן — נאָר איידעלע, וואונדער־לעכע, הערלעכע, ווי פון בילדער פון דער רענעסאַנס־מאָלעריי. תנ"ך און וועלט־קונסט — שטאָלץ און הערויאיש — אַ הערויאיק פון אינערלעכע ליידן און אויסערלעכער שיינקייט...

* * *

אין יאָר 1878 האָט מאוריצי גאָטליב געצייכנט זיין בילד „יום־כיפּור". אין זעלבן יאָר פון זיין טויט... עס איז דערפאַר, וואָס זיין זעלבסטבילד איז איינגעהילט אין דער מיסטעריע פון שטאַרבן. עס איז דערפאַר, וואָס דאָ הויערט, ווי אַ זון־אונטער־גאַנג, פון גאָט רייך געמאָלן, דאָס ליכט וואָס עס זעט נישט מער אַן ערדישער — נאָר אַ הימלישער, אַ ספּיריטועלער גייסט...

מיטן דאָזיקן בילד איז פאַרבונדן נאָך אַן עפּיזאָד. אויף אַ

באנקעט, אין רוים, ווען צוזאמען מיטן מייסטער מאטייקא איז געזעסן דער קליינער און בלאסער גאטליב, האט דער מייסטער געזאגט אין זיין כבוד, אויסטרינקענדיק דעם זילבערנעם באקאל מיט וויין:

— „דער יינגער מייסטער... דער אממערסטן צוזאגנדיקער תלמיד פון פוילישער קונסט, וועמען איך גריס ווי מיין נאכפאלגער, אין אנוועזנקייט פון דער דאזיקער גרויסער פארזאמלונג."

מאוריצי גאטליב איז געווען גליקלעך. דורך קונסט — קומט די פריינטשאפט, די פאראייניקונג צווישן יידן און קריסטן. אפשר וועלן קראכן די ווענט פון דער געטא. וועלן די גויים דורך אים נישט באגריסן דעם יידישן געניוס — דעם אייביק־קרעאטיוון יידיש־שעפערישן גייסט?! איז ער דען נישט געקומען אין רוים, כדי צו פרעזענטירן דעם פויפסט מיט זיינם א בילד — פארן כבוד פון די יידן? וועט נישט אויפגיין איבער דער ערד א פייערלעכע פארברידערונג פון די נאציאנען? וועט נישט אויפשטראלן א וועלט־שלום — אזוי ווי אונדזערע נביאים האבן געפרעדיקט? און איז דען נישט קונסט אן אוניווערסאלע, אזא וואס פילט טיפער די ליידן פון אלע מענטשן פון דער ערד? דיפלאמאטיע, פאליטיק, געשיכטע — אלץ איז פול מיט שאוויניזם און מיט ראסנהאס און פאמפעזקייט. אבער עכטע קונסט באפרייט דעם מענטש פון די נאציאנאלע קייטן און פארבלענדענישן. דער קינסטלער איז אורמענטש. ווען די מענטשהייט האט זיך נאך גאנצערהייט באהאלטן אין טיפן דזשאנגל און האט צוזאמען געשטריטן קעגן דער ווילדערניש פון נאטור. דער קינסטלער ליידט טיף, ווייל ער זעט טיפער די טראגיק פון די מענטשן. און דעם טרויער פון לעבן הילט ער איין אין שיינקייט. ער דעקארירט מיט די קאלירן פון זיין הארצן.

און איצט, ווען דער מייסטער יאן מאטייקא אליין זאגט די דאזיקע שטאלצע ווערטער אין כבוד פון זיין יינגן תלמיד, מאוריצי גאטליב — האט ער טאקע נישט א גרונט זיך צו פרייען? צו זיין שטאלץ? נישט אין זיין פערזענלעכן אינטערעס — נאר אין די אינטערעסן פון זיין מארטירעריש פאלק?!

סעמיראַדסקי, אַ צווייטער תּלמיד פון מאַטייקאָ, אין אים ברענט די אייפערזוכט, די פּראָפעסיאָנס־קנאה; די קנאה פון קינסטלער — און די ראַסן־שנאה פון גוי צום ייד. איז נישט מאוריצי גאָטליב דען אַ ייד, אַ פּאַריאַ? — דערמאָנט ער מיט כעס דעם יונגן קינסטלער. און דער מייסטער האָט זיכער באַליידיקט זיינע „הייליקסטע געפילן", לויבנדיק דעם ייד מאוריצי גאָטליב...

אין יענער נאַכט, ווען אַלע זיינען אַרויס שיכור פונם באַנקעט, האָט מען געקענט זען אַן איינזאַמען גיין איבער די גאַסן פון רוים — מאוריצי גאָטליב. די געזעלשאַפט איז געווען צופרידן. יאַן מאַטייקאָ איז אַהיימבאַגלייט געוואָרן פון דער פּוילישער געזעל־שאַפט. קינסטלער האָבן שפּאַצירט מיט זייערע צאַרטע און שלאַ־בעטנע פּוילישע דאַמען, וואָס האָבן גערעדט אַ קלינגענדיקן און מוזיקאַלישן פּויליש. נאָר ער אַליין איז געגאַנגען לענגאויס דעם טיבער. די ברוינע, מוטנע וואַסערן פונם טיבער — דערמאָנען זיי אים נישט אינם ירדן? וואָלט ער נישט וועלן באַזוכן ארץ ישראל — דאָס הייליקע לאַנד פון די נביאים? ביים קבר פון רחל וואָלט ער שטיין בלייבן, קוקן אויף די שטומע פּאַלמענביימער, קוקן אויף דעם גראָז וואָס ווערט געקושט פון דער לבנה. דאָ וואָלט אַרויס־געקומען צו אים מוטער רחל, אַ שלאַנקע, אַ הייליקע, אַ ביז־צום־הימל־שטייגנדיקע און אַ לירישער זילבער לויכט פון איר גייסטי־קער געשטאַלט — און זי נעמט אים אָרום און טראָגט אים צו גאָט — אין אירע אָרעמס געהילט, ווי אין זילבערפליגל. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געוואָלט מאָלן רחל — און מאָלנדיק די יידישע פרויען, האָט ער זי געמאָלן, האָט ער זיך געווידמעט צו איר גע־שטאַלט. עס איז רחל׳ען, וואָס ער טראָגט טיף אין האַרצן ווי אַ פייַ־ער... און איצט, ווען אים דאַכט זיך, אַז זי טראָגט אים אין הימל אַריין — איז עס נישט זיין לעצטער לעבנסיאָר?! קרייצט נישט איבער אים איצט דער טויט, ווי אַ טונקעלע ראָב? און ווי ער וואָלט וועלן באַזוכן די וואַנט פון בית־המקדש, און די קברים פון די צדיקים, און די מ ע ר ת ה מ כ פּ ל ה, וואו קעניגן און קעניגינס רוען אין שאָטן פון די פּאַלמען. ער וואָלט הויך געזאָגט תהלים און ער וואָלט געוועקט די קעניגן — זיי זאָלן פאַר אים פאַזירן אין זייערע ב ג ד י מ ל כ ו ת, אין זייער קעניגלעכער

פראַכט און שיינקייט, אַזוי ווי זיי האָבן פּאָזירט צום האָלענדער — דורך אַמשטערדאַמער בעטלער און אָרעמע לייט, און געפאַלענע...

אָבער — איז עס נישט אַ טרוים? די כוואַליעס פון טיבער דערמאָנען אים אויך אין דער ווייכסל. ער איז בלויז אַלט געווען זעכצן יאָר ווען זיין אויפגעקלערטער פּאַטער האָט אים געשיקט פון דראָהאָביטש, זיין געבורטסשטאָט, קיין קראָקע, צו שטודירן ביים מייסטער מאַטייקאָ.

אין קראָקע פלאַמט ער אויף מיט פוילישער געשיכטע. אין זיין קליין צימער ליגן שטענדיק, פון לבנה־ליכט באָגאָסן, צוויי דיקע ביכער, געבונדן אין אַלטע לעדער — דער תנ"ך, און די געשיכטע פון פוילן. שפּעט ביינאַכט, ווען ער קומט אַהיים אַ טויט־מידער, פון שטודיום און פון וואַנדערונגען אין די צעבויגענע גאַסן, באַלייגטע מיט שטויב פון צייט, געשלאָגן פון שניי און רעגן, פון האָגל און ווינט און וויי — עפנט ער אויף די אַלטע בלעטער פון תנ"ך. עס בליצן אַרויס קעניגן און נביאים; מאַכט און וויי־הייט; עקזאַלטאַציע און געשוועב פון פייערדיקע פליגל. און — פוילישע קעניגן, אַמביציעזע, שטערבלעכע, קראַנקע, מיט אַלע פעלערן פון דער מענטשלעכער נאַטור — אָבער שטאָלצע, פּאַטריאָטישע. ער איז געווען בלויז זעכצן יאָר אַלט, ווען די לייוונטן פון מאַטייקאָ, מיט זייער פלאַמענדיקער גלאָריע פון פוילנס געשיכטלעכער דראַמע — ליכטן פאַר אים אויף. עס איז פריש אין אַלעמענס זכרון דער פוילישער אויפשטאַנד פון יאָר 1863. פוילנס העלדישער קאַמף קעגן צאַר. פוילישע, גרין־פייכטע ביימער — מיט אין שאַרפן ווינט פאַרדרייטע קעפּ פון פוילנס אויפגעהאַנגענע זין. און בערעק יאָסעלעוויטש — און טיף אין די וועלדער — יידישע זין, וואָס קעמפן פאַר דער פרייהייט פון פוילן. יידן האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו בלוטיקן פאַר דער פרייהייט פון לאַנד. פאַרוואָס האָט סעמיראַדסקי אים היינט אָוונט געזאָגט אַז ער איז אַ ייד — אַ פּאַריאַ? האָט ער דען נישט געמאָלן בילדער פון פוילישער פאַרגאַנגענהייט? האָט ער דען נישט מיט פייער פון זיין יינגער נשמה געמאָלן „באַלעסלאַוו פאַר די טויערן פון קיעוו"? און האָט ער דען נישט זיך אַליין אָנגעטאָן אין דער גאַלאַ־קליידונג פון אַ פוילישן נאָבלמאַן? זעט ער דען נישט אויס אין דער

דאַזיקער קליידונג ווי אַ פּרינץ פון די פּוילישע קעניגן! און וועלכע אַנטשלאָסנקייט איז אין אים צו קעמפן?! צו זיין איינער פון פּוילנס העלדן?!

עס רוישן די כוואַליעס פונם טיבער. די לבנה גייט־אויף און רעפלעקטירט זיך איבער די אוראַלטע מויערן, רואינען און ווילליאַס פון אַמאָליקע הערשער און טיראַנען. אַלץ פּרעסט אויף די ערד. די צייט שלינגט איין די צעזאָרס און די שקלאַפן צוגלייך. און קראָקע גייט־אויף צו אים — די „סוקיענניצאַ", די ריזיקע היסטאָרישע נעביידע. און די הייליקע קירכן און קעניג יאַגיעלאָ און זיין יונגע ווייב, די קעניגין יאַדוויגאַ. און וואַנדאַ — די צאַרטע פּוילישע קייסערינע, וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די פּאַליעס פון דער ווייכסל, כדי נישט צו הייראַטן מיט אַ דייטשן קעניג. וואַנדאַ — וואָס אים דאַכט זיך, אַז איר ליכטנדיקע קרוין און איר נאַקעטער אַקסל ליכט אַרויס פונם טיבער.

עס איז האַרבסט־צייט — סעפּטעמבער. די בלעטער פאַלן פון די ביימער. נעכטן האָט ער געזען דעם קאָלאָסעאום. וועלכע געוואַלטיקע געביידע! צעפרעסן פון צייט. ער איז לאַנג לעבן איר געשטאַנען. די סאָווס, וועלכע באַהאַלטן זיך אונטער אירע פאַר־ברענטע געזימסן און וועלכע פליען אין דער נאַכט געראַוישלאָז ווי גייסטער; ווי גייסטער פון די מאַרטירער — פון די העברעאישע מאַרטירער וואָס האָבן דאָ בלוטיק און העלדיש געקעמפט פאַר זייער לעבן. יידישער גייסט האָט דאָ געקעמפט! יידיש בלוט האָט זיך דאָ שטראָמענווייז געגאָסן. די צעזאַרן האָבן קיין רוים געבראַכט די יידישע העלדן — מיט זייערע וואָפנס, מיט די מנורות, מיט די הייליקע כלים פון בית המקדש... און די בלעטער פאַלן אין קאָלאָסעאום, דער ווינט פאַרטראָגט זיי אין די ריזיקע שפּאַלטן און לעכער פון קאָלאָסעאום — דער מאָנומענט פון אַ פאַרגאַנגענער אימפּעריע, פון ברוטאַלער מאַכט... און פּוילנס האַרבסט גייט־אויף. דער האַרבסט אין דראָהאָביטש... ביז זעכצן יאָר האָט ער דאָרט פאַרבראַכט. אין יוגנט־טרוים... אין וויזיע. אין פלאַקער פון זון־אונטערגאַנג. אין שטערן־ליכט געהילט. וועלכע מיידלעך האָט ער געליבט? וועלכע איז אים געווען צום טייערסטן? יענע, מיט די גאָלדענע לאָקן, אַ דינע, אַ צאַרטע, אַזוי ווי אַ פלאַנץ.

האָט ער צו איר געלויכטן און גערופן אין די נעכט? אָדער די מיטן פּנים פון אַ סאַמעטענער בלום — וואָס האָט געשטיפּט מיט אים ווען זיי פלעגן זיך שפּילן צוזאַמען ביים שול־הויף. אָדער יענע איינזאַמע און פאַרשלאָסענע, וואָס גייט דורך דעם שטעטל ווי אַ מאַסקירטע דאַמע, געהילט אין איינזאַמקייט, וועלט־פרעמד — גייסטערהאַפט — פאַרהילט אין געהיימעניש. ער האָט קוים צייט געהאַט צו דעצידירן, וועלכע פון זיי וועט ווערן זיין אויסדערוויילטע. צו וועמען ער וועט קענען קניען דורך עקזאַלטירטע נעכט. פאַר וועמען ער וועט פאַלן און ריטערלעך קושן איר בלייכע ליליענהאַנט. פרוי — דאָס וואונדערלעכע וועזן — גייט־אויף אינם קליינעם שטעטל — צוזאַמען מיטן פרילינג — מיטן האַרבסט — מיט ווינטער און מיט זומער. און שניי איז שיין צו איר. ווי אַ דעקאָראַציע. און שיין איז צו איר דער זומער — ווען דיביימער זיינען הויך ביז צום הימל, צעבליט און צעגרינט. און שטראָמען אין ווינט ווי די טייכן גרינע. און אַלץ איז אידיליש — פּאַסטאָראַליש — ווען עס בליען ווידער אויף אויף די וועגן די קרייצן פון פּוילנדיקע, געלע האַלץ, וואָס לויכט פּאַספּאַריש, אַזוי ווי עס וואָלט באַלייכטן דעם ענגענדיקן גוף פון יענעם איינזאַמען ייד, וואָס ווערט מגלגול און צעהאַנגען אויף אַלע קרייצוועגן פון טאָל און באַרג און דאָרף און שטאָט.

און עס איז שיין דער פרילינג צו דער פרוי — אַזוי ווי גאָט וואָלט אומישנע אַרויסגערופן דעם פרילינג אין גאַנצן צויבער און קאָלירנרייכקייט אויף צו באַלייכטן און אַקצענטירן די שיינקייט פון דער פרוי. און דער האַרבסט — ווען די בלעטער פאַלן — ווען די נאַטור טוט זיך אָן אין טרויער — ווען קאָלירן נייע און נאָך מער צויבערהאַפטע לויכטן־אויף — ווערט די פרוי ווי אַ געטין פון דערדאָזיקער ערד. פאַרטראַכט און פאַרצערט לויכט זי אויף — אויפן פאָן, אויפן דיוואַן פון קליינשטעטלדיקן, רויטן האַרבסט — זי, די נשמה, די זעלע פון דער נאַטור. און ווי אָפט פלעגט ער זי זוכן אין דער נאַטור. ער פלעגט גיין — אַ קליין, בלייך און אויסגעדאַרט יינגל, דורך פאַנטאַסטישע לאַנדשאַפטן, דורך פאַרטיקע מאַלערייען, וואָס גאָט האָט מיט זיינע פלאַמענדיקע הענט געמאָלן און ער פלעגט ראָמאַנטיש־שיכור זוכן דעם אימאַזש פון

א פרוי — די שיינקייט פון איר, וואָס האָט אים אַזויפיל אינ־ספּירירט; וואָס האָט אים אַזוי פיל געוועקט און געצונדן זיין נשמה. אָפּט פלעגט ער פאַרגיין טיף אין די וועלדער — אַזוי ווי א געהיימע מאַדאָננאַ זאָל אים כּישופ'ן און רופן; אַזוי ווי זי וואָלט צווישן די ביימער ברוין אַרויסלויכטן, מיט איר פאַנטאַסטי־שער אַלט־גאָלד־קרוין, מיט די בריליאַנטן וואָס צירן איר לייב, מיט איר ליבשאַפט און שמערץ. עס האָבן געשפּילט די בלעטער פּוילישע פּיעשניעס (לידער), אַזוי ווי די בעטלער פלעגן שפּילן אין א חגא־טאָג ביי די טרעפּ פון די קאָסטשאָלן זייערע טרויעריקע מעלאָדיען. ס'האָבן אים געמאַניעט די בלעטער, די ביימער מיט זייערע צאַרטע, טרעלנדיקע פייגל, די שמעטערלינגען, די גרילן, אַלערליי קאָלירטע אינסעקטן, די לופט פול מיט קלאַנגען פון לעבן, פון דעם געפליגלטן לעבן אין פּוילנס אוראַלטן וואַלד.

פּלוצלונג פלעגט ער שטיין בלייבן פאַר א קלייןביידל, וואו עס פלעגט שטיין א יונגפרוי מיט איר קינד. די יונגפרוי איז מיט גאָלד געפאַרבט. די באַקן — גאָלד; די אויגן — שטייג־נדיק, וואָס, דאַכט זיך, זיינען פאַרגאָסן מיט טרערן; דאָס קליידל — פון פּשוטע, לויכטנדיקע פעלד־בלומען, מאַנבלומען, רויזן האָניק־טריפנדיקע, זיידענע און דינע. און די פיס פון דער יונגפרוי — באָרפוסע; די אָדערן — ציטערנדיקע, ווי זי וואָלט זיך פאַרוואונדעט אין גאַנג דורכן פּוילישן וואַלד.

זי איז נאָך קינד. זי איז נאָך מיידל. נאָך יונגפרוי און פּאַס־טושקע. זי הערט נאָך דאָס בעטשן פון קאָזעס, דאָס ברומען פון קי, זי קוקט אויפן ווילדן שפּרונג פונם פערד, וואָס וואַרפט זיך צו דער ערד, טאַרליעט זיך און שטייט אויף אויף אַלע פיר — מאַיעסטעטיש אין זיין פּעגאַזיש־האַרמאָנישער פאָרם. די יונגפרוי איז נאָך יידיש מיידל. און זי ווייסט נישט, אַז א „גאָט" איז מיט איר געשלאָפן. און זי ווייסט נישט פון קיין מלאָכים מיט גאָלד־פליגל ציטערנדיקע. און עפּעס פרעמד און אומבאַקאַנט זיצט ביי איר דאָס קינד — אָן אַלטער ייד. עס איז נישט געקומען פון קיין ליבע מיט „גאָט". זי האָט מיט „גאָט" נישט ראָמאַנסירט אויפן היי־מישן שטייגער. זי האָט אפילו צו אים קיין שמייכל נישט געטאָן. זי האָט זיך פאַרנאַכט געבאָדן אין די היימישע וואַסערן, אַרום

וואַלד. פּלוצלינג פּילט זי, ווי אַלץ אַרום איר לויכט און שפּילט, אַזוי ווי אַ געהיימער אָרקעסטער וואָלט פון די וועלדער אַרויס־געשפּילט; ווי פידלען און האַרפן וואָלטן פון די וואַלקנס אַרויס־געשפּילט. און אין יעדן ווינקל פון וואַלד — אונטער יעדן בלאַט — זיינען באַהאַלטן גאָלדענע מלאָכים און אַ זים געזאַנג טראָגט זיך פון זייערע קעלן. און דאָס כאָר־געזאַנג — די זיסעסטע תהלים־לידער — נעמען איר אַרום אַזוי צאַרט. איז דאָס געווען דער באַריר פון גאָט אויף איר וויאָלאַנטשעלישער זעלע? איז דאָס געווען דער קוש פון גאָט׳ס ברענענדיקע ליפּן? זי פּלעגט אין יענע טעג פילן, ווי די ביימער טאַנצן אַרום איר, ווי געהיימע, גייסטערהאַפטע טענצער. אַלע האָבן געזען, אַפילו איר מוטער, ווי די ביימער שטייען אויף אָן אָרט. אָבער זי האָט זיי געזען אַרויסלויפן פון דער ערד, ווי וואָרצלען פּלעגן זיך אָפּרייסן מיט אַ קרעכץ פון דער טויזנט־יאָריקער צוגעבונדנקייט צו דער ערד. פון די קאָרזשענעס פאַלט דאָס קופּערנע רוי־ערד און די בלאַסע און רויטע שלענגלעך און אַלערליי ווערים — און די ביימער טאַנצן פאַר איר און אונטער איר און ביי די זייטן אַ באַלעט פון ביימער... און זייערע העלדזער זינגען ווי די פלייטן. איז דאָס דער פלירט פון גאָט? איז דאָס דאָס חתונה־ליד? דאָס צימבאַלן־ליד? איז דאָס גאָט׳ס ליבעס־דערקלערונג? און אָפט פּלעגט זי פילן, ווי גאָט שמייכלט צו איר אין דער לופט — די לופט ציטערט — וויברירט — לויכט־אויף מיט אַ ליכט קיינמאָל נישט געזען אויף דער ערד — גאָט רעדט צו איר דורך מוזיק — דורך ליכט — דורך שטראָמען פון ליכטיקע אָטאָמען. און אירע בריסט — פּלוצלינג צעבליטע — ציטערן תאווה׳דיק — ווי אַ צאַרטע מענטשנהאַנט, ווי מענער־פינגער וואָלטן זיך מיט זיי געשפּילט. שפּילט זיך גאָט מיט אירע בריסט? און עס פאַלן טויען פון די וועלדער אויף איר. אָט גייט זי אַרויס אין דער פרי קלייבן שוואָמען — ערשט אַלע שוואָמען זיינען פאַרזאַמלט אויף איין אָרט. — „רייס מיך, מיידל!“ — בעטן זיי זיך. — „פּליק מיך זיס און שמערצפול פון דער ערד.“ און זי פּלעגט זיי פּליקן, זיך איינבייגן, ערשט עמעץ וואַרפט זי אום, טוליעט זי צו דער ערד. די ערד איז קיל. פייכט. טויען וואַשן איר. קושן איר. די בריסט קילן זיך אינם לייב פון

דער ערד. פּאַרפיום רינט אויף אירע האָר, אין אירע אויגן, אויף איר דינער, איידל־געשניצטער נאָז.

— מרים! ווער האָט דיך געזאַלבט? — פרעגט אין לייכטן, מאַמעשן חוזק די מוטער אירע.. און מרים שמעקט, ווי אין אוילן געשמירט — מרים — ציטערנדיק און שולמית׳דיק, ווי יענע שולמית, וואָס גייט־אויף אינם רייכן און פעטן סאָד — מיט אַלע פרוכטן און שמעקנדיקן פּאַרפיום פון איר ליב — מיט אַלע צווי־בערלעכקייטן פון איר יונג פלייש. און אַזוי האָט די גאַנצע נאַטור געפּלירטעוועט מיט מרים׳ען — און גאָט האָט צו איר געשמייכלט. און דאָך קוקט זי אַנטוישט מיט אירע איידלשטיין־אויגן אויפן דאַזיקן אַלטן ייד, וואָס מען האָט אָפּגענומען פון איר טראַכט. איז דאָס גאָט׳ס זון? עס ווייעט פון אים מיט וועלט־שמערץ און וועלט־טרויער. און נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן — איז ער געווען אַ געקרייציקטער. און זי קוקט אויף אים פרעמד און מיט שרעק. צום ערשטן מאָל האָט די יונגע מוטער מורא פאַר איר קינד. עס איז נישט איר קינד. עס איז אַ וועלט־רעליגיע. עס איז אַן איינזאַמער געקרייציקטער, וואָס ווערט נישט אויפגעהערט געמאָלן צו ווערן דורך די יאָרטויזנטער. מען וועט קיינמאָל נישט לאָזן פאַרהיילט ווערן זיינע וואונדן. זיי וועלן אייביק זיין רוי און בלוטיק־פייכט. און מען וועט אים קרייציקן מיליאָנען מאָל אויף קרייצן און תליות. און זיין געביין וועט זיך ברעכן אין אַלע ווינטן — אויף פוילנדיקע צלמים — אויף אַלע וועגן — ביי אַלע פינצטערע אָפּגרונטן.

און אַ טיפער רחמנות פלעגט מאָוריצי׳ן באַהערשן צו דער ליידנדיקער יונגפרוי, וואָס בלייבט בענקען נאָך אַ פּשוטן ראָמאַנס מיט אַ יידישן בחור. און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז דאָס דער יידישער בחור, דער באַשיידענער, וואָס פאַרשטייט מרים׳ס האַרץ, און אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. און אין באַגייסטערונג פלעגט ער צופאַלן צו איר, קושן אירע בלויע, באַרוויסע פיס, פייכט פון ראָסע, פייכט פון זיינע טרערן. און דער קאָנצערט פון פייגל פלעגט טרילערן זיס — אַ געמיש פון העברע־אישע און פון פוילישע לידער — געמישט מיט יידיש־טייטשע ווערטער און דעם היימישן יידיש־לשון, וואָס מען פלעגט רעדן ביי זיי אין דער היים.

יאָ, דראָהאָביטש איז דאָס שפּיל־און־טרוים־פּלאַץ פון זיין קינדהייט. ווען פרויען און פארבן האָבן זיך צו אים ווי מיטאַמאָל און פּלוצלינג אַנטפּלעקט. אַלץ שטראַמט מיט קאָלירן — די ערד, די זון, די סעדער און די וועלדער — עס איז אַ פלוס פון קאָלירן. די גאַנצע וועלט איז אַ פאַרבלענדעניש — אַ בלענדיק קאָלירנ־רייך. און דאָס הויפּט־פּראָבלעם איז אָפּצושניידן אַ שטיק ערד — און עס איינראַמען אין אַ גאָלדענער ראַם. קאָנצענטרירן דאָס שענסטע און דאָס נייטיקסטע פון דער לאַנדשאַפט. רעאַראַנזשירן זאַכן. און אַריינזעצן פיגורן פון תנ״ך — נביאים און קעניגן. איבעריקנס, עס זיינען נישט דווקא נייטיק די העלדן פון תנ״ך. יעדער איינער — פאַר די לעצטע פאַר טויזנט יאָר — מאָלט זיי, די פאַרטיקע סצענעס און וויזיעס, די סימבאָלן פון תנ״ך. פאַרוואָס נישט מאָלן זיין פאַמיליע? זיין מוטער, זיין באָבען, זיינע שוועס־טער און זיינע ברידער? פאַרוואָס נישט מאָלן די יידן פון דער גאַס — וואָס גייען אַרום ווי די נביאים, און ווי די קעניגן אין די געסלעך פון יידישע שטעטלעך פון פוילן און גאַליציע. פאַרוואָס נישט מאָלן די שול — דאָס בית המדרש — די מענטשן, וואָס ווערן באַלויכטן ווי הייליקע פון די לאָמפּן פון בית המדרש; די לאָמפּן, וואָס לויכטן העל, ווי בינטלעך שטערן אין פינצטערע נעכט — אויפן גרויסן הימל. די מענטשן, וואָס ווערן באַלויכטן פון די אַלט־גלעזערנע שטערן אין אַלטן הימל — וואָס דעקט צו ווי אַ טישטוך דאָס שטעטל.

און איצט, ווען סעמיראַדסקי האָט באַליידיקט זיין יידיש געפיל אין אים, זיין אַנגעהעריקייט צו דער ראַסע פון נביאים און מאַרטירער — וועט ער דווקא מאָלן יידן. יידן — אין זייער שיינ־קייט און גייסטיקייט. ער וועט מאָלן אַ בילד פון יום־כיפור... ער וועט מאָלן די אַלע שיינע געזיכטער וואָס האָבן אים פאַר די לעצטע יאָרן וואונדערלעך אַריינגעלויכטן אין זיין האַרץ. און איצט, אין רוים, אַ פרעמדער, אַן איינזאַמער, איינזאַם ווי די יידישע העלדן וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן אַהער פון ירושלים — כדי צו שטאַרבן אין קאַמף מיט די ווילדע, די פייערדיקע לייבן און טיגערן — איצט וועט ער מאָלן די יידן פון זיין געבורטס־שטעטל, פון דראָהאָביטש.

און עס איז געווען באגינען, ווען די זון איז אויפגעגאנגען דורך די בלויע וואָלקנפאַרהאַנגען ווי אַ קעניגין — ווען מאוריצי גאָטליב איז אַהיימגעקומען. און אין יענעם זעלביקן פרימאָרגן האָט ער געמאַכט די סקיצע צו זיין בילד „יום־כיפור".

* * *

„יום־כיפור", ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן, איז געווען אַ סענסאַציע. די העברעאישע פרעסע האָט עס ענטוזיאַסטיש אויפגענומען. עס האָט געפונען זיין וועג — דורך רעפּראָדוקציעס — אין טויזנטער יידישע היימען. און דאָס איז געווען דער ענטפער פון מאוריצי גאָטליב צום אַנטיסעמיט סעמיראַדסקי!...

און — עס איז דאָס לעצטע יאָר פון מאוריצי גאָטליב'ס לעבן (1878). און אין דאָזיקן לעצטן יאָר אַרבעט גאָטליב מיט אַן אומגעהויערער ענערגיע. עס איז ווי דער טויט וואָלט אים אָנזאָגן: — איך קום. איך קום צו דיר היינטיקס יאָר. קאָנצענטריר אַלע דיינע כוחות אויף דיין ווערק. און גאָטליב פילט יעדן טאָג זיך אָפּברעכן אַ שטיק לעבן פון זיין לעבן. עס פלאַמען די פאַרבן אין מוח. עס ברענט מיט וויזיאָנען פאַר זיינע אויגן. און עס גייען אַרויס פון אונטער זיינע פּענדזלען גרויסע ווערק. אַ בילד פון קריסטוסן, ווי ער פּרעדיקט צו אַ גרופּע העברעער. עס איז נישט קיין קריסטוס וואָס איז אַ גריך, אַ דייטש, אַ פראַנצויז אָדער אַן איטאַליענער. עס איז אַ ייד, אַ ריין־ראַסיקער ייד, וואָס קומט פון די וואָרצלען פון העברעאישן שטאַם און רעדט צו יידן. און — עס גייט אַרויס פון אונטער זיין פּענדזל „שיילאָק און יעסיקאַ". אפשר איז עס דאָס רירנדסטע בילד פון זיין געניוס. עס איז דער אַלטער מאַן, וואָס נעמט אַרום זיין טאָכטער, וואָס וויל זי ניט לאָזן אָפּרייסן פון זיך, פון יידישן שטאַם. עס איז אַן אַלטער מאַן, שיילאָק, אין וועלכן עס איז פאַרקערפּערט דאָס יידישע פאָלק, מיט זיין טראַגיק פון דער געשיכטע. מיט וויפיל צערטלעכקייט ער נעמט אַרום זיין טאָכטער! זיין איינציק קינד! זיין געזיכט איז צעקאַרבט פון ליידן, צעשניטן פון פּיין, פון באַליידיקונג, פון קרענקונג, ווי די קאָרע פון אַ בוים. און יעסיקאַ — אַ צאַרטע פיגור, מיט אַ בלייך געזיכט. מאַדאָניש־בלייך. האָט נישט מאוריצי גאָט־

ליב אין איר געמאָלן זיינס אַ יוגנט־אידעאַל? האָט ער נישט אין דאָזיקן פּאָעטיש־דעליקאַטן געשטאַלט אריינגעמאָלן די מיידלעך פון דראָהאָביטש, אַט־אַזוי ווי זיי זיינען געבליבן אין זיין זכרון, די וואונדערלעכע מיידלעך, די בלייכע כלות, שענער ווי די פּרינ־צעסינס אין די ראָמאַנען, שענער ווי די פרויען פון באָטיטשעלי און דזשיאָרזשיאָנע...

און — אָט איז זיין זעלבסט־פּאָרטרעט — אחשורוש — צום לעצטן מאָל געמאָלן... עס איז נישט מער יענער שטאָלצער, פּוילישער אדעליקער, וואָס, טראַגנדיק די נאַציאָנאַלע פּוילישע טראַכט — הילט ער זיך אויך אין איר גייסט. נישט מער דער שטאָלצער אריסטאָקראַט. עס איז אַ טיף־טרויעריקער פּאָרטרעט פון זיך, פון זיין געמיטס־צושטאַנד. דער טויט קוקט ארויס פון זיין בלייכן פלייש, פון זיינע טרויעריקע אויגן. אין הארצן שמערצט אַ טויטלעכע וואונד, ווי דעם טויטלעכן פּרינץ טריסטאַן...

אוועק זיינען אין דער פאַרגאַנגענהייט די פּוילישע קעניגן, וועלכע גאָטליב האָט געמאָלן אין פּוילן מיט אַזויפיל פּראַכט און גלאַנץ. עס איז אין דער פּוילישער געשיכטע, וואו מאוריצי גאָטליב האָט אין אָנפאַנג געקענט שעפּן זיינע קעניגן־מאַסקעס, זיינע רייכע, דעקאָראַטיווע קליידער און צירונג. ער האָט, ווי רעמ־בראַנדט, געהאַט אַ גרויסע ליבע צו טייערן וועלוועט און בראָ־קאַט, צו ריזיקע גאָלד־קייטן און צו בראָסלעטן. צו דעם אייביק נישט־פאַרלעשבאַרן פייער פון ביזשוטעריע.

אוועק זיינען זיינע העלדן: אַלבערט פון בראַנדענבורג, ווי ער טיילט צו דעם געטרייען דרך ארץ צו זיגמונד דעם ערשטן. די לעטישע אדלשייט וואָס בעטן הילף און שטיצע פון קעניג זיג־מונט אויגוסט. באָלעסלאַוו דער אומדערשראָקענער פאַר די טויערן פון קיעוו. יאַן סאָביעסקי, אויפנעמענדיק די שליחים פון עסטרייך. אוועק זיינען אויך די יידן, וואָס ער האָט געמאָלן מיט אַזויפיל איידלקייט. מיט ספּיריטואַליזם, אָריענטאַלישע שיינקייט און ראַפינירטקייט — האָט ער געמאָלן די יידישע פרוי. אוועק זיינען שיילאָק און יעסיקא — קינד יעסיקא אוועקגייענדיק צו אַ פרעמ־דער ראַסע — און שיילאָק — איינזאַם פאַרבלייבנדיק מיט זיין שמערץ, ווי אַן אוראַלטער נביא.

איינציק און אליין בלייבט ער מיט זיך און מיט זיין מאסקע. אָט איז אַנטקעגן אים אַן אַלטער שפּיגל. ער האָט אפשר זיין לעבן־לאַנג נישט ערנסט אריינגעקוקט אינם שפּיגל. און איצט דערזעט ער זיך ווי צום ערשטן מאָל.

וועלכע אַמביציעס ער באַזיצט! וועלכעס הארץ פלאַקערט אין זיין ברוסט, ווי אַ זון, וואָס באַלייכט זיין גאַנץ לעבן — זיין קאָסמאָס. און וועלכע קעניגן און נביאים פון דער יידישער געשיכטע גייען־אויף צו אים! מעכטיקע, ווייזע קעניגן. נביאים — פלאַמען, פון הימל אַראָפּגעלויכטן אויף דער ערד. בליצן — מיט אימפּעט באַלויכטנדיק די דורות. עפּישע סצענעס — גראַנדיאָזע! און דאָס אַלץ וואָלט ער וועלן אַנטאָן אין קאָליר; וואָלט ער וועלן פּאַראייביקן אויפן לייוונט; די גאַנצע יידישע געשיכטע איינהילן אין פייער פון זיינע קאָלירן. אין רייכן גאָלד און אַטלעס! עס איז פון די דאָזיקע קעניגן, פון וועלכע ער שטאַמט אָפּ. האָט ער דען נישט ליב רייכקייט — גאָלדוואַרג — סצעפּטערס — קרוינען — קונסטווערק — גערוימע זאַלן און קעניגלעכע פּאַלאַצן? האָט ער דען נישט ליב, אָט־דער יינגל פון דראָהאָביטש, דעם פּראַכט און די פּאָמפּעזקייט פון אַ קעניגלעכן הויף?...

און — צוגלייך מיט קעניגלעכער דעקאָראַציע — האָט ער ליב נאַטור. געכטן ביינאַכט, בשעת ער איז געגאַנגעןביים טייַכער, האָט ער געזען אַ בוים, וואָס האָט צוגעצויגן זיין אויפמערקזאַמקייט. ער איז איבעראַשט געוואָרן ווי אַזוי דער בוים איז געווען קינסטלעריש אַראַנזשירט. אויסער אַ מאַטעמאַטיקער, דענקער, אַרכיטעקט און פּאָעט, איז גאָט אַ געניאַלער צייכענער. און גאָט־ליב האָט באַטראַכט די קאָמפּאָזיציע פונם בוים. אונטן — ביים גרונט — איז דער בוים ווי מיט סלופּעס אונטערגעשפּאַרט. דאָס זיינען די וואָרצלען, וואָס שטראָמען אריין אין דר'ערד, ווי ברייטע און מעכטיקע צווייגן, טרינקענדיק די זאַפטן פון דער ערד; אויבן זיינען די צווייגן האַרמאָניש פאַנאַנדערגעשפּרייט, אין הימל, אין דער בראַנדזענער לופט. דו זעעסט, אַז דער בוים איז געפּלאַנעוועט געוואָרן דורך אַ קינסטלערישער נאַטור. דער בוים האָט האַרמאָניע, סימעטריע, ער האָט אפילו אַן אינערלעכן סקעלעט וואָס האַלט צוזאַמען זיין סטרוקטור, זיין גוף. דו זעעסט, אַז ער האָט אַ פּלאַן — זיין קאָנסטרוקציע איז נישט צופעליק — נאָר קינסטלעריש פּלאַ־

נירט. געהאַמערט דורך אַ מייסטער. אין דער סטודיאָ פון דאַזיקן מייסטער לערנען אַלע גאָט־געבענטשטע קינסטלער, איידער זיי קומען אַראָפּ אויף דער ערד. אין דער דאָזיקער סטודיאָ האָט אויך ער, מאָריצי גאָטליב, געלערנט.

און נאָך עפּעס האָט מאָריצי גאָטליב נעכטן ביינאַכט גע־טראַכט. ער האָט געזען אויף אַ צווייטן בוים אַ צווייג, וואָס איז געווען געל, צעפּוילט און דורכגעלעכערט. דו זעסט, אַז אין דער נאַטור איז קיין טרויער נישט פאַראַנען. אַ בוים שטאַרבט — קומען־אויף טויזנט נייע ביימער. דאָס לעבן אין דער נאַטור מינערט זיך נישט — נאָר פאַרמערט זיך. דער פאַרלוסט ווערט געדעקט דורך אַ קאָלאָסאַלער פאַרמערונגס־קאָמפּענסאַציע. עס איז בלויז דער מענטש, וואָס טראָגט אַריין זיין טויט־טרויער, זיין שאַפעניש אונטערגאַנגס־ליד, אין דער נאַטור. עס איז דער טויט, וואָס מאַכט דעם מענטש טרויעריק. דער מענטש האָט אַנטוויקלט אַן עגאָ, וואָס עסט אים אויף. דער דאָזיקער עגאָ איז די שולד פון גאָר די ליידן און קנאה פון די מענטשן; פון זייער שרעק און נערוועז־זיטעט. דער מענטש האָט אַריינגעטראָגן אין אוניווערס זיין מעכ־טיקן אינדיווידואַליזם. אָבער די נאַטור פאַרטראָגט נישט קיין אינדיווידואַליזם. דער טויט אין דער נאַטור איז נאַטירלעך, איז אַ פריי־ווערן פון די טרויערן פון לעבן. דער בוים וויל שטאַרבן, כדי זיין לעבן איבערצוגעבן אין די בלוט־אַרטעריעס, אין די צווייגן־הענט פון טויזנט ביימער־לעבנס. זיי נישט עגאָאיסטיש! שענק דיין לעבן צו אַנדערע — ווען דו אַליין ביסט אַלט גענוג קיין שום נוצן מער נישט צו האָבן דערפון. דיין לעבן ווערט נישט פאַרלוירן ווי אַ קוואַל, וואָס שטראָמט מיט זיינע וואַסערן אויף פעלזיקע בערג. דיין לעבן איז ווי אַ טייך, וואָס שטראָמט אין גרויסן ים אַריין, אין ים פון לעבן, פון אוניווערס.

און דאָך האָט מאָריצי גאָטליב נישט געקענט שטאַרבן. ער איז קוים צוויי און צוואַנציק יאָר אַלט. ערשט איצט וועקן זיך אויף אין אים אומגעהויערע פּאָטענצן. ער איז דאָך נאָך אַלץ יינגל. ער הייבט ערשט איצט אָן צו פאַרשטיין דעם מעכטיקן צויבער פון דער פרוי. און די קראַפט פון מאַן וועקט זיך אין אים אויף ווי אַ פייער. און אין די נעכט, ווען ער עפנט די בלעטער פון שיר השירים — ווי שיכור ווערט זיין גייסט פון דעם פייער פון ליבע.

ער האָט נאָך געגוג צייט צו עפענען די בלעטער פון קהלת...
און דאָך פילט ער, אַז דאָס זיינען די לעצטע טעג פון זיין לעבן.
און אַז ער איז, טראָץ זיין יוגנט, אוראַלט, טויזנט יאָר אַלט.
אַז ער האָט געקענט פערזענלעך די נביאים און די העברעאישע
קעניגן. פון יענער צייט אָן לעבט ער אויף דער וועלט... און אַ
שרעקלעכע מידקייט באַהערשט אים אַפט... די מידקייט פון
דעם געניוס וואָס האָט צו שטאַרק געפלאַמט אין זיין קונסט. —
און פון אַלע קעניגן און נביאים, שטייט ער איצט ביים שפּיגל אַן
איינזאַמער, און ביים לעצטן זעלבסטפּאָרטרעט, וואָס ער האָט פון
זיך געמאָלן, אַריינקוקנדיק אין דאָזיקן אַלטן, רויט-לישייעדיקן
שפּיגל, אין וועלכן אַ דאָן זשואַן, אַ לאָרד בייראָן האָט זיך אין
טרויעריקע חשבון הנפש-מאָמענטן געשפּיגלט.

* * *

און עס איז געווען אַ שטורעמדיקע נאַכט, ווען מאָוריצי
גאָטליב איז אומגעקומען — אומגעקומען דורך דער האַנט פון
סעמיראַדסקין, אומגעקומען דורך דער האַנט פון דער נאַטור.
וואָרים יעדער טויט איז סיי ווי אַ מאָרד, וואָס די נאַטור באַגייט
איבער איר קרבן. און אין דער נאַכט פון בליצן און דונערן, ווען
קעניגן און צעזאַרן האָבן, ווי אין גהינום, אַרויסגעיאָמערט פון די
טיפענישן פון טיבער טייך, איז מאָוריצי גאָטליב אומגעקומען
דורך דער האַנט פון אַ מערדער. צו גרויס איז געווען זיין געניוס,
כדי אים צו לאָזן לעבן אין דערפאָלג. די וועלט ווערט פאַרזשאַ-
ווערט און פאַרצערט פון קנאה.

און ווען די זון גייט אויף, פאַרגעסט זי נישט צו גריסן די
קברים אין רוים פון שעלי, פון קיטס, פון עליזאַבעטה באַררעט
ברויינינג, און פון מאָוריצי גאָטליב, דער יידישער יִנגל, וואָס איז
אַרויסגעשטיגן פון פּוילן ווי דער צווייטער גרויסער מאָלער נאָך
יאַן מאַטייקאָ און ווי דער ערשטער גרויסער מאָלער פון די יידן,
וואָס האָט דערוועקט צום לעבן אַ יידישע קונסט; וואָס האָט אין
דער קונסט אַריינגעפירט מיט שטאָלץ דעם לעבעדיקן ייד פון
פּוילן; וואָס האָט מיט אומגעהויערער איידלקייט געמאָלן די
יידישע פרוי... און — וועמענס בראָנדזענע סטאַטוע איז אויף
אייביק אוועקגעשטעלט אין דעם קונסט-פּאַנטעאָן פון דער וועלט.

ניו-יאָרק, יולי, 12, 1945.

נפתלי הערץ אימבער אויף דער בויערי

(1910—1856)

עס איז דיזעלבע בויערי פון מיט פילע יאָרן צוריק. וויפיל טרומנעם דער פרימאָרגן גרייט־צו פאַר די מתים פון דער בויערי — ווערן זיי קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט. זיי פאָרן זיך ארום איבער די צעבויגענע גאַסן פון דער בויערי. קענסט זיי זען אין די בילּיקע רעסטאָראַנען; זייערע הענט, די אויסגעדאַרטע, ציטערן ביים אָרעם שטיקל ברויט, ביי דעם טעלער פון צין — פול מיט זופּ מיט וואסער, ביי די בלייערנע טעלערס און הילצערנע לעפל, אזוי ווי באַרירנדיק מיט די ליפּן די לעפל — וואָלטן זיי קושן די בליענדע צווייגן פון די ביימער פון זייער קינדהייט, די סענקעס וואָס וואקסן אַרוים פון די צווייגן. קענסט זיי זען שטיין ביי די שויפענצטער און קוקן אויף אָפּגעריבענע קליידער, וואָס זיינען גענומען געוואָרן פון מענטשן וואָס האָבן זיי אויף אייביק אויסגעטאָן אין שפּיטעלער, אזילן און טורמעס. זיי מעסטן אָן אויף זיך די מאָרנע, די גרויע, די פּראָזאַאישע קליידער. דו קענסט זיי זען שטיין ביי אַלטע אַנטיק־געשעפטן. אַ שאַנק מאַכט זיי וויינען. אַ בוך־שענקעל דערמאָנט זיי אין זייער פאַרלאָזענער היים. אָפּ־הענגט אַ גיטאַר אין איר רויטן פייער — מיט איידעלע, דורכ־זיכטיקע סטרונעס — ער פלעגט פאַר איר, דער בלייכער, מיט צעפּ פון העלע גאָלד, שפּילן די סערענאַדע מיט יאָרן צוריק...

די סטרונעס זיינען איבערגעריסן, אזוי ווי אָדערן. קיין בלוט רינט נישט פון זיי. אָט איז אַ בעט מיט אַ קאָלדרע, ווי פון זייד — וואָסאָראַ טרוים... וואָלסט וועלן אריינגיין, אויפברעכן די שויב און זיך אריינלייגן — ווי חוני המעגל, אָפּשלאָפן זיבעציק יאָר, אָפּשלאָפן די נאַכט פון טויט...

עס שנייעט אין דרויסן און עס רעגנט. נאַסער שניי. גרויער רעגן. אין בלעכענעם שפּיגל שפּיגלען זיי זיך. שפּיגל — פון אַכט־

צענטן יאָרהונדערט. זיי דרייען זיך ווי שלאַנגען אין די שפּיגלען. ווי אַ וואַסער איז דער שפּיגל — דאָס וואַסער פון דיין קינדהייט, וואו דו האָסט יינגלעריש באַהאַלטן דיין לבנה און דיינע פיש און די קאָרעלן פאַר דיין קינפּטיקער מאַדאָננע און די נאַסע שטערן פון די דורכזיכטיקע וואָלקנס און די גאַנצע לאַנדשאַפט מיט קרומע, סלאַווישע ביימער, געבויגן, ווי די יידן, אין שמערץ. איצט זעסטו אינם שפּיגל דיין אייגענע פיגור — צעקרימט פון אַלע ווינטן פון דער וועלט. געפּאַטשט פון אַלע רעגנס. געשלאָגן פון אַלע שטורעמס.געשלאָגן און פאַרבלוטיקט...

דו זעסט די טרעמפּס פון דער בויערי יעדן טאָג — יעדן פּירקאַנטיקן טאָג, פּירקאַנטיק ווי די שאַרפע עקן פון אַן ערשט געהובלעוועטע טרומנע — ווי זיי טראָגן מיט מאַרטירערשאַפט זייערע גופים די שיכור'ע, זיך אַפּרוענדיק יעדער ווייַלע ביים פּיצל גרינעם אינדזל פון גראָז לעבן דער שווייַגענדיקער קירכע, פונקט ווי זיי וואָלטן דערוואַרטן פונם גאָלדענעם קרייץ, אַז עס זאָל אַראָפּגיין אין ברוינעם גיפּס זייער ברודער יוסף. אָדער זיי שטייען שטונדנלאַנג, פאַרגליווערטע ווי די מומיעס, ביי די שויפענצטער פון הייליקייטן-געוועלבער און זיי קוקן ווי אַ מייזל באַוועגט זיך פלינק ביי די נאַקעטע פיס פון דער מילך-קלאָרער, אין שטערן-ליכט-געוואַשענער מאַדאָננע, און זיי גאַפן אויף די לויכטנדיקע קרוינען פון די הייליקע — אַזעלכע הויכע, ערשט פונם צויבער-גאָלדשמידט'ס אַרויס געשמידטע קרוינען, וואָס דעקן צו די שאַרבנס פון קינדישע מלאכים. אַ, ווי זיי ציטערן אין ווינט און אין רעגן און אין שניי...

און היינט אָוונט איז ווידער געקומען אויף דער בויערי, אַזוי ווי יעדן אָוונט, ווען די זון פאַרגייט, דער העברעאישער דיכטער נפתלי הערץ אימבער. שיכור ווי לוט, דרייט ער זיך אַרום אַ פאַרשנייעטער צווישן די אַלטע, די אויסגעקרימטע, די פאַרשטויבטע און פאַרסאַזשעוועטע און פון זאַלץ פון ים צעפרעסענע מויערן. שוין יאָרן-לאַנג ווי אים שטיקט אַ ליד אין גאָרגל. שוין יאָרן-לאַנג ווי ער וואָלט וועלן דאָס ליד אַרויסציען פון האַרצן, ווי אַ פייער. און דער שניי פאַלט איבער דער ברודיקער, דער אויסגעקרימטער, און פון מענטשנטריט צעריבענער ערד דער

שניי — ווי דער פֿוך פֿון אַן איבערבעט, מיט וועלכן חתן־כּלה דעקן זיך איין... דער ווירגינישער פֿוך — וואָס אַן אַלטע באָבע האָט ביים קוימען געפֿליקט, אין שפּעטער נאַכט, פֿאַר איר איי־ניקל — צו דער חתונה־נאַכט. אַזאַ שניי געדענקט נפתּלי הערץ אימבער פֿון דער קינדהייט. נאָר יענער איז געווען בלוי, ווי דער עק פֿון אַ פּאַווע. עס איז געווען דער ערשטער בליק אויף דער וועלט, דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט אים דערזען — דעם בלויען שניי — די נאַכט וואָס טריפֿט מיט איר בלוי, אַריסטאָ־קראַטיש בלוט אויפֿן ווירגינישן שניי. ער האָט זיך דאַן געוואָלט איינהילן אין אים. ער האָט געוואָלט זיך צוהאַלטן אין דעם אומ־געהייערן פּאַווע־עק — זיך אויפֿלעזן אין דער זיסער בלויקייט פֿון שניי און נאַכט. נאָר זיין לעבן איז אַוועק אויף אַן אַנדער וועג. און זייט דאַן שלאָגט אים דער שניי מיט זיינע ווייסע, נאַסע הענט, שלאָגט אים ביטער.

— העללאָו, פּראָפּעט! — הערט אימבער אַ שטימע, אַ הייזעריקע, ווי פֿון קבר אַרויס. ער קוקט זיך אַרום, דערפֿילנדיק אַ האַנט איבער דער פּלייצע.

עס איז דער „מאַרטירער", איינער פֿון די איינוואוינער פֿון דער בויערי, מיט אַ געזיכט ווי פֿון פּרינץ קריסטוס, מיט אַ רויטער באָרד, וואָס ברענט ווי אַ ראָש אַרום זיין בלייכן, געליטערטן געזיכט. זיינע אויגן לויכטן פֿון אַלקאָהאָל און זיין פֿיגור איז אַ דינע, אַ בלייכע. מען רופֿט אים — „דער מאַרטירער". צו אים פֿילט אימבער אַן אינסטינקטיווע נאָענטקייט, ווייל, הגם ער איז היפּש פֿאַרגוויאישט געוואָרן אין דער בויערי, שטאַמט דער „מאַרטירער" פֿון יידן, און שטענדיק, ווען ער — אימבער — דער־זעט אים, דאַכט זיך אים, אַז ער זעט קריסטוסן.

— העללאָו, מאַרטירער! ווען איך בין דו, וואָלט איך דאָך איצט געהאַנגען אויף אַ צעפּוילטן קרייץ, דער שניי זאָל מיך אָפּוואַשן, מלאָכים זאָלן מיך קושן — האָט אימבער, אַ ציטערנדי־קער פֿון קעלט, צוגעוואָרפֿן, ביטער שמייכלענדיק.

— ווען איך בין דו, פּראָפּעט — קרעכצט הייזעריק דער מאַרטירער — וואָלט איך געגאַנגען קיין ירושלים זאָגן נביאות...

— איך גיי טאַקע קיין ירושלים, מאַרטירער. מיינסטו, אַז ווייל

איך טרעמפּעווע אַרום אויף דער בויערי, גיי איך נישט קיין ירושלים? ירושלים איז מיין היייליקע שטאָט, און דאָרט שטייט די קרוין פאַר מיין קאָפּ. קוק נישט, וואָס מיין קאָפּ איז ליידיק און נישט־געוואַשן. אַ קרוין פון ריינע גאָלד וועט אים צירן, אַזוי ווי אַ פייער. טאָג און נאַכט פוצן מלאָכים מיט זייערע וואַקסענע הענט אין שטיקלעך סאַמעט וואָלקן — די קרוין. עס קומט דער טאָג, און דער דיכטער נפתלי הערץ אימבער קומט קיין ירושלים און גאָט אַליין שטעלט אַוועק אויף זיין קאָפּ די קרוין... אָט האָב איך טאַקע פאַרפאַסט אַ ליד וועגן ירושלים. געדענקסט נאָך דיין מוטערשפּראַך? עס איז אַ ליד „צו אַמעריקע":

„איך שיידע פון דיר,
דו לאַנד דער פרייהייט.
קיין ירושלים פיר איך
מיין הייליקע טרייהייט." אאז"וו.

אימבער, דעקלאַמירנדיק דאָס ליד, איז געבליבן שטיין אינ־מיטן גאַס, מיט די הענט זשעסטיקולירנדיק, זיך באַמיענדיק נישט אומצופאַלן אין ווינט און שניי, אַזוי ווי ער וואָלט שטיין אויף די שפּיץ־פינגער. טרערן האָבן געגלאַנצט אין זיינע אַלטע, אויס־געראָנענע אויגן, וואָס זיינען אַמאָל געווען בלוי. און ווען ער האָט געענדיקט, איז ער שטיין געבליבן, מיט אַ פאַרשלאָסן מויל. ער האָט אין דעם מאָמענט אויסגעזען ווי אַ לייב, ווי אַ שטיינערנער לייב פון אַן אַלטן גאַנעק, פאַר אַן אַלטן, אַמאָליקן הויז.

— „וואָס זאָגסטו, מאַרטירער, צו מיינעם ליד?" — האָט אימבער איבערגעבראָכן זיין אייגענע שטילקייט, רעדנדיק פּלוצלינג אין דייטש.

— „איין שעהן ליד. אַך, דאָס ירושלים!... — האָט דער מאַרטירער אָפּגעקרעכצט. — איך וועל שוין קיינמאָל דאָרט נישט זיין. דו — אפשר?...

— איך בין מיין גאַנץ לעבן דאָרטן, אין הייליקן ירושלים... צו איר זינג איך אַלע מיינע לידער... אָבער דאָס שענסטע ליד וועל איך ערשט שרייבן... אַ שטונדע פאַר מיין טויט... איך פיל, אַז דאָס וועט זיין דאָס שענסטע ליד... אַ ליד פון האָפענונג פאַרן יידישן פאָלק — זיך אומקערנדיק קיין ירושלים...

— נו, קום צו „מערי׳ס״ — האָט דער „מאַרטירער״ גע־מורמלט.

אימבער׳ס אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער „מאַרטירער״ האָט ערגעץ־וואו דערשנאַפּט עטלעכע גרייצער. און דער געדאַנק פון טרינקען אַ גלעזל משקה האָט אים אויפגעהייטערט.

— קום צו מערי׳ס, קאַלעגע מאַרטירער!

און ביידע שלאַנקע מענער האָבן זיך קוים מיט צרות באַוועגט איבער דער בויערי. פונם שניי איז אַפּגעגאַנגען די מילך־ווייסקייט און עס איז געוואָרן אַ געוויינלעכער רעגן, וואָס האָט ביידן דורכ־גענומען די ביינער.

אין אַ ווײַלע אַרום זײַנען זיי געווען ביי „מערי׳ן״ אין סאַלון. ביים בופעט איז געשטאַנען אַ פּוילישע פרוי, מיט העלע האָר ווי פלאַקס, מיט אַ רונדן פּנים מיט אַ שאַרפן, פאַרריסענעם נעזל, אַזוי ווי זי וואָלט אַרויסגעקוקט פון אַ מאַלעריי פון אַ פּוילישן מאָלער. אימבער האָט, קוקנדיק אויף איר, זיך דערמאָנט אין אַ מיידל פון גאַליציע, פון זלאָטשעוו, פון זיין קינדהייט. אַזוי ווי מערי האָט זי אויסגעזען — מיט אַ רונדן פּנימל, מיט בלויע, ליכטיקע אויגן, מיט לאַנגע, פלאַקסענע צעפּ. זי פלעגט קריכן אויף ביימער פון די סעדער. און איינמאָל, ווען זי איז אַרויפגעקראָכן אויף אַן עפּלבוים, אַפּצופּליקן אַן עפּל, און זי האָט זיך מיט הענט און פיס געדראַפּעט אויפן וואָרצל פון בוים — האָט ער נישט געקענט ביישטיין דעם נסיון — ער איז צוגעלאָפן און אויפגעהויבן איר דין קליידל און דערלאַנגט אַ פּאַטש אין אירע היפטן ... היפטן — קלאָרע, ווי מילך ... דאָס ליבע שיקסל האָט אַ געשריי געטאָן און נאָכגעלאָזט די הענט, און אַראָפּגעפאַלן פון בוים. און אַזוי, קוק־דיק אויף מערי׳ן, געדענקט ער זי נאָך, דאָס קליינע שיקסל פון זלאָטשעוו ... וואָסאַרא וואונדערלעכע דערינערונג! אַ שטיק זייד — אויסגעריסן פונם אַלבום פון רעמיניסענצן ...

זיי זיינען געשטאַנען ביים בופעט — „מאַרטירער״ און „פּראָפעט״. און לעבן זיי זיינען געשטאַנען אוקראַינער און רוסן, פּאָלאַקן און רומענער ... אַלערליי שטומע פּנימער און מאַסקעס — און אינמיטן פונם קליינעם זאַל האָט זיך געדרייט אַ פּאָרל אין אַ הימלישן וואַלס. ער — אַן אַלטער דאָן זשואַן, און זי — אַן אייביקע

ווירגינע, מיט זילבערווייסע האָר און אַ פּאַרגליווערט, באַלזאַמירט געזיכט, וואָס איז געווען באַלייגט מיט שטיקער פאַרבנפּלעקן. זי האָט זיך געבעטן אוועקגעשטעלט צו ווערן ערגעץ אין אַ נישע, אַזוי ווי אַ הייליקע.

דער שטויב זאָל איר פאַרהילן און באַהאַלטן. און טאַנצנדיק — האָט זי געלאַכט און געוויינט. און פון דער וואַנט, איבערן בופעט, האָט טרויעריק אַראָפּגעוויינט דאָס געזיכט פון אַ הירש, פון אַ דערשאָסענעם הירש. טרערן גלאַנצן אין דעם הירש׳ס אויגן — פון זעלבסטמיטלייד. ער איז שיכור. זיין האַלדז איז פאַרשטויבט. די הערנער — טרוקן, ווי ביין. און אימבער און הירש קוקן זיך אָן. זיי קענען זיך. זיי האָבן זיך ערגעץ־וואו געזען... ווען מענטש איז געווען נאָענט צו נאַטור. ווען נאַטור איז געווען נאָענט צום מענטש... עס איז געווען אַ גאָלדערנער באַגינען. וואַלד האָט סימפאָניש אויפגעקלונגען אין פרימאָרגן־קאָנצערט. יעדעס בלאַט — אַ טאַץ וואָס שלאָגט צום ריטם פון אָרקעסטער. און פון די גאָלדענע צווייגן דערשיינט דער מאַיעסטעטישער קאָפּ פונם הירש — ווי אַ מענטשנגעזיכט — וואָרים אַלע חיות טראָגן די מאַסקע פון טראַגישן מענטש און זיינען געבונדן אין דיזעלבע גורל־שטריק... און הירש איז אוראַלט און ווייז און מיט די אויגן צע־לויכטן — פול חכמה... אַ קורצער ראַנדעוואו — און הירש פאַר־שווינדט צוריק אין וואַלד... און אָט באַקעגענען זיי זיך ווידער — פּראָפּעט און הירש — דאָ אין דעם שענק — ביי מאָדנע אומ־שטענדן... הירש, אַראָפּטריפנדיק זיין טויטלעכן טרויער אין די קופּלעם ביר. און די האָבאָס און פּראָסטיטוטקעס, און די הייליקע און די נביאים — זופנדיק דעם הירש׳ס טויט־טרויער פון די קופּלעם בירן און וויינען... זיי בעקעגענען זיך דאָ ווידער — ביים ראַנד פון אָפּגרונט.

— פּראָפּעט, האָט איר איין נייע ליד געמאַכט? — ברעכט איבער די הייטערע, די פאַרשייטע מערי מיט אַ געלעכטער.

— יעס, מערי, איך האָב איין ניי ליד — צו מיין געליבטער פאַרפאַסט! — רופט זיך אָפּ מיט אַ סאַרדאָנישן שמייכל אימבער.

— וועט איר מיר דערפאַר געבן אַ גלאָז גרינעם ביר?

— פון ווען אָן צאָלט מען מיט „פּיעשניעס" פאַר וויין? — לאַכט מערי ציניש.

— לידער זיינען טייערער פון גאָלד. אַלע גאָלדוואַרגן גייען צו גרונט, אָבער דאָס ליד לעבט אייביק. איבעריקנס, איך ווייס פון אַ פּאָעט וואָס האָט געצאָלט פאַר ביר און פאַר מאָלצייטן און פאַר נאַכטלעגער — מיט לידער... ווי האָט ער געהייסן? — ערגאַר עללען פּאָו, דער וואָס האָט געשריבן וועגן דער קראַנקער ראָב... מען האָט נישט לאַנג צוריק געפונען זיינס אַ ליד אין אַ קאַפע אין קאַליפאָרניע, וואָס ער האָט פאַרפּאַסט טאַקע דאָרטן, טרינקענדיק דעם ביר, און באַצאָלנדיק פאַר דעם מיטן ליד...

— אָקעי, ווען דער פּראָפעט וועט זינגען זיין ליד — קריגט ער פון מיר אַ גוטן שנאַפּס...

נפתלי הערץ אימבער טיילט זיך אָפּ עטוואָס פונם בופעט. ער שטעלט זיך שטייף אַוועק, און קוקנדיק צום קאָפּ פונם הירש, און אויך צו מערי'ן, וואָס האַלט איין מיט גרויס אָנשטרענגונג איר געלעכטער, זינגט ער:

„דיינע טרערן — אַ פריילעכער רעגן,
וואָס טוט מיינע טעג פאַרפלייצן;
דיינע קושן — פייערן, וואָס גליען
און ברענען און פלאַקערן און רייצן...
פייער און וואַסער — וואונדער איבער וואונדער,
קאָנטראַסטן צוויי צוזאַמען;
פאַרוואָס פאַרצערט דאָס פייער ניט די טרערן,
פאַרוואָס פאַרלעשן ניט די טרערן מיינע פלאַמען?"

אַלע פּאַטשן מיט די הענט און ערנסט־ווירדיק גרייפט אימ־בער דעם כוס מיט וויין, וואָס מערי דערלאַנגט אים מיט אַ מבול פון הויך־קלינגענדע רייד. ער ליידיקט אים אויס, דעם כוס, ביזן לעצטן טראָפּן, לאַנג אים האַלטנדיק איבער זיין מויל.

עס מוז שוין זיין שפּעט דער זייגער. אימבער קען קוים אָנזען די ווייזערס אויפן אַלטן, מענטשלעך־טרויעריקן ציפערבלאַט פונם זייגער, וואָס טריפט מיט צייט. און ווען שפּעט ביינאַכט גייען זיי אַהיים, זעט אימבער ווי די לבנה הענגט אין הימל — אַ ליימיקער זייגער, פאַר די גייסטער און געשפּענסטער און נאַכט־סילועטן. נאָר ער קען אַלץ נישט דערגיין ווי שפּעט עס איז. זיינע פיס וואָלטן שוין וועלן אָנטאַפּן די צעבויגענע, אויסגעריבענע טרעפּ וואָס פירן צו זיין אָרעמער וואוינונג. און אינמיטן וועג ווערט

ערגעץ־וואו נעלם דער „מארטירער“, אזוי ווי ער וואָלט געגאַנגען זיך אויפהענגען, זיך צונאָגלען מיט לבנה־טשוועקעס צו אַן אַלטן קרייץ. דער פּראָפּעט ציט ווייטער, ביי די ווענט, ווי אַ שאָטן און פאר זיך אליין שעפּטשעט ער די פערזן:

„כ׳האָב קונסטווערק געזען פון מייסטערס,
וואו קאָליר אויפן לייוונט גליט;
כ׳האָב געהערט פּאָעטן באַזינגען
און לויבן שיינקייט אין ליד.
ווען אָבער איך קוק אויף דיין פּנים,
האָט קיין זאַך קיין ווערט ניט מער;
דאַן לויב איך און רים דיין באַשעפער —
ניטאָ אזא מייסטער, ווי ער!“

*

אין אַ ווײַלע ארום גייט נפתלי הערץ אימבער ארויף די אַלטע טרעפּ. ער וואַקלט זיך. ער זוכט־אָפּ אין דער פינצטערניש דעם מעשענעם לאָמפּ מיטן אַבאַזשור, און ער צינדט אָן די קנויט. דאָס קאַרגע ליכט דעקט־אָפּ די קאָנטורן פון אַלטע שטיקער מעבל. אויף די ווענט — בילדער פון רעמבראַנדט, פון אַלטע רבנים און רביים. קוים זיך האַלטנדיק אויף די פיס, קוים זיך באַוועגנדיק, ווייס ווי שניי, מיט אַ שטאָלץ פון אַן אַלט פּאָלק, האָט זיי רעמבראַנדט אויסגעזוכט אין דער ייִדישער געטאָ. זיי לויכטן ווי די זונען, אין גאָלד געצירט. אַ שטאָלצע, אַן אומשטערבלעכע אַריסטאָקראַטיע פון גייסט. פיזיש־שטערבלעך, פול מיט דעם רעמבראַנדטישן טרויער פון פאַרגענגלעכקייט. אָבער גייסטיק — אומצעברעכלעך. אַ פאָלק, וואָס האָט פאַרזוכט דעם טעם פון אייביקייט. וואָס, ווערנדיק פאַרשניטן פון דער ערד ברוטאַל — הייבן זיי זיך איין אין טלית פון די הימלען. ווערנדיק אַוועקגענומען מיט געוואַלט פון שטאַרבענדע צייט — אָטעמען זיי אויף מיט אייביקייט־האָריזאָנטן.

די לעצטע וואָכן ווערט אימבער פאַרפאָלגט פון אַ ליד, וואָס רייסט זיך פון זיין הארץ ארויס. ער ווייסט דעם ווערט פון דעם ליד. ער ווייסט, אַז עס וועט אמאָל ווערן דער העברעאישער הימן. און די ספרים אין זיין צימער דערמאָנען אים אינם ליד. גרויסע,

אלטע און געלע ספרים. נישט ווי די ביכלעך וואס דערשיינען אין אונזערע צייטן. ניין. דאס זיינען די אוראלטע, די מעכטיקע ספרים פון א פאלק. זיין גייסט איז דארט פרעזערווירט. זיין שטאלץ. דעם פאלק'ס נשמה און פייער. דורות האבן געמישט די דאזיקע בלעטער. און מיט די דורות קאמוניקירט מען ווען מען לערנט אין די אלטע ספרים.

דער רעגן האט אויפגעהערט. די ברודיקע שויבן זיינען אפגעוואשן געווארן. עס צעלויפן זיך די וואלקנס איבערן הימל. ווייסע און שווארצע. ווי ריזיקע צענטאורן צעלויפן זיי זיך איבער די האריזאנטן. עס ווערט אלץ קלארער דער הימל מיט שטערן. מיט זיין פאלע ווישט גאט ארום די שטערן און זיי גלאנצן אויפסניי. זיי זיינען ווי די פייערן פון א גאלדענע מנורה.

די „התקוה" שטראמט אין זיין הארצן. אט צייכנט ער אן די ערשטע פערזן פונם קינפטיקן הימן אויף פאפיר. די ווערטער ציטערן. און די וואלקנס צערייסן זיך אין הימל. טשעפען זיך אפ איינע פון די אנדערע. דער האריזאנט ווערט ריינער, קלארער, האפענונגספולער. א ריינע בלויקייט פארשפרייט זיך איבער דעם הימל.

און אט, בשעת ער האט שוין כמעט געענדיקט דאס גאנצע ליד, דערשיינט א פרויענגעשטאלט צו אים. וועלכעס הייליקע ליכט שטראמט פון איר! די לאקן זיינען פייכט פון טוי, פייכט פון פארפיום פון דער ערד, פון סערער. עס איז רחל — אונזער מוטערגעשטאלט, וואס האט אין איר טראכט געטראגן דעם עמבריאן פון יוסף הצדיק, פונם עגיפטישן וויצעקעניג. אירע אויגן לייכטן מיט גוטסקייט. איר גאנץ געשטאלט שטראלט לויטער, ווי א פייערזייל, פון דער ערד ביז צום הימל. זי איז ווי א רעגנבויגן. און קאלירן עמאנירן פון איר. זי איז ווי א דערשיינונג פון א מאַרעריי. אזוי פיל גאלד אין איר. אזוי פיל ליכט. אזוי פיל זון. און זי שמייכלט צו אים, צו אימבערן, מיט אזויפיל ליבע אין אירע אויגן. זי נעמט אים ארום ווי א געליבטע נעמט ארום איר געליבטן, ווען די ביימער טריפן טוי, ווען די בלומען שלאפן, ווען דער הימל ליגט נידעריק איבער דער ערד — מיט זיין הארץ — די לבנה.

„התקוה" איז פארטיק אנגעשריבן. און רחל איז אים גע־

קומען דאַנקען פאַר דער „התקוה״. און זי איז שיין, ווי אין יענעם מאָמענט, ווען יעקב האָט זי באַקעגנט ביים ברונעם. געדענקט ער דען נישט פריש יענעם וואונדערלעכן מאָמענט, ווען רחל קומט אָן צום ברונעם מיט איר פאָטערס שאָף. דאָס גראָז ביים ברונעם איז פאַרגאָסן פון דעם וואַסער, וואָס ווערט פאַרטריפט ביים לעשן דעם דורשט פון די שאָף. און יעקב איז פאַרגאָסן מיט טרערן. ער ציטערט פון רחל׳ס שיינקייט. זי קוקט אויף אים — און זי זעט אין אים דעם פאָטער פון ישראל. יעקב איז שיין — מיט זיין הויכן געשטאַלט און מיט דעם געשניצטן פנים מיט געקרויזטע לאָקן. רחל איז שיין ווי די זון. און יעקב אַרבעט אין די פעלדער זיבן יאָר... אין ליבשאַפט צו רחל׳ען... און איצט שטייט רחל פאַרן העברעאישן דיכטער, אין אַ צימער אויף דער בויערי! וואָסאַראַ וואונדער! וועלכע הערלעכע וויזיאָן!

און בשעת אימבער זינגט פאַר רחל׳ען די פערזן פון דער „התקוה״, זעט ער פאַרפלייצט ווערן זיין צימער מיט מאַסן יידן. זיי קומען פון אַלע עקן וועלט — יידן מיט אָפּגעבערענטע געזיכטער; יידן — מיט צעשטאָכענע גופים; יידן, וואָס גייען אַראָפּ פון די קרייצן און תליות און לויפן אַרויס פון די שייטערהויפנס און פון רואינען; עס שטראָמען מיליאָנען יידן — פון די וועלדער גייען זיי אַרויס מיט ווילד־פאַרוואַקסענע געזיכטער; מאַסן יידן — פון אַלע לענדער — פון אַלע שיפּברוכן — פון אַלע ימ׳ען און אינדזלען און ברעגן — יידן־קעניגן און בעטלער, נביאים און סוחרים, משיחים און באַגרעבער — יידן פון די טויטנלאַגערן און פון די פייערן פון דער גאַנצער וועלט. וועלכע אומגעהייערע באַוועגונג איבער דער ערד! פון די פאָרטרעטן פון רעמבראַנדט גייען זיי אַראָפּ, פלאַקערנדיקע רבנים; פון די ספרים גייען זיי אין גרויסאַרטיקע געשטאַלטן אַרויס — אויטאָרן פון קבלה־ווערק, טרוימער, נביאים, וויזיאָנערן און דיכטער. עס קומען פון „ספר מלכים״ אַרויס אַלע יידישע קעניגן — אַלע שטאָלצע און געפאַלענע, אויף וועלכע די קרוינען שטייען פעסט, ווי די זונען, און אויף אַנדערע קעפּ ציטערן זיי, ווי לבנות. קעניגן מיט לויכטנדע אויגן — און מיט אויסגעשטאָכענע און בלוטענדע אויגנלעכער. אימבער איז דערשטוינט. ווען האָט ער דאָס אין זיין לעבן געזען אַזוי פיל מענטשן — אַזוי פיל יידן — אַלע די, וואָס האָבן פּערציק

יאָר צייט געוואַנדערט אין דער מדבר און דאָרטן זיינען פאַרלוירן געוואָרן זייערע ביינער — די יעניקע, וואָס זיינען געשטאַנען אין אימה און אין שרעק ביים באַרג סיני, ווען די תורה איז גע־בראַכט געוואָרן דורך משה רבינו!

עס זאַמלען זיך יידישע אַרמייען פון אַלע מלחמות מיט די שונאים. טליתים הילן איין, ווי שטראַלן, די קדושים. עס קומען אָן פרויען מיט קליינע קינדער — עס שפּאַלטן זיך די צייטן און עס שטראָמען אַרויס דורות יידן — פון שפּאַניע — פון פּוילן — פון בבל און פון מצרים — מיט ספרי־תורה׳ס, ווי געליבטע, דריקנ־דיק צום האַרצן — מיט ספרים, וועמענס בלעטער עס רייסן די ווינטן פון אַלע פיר זייטן — עס קומען אָן אַלע יידן פון אַלע דורות און פון אַלע צייטן.

און אַט גייט־אויף ירושלים — די וויזיאָן פון זיין גאַנץ לעבן. די וויזיאָן, וועלכע ער האָט דורכגעטראָגן פון קינדהייט אָן, פון זלאַטשעוו אָן, ביז צו די ברעגן פונם אַטלאַנטיק, ביז צו דער בויערי — —

„איך שיידע פון דיר,
דו — לאַנד דער פרייהייט.
קיין ירושלים פיר איך
מיין הייליקע טרייהייט.“

ירושלים לויכט־אויף — מיט אירע קופּאָלן און מויערן, מיט אירע הייליקע קברים און מיט דער כותל מערבי — דאָס בית־המקדש גייט־אויף — און דאָס גאָלד פון איר גלאַנץ און די תורה, וואָס די חכמים לערנען אין איר — און אַלץ איז אָפּגע־שיילט פון דער גרויקייט פון לעבן. אַ גרויס ליכט שטראָמט איבער ירושלים — דאָס ליכט פון גאָט אַליין — אַ ליכט, וואָס שטראָמט און פאַרבלענדט די אויגן — וואָס מאַכט בלינד די אויגן פונם העברעאישן פּאָעט.

אָ, ירושלים, ירושלים! ווי האָב איך דיך געליבט. ווי האָב איך דורכגעטראָגן דיך מיין גאַנץ לעבן — מיט אַזוי פיל גליק און פייער — ווי האָב איך דיך אין האַרץ געצונדן און גענערט מיטן פייער פון מיין האָפענונג. און וועלכעס געזאַנג, וועלכער כאָר פאַרקלינגט די לופט! אימבער איז נישט מער אין זיין קליי־

נעם צימער אויף דער בויערי. ער איז צווישן הימל און ערד. די כוואַליעס פון מענטשנמאַסן טראָגן אים אויף די הענט — אים און רחל'ן, די פּרינצעסין, וואָס קומט טרייסטן די לײַדנדע און די אומגליקלעכע — און זיי שאַלן מיט די קלאַנגען פון דער „התקוה". זיי עפענען דאָס גרויסע צער־ליד פון יידישן פאָלק און זיי טראָגן דאָס הייליקע פּאָרל ווייט אַוועק — אין דער אומ־ענדלעכקייט אריין — און רחל בויגט זיך איבער אים אריבער און קושט אים מיט אַ קוש וואָס הערט קיינמאָל נישט אויף — און גרויס פרייד און גרויס שמערץ באַהערשט דאָס הארץ פון אימבער'ן. עס איז צופיל די פרייד — און צופיל דער שמערץ... אך, צופיל דער שמערץ... דאָס הארץ קען עס נישט אויסהאַלטן. אַך, דאָס הארץ — דאָס הארץ — דאָס הארץ — — —

*

און אזוי איז אין זיין בויערי־צימערל געשטאָרבן דער פּאָעט פון יידישן הימן. מאַנכע דיכטער ווערן געבוירן פילע לידער צו דיכטן און מאַנכע — בלויז צו דיכטן איין ליד — איין קליין ליד פון האָפענונג — כדי דאָס פאָלק זאָל עס זינגען און שאַלן און קענען דורכגיין דעם מארטירער־וועג מיט נצחון־פרייד. און דער שיכור'ער נפתלי הערץ אימבער האָט דאָס דאָזיקע ליד געשענקט צו זיין פאָלק און אין אַ טאָג, אין אַ גרויסן טאָג, וועט דאָס פאָלק— אויס דאַנקבארקייט — טראָגן זיינע ביינער קיין ירושלים, דאָרטן וואו עס רוען די קעניגן און די פּראָפעטן פונם אייביקן העברעער־פאָלק. זיי וועלן טראָגן זיינע ביינער קיין ירושלים אין אַ גאָל־דענעם אָרון. לעבן די קברים פון די קעניגן וועלן זיי אוועקשטעלן זיין גאָלדענעם אָרון.

ניו-יאָרק, אויגוסט, 25, 1944.

אורקע נאַכאַלניק אין גן-עדן

(דערציילונג)

די נאַצים האָבן אין אָטוואָצק, דעם פּוילישן דענוועער, דער־שאָסן אורקע נאַכאַלניק'ן. עס איז געווען אַן איראָניע וואָס אורקע, דער קרעפּטיקער יונג, האָט אין די לעצטע יאָרן געוואוינט אין דעם קראַנקען אָטוואָצק, אַ קוראָרט פאַר שווינדזוכטיקע. איך דערמאָן זיך אָטוואָצק אין אַ האַרבסטיקן נאָכמיטאָג. איך בין דעמאָלט געווען אַ קליין יינגל. דער צוג, אויפן וועג פון פולאַוו קיין וואַרשע, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין אָטוואָצק. די בלעטער — שטיקער בלוט — זיינען געלעגן אין זון־אונטערגאַנג אויף די טראָטואַרן. אין דער בלויער לופט, אײַנזאַם, לעבן די ביימער, האָבן שפּאַצירט פאַרלעך שווינדזוכטיקע. יעדעס פּאָרל האָט אויסגעזען ווי אָדם און חוה, פאַרטריבענע פון גן־עדן... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיי באַוועגן זיך אין דער אייביקייט אַריין. די גרינע גראָזן — הויך. די ביימער ברענען, ווי אָנגעצונדענע קאַנדעלאַברעס. די שטעגן — באַלייגט מיט בלעטער; ווען מען טרעט אויף זיי — ברעכן זיי זיך ווי דינע גאָלד־בעכערס, שרייען אונטער די פיס פון די קראַנקע — אין זייער לעצטן שמערץ...

דער צוג רירט זיך און די זון זינקט און פאַרבט רויט די אָטוואָצקער לאַנדשאַפט. עס ברענט איבער די ביימער די ליידנ־שאַפט, דער פיבער פון די קראַנקע. עס פלאַמט אַן אָנגעצונדן געדיכט פון אַ קראַנקן פּאָעט אין דער לופט... און ווען דער צוג לויפט דורך פוילנס אָפענע פעלדער — פיל איך, אַז איך וועל קיינמאָל אין לעבן נישט זען אָטוואָצק... און איך פּרוואו פאַנגען מיטן בליק די לעצטע דינע הייזער — די צאַרטע, קראַנקע ביימער — און שטיקער וואָלקנס, וואָס פורעמען זיך צו מלאָכים מיט אומגעהויערע פליגל — מיט פליגל, וואָס באַרירן די הימלען...

און דאָ האָט זיך באַזעצט אורקע נאַכאַלניק — צו לעבן, נישט פון גנבה, נישט פון אויפברעכן אַ קאַסע — נאָר פון זיין... אייזערנער פעדער!

אין דער גרינקייט פון די אַטוואַצקערביימער; אין דעם ליריזם פון די קראַנקע; אין דער ראָמאַנטיק פון שטאַרבנדיקן ראָמאַנס; צווישן בלייך־אַנעמישע פרויען — האָט זיך אַרומ־געדרייט אַ הערקולעס, אַ מאַן פון געוואַלטיקן כוח, וועמענס גרויסע, ביינערדיקע הענט האָבן געברענט מיט קראַפט — צו ברעכן קאַסעס, צו בויגן שטאַבעס, צו באַנוצן אייזערנע אינסטרומענטן, זיך צו באַגיין געגנוי מיטן קרומען דאַך, צו קאָנטראָלירן אַ „שפייער", צו ווערגן אַ האָלדז...

ניין, דאָס לעצטע — נישט. ער האָט זיך נישט באַנוצט מיט קיין איינע פון די אויבנאויסגערעכנטע זאַכן, וואָס טויטן. אורקע נאַכאַלניק איז נישט געווען קיין מערדער. ער איז געווען אַ — פּאָעט. אין טורמע, אַלס אַ צוואַנציק־יאָריק יינגל, האָט ער גע־שריבן פּאָעזיע, אין דער פּוילישער שפּראַך. (האָט נישט פראַנסוא וויַלאָן, דער פראַנצויזישער פּאָעט פון סוף 14־טן יאַרהונדערט — באַגנבעט דאָס גאָלד פון די קירכן און — געשריבן רירנדע באַ־לאַדן? האָט נישט פראַנסוא וויַלאָן מיט ציטערנדיקע פינגער באַרירט דאָס גאָלד פון אַלטאַרן, די אָנגעצונדענע לייכטער, פּאַר־טריפטע מיט וואַקס, די דיאַמאַנט־אויגן פון דער „הייליקער מאַריאַ", די קייטן פון גאָלד, דאָס צירונג פון די הייליקע, די בעכערס פון זיל־בער, די ברענענדיקע מאָלערייען פון קאַראַוואַדזשיאָ און באָטיטשעל־לי און ראַפאַעל? האָט ער נישט אין דער פינצטערער נאַכט געזען, ווי שיין עס גלאַנצט די בייזשוטעריע, אַזוי ווי שטערן אין הימל? האָט נישט פראַנסוא וויַלאָן זיך דערנענטערט צו יעדער זינדיקער פרוי, ווי צו דער הייליקער מאַריאַ, ווי צו אַ געטלעכער ווירגינע, און געקושט אין ליבע אירע בריסט?! יענע פּאַטעטישע טעסטאַ־מענטן, וואָס ער האָט געשריבן — זיינען זיי פון אַ גנב אָדער פון אַ גרויסן פּאָעט, וואָס פירט אריין די ריזיקע אַפּעטיטן, די מענטשן פון בלוט און פלייש, דעם מעכטיקן הומאָר פון מיטל־אַלטער — די ליידנשאַפטן און די גאַנצע קאַרנאַוואַלישע קאָ־מעדיע — אין דער פראַנצויזישער פּאָעזיע?)

אורקע נאַכאַלניק איז געווען אַ גנב. אָבער זיין דיכטעריש האַרץ האָט געברענט אין אים, ווי אַ לאָמפּ אין אַ בית־המקדש. יענעם האַרץ, וואָס אין שטורעם און אומרו פון דיכטונג, ווי אַ פּענ־

דולום וואָס הענגט אין דער לופט — איז נישט צופרידן מיט קיין גאָלד און קיין זילבער, ביז עס דערגרייכט נישט זיין תיקון, זיין באַשטימונג.

דער פּאָעט אין אים איז געווען אומרואיק. און נישט קענענדיק זיך אויסדריקן אין דער פּאַרביקער און אַדוועטיוריסטישער דראַמע — פון דיכטונג — לעבט ער זיין פּאָעזיע אין לעבן. ער איז אַ גנב. און שפּעט ביינאַכט ליגט ער אונטערן בעט אין אַ פּרעמדער שטוב. עס קומט אַריין אין איר שלאָפצימער — דאָס מיידל. אורקע גנב ליגט אונטערן בעט, האַלט איין דעם אָטעם, הערט זיך צו צום שאָרך פון איר זיידענע קלייד, וואָס זי לאָזט אַראָפּ איבער אירע מאַדאָנישע בריסט און הייבט עס אַרויף ווי אַן אָרעאָל איבער איר קאָפּ. זי קנעפּלט פּאָרזיכטיק אויף די אונטערוועש. פאַרוואָס זאָל זי זיך קווענקלען אין באַפרייען זיך פון די דינע שטיקלעך זייד וואָס פאַרהילן די צאַרטסטע און סענסיטיווסטע טיילן פון אַ פרוי? קיינער איז דאָך אין צימער נישטאָ... בלויז זי — און, אין שפּיגל, יענע פרעמדע פרוי אין שפּיגל — וואָס קוקט אויף די רונדע, רענואַריש־ראַפּאַעלישע גלידער פון איר קערפּער. אורקע נאַכאַלניק איז גענוג „נאַכאַל", נישט צוצומאַכן איצט די אויגן. ער פאַרגעסט זיין צוועק... ער אָטעמט ווי מיט פייער... זי שטייט מוטער־נאַקעט ביים שפּיגל — די הייליקע. זי באַטראַכט איר גוף. זי געניסט אים, ווי אַ מאַן. די פרוי אין שפּיגל איז — אָדם... און זי איז — חוה... און אָדם באַטראַכט איר הערלעכן קערפּער... זי האָט הנאה פון איר יעדן שטיקל לייב־לאַנדשאַפט... זי ציטערט... איר האַרץ איז אומרואיק... האָט זי דערהערט אַ קרעכץ פון אָדמ׳ס ברוסט? זי לייגט זיך אין בעט, דעקט זיך איין און שטעקט גראַציעז אַרויס אַ פוס... וויטער — ביז איבער דער קני... עס שליינט צו די לבנה — און גילדעט אַ שטיקל נאַקעטן אַקסל; אַ האַלבע ברוסט איז אין שאָטן פון דער נאַכט און אין גאָלד פון דער לבנה — פּוטוריסטיש, ווי אויף אַ מאָלעריי. ער, אורקע גנב, באַטראַכט די שיינקייט, די נימפע, וואָס שלאָפט איין ווי אַ געטין... איצט צווינגט ער זיך אויפצושטיין, אָפּטאָן די שרעקלעכע אַרבעט... ער וויל נישט זען ווי דאָס מיידל וועט וויינען, וועט זיך באַגיסן אין טרערן — אַ באַגנבעטע...

אורקע נאַכאַלניק שרייבט נישט קיין לידער. זיין אַטמאָספּערע איז דער רויך פון די בילִיקע וואַרשעווער קנייפּעס; אַ רויך — וואָס הענגט שווער אין דער לופטן, ווייל נישט צעגיין, ווייל נישט און קען נישט שטייגן צו די הימלען, ווי אַ ריינער נעפּל... דער רויך איז שווער מיט בלײַ, פול מיט זינד... זיין סביבה — גנבים־יינגען, אויסגעלאַסענע מיידן, פאַרדעכטיקטע פּאַרשוינען, אָפּגעבראָכן פון דער געזעלשאַפט און פאַרוואָרפן אין די רינ־שטאָקן פון שטאָט, אין קנייפּעס און אין באַרדעלן. און טאָג און נאַכט — דאָס שפּיל אין קאָרטן... די קעניגינס און קעניגן באַוועגן זיך אויף און אָפּ — אין שפּיל פון שיקזאַל, אין די הענט פון נערוועזע שפּילער, מיט סיגנעטן אויף די פינגער, מיט ברודיקע נעגל פון דעם אַש פון ציגאַרעטן. דאָס איז זיין אַטמאָספּערע — און אין דער היים, די שוואַרץ־האָריקע שוועסטער, וועלכע ער מוז באַשיצן פון זינד — די הייליקע. ער, וואָס ווייסט דעם טרויעריקן סעקרעט פון כל־ערליי זינד — ווייל נישט זיין שוועסטער זאָל אַריינפאַלן אין דעם אָפּגרונט... די אייביקע טעמע... די אייביקע שוואַכקייט פון פאַרברעכער — וואָס וועלן ביז וואַנזין ליב האָבן זייער מוטער און פאַרטיידיקן זייער שוועסטער...

אַ מאַנאָטאָניע פון געדיכטן רויך, פאַלשע קאָרטן און גע־מיינע רייד. נאָר דער פּאָעט אין אים לעבט ווידער אויף — ווען ער דאַרף אויספירן אַ „דזשאָב". ווידער שטייט ער אין אַ לבנה'־דיקער נאַכט, אין אַ פרעמד הויז. איז עס נישט דיכטונג — צו וואָר געוואָרן — ווען אורקע נאַכאַלניק זעט אַלעמען און ווייסט פון אַלעמען. די דעבער קרישלען זיך פאַר אים פון אַלע הייזער. די לבנה עסט־אָפּ די דעבער און מענטשן — אין זייערע בעטן — דעקן זיך אָפּ, און ער ווייסט אַלע סעקרעטן פון די מענטשן. אַלע פענצטער פאַרוואַנדלט ער אין טירן, דורך וועלכע ער גייט דורך... ער קען מיט זיין מאַגישן שליסל אויפשליסן אַלע טירן... זיין שליסל פּאַסט צום קעניגס־שלאָס און בעטלערס־הויז — צום קברים־גרעבערס טיר און צום הויז מיטן גרויסן גאַנעק פון גביר. ווי אַ מלאך — קען ער יעדן איינעם פריי באַזוכן... עס איז אָפן פאַר אים די ערד מיט אַלע אירע היילן... אורקע נאַכאַלניק איז, ווי דער טייוול — וואָס קען אָפּדעקן אַלע ערדישע רעאַליטעטן. ער זעט אַלעמענס זינד. ער איז קעניג אין דער נאַכט — אורקע

נאכאלניק. ער אליין — אומזעבאר, ארומגענומען פון די פינצטער־נישן פון דער נאכט, ארומגענומען פון די טיפענישן פון דעם אקעאן — ווי יונה הנביא...

אורקע נאכאלניק ליגט אונטערן בעט. איבער אים — אין ווייך־ווארעמען בעט, טוליעט זיך אן ערשט־פארהייראט פארל — נאקעטע... די שטילע זיפצן פון דער יונגער דאמע, ווען אלע פארטן ווערן אין איר אויפגעבראכן, ווען אלע פארטיפיקאציעס פון דער ווייבלעכקייט צעשמעלצן זיך, ווי וואקס אין דער זון... די הייסע מורמלערייען — וואס קלינגען שטארקער פון געשרייען. די אומהאלדזונגען און די קושן, וואס קלינגען לאנג און זיס, ווי ליבע־לידער... דאס פארל הערט נישט אויף זיך צו זעטיקן... און אנגעצונדענער — פארנעמט די סימפאניע פון ליידנשאפט — דער גנב. ער ליגט אונטערן בעט — וואס קען שוין זיין א מער נידעריקערע פאזיציע? נאר ער נעמט אנטייל אין דעם הער־לעכסטן אויף דער ערד... זיי ווערן מיד. זיי דרימלען, מידע און באפרידיקטע, איין... ער — מיט זיין האנט אויף איר ווייסער ברוסט... זי — אין א נאכלעסיקער פאזע — ווי אוועקגעווארפן פון גאט פון ליבע... אירע ליפן — פייכט... די אויגן — האלב־געשלאסן, אין עקסטאז, מיט טרערן פארגאסן...

איצט שטייט איבער זיי געבויגן אורקע נאכאלניק, וואס האט דורך דער גאנצער צייט געציטערט פון אויפרעגונג און כמעט פארגעסן זיין „צוועק". טוט ער תפילה איבער זיי צום גאט פון ליבע? בויגט ער זיך אריבער זיי ביידע אין צערטלעכקייט און אדאראציע? — ניין. ער ארבעט איצט זייער שנעל און פלינק. מייסטעריש — מוז ער אויפברעכן די קאסע און ארויסציען דאס גאנצע צירונג פון דעם יונגען פארל... דאס צירונג — וואס זיי האבן געקראגן דרשה־געשאנק, וואס האט זייער לעבן זיס און גליקלעך געמאכט...

אורקע נאכאלניק לעבט זיין דיכטונג — אין דעם אומרואיקן ראמאנס פון גנבה... באמערקט ער דען נישט די טוי־פייכטע פרישקייט פון א פעלד, אין דער נאכט, ווען ער באהאלט זיך אין נאענטן וואלד פון א שטעטל — איידער ער און זיין באנדע דארפן אימעצן באזוכן? די נאכט איז פול מיט מיסטעריע —

און זיי באהאלטן די פייערן פון די ציגארעטן אין די הענט, רויִ־בערנדיק נערוועזע... ווי אַקטיאָרן, וואָס ציטערן ערב דער פאָר־שטעלונג. שטייען זיי אַלע אין וואַלד און ציטערן. די לבנה גייט אויף און גייט אונטער — און זייער האַרץ קלאַפּט ריטמיש צו איר גאַנג. שטיקער זייד פון פייכטע גראָז דעקן זיך אָפּ... גאָט, גאָט פון די גנבים, באַשיץ אונז! — שעפּטשען זייערע ליפּן.

אָדער — ביים סוף פון „דזשאַב"... — עמעץ האָט דער־הערט. עס ווערט אַ טרעוואָגע. ווי פאַנטאַסטישע געשטאַלטן, ווי מלאָכים, לויפן זיי אין באַגינען. די נאַכט צעשווימט. טאָג ברעכט זיך אויף. עס רינען שוין שטיקער גאָלד פון דער זון, ווי האָניק־געלע זשיוויצע אויף דער קאָרע פון ביימער. די הערצער קלאַפּן; די פערד — גהינום'דיק געצונדענע — לויפן איבער דאָרפישע וועגן, אין וואַלד אריין... וועלכע דראַמע! וועלכער אומרו! און, ווען עס געלינגט צו אַנטלויפן פון די פאַרפאָלגער, אַזוי ווי אין אַ מלחמה — פאַלט מענטש צו צו אַ וואַלד, צו פייכט־אויפּריכ־טיקן בוים, צו קאַלטער, היימישער ערד — גראָבט זיך איין טיפער, שעפּטשעט אַן אומאַרטיקולירטע תפילה, דאַנקט דעם וואַלד־גאָט, די ביימער, די ערד — פאַר באַשיצן זיי, פאַר צוריק אויפנעמען זיי — געראַטעוועטע... און פון דאַנקבאַרקייט וויל זיך מענטש אַריינוואַרפן אין דער ערד, זי טוליען ווי אַ פרוי צו זיך...

דאָס איז די אַדוועַנטיור פון אורקע נאַכאַלניק'ס קאָנפּעסיע־ביכער. פילע לעבן ווייניק — און זיי טראַכטן־אויס ריזיקע ביכער. זיי וואַנדערן איבער דער ערד — אין איינזאַמקייט פון זייער מאַנסאַרדע. זיי מאַכן מיט שרעקלעכע אַוואַנטיורעס. אָבער אַ קליינע צאָל פון זיי לעבן אַ ריזיק, אַוואַנטיורעריך־לעבן — כדי אָנצושרייבן איין שפּאַנענדן בוך. צו דער קליינער צאָל געהערט אורקע נאַכאַלניק.

ער איז איצט אַ באַרימטער שריפטשטעלער אין פוילן, אין דער וועלט. ער האָט אַוועקגעוואָרפן אין די שאָטנס פון זיינע פאַרגאַנגענע יאָרן — אַלע געפערלעכע שליסלען. איצט עקספּלוּ־אַטירט ער דעם אַמאָליקן, דרייסטן, געוואַגטן אורקע נאַכאַלניק — דעם פון אַמאָל. דער איצטיקער אורקע נאַכאַלניק וועט ווערן געלויבט און געשעצט פאַר דער פּאָעזיע און די אָטעם־פאַרכאַפּענדיקע גע־

שיכטעס, אין וועלכע דער בענווענוטא טשעלליני האָט זיך יונגער־הייט געשלאָגן. עס איז עפּעס פון דעם פּאַראַזיט אינם איצטיקן — אויסנוצנדיק די שרעק און דאָס בלוט, דאָס האַרץ־קלאַפּעניש און די אַוואַנטיורעס פון דעם אַמאָליקן גנב. עס איז ווי אַ וועריפיקאַציע צום געדאַנק, אַז גאָר דאָס לעבן, מיט אַלע זיינע ראָמאַנסן און שרעקן, ווערט געלעבט כדי צו בלייבן אין אַ פאַרשטויבט בוך; כדי צו ציען דעם לעצטן סך־הכל; כדי עס צו באַהאַלטן אין רייכער פּראָזע.

און ערלעכער מאַן — איז אורקע נאַכאַלניק דורכגעגאַנגען דעם גהינום פון פאַרברעכן; דאָס געשלעג מיט זיינע לייט; די מלחמה מיט דער מכלומרשט־ערלעכער געזעלשאַפט — כדי אויס־צונוצן עס פאַר אַ בוך — צו פאַרווײַלן די קרענקלעכע פאַנטאַזיע פון יענע, וואָס וואָגן נישט און וואָס לעבן אויס זייער דראַנג נאָך אַוואַנטיורע אין דעם לעבן פון פרעמדע מענטשן. די געזעל־שאַפט לייענט איצט דעם בוך פון דעם אַמונדסען פון גנבה...

אין אָטוואָצק, צווישן קראַנקע מענטשן, צווישן לירישע דיכטער וואָס הוסטן און צאַרטע, שטאַרבנדיקע דאַמען — דרייט זיך אַרום — אַביסל לעכערלעך, פאַרשטייט זיך — דער אַמאָ־ליקער גנב און איצטיקער באַרימטער שריפטשטעלער אין אַ מאָד־נער לאַגע. די געזעלשאַפט האָט גענומען דעם האָניק פון זיין בוך פון גנבות — און קוקט אויף אים ווי אויף אַ גנב־שריפטשטעלער. ער האָט אין אויפריכטיקייט, אין חרטה־געפיל און אין קאָנפעסיע־טאָן פון דעם אמת'ן קינסטלער — אויסגעזאָגט אַלע זיינע סודות. מיט זיין אומגעהויערן פיזישן כח פּאַרעט ער זיך איצט אַרום — ווי איינער, וואָס האָט פאַרלוירן דעם קאָנטאַקט מיט דער געזעל־שאַפט. צווישן שריפטשטעלער — אַ גנב... צווישן גנבים — אַ שריפטשטעלער... און דער קאָנפליקט גריזשעט אים. האָט זיך עס געלוינט? האָט זיך געלוינט אַלע ליידן און אַלע זינד צו פאַרוואַנדלען אין אַמוזירונגס־שטאָף? האָט ליטעראַטור אים גערייניקט פון די זינד? איז ער נישט אַ פּאַראַזיט וואָס לעבט איצט פון דעם, וואָס ער האָט אַמאָל געלעבט — געשפּילט און מיטן שיקזאַל זיך געוועט און געשלאָגן... איז נישט דער איצ־טיקער אירקע נאַכאַלניק אַ פּאַראַזיט — אויפן חשבון פון דעם אַמאָליקן גנב? איז נישט דער גנב געווען עכטער, ריינער און

ערלעכער? און האָט דען נישט פּראַנסוא ווילאָן איבערגעלאָזט טאַקע זיינע באַלאַדן — די הויכע געזעלשאַפט — און איז אַוועק צוריק צו רויבעריי, אַוועק כדי אויפגעהאַנגען צו ווערן און אין ווינט זיך צו וויגן פון דער הויכער תּליה אַראָפּ — מיטן רירנדיקן טעסטאַמענטן־ליד אין זיין גאָרגל... אַוועק — כּדי געקרייציקט צו ווערן — ווי אַ זון פון דעם קעניגרייך פון יסורים...

און בשעת עס האָט געמוזט פּאַרקומען אין דאָזיקן מאָנס פּסיכיק אַ שרעקלעך געשלעג מיט זיך אַליין — קומען פאַר גרויסע געשעענישן. די אמת׳ע פאַרברעכער און מאָרד־מאָנסטערס האָבן פאַרכאַפּט פּוילן. די נאַציישע אַרמיי־מאַשין גייט אויף דער פּוילי־שער ערד. און פאַר די קאָלאָסאַלע פאַרברעכער פון דער וועלט־געשיכטע איז אורקע נאַכאַלניק — אַ ייד... אַ ייד — וואָס דאָס האָט ער אפשר די גאַנצע צייט פאַרגעסן — זיך שלאָגנדיק צווישן גנב און שריפטשטעלער.

און די יעניקע, וואָס זיינען די אמת׳ע פאַרברעכערס, פירן אַרויס אין אַ שיינעם נאָכמיטאָג אויף דער אַטוואָצקער ערד — דעם ייד, אורקע נאַכאַלניק, צוזאַמען מיט אַנדערע יידן. די זון שיינט הויך אינמיטן הימל. עס איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען דער נעפּל וואָס האָט אינדערפרי, ווי אַ געדיכטער שפּינוועבס, איינגע־הילט דאָס פּוילישע לאַנד. די פייגל זינגען. די קינדער־יאָרן גייען־אויף צום אומגליקלעכן אורקע נאַכאַלניק. עס שפּילן די פייגל האַרציקע לידער אין זיין קינדהייט. די גרויע ווראָבלעס — זיי זיינען ווי צוזאַמען מיט אים געבוירן געוואָרן, זיי האָבן געזונגען איבער זיין וויגל, ווען די מוטער האָט אים זיס איינגעוויגט. און די זון מאַרשירט אויף דער ערד, פונם וואָלקן אַרויס. און וואוהין זי גייט — דעקט זי אָפּ די לאַנדשאַפט. די ביימער לויכטן אין דער זון, ווי מנורות. די קאָרע פון אַ סך ביימער איז באַדעקט מיט זשיוויצע. אורקע געדענקט, ווי ער האָט אין דער גאָלדיק־גלאַנ־ציקער זשיוויצע, ווי אין האָניק, געשטעקט זיינע קליינע פינגער; זיך איינגעשמירט אין דעם, ווי אין טריפנדיקן חלב פון וואַקסענע ליכט. עס שפּרינגט אַרויס פון אַ בוים אַ רויטע וועווערקע, שטעלט זיך אָפּ ווי אין דער לופט אַ ווייַלע, טוט אַ שמעק דין מיט איר סענסיטיוון, פייכטן נעזל, פאַרשווינדט צווישן די געדיכטע קרזשאַקעס.

ווען עמעצער ווייסט וואָס אורקע נאַכאַלניק לעבט איצט איבער! די גאַנצע דראַמע פון זיין לעבן! אָט גייען־אויף די ערשטע מיידלעך, ווי מאַדאָננעס פון שטעטל. זיי גייען פאַרנאַכט פון טייכל, וואו זיי האָבן זיך דורכן שבת'דיקן טאָג געבאָדן. ווי שיין זיי זעען אוים — אַזוי ווי הייליקע! פון די האָר רינט מיט פרישע וואַסער — ווי האָניק־טראָפּנס; זייער הויט — ווי זייד. דו ווענסט קושן זייער לייב — און די ליפּן ווען בלוטיקן פון דער זיידענער שאַרפקייט פון זייער הויט. אַזעלכע שיינקייטן האָסטו געזען, אורקע, אויף די פּאָרטרעטן פון די רייכע פּאַלאַצן, וואָס דו האָסט ביינאַכט באַזוכט... פּלוצלינג, אין לבנה־ליכט — ציטערט־אויף דער דאַמע'ס פּנים... און פורכט בלייבסטו שטיין — פאַרכישופט פון דעם פּאָרטרעט... דו ביסט מקנא דעם שטעג, די בלעטער וואָס וואַלגערן זיך דאָ פון פאַראיאָרן; די פייכטע בלומען, וואָס ווערן צעטראָטן דורך די טריט פון די מיידלעך, דורך זייערע הייליקע און כשר'ע פיס. דו וואָלסט פאַר זיי אָנגעריסן גאָר דעם בעז פון דער ערד; אַלע רויזן פון דער וועלט; אַלע וויינטרויב־שטאָקן וואָלסטו געדריקט פאַר זיי און דער זאַפט וואָלט געבילדעט אַ בלוטיקן טייך, ווי עס שטייט אין די געזאַנגען פון די נביאים. און די פייגל זינגען. עס איז ווי דו וואָלסט ווידער קינד זיין! ווידער קליין יינגל. דו ווילסט די הענט דיינע אויסציען צו דער זון, ווען זי פאַרגייט. דו האָסט נישט מורא, אַז זיי וועלן דיך פאַרברענען אין דער זון. דיין האַרץ צעשמעלצט, ווי וואַקס אין לבנה־ליכט! און שפּעטער קומען דיר אַנטקעגן די ערשטע ליבעס! ביסט גרייט צו ברעכן די דיקסטע גראַטעס פאַר יעדער מאַדאָננאַ פון דיינע ערשטע ליבע־דראַמעס. דו ביסט איינגע־הילט אין אַ ריזיקן פייער. די ערשטע גנבות און ראַנגלענישן פאַה ברויט! דו וואָלסט וועלן העלפן דער אָרעמער מאַמען! וואָלסט איר קויפן דאָס שענסטע קלייד — אַ טונקעלע קרינאַלינע. ווי וואָלטן זיך אירע צעהאַקטע הענט, צעשניטענע פון אַרבעט און פון אָנשטרענגונג, באַהאַלטן אין דעם ווייכן לעדער פון דאַמען־הענטשקעס! דיין שוועסטערס בלייכן גוף, וואָס דו קענסט אים, פון טויזנט מאָל אַריינקוקן דורכן שליסל־לאָך — דו וואָלסט אים איינגעהילט אין זייד, וואָס דו וואָלסט פון דער קעניגין געגנבעט. אין אַ טונקל־בלויער פעלערינע. וואָלסט איר האַרץ מיט אַ גאָלד־

מעדאַליאָן באַהאַנגען. די וואָלסט אין גאָלד־בראַסלעטן אירע הענט געציירט. די וואָלסט אירע פיס אין שווערע, סאָלידע מעטאַל־רינגען געשמידט...

דאָס גראָז איז פייכט פון טוי, פייכט פון טרערן. און ווי מען האָט אים דאָ צוזאַמענגעפּאַרט מיט מאָדנע יידן, קרומע און צע־בויגענע, קראַנקע און פלעגמאַטישע, היסטערישע און וואַנזיניקע! א מאָדנע ביבלישע יידן־פּאַנאָראַמע — אָנגעלאָפענע פון זייטיקע שטעטלעך, שווינדזוכטיקע און צעבראָכענע. א יאָמער גייט דורך זייערע לייבער — און א שטיל שוויגן, נאָך שמערצפולער ווי יאָמער! א משיח קומט דאָ אום צווישן זיי — א דערלייזער! און ער איז דער פאַרברעכער ביים זייט פון געמאַרטערטן משיח, אזוי ווי מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק, ווען דער נאַזאַרענער — אין שטעכעדיקן קראַנץ דעם ברוינעם קאָפּ געהילט — האָט גע־הערט דאָס שטומע זיפצן פון די צוויי איינזאַמע גנבים אויפן גאָלגאָטאַ־באַרג... די סצענע חזר'ט זיך איבער — די אַלטע, די טרויעריקע סצענע... דערלייזערס ווערן געקרייציקט צוזאַמען מיט די אָרעמסטע, די גנבים־שאָטנס פון דער ערד... און א שטיק פייער פון דעם דערלייזערס גוף — געהילט אין זיידענע בליצן — פאַלט אויף די גנבים — פאַלט אויף אורקע נאַכאַלניק'ן. דער טראַ־גישער יום־טוב־פּלאַם פון די ערלעכע יידן באַרירט דעם גוף פונם פאַרברעכער פון געטאָ...

די זון איז איצט אינמיטן הימל, ווי א גלאָק. באַלד וועט זי אויסקלינגען ווי אן אָרגל איבער די קעפּ פון די פאַר'משפּט'ע. עמעץ זאָגט קדיש. קדיש נאָך זיך אַליין. עס ברענען־אויף די ליפּן פון די פאַראורטיילטע קאַפּיטלעך תהלים, פון דעם אַלטן בוך פון תהלים, וואָס א דיכטער־קעניג האָט אין געפאַלנקייט און אין טריאומף געדיכטעט. עס איז א גרויסער מאָמענט. אורקע נאַכאַל־ניק זינגט מיט אינ'ם גרויסן כאָר פון תהלים. די מאַשינגעוערן —אויף עמעצנס באַפעל — קראַכן און די יידן פאַלן זינגענדיקע, שאַלנדיקע. און ווער איז דער, וואָס שמייכלט אזוי שיין און דערנענטערט זיך צו אורקע נאַכאַלניק און א קרוין איז אויף זיין וואונדערלעכן קאָפּ מיט געקרויזטע טונקעלע לאָקן... עס איז דאָך דוד המלך — דער מחבר פון תהלים, וואָס האָט דערהערט דעם

געוואַלטיקן כאַר פון זיינע געדיכטן — און ער איז געקומען אָפּגעבן שלום עליכם צו אורקע נאַכאַלניק'ן... און צו אַלע ייִדן...

עס איז אַ גרויסער מאָמענט אין הימל:

דוד המלך און אורקע נאַכאַלניק נעמען זיך אַרום, האַלדזן זיך ברידערלעך. עס ברענען אַלע ריזיקע, גילדערנע מנורות אין הימל. עס שלאָגט זיך דער גלאַנץ פון גאָלד פון די קאַנדעלאַברעס מיט די פייערן פון די ליכט. דורך אַלייען פון בראַנדזענע ביימער ציט אַ פּראָצעסיע פון די ערשט־אָנגעקומענע מאַרטירער אין הימל אַריין — און פאָרויס גייען, מיט די הענט אַרומגענומען, דער פּאָעט־גנב אורקע נאַכאַלניק, דאָס פּנים פאַרשמירט מיטן אייגענעם בלוט, ווי אַ קלאָון מיט פאַרבן — און, קעניג דוד, מיט דער אָנגעצונדענער קרוין אויף זיין קאָפּ. און מלאָכים פרייען זיך און פאַרדעקן דעם שרעקלעכן יאָמער אין זייערע הערצער... זיי שוועבן און טאַנצן פאָרויס, איבער די קעפּ פון די מאַרטירער, אַרום און אין די זייטן, ווי פייגל, ווי די היימישע ווראָבלעס פון דעם פוילישן וואַלד, פון פייכט־פרילינגדיקן פוילישן פעלד... און אורקע נאַכאַלניק גייט אַלץ טיפער אין הימל אַריין און אים דאַכט זיך אַז עס איז אַ חלום — אַ גרויסער טרוים — און אַז באַלד וועלן אים די חברים אויפוועקן און די לבנה וועט אויפגיין גרויס צווישן די וואָלקנוואַלן און פוילנס לאַנדשאַפט וועט זיך אָפּדעקן ווי אַ כישוף'דיגער „אַבראַז" — געמאָלן מיט די שענסטע פאַרבן —

עס איז אַ חלום — און באַלד וועט די קרוין אויף דוד המלך'ס קאָפּ זיך צעשמעלצן — אַזוי ווי עס צעשמעלצט זיך די זון אין כוואַליעס־פליסנדיקע קאַלירן — ביים ברעג פון דער ווייכסל — אין די יאָרן פון זיין קינדהייט — — —

ניו־יאָרק, מאַי, 2, 1945.

געליבטע, ווי אזוי באַערן דיין טויט?...

(די פּאָעזיע פון געטאָ)

דו לייענסט די דאָזיקע מעכטיקע דיכטונג און דו פרעגסט, צוזאמען מיטן פוילישֿ־יידישן פּאָעט יוזעף וויטלין, וועלכער האָט די לידער צוזאמענגעשטעלט — וואו זיינען די פּאָעטן וואָס האָבן די פערזן פאַרפאַסט? צי זיינען זיי פאַרניכטעט געוואָרן אין די ריזיקע קרעמאַטאָריומס צוזאמען מיט די מיליאָניקע, ברידערלעכע יידישע מתים — און זיינען שוין איצט אַש צווישן די בערג מיט אַש? די הענט וואָס האָבן די דאָזיקע לידער געשריבן, צי זיינען זיי שוין איצט ביינער אויף די בערג פון ביינער, די דאָזיקע נייע ארַרט׳ס און סנאַי׳ס — צוזאמענגעשטעלט פון די סקעלעטן פון מענטשן?

עס איז אַ נייער מין אַנאָנימע דיכטונג. דו האָסט נישט פיל קיינמאָל געוואוסט פון די נביאים. ערשט שפּעטערדיקע ראָמאַניסטן האָבן פון קאַרגע כראָניק אויפגעשטעלט די ביאָגראַפיעס פון די פּראָפעטן. אָבער דער תנ״ך האָט זיך נישט באַשעפטיקט מיט זייערע לעבנס. זיי זיינען פאַרלוירן געגאַנגען אַזוי מעטעאָריש, ווי זיי זיינען דערשינען. אַ פאָלק לערנט נישט די עפּיזאָדן וואָס געשעען מיט אירע ריזיקע בארדן. עס איז דאָס לעבן פון פאָלק וואָס איז וויכטיק.

דו האָסט גאָרנישט געוואוסט פון די אַנאָנימע פאָלקס־דיכטער, וואָס האָבן ביים פייער פון דער קוזשניע, ביים שוסטער־ווערקשטאַט, ביי דער ניי־מאַשין, אין דעמערונגען פון שטעטל, אין האַלב־נאַכט־מיסטעריע, אונטער דעם קעניגלעכן שלאָס — ביי די אַלייען וואָס טריפן מיט טוי און מיט לבנה־ליכט — פאַרפאַסט זייערע פערזן, געשענקט דעם פאָלק זייערע פאָלקסלידער און צוזאמען מיטן דור פאַרלוירן געוואָרן, לאָזנדיק נאָך זיך אַן אומע־

טיקע מעלאָדיע — ווערטער פון אַ ליד וועגן דעם אומעט פון לעבן, וועגן קאַמף, ליבע און טויט...

אָבער די דאָזיקע פּאָעטן — דו שעמסט דיך וואָס דו לעבסט און דו לייענסט זייערע לידער. דו האָסט דאָ צו טאָן מיט פּאָעטן, וואָס האָבן פריער אפשר קיינמאָל נישט געחלומט צו שרייבן לידער. וואָס האָבן זיך ווייניק אינטערעסירט מיט דער דאָזיקער מאָדנער קונסט — פּאָעזיע. וואָס זיינען געווען פארנומען מיט דער פּאָעזיע און מיט דער פּראָזאַאיק פון לעבן. וואָס זיינען געווען פארנומען אין דער דראַמע פון לעבן. נאָר פּלוצלינג האָט זיך אין זיי געעפנט אַ קוואַל פון דיכטונג. ווען דער רויך פון פארברענטע ברידער און שוועסטער ברעכט ארויס פון די קרעמאַטאָריע־קוי־מענס. ווען דער ריח פון בלוט און געבראָטן פלייש פילט אויס דעם רוים, דעם פארשאָלטענעם רוים. ווען פוילנס גרינע, פּאַסטאָ־ראַלע לאַנדשאַפט איז באַגאָסן מיט אונדזער בלוט און פאר־שפּרייט מיט אויפגעריסענע מענטשלעכע גופים. ווען די מוטער, די שוועסטער, די הייליקע כלה, דער אַלטער זיידע — ווערן געשלעפּט צום גהינום אין טראַווניקי, אין מאַידאַנעק, אין טרעב־לינקע. ווען דאָס פייער בושעוועט און מאָנט אַלץ נייע קרבנות און שטרעקט אויס זיין רויטן אָרעם צו אים — צום געהיימען נביא — צום זעער פון אָפּגרונט — צום נייעם דאַנטע פון די גהינום־פלאַמען — צום ירמיהו, וואָס וועט באַלד ברענען ווי אַ שטור־קאַץ — איצט, אין דער לעצטער מינוט פון לעבן, עפנט זיך צום ייד די גרויסע דיכטונג אין הארצן. אַ פייער צעגיסט זיך אינער־לעך. אַ טרויער וועקט זיך. דען אַלץ אַרום איז פארגליווערט. צום קאַלטן גראַניט פאַרוואַנדלט. די דאָזיקע שטומע, שטיינערנע מאַסקעס פון אונדזערע הייליקע יידן, צו ווערן עם ווילט זיך צופאַלן און קושן און האַלדזן — די דאָזיקע צו דער געשיכטע און צו דער וועלט פארלוירענע מענער און פרויען, וואָס קיינער וועט מער אין לעבן נישט אָנקוקן, נישט אריינקוקן אין זייערע נביאיש־צעברענטע פּנימער, וואָס קוקן אויף דיר ווי אָנגעצונדענע לייבן פון די פלאַמען ארויס — אויסער גאָט — ווייל דאָס פייער וועט זיי באַלד ברוטאַל פארצערן — דיכטער, קוק זיי אָן, נעם

זיי אריין אין דיין פלאַמענדיקן זכרון, לאָז זיי איבער אין אַ סאַנעט צו דער געשיכטע. דו ביסט דער איינציקער, וואָס דו קוקסט זיי אָן. אין דיר עפנט זיך די דיכטונג — די וואונד פון דער מענטשהייט. גאָט מאַכט דיך, זאָלבט דיך צום ד י כ ט ע ר־ע ד ו ת. גאָט באַפעלט דיר אַ מיליאָן לעבעדיקע מענטשן צו פאַרוואַנדלען אין אַ ליד.

יעדער שיפּברוך האָט זיך זיין זעער, זיין כראָניק־שרייבער. באַרימטע ים־עקספּעדיציעס האָבן זייער וואַנזיניקן זשורנאַליסט. יעדער שלאַכט האָט זיך איר נאַר, וואָס בשעת די בעסטע ווערן אויפגעריסן מיט זייערע ביינער — קומט ער, דער נאַר, אַהיים, אָפּט אָן פּיס, אָן פּילע גלידער. אָבער גאָט לאָזט אים לעבן, כדי אָנצושרייבן אַ בוך וועגן דער שלאַכט.

ס׳האָט דער סנאַי און דער אררט זיין געהיימען רעקאָרדער. ס׳האָט דער וועזוף זיין פּליניוס. און די טראָיא — איר האָמער. ס׳האָט ירושלים איר ירמיהו. און דאָס גהינום — איר דאַנטע. ס׳האָט יעדער פֿאָלק זיין נביא — און יעדער העלד — זיין נאַר. ס׳האָט דאָן קיכאָט זיין סאַנטשאָ פּאַנטשאַ, פאוסט — זיין וואַגנער, סאָקראַטעס — זיין פּלאַטאָ, ר׳ נחמן בראַסלאַווער — זיין נתן, דער מהר״ל — זיין גולם; ס׳האָט יעדע עפּאָכע איר אַריאָסטאָ און איר ווירגיל. און יעדער קרעמאַטאָריום — זיין דיכטער. ס׳האָט די נאַטור פֿיינט צו טאָן איר אַרבעט — אויפבוי צי רואין — קאָנסטרוקציע צי פאַרניכטונג — אָן אַ רעקאָרדער.

קיין פאַרברעכן — ווי טיף אין אורוואַלד עס זאָל נישט רציחה׳דיק אָפּגעטאָן ווערן, געהילט אין נאַכט — גייט נישט אומגעזעען פאַרלוירן. ס׳האָט אַ מלאך מיט זיין פלאַמיק אויג עס געזען און פאַרצייכנט. דער אוניווערס האָט זיין רעפּאָרטער. ס׳האָט גאָט זיין „סטעף״ פון זשורנאַליסטן...

און אַזוי האָבן אויך די בערג מיט אַש פון מענטשלעכע לעבנס — זייערע דיכטער, די פּאָעטן וואָס זיינען געוואָרן דיכטער אויף איין שטונדע אין זייער לעבן — אָפּט מיט בלויז איין ליד — און זיי זיינען געגאַנגען שלאָפן דעם שלאָף פון פייער — אַרויסשיקנדיק דאָס ליד, ווי אַ רויט־געצוונדענע האַרבסט־בלאַט — צו די דורות — אין דער שפּראַך פונם לאַנד — אין פּויליש — און

מיט אַ ריטם וואָס האָט ניט זיין גלייכן אין דער וועלט־פּאָעזיע — מיטן ריטם פון פלאַמען וואָס טרינקען טייכן בלוט און פעטס פון ביינער און מענטשלעכע מוחות... פלאַמען, וואָס רייסן אַרויס די לעצטע גרויסע געשרייען פון פּשוטע יידן — דורך ליידן צו נביאים דערהויבן.

און עס איז נישט קיין ברענענדיקע פּאָעזיע — שרייבט ריכטיק יוזעף וויטלין. מיר וואָלטן געוואָלט זיי זאָלן זיין ווייניקער רואיק, ווייניקער דיכטעריש, ווייניקער גלענצנד געשריבן, ווייניקער אויסגעהאַלטן מעטריש, ווייניקער אין הסכם מיט דער עסטעטישער פאָרם און טראַדיציע פון פּאָעטישער שיינקייט. מיר שעמען זיך. מיר קענען זייער רו, זייער אַרטיזם, זייער פולקאָמענקייט נישט פאַרטראָגן. מיר קענען נישט פאַרגעמען יענע אומערדישע באַלויכטונג — די געוואַלטיקע רו, וואָס באַהערשט זיי. מיר וואָלטן וועלן זיי זאָלן זיין ווילדע, צעשויבערטע דאָקומענטן פון קרעמאַטאָריומס. דער מענטש שעמט זיך, שטייט פאַרלוירן פאַר דער מייסטערשאַפט פון די דאָזיקע לידער — געבוירן אין רויך; געהילט אין פלאַמען; אַרויסגעזונגען פון מיליאָניקע געשרייען — און דאָך צו גרויסער, רואיקער, עפּישער דיכטונג געוואָרן.

עס איז אַ נייער סאָרט דיכטונג — געזונגען אין אַ נייער אַטמאָספערע — נישט אין די ראָמאַנטיש־נאַקטורנע שטראַלן פון דער לבנה, ווען דו דריקסט צו דיין האַרץ דאָס שלאַנקע און גראַציעזע מיידל — בלייך ווי אַ מאַדאָננאַ; נישט אין דער פרילינגס־זון אויסגעשפּילט — ווען די פּאַסטאָראַלע פון לאַנדשאַפטן עפנט זיך צו דיר ווי אַ גרויסע מאַלעריי פון מענטשלעכע הענט. עס איז אַ דיכטונג — געשריבן מיט בלוט, מיט האַלבפאַרזענקטע הענט, ביי די פייערן פון דיינע ברידער און שוועסטער — אין גרויל פון מיליאָנען־אַגאָניע... די טרומנע איז געווען דער אויוון פון קרעמאַטאָריום. ווי אַזוי באַערן דיין טויט, געליבטע? ווי אַזוי גיין נאָך דיין לוויה? אַ הייפעלע אַש פון דיין גוף — צווישן דער ערד און דעם הימל. ווי אַזוי וואַרפן אַ גרינעם קראַנץ — אויף דיין קבר אויסגעגראָבן אין קאָסמאָס? דאָס איז אַ סאַרקאָפאַג אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט. און עס הערשט אויף

דער וועלט א געוואַלטיק שווייגן. א מורא׳דיק שווייגן דעקט צו די ערד.

דער פּאָעט פון דאָזיקן ליד האָט געפונען א נייעם מעטאַפאָר — א נייעם ריטם פאַר זיין ליד. דאָס מוז ער זיך ווענדן צו זיין געליבטער — וועמענס גאָלדענע לאָקן פאַרוואַנדלען זיך אין פלאַמען; וועמענס בלאַס, צאַרט־געשניצט און פון אים מיט טויזנט ליבע־קושן געצערטלט געזיכט ער זעט ווידער אַרויס־שטראַלן פון קרעמאַטאָריום־רויך. געליבטע! ווי אַזוי וואַרפן א גרינעם קראַנץ אויפן קבר דיינעם — אויסגעבראָכן אין דער טיפעניש פון רוים — אויסגעבראָכן אין דעם האַרץ פון גאָט? דאָס איז א נייער מין סאָנעט צו דער געליבטער — צו די טויזנטער כלות, וועמענס אַש מישט זיך אוים מיטן אַש פון זיין כלה...

זיי זיינען אַלע פאַרניכטעט געוואָרן — הייבט אָן זיין ליד דער אַנאָנימער פּאָעט פון געטאָ — מענער, פרויען, אַלטע לייט און קליינע קינדער. עס ברענען אין קאַלטן הימל די שטערן. בלויז זיי זיינען פאַרבליבן. זיי פרעגן: קוואָ וואַדיס? און אפשר האָט זיך דיר געטרוימט? זיי פרעגן, צי איז נישט פאַראַן קיין גאָט — און צי איז ער קיינמאָל נישט געוועזן? ניין. ער איז נישט געוועזן — ווען קעפּ זיינען געפאַלן אַרונטערגעשניטענע. ער איז נישט געוועזן אין די רויטלעכע רויכן פון פאַרברענטע גופים. דיין נאָמען, גאָט, איז נאַכט! דיין נאָמען איז רויך. פייער איז דיין נאָמען!

אַזוי זינגט א יידיש יונגל זיין ליד. ער האָט מורא פאַר זיינע אייגענע הענט, פאַר זיינע טריט, וואָס קענען אים אויסגעבן. זיין אייגענער שאָטן גראָבט אים א קבר, ער האָט נישט איבער אים קיין מאַכט. ער האָט מורא פאַר זיך אַליין — פאַר זיין עקזיסטענץ... א נייער מין מורא — וואָס האָט נישט עקזיסטירט זייט די וועלט שטייט.

„א נאַכט אין באַראַק״ — איז א טראַגיש ליד. א ראָמאַנס. דער שאָטן פון דער געליבטער קומט — מיט דער נאַכט — מיטן ריח פון פאַרפיומען. דו קוקסט אויף די שטיינער, פאַרשמירטע מיט בלוט. דו קוקסט אויף דעם אַלעם מיט שרעק. ניין, טראַכט נישט, געליבטע... די לבנה לאַכט זיך אוים פון הימל ווי אין

גראַטעסקן טעאַטער... זי האָט אַמאָל געשיינט... אָבער דענק נישט דערפון, טייערע, פייניק נישט דעם זכרון און — טראַכט נישט פון דעם רייצנדן פּאַריז. די דייטשן זױפן אויף מאָנט־מאַרטער...

דאָס ליד — אַ דערמאָנונג פון אַ פּערזאָן, אַ געליבטע פּער־זאָן, וועלכע עקזיסטירט נישט מער — איז רירנד... זי עקזיס־טירט בלויז אין זכרון פון פּאָעט — די דאַזיקע צאַרטע בעאַטרי־טשע... און ער פירט זי צוריק ארוים פון באַראַק — אין דער פינצטערער נאַכט... דער ווינט בלאָזט צערטלעך אויף אירע גאָלדענע האָר... גיי און זיי זיכער, אַז אין קראָקע, פּאַריז, און אומעטום ווערן די גאַסן אויפגעריסן מיט דינאַמיט פון פרייהייט — גיי, זיי זיכער... כאָטש דו ביסט שוין נישטאָ און איך וועל מער נישט זיין...

דאָס איז דער ראָמאַנס פון דער געטאָ. דאָס איז דער נייער דאַנטע — דער נייער היינע פון דעם באַראַק, דער נאַוואַליס, וואָס וועקט אויף זיין געליבטע פון קבר — כדי מיט איר זיך דורכצוגיין דורך דעם באַראַק... ווען די נאַכט איז, ווי שטענדיק — שיין... פול מיט פּאַרפיומען... עס איז אַ ליד, וואָס דערמאָנט אין די בעסטע לירישע לידער פון דער וועלט־פּאָעזיע. אָבער עס איז עפּעס מער ווי פּאָעזיע...

און מיט דער איידעלער דאַמע אין האַרצן, ווי אין אַ גאָלד־מעדראַליאָן; מיט איר שאָטן געהאַלדזט, מיט דעם ליבן שאָטן אירן — מיט וועלכן עס איז פאַרבונדן גאָר די רעאַליטעט פון אוניווערס, יעדע שמעקעדיקע נאַכט, יעדער גאָלדענער טאָג, יעדער צאַרטער און פרילינגדיקער גלעט פון ווינט, יעדער איידעלער נאַטור־ניואַנס — איז דער פּאָעט אריין אינם פייער. איז ער אין אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן — דאָרט, אין די קאָרידאָרן פון קרע־מאַטאָריום — באַקעגנענדיק זיין געליבטע, ווען די פלאַמען באַ־לייכטן ווי אַ בודא־סטאַטוע...

און בשעת דו לייענסט די דאַזיקע פּאָעזיע — פון פּאָעטן אָן נעמען, וואָס דער ווינט פון דער געשיכטע האָט אויסגעמעקט — טראַכסטו: אפשר האָט דיין ברודער געשריבן דאָס ליד?! אפשר האָט דיין שוועסטער דאָס פאַרצייכנט מיט בלוט אויפן

וואנט פונם טויט־וואגאן? ! אפשר האט יענער ליבער חבר, מיט וועמען דו פלעגסט גיין ביים ווייכסל שפאצירן, ווען דאס אייז ברעכט זיך ווי בערגער מיט בריליאנטן און ווי צעבראכענע אוצרות, וואס איז געבליבן נאך אן ערד־ציטערניש פון רייכע שטעט — פארפאסט די דאזיקע לידער? זיי זיינען דיר אזוי נאענט. די ווערטער מיט פייערפליגל רירן דיך אן. מאכן דיר וואונדן אין הארץ...

אין איינזאמקייט און אין חרפה לייענען מיר די דאזיקע ברענענדיקע פערזן. אין חרפה — ווייל ווי קענען מיר געניסן קינסטלעריש דעם לידער־קראנץ — געוואָרפן פון צום־טויט־פאר־אורטיילטע אויף די קברים פון מיליאנען אומגעברענגטע. ווי קע־נען מיר עסטעטיש הנאה האבן פון לידער — וואס די דיכטער זייערע האבן זיי איבערגעגעבן צום ווינט אין די הענט, דער ווינט זאל זיי פארטראגן צו א פריינטלעך אויג, און זיי זאלן געפינען אן עכא אין זיין נשמה — בשעת דער פאעט איז שוין צו אש געוואָרן? מיר שעמען זיך מיט אונדזער אייגענער עקזיסטענץ — ווען מיר לייענען די דאזיקע ירמיהו־לידער — ארויסגעריסן פון די פלאמען פון גהינום. דו שטייסט פאר די דאזיקע פאעטן געבויגן ביז צו דער ערד — פאר זייער גלויבן אין דער צוקונפט. דען, אינ־מיטן פון דעם בלוטיקן כאאס, פארגייענדיק אין די פלאמען — ברענט פאר זיי די וויזיע פון דער צוקונפט — פון א הערלעכן מארגנרויט — ווען דאס ליכט פון גאט וועט לויכטן — אנשטאט די זון. דערין דערהייבן זיי זיך צו דער הויך פון אונדזערע ברידער־נביאים — וואס האבן אין ווינט פון טרויער; אין שטורעם פון קרעכצן, געהויבן הויך די פלאמענדיקע פאן פון האפענונג; וואס האבן געעפנט די וויזיע פון פרייהייט און פעלקער־שלום. אין ביטערסטן האס צו די נאצים — קענען זיי און וואגן צו טראכטן פון אן אוניווערסאלער צוקונפט. אין אפגרונט פון אייגענעם אונטערגאנג — צו קענען טראכטן וועגן דעם גליק פון קומענדיקע דורות — דאס איז א גרויסער מאראלישער כוח, אומפארשטענד־לעך, אומבאגרייפבאר אין די באדינגונגען אין וועלכע די דאזיקע לידער זיינען געשריבן געוואָרן.

און — ווען די ערד ברענט, גייט ווידער און ווידער אויף

צו די ברענענדיקע פּאַעטן — די ערד, די היימישע ערד; אַ בלום שפּראָצט אַרויס פון דער טיפעניש — און זי באַליכט די לופט. דער רויך צעגייט זיך. דער „סוואַנד" פאַרשווינדט און די נאַכט ווערט בלייכער... עס גייט־אויף דער טוי — און דער טייך און די קנאָספּן בליען... די נאַכטיגאַל זינגט צווישן די צווייגן... ווי שטענדיק... און די גאַנצע שיינקייט גייט ווידער אַרויס פון דער סאַמעטענער טיפעניש פון וועלדער — ווי מיט טויזנט, צען טויזנט יאָר צוריק... די נאַכטיגאַל זינגט צווישן די יונגע ביי־מער... שיר נישט אַ פּאַסטאַראַלע, אַ ראָמאַנטישע אידיליע... די בלומען, דאָס גרינע, צאַרטע גראָז — אַלץ מישט זיך אויס מיט דער בלוטיקער ערד, מיטן בלוט פון מיליאָנען קינדער... די נאַטור ברעכט אַרויס מיט איר גאַנצער אַפּעראַ־פאַרבנרייכקייט — מיט אירע קאָלאָריסטישע גאַבעלינען — מיט אירע ווענעציאַנישע און פלאָרענטינישע מאָלערייען — אפילו אין טויט... ווי אין לי־טאַי־פּאָ׳ס שלאַכט־לידער — ווען צווישן די טויטע קערפּערס, נאָך אַ שלאַכט, בליען רויטע בלומען... ווי אין ביאַליק׳ס „שחיטה־שטאָט" — וואו דער פרילינג בליט אַרויס פון דעם וויאַנען פון מענטשן־טויט — — —

אַלץ איז מענטשלעך. אַ גהינום. אַן אַנדערע אַטמאָספערע. געשריבן אונטער אַנדערע באַדינגונגען. אָבער — דאָך מענטשלעך. אַ מינוט פאַרן טויט — און דאָס לעבן אין אַלע זיינע שיינקייטן גייט ווידער אויף — אין רייכן רעמיניסענס...

און ווען דו מאַכסט צו דאָס דינע בוך לידער — אַ קאָמפּאָ־זיציע פון יידישן גייסט און די פּוילישע שפּראַך־פאָרם — דער־זעסטו אין דער נאַכט די פּאָעטן. פאַרברענטע געזיכטער. צעבוי־גענע שאַרבנס. גלאָוועניעס פון קערפּערס. מאַסקעס ווי גלאָז צע־שמאָלצענע. קוקסט אויף זיי — אויף די ביינער און סקעלעטן — ווי מען קוקט אויף קונסטווערק, אויף שטומע פּנימער, פון טויזנטער יאָרן צוריק — אויסגעגראָבן פון די טיפענישן פון דער ערד.

דו מאַכסט צו דאָס בוך. רויט לייכט די לבנה — אַ פאַר־ברענט געזיכט פון אַ פּאָעט. דו שלאָפסט איין — און די וויזיאָן פון גהינום עפנט זיך. די שרעקלעכע וויזיאָן. און אין מיטן דעם

כאָאָס פון בלוט און מאָרד — שרייבט אַ ברענענדע, ביינערדיקע האַנט מיט זיין בלוט אויפן הימלישן האָריזאָנט זיין ליד... גאָט פאַרשעמט זיך... דער הימל ווערט רויט פון חרפּה. דער גאַנצער קאָסמאָס ווערט רויט...

ניו-יאָרק, יוני, 28, 1945.

די קינדער-דיכטערין דבורה

איך ווייס נישט פאַרוואָס — אין שפּעטע נעכט, ווען איך קום אַהיים און מיש די בלעטער פון אַלטע ספרים און ווען די לבנה לויכט הויך אין הימל, אַ צעבויגענע ווי אַ פּאַן, אַזוי ווי זי וואָלט געשלאָגן געוואָרן פון אַ פייער אין פּנים — גייט פּלוצלינג פאַר מיר אויף אַ קינדער־דיכטערין פון דער וואַרשעווער געטאָ. איך האָב איר שוין לאַנג אַ נאָמען געגעבן דבורה. איך האָב גע־לייענט וועגן איר אַרטיקלען. איך האָב געלייענט אירע לידער. נאָר צו מיר קומט זי ווי אַ קליינע, טראַגישע כּלה — אינגאַנצן אַ דורכגעברענטע. און דאָך פיל איך דעם פּאַרפיום פון איר יוגנט. דעם צויבער פון איר קליין, רונד געזיכט, וואָס איך שווער, אַז עס איז שענער ווי די דאַמען פון טיציאַן און באָטיטשעלי, און שע־נער ווי די פרויען פון ראַפאַעל און רענואַר. איר קליין פּנימל לויכט ווי אַ קליינע לבנה — און בשעת זי רעדט, פאַלן טרערן פון אירע מאַנדל־ברוינע אויגן, רינען איבער אירע מאַרמאָרענע באַקן, מאַכן פייכט אירע ליפּן — די דינע ליפּן, וואָס בלויז דער טויט האָט מיט פייער געקושט און זיי פאַרוואַנדלט אין אַש...

מיינע פריינט, עס איז נישט לייכט צו דערציילן די געשיכטע פון דער קליינער דיכטערין. די דיכטערין, וואָס דערשיינט צו מיר אין די נעכט און אין אירע הענט — אין אירע ברענענדיקע הענט גייט־אויף אַ גרויסער בוקעט מיט קוויאַטן. איך דערקען די קוויאַטן. זיי זיינען פון מיין קינדהייט. פון פּוילישן דאָרף. פון וואַרשעווער און לובלינער גערטנער. קוויאַטן — ווי קליינע בלויע בעכערס, קוויאַטן, וואָס אַ יונגע מיידל האָט ליב, וואָס מאַכט איר

הארץ פרייליך, וואָס באַרירט אין איר די קינעטיקע כלה. וואָרים יעדע קליינע מיידל איז אַ כלה אין מיניאַטור. און זי פילט מיט אַלדער פּאָעזיע אין דער וועלט דאָס שווענקען זיס פון אירע בריסט — ווען די נאַטור גייט־אויף ווי אויף אַ רייכער מאָלעריי — ווען ביימער צירן זיך אין גרינס — ווען די פייגל זינגען ווי קליינע דיכטער — ווען אַן אַ ברעג זינגט פאַרבענקט אין דער נאַכט אַ גרויסע נאַכטיגאַל.

אַ נאַכטיגאַל? אָ, דבורה, די קליינע דבורה האָט נאָך קיין נאַכטיגאַל נישט געהערט. זי איז ערשט דרייצן יאָר אַלט. קיין יידיש קינד האָט אין די וועלדער קיינמאָל נישט געטאָרט זיך לאָזן, כדי צו הערן די נאַכטיגאַל — דעם זיסן ציטער פון איר הארץ — דעם צוויבערבלענד פון איר שטימע — די מעלאָדיע פון איר ליד. דבורה איז אָבער אַליין אַ נאַכטיגאַל. אַ נאַכטיגאַל פון געטאָ. זי איז דאָ אויסגעוואַקסן. זי האָט, אמת, קיין וועלדער און קיין פעל־דער נישט געזען אין די לעצטע יאָרן. פּוילנס לאַנד איז פאַרבאָטן צו דעם קינד וואָס געהערט צו אַ פאָלק, צום אַלטן יידן־פאָלק, וואָס האָט דאָ טויזנט יאָר געוואוינט, וואָס האָט זיך — אויפן רוף פון גרויסן קעניג קאַזשימיערזש, מיט דער פעך־שוואַרצער באָרד — באַזעצט אויף די ברעגן פון דער קלאָר־פּליסנדיקער ווייכסל. און דבורה דערמאָנט זיך פּוילנס לאַנד... ווען זי איז געווען אַ קינד — האָט זי עס געזען. דער ציטער פון די בויגיקע פלאַנצן; דאָס צאַרטע אָטעמען פון די בלומען, ווי בעכערס פול מיט שוימיקן זונענליכט, ווי מיט קאָכיקן שאַמפּאַניער — געדענקט זי גוט. פּוילנס ביימער אויף די פעלדער... ווי צוויבערהאַפטע קאַנדע־לאַבערס — אַלע צווייגן, ווי אָנגעצונדענע ליכט אויף אַ גרויס־אַרטיקן פעסטיוואַל... דבורה, דאָס ציטערדיקע און דערשראָקענע געטאָ־קינד — געדענקט די נאַטור — דעם שטראָם פון טייכן דורך בעטן פון וואַלד, גראָז, קרזשאַק, בלום און דער אינסעקטן־וועלט. וועלכע וואונדערלעכע זשוקלעך — מיט פּורפּורנע גופימלעך און לופטיקע פליגלעך! וועלכע בינען — פון בלום צו בלום טאַנצנדיק, טרינקענדיק נעקטאַר. דבורה, די קליינע יידישע נאַכטיגאַל, האָט דאָס אַלץ געדענקט און טייער־געהאַלטן די רעמיניסענסן פון לאַנדשאַפטן; פון וועלדער טיפע, וואו דו פילסט די אָנוועזנקייט פון אַלע העלדן פון מעשה׳לעך; וואו דו ווילסט גיין אומענדלעך

— ביז צו די לעצטעביימער, וואָס טריפן מיט זשיווויצע, ווי מיט לויכטנדן האָניק אין דער זון. אין נעכט פון שרעק; ווען די זון איז שטיקענד און ווען אומענדלעך הערן זיך נאַצישע שאָסן אין דער נאַכט — אין דער נאַכט, וואָס איז נאָך אַלץ אַזוי שיין און אַזוי פּאַטעטיש; ווען דער הימל איבער דער געטאָ איז ווי איין ריזיקער טלית; און ווען די שטערן זיינען אין אים פון ציטערנדיקע הענט אַריינגעגנייט, ווי רובינען פלאַמענדיקע — אין נעכט פון שרעק און פּיין גייט־אויף די גרויסע בענקשאַפט אין דבורה'ס יינגער ברוסט. ליבע? זי ווייסט נישט וואָס דאָס איז אַזוינס. נאָר עס טריפט מיט רויטע האָניק אין איר גאַנצן וועזן. דעם וואָס די נאַצים האָבן אינמיטן גאַס, אויפן העכסטן סלופּ פון אַ טעלעגראַף, גע־האַנגען — ווי שלאַנק און בויגעוודיק ער איז געווען! דער ציטער־דיקער בלויער יינגל! געדענקט זי נישט ווי אין קאַזשימיערזש, אויפן אויספלוג פון זייער שולע, האָט ער אַ פייער פאַרלייגט לעבן אַלטן קעניגס־שלאָס — און דעקלאַמירנדיק די פערזן פון מיצקע־וויטש'ס „קרימער סאָנעטן", האָט ער געבראָטן קאַרטאָפל פאַר איר, פאַר זיין כלה... אין רעפלעקציע פון פייער האָט געברענט דער שלאָס. ס'האָבן די בלומען זיך איבערגעוועקט אינמיטן שלאָף. די ביימער האָבן געציטערט. און אַ שטערן איז ווי אַ באַרנע אַראָפּגעפאַלן פון אַ גרויסן בוים, פון דעם קאָסמיש־אומגעהויערן בוים, און האָט איר אַ קלאַפּ־געטאָן אין קאָפּ... און ווי ער האָט איר דעמאָלט געקושט! ס'האָבן געציטערט הימל און ערד... פייכט איז געווען דאָס גראָז פון טוי און פייכט — זיינע ליפּן, דעם געליבטנס ליפּן... און זי האָט אין דער גאַנצער נאַכט — אַ פאַרליבטע שולמית — געשעפּטשעט יענע האָניק־זיסע לידער:

„לאָז ער מיך קושן מיט די קישן פון זיין מויל,
וואָרן דיין ליבשאַפט איז בעסער ווי וויין."

און זי איז לעבן אים געלעגן — אין גאַנצן פיבער פון איר יונגער, קוים־געוואַקסענער תאווה; אין גאַנצן ציטער פון דער נאַכטס פּאַעזיע; און אַלע ביימער זיינען צו איר געווען אַ חופה; און דער גאַנצער הימל האָט איבער איר שטערנזילבערדיק געלויכטן. און דאָרט, צווישן די טאַפּאָלן, אין שאָטן פון דער נאַכט, פּאַזע די רויטע, לישייעדיקע רואינען—גייען שפּאַצירן קאַזשימיערזש און

אסתר׳קע; אויף זיין קאָפּ — די ריזיקע קרוין, ווי די קרוין פון דוד המלך... זי — אין איר ווייס קלייד... און אויף איר האַלדז ציטערט אַ זילבערקייטל... און אַ גאָלדרינג טוט דער קעניג איר אָן אויפן רעכטן פינגער — — —

זיי האָבן אים געהאַנגען אין באַגינען, ווען די הענער, די נאָך־נישט־דערוואָרגענע, קרייען; ווען די פייגל גייען ארויס און זינגען זייערע הייטערע מעלאָדיען; ווען די נאַכט פאַרכאַפּט קוים איר קעניגרייך פון שאָטנס און גייסטער און פלעדערמייז — און באַהאַלט זיך אין די ווינקלען פון דער וועלט.

און וועלכע גרויסע דיכטונג שטראָמט פון איר קליין הערצל! דו וואָלסט זאָגן: קעניג דוד וואוינט אין איר האַרץ און שפּילט דאָרט זיין געזאַנג, ווי אין די פּאַסטאָראַלע צייטן, פאַרן הויכן, מעלאַנכאָלישן קעניג שאול... ווען די מאַמע זיצט אין אַ ווינקל פון דעם קעלער, אויף וועמענס ווענט עס בליט גרינער שימל און עס שפּראָצט־ארויס אַ גאָרטן פון וואַנזיניקע שוואָמען; ווען די מאַמע, וואָס איז אַמאָל געווען אַזוי שיין ווי קעניגין אסתר, ווען דער מלך אחשורוש האָט איר געריכט דעם גילדערנעם סצעפּטער מיט זיין קעניגלעכער האַנט — רייסט זיך פון דבורה׳ס ברוסט אַזאַ הויך, אַזאַ פאַרבלוטיקט און יאָמערנדיק געזאַנג. עס רייסט זיך פון איר האַרץ אַזאַ פּיינפולער שטראָם מיט פּאָעזיע, און איר פאָטער — ווי אַ נביא, ווי דער נביא ירמיהו, וואָס זיצט אויף די בערג אַרום ירושלים און, קוקנדיק צו די הייסע גלאָוועס פון בית־המקדש, ווערט ער פון ליידן פאַרשטיינערט — אַזוי זיצט דער טאַטע, אַפּהענטיק, קאַלט, אָן אַ וואָרט צו זאָגן צום שטומען ווייב, צו די קראַנקע קינדער. איר פאָטער — האָט ער זי נישט היים געקושט און מתנות איר געבראַכט, און בלומען פאַר איר געריסן, און אין די ווייסל־כוואַליעס זי געמומען, און מיט איר אין וואַסער גע־טאַנצט, ווי אַ פּאַן מיט אַ נימפע? איר פאָטער — וואָס איז געווען איר אידעאַל פון אַ געליבטן — ער איז צו גראַניט פאַרוואַנדלט. לעבט ער דען נישט מער? דאַרף מען אים אַ נאַקעטן ארויס־טראָגן — אונטערוואַרפן צום טויטנוואָגן?...

דבורה ווערט אַליץ דאַרער און טרויעריקער. אָבער וועלכע פלאַמענדיקע דיכטונג עס דערוועקט זיך אין איר! וועלכע מוזיק

שטראָמט דורך איר קליינעם גוף — אזוי ווי זי וואָלט זיין די מוזיק פון געטאָ — אזוי ווי זי וואָלט טראָגן אין זיך אַ קאָנצערט צו דער וועלט — אזוי ווי זי וואָלט אַ גרוים ליד עפענען צו דער וועלט...

אַ סך לידער האָט זי שוין געשריבן. זי מאכט זיך נאַריש. ווען אַלעם ברענט — פארוואנדלט זי די געשרייען אין פערזן. פון קרעכצן — ווערן לידער; פון געהאַנגענע — ווערן פסאַלמען; פון בלוטפלעקן — גייען־אויף ווילדע רויזן; פון תליות — ריזיקע ביימער; פון קרעמאַטאָריומס ווערן קאַפּיטלעך תהלים. אָ, ווי זי לייענט די געזאַנגען פון קעניג דוד — פון דעם גרויסן כאָר פון תהלים. — „אָ, ווי זיס, — חזרט זי איבער, — זיינען דיינע ווערטער צו מיין גומען, זיסער ווי האָניק צו מיין מויל. דיין וואָרט איז אַ לאָמפּ צו מיינע פיס. און אַ ליכט אויף מיין שטעג. איך בין זייער געפּייניקט, אָ, האַר, דערקוויק מיך מיט דיין וואָרט — דערהאַלט מיך, אזוי ווי דיין וואָרט, און איך וועל לעבן, און לאָז מיך נישט פארשעמט ווערן פון מיינע האָפענונג."

ווי אַ מעכטיקע נאַכטיגאַל קלינגט ארויס איר שטימע — די שטימע פון אַ קליינעם גריל פון געטאָ — צו גאָט. און ווען די פלאַמען נעמען ארום גאַנץ וואַרשע, ווען די געטאָ ווערט אָנגע־צונדן פון אַלע פיר זייטן, ווען די צוגן מיט יידן ווערן געפירט אין טרעבלינקע און מאַידאַנעק און אָשוויענטשים — ווען דער הימל גופא איז אָנגעצונדן ווי אַ פייער — שרייבט אין דער נאַכט דבורה איר לעצט ליד — „אַ קאַפּיטל תהלים"...

„וואַרשע, וואַרשע — מוטער שטאָט
מיט בלוט־פארשפּריצטע מויערן!
זעט נישט דיינע וואונדן גאָט?
די מתים אין די טויערן?" אאז"וו.

*

פּאָעטן פון דער וועלט! אָפּשיי פאַר די דאָזיקע פערזן! דיכטער פון די דורות! ס'האָט דאָס ליד געשריבן אַ בלייכע מיידל פון וואַרשעווער געטאָ. מיט אירע לעצטע שטראָמען בלוט און כוח עפנט זי די וויזיע פון דער צוקונפט — ווען איר פאָלק ברענט. ווען עס פלאַמט די געטאָ אין רויך און אין פלאַמען!

און ווען די נאַכט פון געשרייען און קרעכצן, פון שאָסן און

גסיסה־זיפצן האָבן זיך געענדיקט; און ווען די זון — גאָטס זון — איז אומפאַרשעמט אַרויס אויף דער וועלט, ווי קיינמאָל גאָרנישט — און האָט ווידער אַנגעצונדן די וועלט פון דער פלאָרע — און אויף בלעטער איז גערונען דאָס זונען־גאָלד ווי האָניק און בלום איז לירישׁ אויפגעגאַנגען, עפּענענדיק איר האַרץ — זיינען די משוגע׳נע נאַצים באַפאַלן דעם קעלער, וואו ס׳האָט געוואוינט די נאַכטיגאַל פון דער געטאָ, וואו ס׳האָט אירע לידער געשריבן די קליינע נאַכטיגאַל.

און עס איז געווען אַ גרויסער בראַך: ווי נביאים, מיט ברענענדיקע בערד און רויט־פאַרגאָסענע געזיכטער — זיינען אַנגעטריבן געוואָרן די יידן — די לעצטע יידן פון וואַרשעווער רואינען און קעלערן. און אַלטע לייט — טויזנט־יאָריק־אַלטע לייט — און זקנות — און קינדער, צאַפּלנדיקע און אויסגעדאַרטע — זיינען אַנגעטריבן געוואָרן פון דער צעבראָכענער און פאַרוויסטעטער וואַרשע. עס זיינען געווען די לעצטע און די בעסטע בעלי־מלאָכות; די לעצטע וואַנזיניק־זינגענדיקע חסידים; די לעצטע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער; און צווישן זיי — דבורה, די קליינע דבורה, וואָס טראָגט אַ פּעקל אין איר האַנט...

עס איז אַ ברענענדיקער זונטאָג. וואַרשע איז צעשאָסן. די הייזער — צו רואינען פאַרוואַנדלט; די ביימער — פאַרברענט, אָפּגעשיילט פון בלעטער און גרינע הויט. עס איז חרוב וואַרשע, וואו דבורה האָט איר קינדהייט פאַרבראַכט, וואו זי האָט איר יוגנט געלעבט; וואַרשע, וועמענס גאַסן זי קען, ווי אירע צען פינגער, ווי די שניטן פון איר האַנט־פלאַך, אין וועלכע גאָט צייכנט־אַריין די מאַפּע פון אַלע געשעענישן, פון גאַנצן צוקונפטיקן לעבן. און אין דער דאָזיקער וואַרשע האָט דבורה געקעמפט. עס איז געווען איר לעצטער קאַמף. אירע חברים און חברטעס, שול־חברים, מיט וועמען זי האָט זיך קליינערהייט צוזאַמען געשפּילט, זיינען געפאַלן פון דייטשע קוילן. עס איז געפאַלן דאָס פאָלק פון וואַרשע, פון פּוילן. און איצט טרייבט מען זיי פון דער „קליינער געטאָ" אויף שליסקע גאַס — צום גרויסן, „ברענענדיקן געטאָ" אויף די נאַלעווקעס. אַ פויגל איז געקומען צו פליען פון ערגעץ־ווייט און שטעלט זיך אויף אַ פאַרברענטן בוים — צו זינגען זיין ליד

דער דיכטערין, דבורה'ן. עס איז אַ יונגנט־ליד. פאַרטראַכטערהייט, קוקנדיק אין דעם הימל, צום מאַרש פון די וואָלקנס, זדי פאַרלירנ־דיק אין דער אומגעהויערער פּאַנאָראַמע פון גאָט — האָט זי עס געהערט. און איצט קלינגט עס ווידער צאַרט־קלינגענדיק אויף... און אָט איז דער קוקו — דער היימישער קוקו — פון פריע טעג — די ערשטע קלאַנגען — די ערשטע טענער, וואָס אַ קינד פאַרנעמט אין דעם וואַלד פון נאַטור.

עס איז אַ שרעקלעכע היץ — און דער גאַנג איז אַ פּיינפולער. באַרוויסע, האַלב־נאַקעטע, באַוועגן זיי זיך איצט — צום טויט פאַרמשפּטע. און קליינע אינדזלען פון גראָז שפּראָצן־אויף, גלעטן און קושן דבורה'ס פּיס. איז דאָס דאָס לעבן? האָט מען אַלע יאָרן געטרוימט און געקעמפט — כדי איצט צו גיין צום טויט, אונטער נאַצישע קוילנוואַרפערס און מאַשין־געווער? אונטער צינישע בליקן פון די נאַציס? איז דאָס דאָס לעבן — צוליב וועלכן עס לוינט זיך צו לעבן? און דאָך — וואָס וואָלט זי נישט געגעבן צו בלייבן לעבן?! די זון כוואַליעט מיט ליכט. פאַרוואָס נעמט איר מיך נישט ארויס, הימלישע גייסטער? פאַרוואָס קריג איך נישט קיין פליגל, צו קענען אַרויספליען פון די הענקער און קוקן פון דער הויך אויפן טאַל פון טויט און ראַטעווען און אוועק־טראָגן מיין מאַמען, מיין טאַטן, מיינע שוועסטערלעך און ברידער־לעך — די ליידנדיקע יידן — דאָס גאַנצע פאָלק אונטער דעם קנוט פונם נאַצי? פאַרוואָס פויזן מיר אום דאָ, ווי די ווערים — אָן ווידערשטאַנד, אונטער געלעכטער פון די נאַציס?

די וועלט האָט אונדז פאַרלאָזן. די פעלקער האָבן אויף אונדז נישט קיין רחמנות. ענגלאַנד און אַמעריקע! וואו איז אייער געווויסן? אייבערהעם לינקאָלן, זע, ווי מיר שמאַכטן! האָסטו נישט באַפרייט די שקלאַפן? און די יידן — זיינען זיי נישט ווערט קיין פרייהייט?

אַלץ וואָס עס איז דבורה'ס לעבן — וואָס גייט באַלד אוועק מיטן רויך — איז איינגעשלאָסן אינם דאַזיקן פּעקל מיט פּאָעזיע. וואָס בלייבט דאָך פון מענטשן וואָס האָבן לאַנג געלעבט — פון גאַנצע פעלקער און ראַסן, און פון קולטורן, אויב נישט אַ ליד, אַ פערז, אַ פּראָזע. און זי וועט עס אוועקוואַרפן — צו דער ערד

ווארפן — אפשר וועט עס א פריינטלעכע האַנט אויפהייבן און די לידער לייענען, לייענען איר הארץ — איר לעבן — איר דראמע.

און דבורה ווארפט אוועק אירע לידער. א קליין פּעקעלע פון קאָנצענטרירט פייער. צעוויקל עס, ווינט, און עס וועט אָנצינדן די וועלט. שפּרייט עס אויס, ווינט, עפן די בלעטער צו די פעלקער. דאָס האָט א קליין מיידל געשריבן פארן שטארבן.

און איצט איז דבורה א שאָטן פון א מענטש. אָן די לידער — איז דער כישוף פון איר אָפּגעטאָן געוואָרן. דעם שם המפורש פאַר־לוירן. און צוזאמען מיט א שטארבנדיקע מאסע, ווי א פּאטאלע כוואליע, פאַראורטיילט צום אָפּגרונט, גייט דאָס שטומע מיידל. און זאָל שוין קומען דער טויט. זאָל ער זי אויסלייזן פון דער דאָזיקער ווערימדיקער וועלט. גאָט, דו ביסט אָן איינרעדעניש פון די פרומע. גאָט, דו ביסט נישטאָ. וואָלסטו געווען — וואָלסטו אונדז געראַטעוועט — — —

דער פאַרנאַכט איז צוגעפאלן און האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד אידיליש און ליריש. שטיקער בלויקייט, ווי שטיקער פאָרהאנגען, האָבן זיך געעפנט. דער דעמערונג האָט צעעפנט זיינע פּורפּורענע פאָרטאלן. א באפרייטע, א מיט־בלוט־נאָך־באַגאָסענע נשמה, האָט דבורה׳ס גייסט געשוועבט אין דעם דאָזיקן לירישן פאַרנאַכט ארום איר קערפּער — דעם גוף פון א קליינער מיידל, וואָס איז געלעגן א נאַקעטע צווישן גופים פון א סך אומגליק־לעכע. וואו איז איר מאמע? וואו איז דער טאטע? אלע זיינען זיי דאָ — אונטער אַנדערע קופּעס מענטשן. אלע אומגעקומען — ווייל זיי זיינען יידן. און אָט בליען ארוים שטיקלעך גראָז — מאָנבלומען ווי פייער — עס זינגט א פויגל — עס איז דיזעלבע ערד, ווי אין איר קינדהייט. און זי פאַלט־צו צו איר גוף — דעם געפייניקטן גוף אירן — און קושט אים, ווי א געליבטן פריינט. ער, דער גוף, האָט מער געליטן ווי זי, די נשמה. עס איז זי, וואָס וואָלט זיך דאָ אוועקגעלייגט — און דעם גוף געלאָזט שוועבן אין גן־עדן, צווישן די העלדן און מארטירער. נאָר אָט פאַלט־צו די נאַכט — די זומערדיקע פּאַסטאראלע פון בלוט און טויט — די אין בלוט־באפלעקטע אידיליע — און די נשמה פון דבורה׳ן פליט אוועק — פליט און באַגעגנט זיך מיטן גייסט פון דבורה

הנביאה — איר שוועסטער — אוןביידע יידישע פרויען האלדזן זיך, קושן זיך, נעמען זיך ארום...

און דבורה ציטירט דער ביבלישער דבורה'ס ליד:

„פון הימל האט מען מלחמה געהאלטן,
די שטערן פון זייערע שטעגן
האבן מלחמה געהאלטן מיט סיסרא'ן.
טייך קישון האט זיי אוועקגעפלייצט,
טייך אלטער, טייך קישון.
טרעט אויף מיט מאכט, מיין זעל!"

— פארוואס האט מען פון הימל נישט מלחמה־געהאלטן מיט די מערדער? פארוואס האבן די שטערן געשוויגן? דבורה ביבלי־שע, וואו איז די גערעכטיקייט פון גאט?

און אין דער לופט — צווישן הימל און ערד — אינמיטן וועג — האבן זיך צוויי גייסטער טרויעריק געהאלדזט און געקושט.

*

און מען האט די צארטע דבורה'ן מיט אירע פריינט באגראבן אין א קבר אין וואלד. אין א געוואלטיקן קבר... און די פייגל זינגען זייער קדיש אויס יעדן טאג...

און דאס פעקל מיט לידער האט א פריינטלעכע האנט געפונען. און אירע שורות — ארייננעקריצט מיט פייער אינם געוויסן פון דער וועלט...

דבורה, ליכטיקע! זאל דיין פאלק, דאס גאנצע פאלק, דיר מאכן א יארצייט — און יעדעס יאר זאל דאס פאלק אנצינדן ליכט אין דיין יארצייט... זאלן די ליכט ברענען ביזן הימל — פון דער ערד אן... ברענען, ווי די ווערטער פון דיין קאפיטל תהלים. זאל דאס פאלק פייערן דיין יארצייט — דעם יארצייט פון דער געטא. פון העלדישן קאמף — און אומפארגלייכלעכן קאמף — וואס האט געהאט איין ציל: אן ערנהאפטן טויט. זיך אויסצו־קעמפן א שטאלצן, א מארטירערישן, א נאציאנאל־רעוואלוציא־נערן, מענטשלעכן טויט. צום ערשטן מאל האבן מענטשן גע־קעמפט פאר א שטאלצן טויט.

דאס גאנצע פאלק דארף דיך פייערן, דבורה, קליינער נביא; דארף דיך פארהייליקן אין די קינפטיקע יארטויזנטער — ווי דער

גייסט פון דער פלאַקערנדיקער און רעוואָלטירנדיקער געטאָ. און געדטנער דאַרפן פאַר דיר געפלאַנצט ווערן — און ביימער — און בלומען — און דו, וועמענס לעבן איז יינג פאַרשניטן געוואָרן, דאַרפסט לעבן אייביק מיט דיין פאָלק — אייביק!

ניו-יאָרק, יוני, 24, 1945.

דאָס וואָרט — אַטאָם פון וועלט-באַשאַפונג

עסיי

ווי אַ ריזיק ספר איז די וועלט-געשיכטע; אירע בלעטער — פון צייט צעגעסענע, ווערן געמישט פון דעם שטורם פון די צייטן. קיינער קען נישט באַוועגן אירע אייזערנע טאַוולען. אירע אייזערנע טאַוולען — דאָס זיינען הימל און ערד. נאָר אירע ריזיקע, אירע אָקעאַן-ברייטע בלעטער, געדיכט באַשריבן מיט געשעענישן — ווי וועלדער טונקעלע, ווי שוואַרצע אורוועלדער, וואָס זיינען אַריינגעשריבן אין בלאַט פון פעלדער און אָפּגרונטן — ווערן געמישט דורכן שטורם פון צייט. אַ דור ווערט געבוירן — און אַ בלאַט גייט-אויף. און פאַלט דער דור צום אָפּגרונט — פאַלט אַ בלאַט — געדיכט-באַשריבן מיטן לעבן פון דור.

די געשיכטע פון דער מענטשהייט — די נאַטור — איז אַ ריזיק ספר. און איבערלייענען דעם דאַזיקן קאָסמישן ראָמאַן — דויערט פילע מיליאָנען יאָרן. עס לייענען דעם דאַזיקן אומגעהייער-פאַנטאַסטישן ראָמאַן — די דורות — אין דער ביבליאָטעק פון אוניווערס.

●

דער תנך איז פול מיט דעם רויש פון פלאַמענדיקע מגילות, ווי מיט דעם רויש פון טייכן און פון וועלדער. דערציילט דער אַנגעצונדענער נביא יחזקאל: „און איך האָב אַ קוק געטאָן, ערשט אַ האַנט איז אויסגעשטרעקט צו מיר, און זע, אין איר איז געווען אַ מגילה פון אַ בוך. און ער האָט זי אויסגעשפרייט פאַר מיר,

און זי איז געווען באַשריבן פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, און אויף איר איז געווען אָנגעשריבן קלאָגן און זיפצעניש און ווײ." — — —

עס איז די צייט ווען די קענטעניש פון שרייבן איז נאָך אַ געוואַלטיקע פּריווילעגיע. ווען די נביאים אַליין זיינען פויל און אומבאַהאָלפן אין דער שרייב־קונסט. ווען די נבואה ברעכט זיך אָפּ פון זיי, ווי פייער פון ברענענדיקע הימלען, פון פעלזן הייסע, וואָס פאַלן איינע אויף די אַנדערע. ווען שטיינער שלאָגן זיך. עס איז די צייט ווען די האַנט פונם נביא איז נאָך צו גראָב, און זי ברענט, און זי פלאַמט — כדי צו קענען שרייבן. ווען פּאָעט איז נאָך זינגער־פּרעדיקער — פּראָפעט — פּאָליטישער אינטער־פּרעטאַטאָר — קעמפער און פאָלקס־היילער. אין אָט־די צייטן, ווען דער ווינט דעקט אָפּ מאַנכן שטויב פון דער ערד און אַ שטור־מער פעלזנטאַפל שטאַרט מיט זיינע קרומע אותיות ביז צום הימל, באַשרייבנדיק אַ קעניג׳ס טאַט, וואָס די שטומע אונטער־טאַנען האָבן אויסגעפירט — ווען די שריפט איז אַ לוקסוס, ווען מגילות זיינען טרוימען, וויזיאָנען, אַנטפּלעקונגען. ווען ביכער ווערן נאָך ניט געדרוקט אין די טויזנטער. ווען פון האַנט צו האַנט — פון דור צו דור — גייט איבער אַ מגילה — אַ מגילה, וואָס איז פאַרשריבן מיט „קלאָגן און זיפצעניש און ווײ" — נישט מיט לייכטזיניקן ראָמאַנס און וועלט־פאַרפלייצנדע גראַפאָמאַניע.

„און ער האָט צו מיר געזאָגט:
מענטשנקינד, וואָס דו געפינסט, עס,
עס די דאָזיקע מגילה,
און גיי רעד צו דעם הויז פון ישראל."

נישט לייענען — ווייל לייענען איז אַ דעגענעראַציע פון אונזער צייט. דורכלייענען טויזנטער ביכער — איז אַ פאַרראַט צו טויזנטער ביכער. ספרים זיינען נישט צו אַמוזירן זיך. צו פאַר־ראַטן. צו לערנען שלעכטס. זיך אָפּצולערנען פאַלשקייט, חניפה, שווינדל און געפערלעכע חכמה. אין דעם ים פון ביכער האָט דער מענטש זיך אויסגעלערנט אויבערפלעכלעך לייענען. אָבער לייענען איז פאַרראַט. לייכטזיניקייט. אַלץ — אפילו ליבע, געשלעכט — איז געוואָרן פאַרראַט. לייכטזין. גענוס. אָבער אין יענע טעג איז

ליבע געווען — די באשאפונג פון דורות. אדם האט באשאפן די גאנצע מענטשהייט ביים באשלאפן חוה'ן — אונטער טויזנט הימל־שטערן.

עס עס אויף — דאס הייסט: נעם דאס ספר אריין אין דיר. זויג עס איין מיט דיין בלוט און דיין פייער. צינד עס אן אין דיר, ווי א פלאם. גיי, און רעד. גיי, מאך געשיכטע.

ליטעראטור איז נישט פארווייליקונג — נאר קאסמישע טאט.

...„האב איך אויפגעעפנט מיין מויל, און ער האט מיר געגעבן עסן די דאזיקע מגילה. און ער האט צו מיר געזאגט: מענטשנקינד, דיין בויך זאלסטו אנשפייזן, און דיינע איינגעווייד זאלסטו אנפילן, מיט דער דאזיקער מגילה וואס איך גיב דיר.

„און איך האב געגעסן, און זי איז געווען אין מיין מויל אזוי ווי האניק און זיסקייט."

ער האט — סימבאליש, אלעגאריש, איינגעשלונגען דעם בוך. זיך אנגעצונדן מיט דער מגילה. געווארן איר פייער — איר מיסיע — איר אקטיוויטעט. די אטאמען פון דער מגילה זיינען געווארן זיין אייזערנער כוח — צו גיין און צו שלאגן זיך מיט די גראניטענע געזיכטער פון פאלק. די ווייזהייט פון דער מגילה האט אים געמאכט דאס „פנים הארט אקעגן זייער פנים, און דיין שטערן הארט אקעגן זייער שטערן. ווי דימענט, הארטער פון פעלז, האב איך געמאכט דיין שטערן."

●

פילע זייגען די שטעלן אין תנך — און אין נייעם טעסטא־מענט, וואס איז נאך פול מיט די שטראמענדיקע קאלירן פון אלטן טעסטאמענט, מיט די פלאמען און צארנען פון יחזקאל הנביא — וואס באהאנדלען דאס מאנוסקריפט־פראבלעם. ווידער אמאל — נישט קיין פארווייליקונג, נישט קיין געגוס. די האנט פון גאט שרייבט די מגילות. די געטלעכע אויטאריטעט — איז איר אויטאר. קיין מענטש איז נישט קיין אויטאר פון קיין ספר — עס שרייבט מיט זיינע שטורעמס און זיינע פייערווינטן גאט דאס ערדישע בוך.

פארן פלאמענדן, העלזעערישן, ווויזיאנענברענענדן נביא זכריה — איז די מגילה נישט קיין לוקסוס — נאר דאס געזעצ־בוך. דער קאסמישער קאדעקס. אין אים — אין דער מגילה —

איז די שטראָף פון גאָר דעם ערדישן פאַרברעכן. די גאַנצע אוני־ווערסאַלע זינד — דאָס גאַנצע ערד־גהינום — איז דאָרט אַריינ־געקריצט: ...„און איך האָב ווידער אויפגעהויבן מיינע אויגן און האָב געזען, ערשט אַ פליענדיקע מגילה. האָט ער צו מיר גע־זאָגט: וואָס זעסטו? האָב איך געזאָגט: איך זע אַ פליענדיקע מגילה; איר לענג — צוואַנציק איילן, און איר ברייט — צען איילן."

עס איז נאָך די צייט ווען די מגילה איז נאָך נישט רייך־און־שיין געבונדן בוך, אויסגעשמוקט אין איידלשטיינער, ווי אין זינד, ווי די ביכער פון קעניגלעכע ביבליאָטעקן. דאָס בוך איז נאָך נישט דעקאָרירט מיט פאַרביקע אילומינאַציעס, מיט פּראַגאַ־נאַרישע וויניעטן. דאָס בוך איז נאָך נישט אינטים ווי אַ פאַרפיור־מיק־טונקעלער פליוש־בודואַר. עס איז די צייט ווען די מגילה איז נאָך אָפן און ברייט ווי אַ פעלד — און נישט געצירט אין זינדיק גאָלד און אין פאַרפירערישע בריליאַנטן און אַנגערויבטע איידל־שטיינער. און אַזוי ווי ווינט און האָגל, שניי און רעגן, שלאָגט אַ פעלד — שלאָגט דאָס פּנים פון ים — אַזוי שלאָגט דער גייסט אויס אין דער מגילה זיין געדאַנק, ווילן און געשעעניש פון דער צוקונפט. די מגילה איז איין שטיק — דער נביא זאָל זי דורכ־קוקן און זיך איינציטערן מיט איר אין איין מאָמענט. די מגילה איז באַפליגלט. ער זעט — דער נביא — אַ „פליענדיקע מגילה". — האָט נישט ליטעראַטור קיין פליגל דען? ווערט ליטעראַטור דען צוגעצויגן דורך ערדישער גראַוויטאַציע? איז זי בלויז צו צירן ביבליאָטעקן פון רייכע היימען — כדי אויפצועסן דעם נישט־געריייניקטן שטויב? איז זי כדי צו פּאַקן שווער צו דער ערד ווי אייזן? איז זי צו לעשן דעם אומעט פון דער שטאַרבנדיקער דאַמע? איז ליטעראַטור דען — זנות?

ליטעראַטור איז נאָך אין יענע צייטן — גייסט. אַקציע. עס שוועבט נאָך אין דער לופט. עס ברעכט דורך צייטן. עס עפנט וויסטאַס. עס איז אַקטיוו — באַפליגלט — עס איז בריליאַנטענער ספּיריט — עס איז דאָס ליכט פון גאָט. וואָרט איז פייער. און עס ווערט נאָך נישט איינגעפּאַקט אין טאָוולען. עס איז — דינאַמיק. עס ברענט ווי דער ווילן פון גאָט אין נאַטור, אין מענטש.

און פון דער דאָזיקער צעכוואַליעטער מגילה, צוואַנציק איילן לאַנג און צען איילן ברייט — שרייט אַרויס דער וועלט־גייסט:

„דאָס איז די קללה וואָס גייט אַרויס
איבער דעם געזיכט פון דער גאַנצער ערד;
וואָרום איטלעכער וואָס גנב'עט,
ווערט פון דאַנען אַוועקגעראַמט לויט איר,
און איטלעכער וואָס שווערט (פאַלש),
ווערט פון דאַנען אַוועקגעראַמט לויט איר.
איך האָב זי אַרויסגעלאָזט, זאָגט גאָט פון צבאות,
און זי וועט קומען אין הויז פון דעם גנב,
און אין הויז פון דעם וואָס שווערט
ביי מיין נאָמען צום פאַלשן,
און זי וועט בלייבן אין זיין הויז,
און זי וועט עס פאַרלענדן
מיט זיינע האָלצן און מיט זיינע שטיינער."

די מגילה איז — גאָט'ס פלאַמענדע קללה. גאָט'ס שטראָף איבער גאָר די זינד פון דער ערד. ליטעראַטור — דאָס וואָרט — איז נאָך אין דער האַנט פון גאָט. דאָס וואָרט — וואָס גאָט האָט פריער באַשאַפן ווי די וועלט — איז דער שאַרפער דימענט צו שניידן בערג און טאָלן. מיט דער ענערגיע פון וואָרט שפאַלט גאָט הימל און ערד. און ווען דאָס וואָרט ווערט אויסגעבאָרגט צום נביא — דיריגירט ער נאָך דעם גרויסן קאָנצערט פון געשיכטע. דאָס וואָרט האָט נאָך זיין דונערנדיקע קראַפט, זיין בליצאַרטיק ליכט. דאָס וואָרט איז נאָך רעוואָלוציע — מלחמה — וועלט־איבערקערעניש. וועלט־פאַרענדערונג. עס האָט נאָך זיין קאָסמיש־קרעאַטיווע מאַגיק.

•

ליטעראַטור אין יענע אורצייטן ווערט נאָך געשריבן מיט בליצן אויף די האָריזאָנטן. אַ האָגל שרייבט עס מיט בליי איבער די לאַנדשאַפטן. דאָס וואָרט ווערט צום ווערן און צום ברעכן. דאָס וואָרט איז אַ דימענט וואָס שפאַלט וועלטן און דורות. עס שניידט אויף די בלוטנדיקע טראַכטן און עס באַפרייט פעלקער און קעניגרייכן. דאָס וואָרט האָט נאָך די קראַפט פון קללה און ווינטש.

דאָס וואָרט שפּרייט זיך ווי אַ פייער פון חורבן און עס הייצט די ערד — עס רופט אַרויס פון די טאָלן רומרייכע קעניגרייכן.

אין יענע טעג האָט גאָט נאָך די געטלעכע שוואַכקייט פון שרייבן „פּערזענלעך" זיינע טאָג־באַפעלן און שלאַכט־קאָמאַנדעס. און עס פאַלט אַריין ווי אַ דונערקראַך. שטעלט אייך פאָר די רייכע סעודה אין פּאַלאַסט פון קעניג בלשאצר „פאַר טויזנט פון זיינע גרויסע לייט, און האָט געטרונקען וויין מיט די טויזנט. עס ווערן געבראַכט די זילבערנע און גילדערנע כלים — אין זייער גאַנצן גלאַנץ און ווילדן צויבער, ווי זיי האָבן אַמאָל געלויכטן אין דעם ריזיקן בנין פון בית המקדש. די קעניגן, די „גרויסע לייט", פּונקט ווי זיי זאָלן נישט זיין פון פליש, ווי פון שפּינוועבס געמאַכט, שטערבלעכע ברואים — און די ווייבער און קעבסווייבער, די קורטעזאַנען און גאַסנפרויען — אַלע טרינקען אין די גילדערנע כלים פון בית המקדש — וועלכער ציניזם! — און זיי לויבן זייערע שטומע, זייערע אומגעהייערע געטער פון גאָלד און זילבער, פון קופּער, אייזן, האָלץ און שטיין. די אָרגיע גייט אָן מיט איר גאַנצן כוח און פּאַרנעם. מיט איר ווילדקייט שטייגט זי — אין ריטם, אין פייערשטורם. וועלכער זיגערישער בליק פון בלשאצר! וועלכער טריאומף! און ווי די זינדיקע קעבסווייבער לייכטן אין זייערע זינד אַרומגעוויקלט, ווי אין שלאַנגען פון פייער!

אָבער דווקא אין דאָזיקן מאָמענט פאַרגלוסט זיך דעם הימלישן געניוס צו שרייבן געצייכטע ווערטער אויף דער בלייכער קאַלך־וואַנט! וועלכע ציטערניש! דערזעענדיק דעם שוואַרצן שטורם פון די בוכשטאַבן — „מנא מנא תקל ופרסין" גייט אויף אַ פירכטערלעכע ציטערניש אין די לייבער פון די שיכורים, זויפערס, זינדער און רויבער. עס ציטערט דאָס מענטשלעכע פליש פאַרן ברענענדיקן ספּיריט פון די דאָזיקע שטיקער אָפּגעריסענע ווערטער פון דער וועלט־גערעכטיקייט. עס פאַלן אַריין אין אַן אימה די וועלט־הערשער — די זאַטע — די טריאומפאַלע — די זיגרייכע מושלים פון דער ערד.

די האַנט שרייבט געצייכטע ווערטער — און אין דעם מאָמענט ווערט געשריבן וועלט־געשיכטע. און די, וואָס זיינען מיט אַ ווייל צוריק געווען אַזוי זיכער מיט

זיך און מיט זייער רויב — דארפן זיך ווענדן צו אַן איינזאַמען, בלייבן פּרינץ פון העברייער־שטאַם — צום פאַרפייניקטן דניאל — כדי ער זאָל פאַר זיי לייענען די אָפּגעבראָכענע רייד פון דעם שווארצן צאָרן פון גאָט.

און ער לייענט זיי — ער איז נאָך יענער גרויסער לעזער — וואָס לייענט אַרויס אַ טויט־אורטייל אויפן קעניג און אויף זיינס גלייכן. וואָס לייענט אַרויס אַ טויט־אורטייל אויף די פאַרברעכע־רישע מעשים פון אַלע קינפטיקע טיראַנען, קעניגן און דיקטאַטאָרס.

אַט־אַזוי שרייבט דער קאָסמישער באַשעפער — אין די טעג פון גרויסער, קאָסמישער ליטעראַטור — זיין ווערק אויף די ווענט פון קעניגס־פּאַלאַסטן — אויף די האָריזאָנטן פון די הימלען — אויף די אָפּגרונטן פון די ימים — אין דער פּאַנאָראַמישער ברייט פון פעלדער און טאָלן — איבער דעם אומגעהייערן קאַנוועז פון פּלאַנעטאַרע פּאַנאָראַמאַס — אינמיטן פון דעם וועלט־רוים.

•

פאַראַן אין נייעם טעסטאַמענט אַ סך שטעקן וועגן מגילות, וועגן געשריפטסן, וועגן אַ „קליין בוך“. איך ציטיר פון די „אַנט־פּלעקונגען פון יוחנן“: „און איך האָב איין אַנדערן שטאַרקן מלאך געזען אַראָפּקומען פון דעם הימל, אַנגעטאָן אין אַ וואָלקן, און דער רעגנבויגן איז אויף זיין קאָפּ געווען, און זיין פּנים איז געווען גלייך ווי די זון און זיינע פיס ווי זיילן פון פייער. און ער האָט אין זיין האַנט געהאַט אַ קליין ביכל. און ער האָט זיין רעכטן פוס אויף דעם ים געשטעלט, און זיין לינקן פוס אויף דער ערד. און ער האָט מיט אַ הויך קול געשריגן אַזוי ווי אַ לייב ברומט. און ווען ער האָט געשריגן, האָבן די זיבן דונער מיט זייערע קולות גערעדט. און ווען די זיבן דונער האָבן גערעדט, האָב איך געוואָלט שרייבן“... — — — — — — — —

און ווידעראַמאָל קומט דאָ פאָר — אין דירעקטער אימי־טאַציע — צום נביא זכריה, דאָס עפענען זיך פון געוואַלטיקע געשעעענישן וואָס דאָס „קליינע בוך“ עפנט אויף. וועלכע ווילדע אימאַזשן און פייערדיקע פאַנטאַסטיק! וועלכע קאָלאָסאַלע וויזיאָ־נען און גראַנדיעזע סצענעס! אינם קליינעם בוך איז איינגעשלאָסן

די פאַרניכטונג פון פעלקער. קאָסמישע קאַטאַסטראָפעס, געוואַל־טיקע הימלישע אימאַזשן און — די געבורט פון דער נייער ירושלים פון גאָלד.

ווען מאַדאַם בלאַוואַטסקאַ ווערט דערציילט, אַז זי האָט זיך באַנוצט מיט הימלישע ביבליאָטעקן, בשעת זי האָט געשריבן „די סיקרעט דאָקטרין", די ביבל פון דער טעאָסאָפישער באַוועגונג. ווען זי פלעגט דאַרפן ציטירן פון אַלטע, זעלטענע ווערק, פון עזאָטערישע קוואַלן, פלעגט זי קוקן אין דער לופט און ציטירן פון די בלעטער פון שטראַלן. אויב זי האָט זיךווירקלעך אויף אַן ערלעכן אופן באַנוצט מיט הימלישע ביבליאָטעקן — שטעל איך זיך פאָר וועלכע אומגעהייערע קוואַלן פאַר איר אַרבעט זי האָט געהאַט.

די טעאָסאָפן האַלטן, אַז אַלע ביכער וואָס דער מענטשלעכער געניוס שרייבט אויף דער ערד — שטייען שוין זינט אייביקייט אָן אין דער הימלישער ביבליאָטעק.

●

דאָס וואָרט איז דער זין אין אוניווערס. די גאַנצע מענטשלעכע דראַמע קומט פאָר אין ווערטער. די וועלט־געשיכטע וואָלט זיך נישט געקענט קיין ריר טאָן, אָן דעם וואָרט. אַ מלחמה ווערט געעפנט מיטן וואָרט און געשלאָסן מיטן וואָרט. אַלע פּאָליטישע סיסטעמען זיינען סיסטעמען אין ווערטער. מיר ווייסן אַלץ פון דער נאַטור — דורך ווערטער. נעם אַוועק דאָס וואָרט — און מענטש איז שטום ווי די חיה, ווי דער פעלזן. וואָס בליקט כמעט מיט מענטשלעכע אויגן — און דאָך באַזיצט זי נישט דאָס וואָרט. דער מענטש וואָלט דערשטיקט געוואָרן אָן זיין תהלים־געבעט צו גאָט. און עס איז מיט גאָט'ס וואָרט אויף דער צונג, ווען דער מענטש האָט זיך אָפּגעבראָכן פון שטומער נאַטור, האָט זיך אָפּגעטיילט פון דר'ערד, האָט זיך אָפּגעריסן פון בערג פון גראַניט, און האָט געעפנט דאָס קאָסמישע געשען מיטן גרויסן, צעלויכטע־נעם וואָרט. דאָס וואָרט האָט אויף זיין צונג געברענט — און ער האָט ווידער באַשאַפן דערמיט די וועלט, די מענטשלעכע קולטור, און קונסט, גאָר די מענטשלעכע עקזיסטענץ אויף דער ערד — איז דאָס וואָרט.

עס בלייבן שטיין אין שטויב פון מדבר די אוראַלטע ספינקסן. אָבער אָן דעם מענטשלעכן וואָרט, אָן דעם רעטעניש, אָן דער איראָניע פון פייניקן דעם פאַרבייגייער — זיינען זיי שטום. דער מענטש האָט געמוזט אויסטראַכטן אַ מעשה'לע אין ווערטער פאַר זיי. און די פּיראַמידן אין דער מדבר — די דאָזיקע ריזיקע שטיין־מאָנומענטן, אויפגעבויט און אויפגעטורעמט דורך שקלאַפן פון אַלע ראַסן און געבראַכט מיט די כוואַליעס פון נילוס. מענטש גראָבט זיך דאָרטן שוין יאָרטויזנטער, אין די אינגעווייִדן, כדי צו געפינען אין גאָלד געקריצט אַ פּסוק פון אַן אַלטן דיכטער. ריזיקע אימפּעריעס פון דער ערד זיינען געגאַנגען צום גרונט. אַטלאַנטי־דעס זיינען אַראָפּגעשווענקט געוואָרן פון אָקעאַנען. און זיי וואָלטן געוועזן ווי קיינמאָל נישט געוועזן. ווען נישט אַ פערז פון אַ ליד וואָס איז פאַרבליבן אויסגעקריצט אין שוואַרצן באַזאַלט פון אַ סאַרקאָפאַג. אויף אַן אייזערנע שטאַבע פון גאָלד. פון אימפּעריעס בלייבט אָפט נישט מער ווי אַ שפּרוך. וועלכן איינזאַמען נאַר'ס אַ ווייז וואָרט. אַ פראַזע פון אַ נע־ונד'ניק וואָס איז געשלאָפן ביים ברעג פון ים, ווען די אימפּעריע האָט געזינדיקט דורך דער נאַכט — און זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעצונדן אין דעם לבנה־ליכט.

דורכן וואָרט פילסטו די עקזיסטענץ פון אַ ראַסע, וואָס איז פאַרלוירן געוואָרן אין קאַמף מיטן שיקזאַל. עס ווערט דיר וואָרם אינם אויפּלויכט און ציטער פון וואָרט. דיך נעמט אַרום דאָס וואָרט ווי אַ פייער.

און ווען יוחנן, אינם נייעם טעסטאַמענט, זאָגט: „אין אָנהייב איז דאָס וואָרט געווען, און דאָס וואָרט איז מיט גאָט געווען און דאָס וואָרט איז געווען — גאָט. דאָס זעלביקע איז געווען אין אָנהייב מיט גאָט. אַלעס איז דורך אים געמאַכט געוואָרן, און אָן אים איז גאָרנישט געמאַכט געוואָרן, וואָס איז געמאַכט. אין אים איז געווען דאָס לעבן, און דאָס לעבן איז געווען דאָס ליכט פון די מענטשן. און דאָס ליכט שיינט אין דער פינצטער־ניש, און די פינצטערניש האָט עס נישט באַגריפן" —

ציטירט ער אייגנטלעך אין גייסט פון אַלטן טעסטאַמענט, וואָס פאַנגט זיך אָן אַזוי:

„אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. און

די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון תהום, און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן.

האָט גאָט געזאָגט:

— זאָל ווערן ליכט! און עס איז געוואָרן ליכט. און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט." — — — — — —

גאָט האָט באַשאַפן דאָס ליכט מיטן וואָרט „זאָל ווערן ליכט." און זייט דאַמאָלסט שטראָמט דאָס ליכט פון וואָרט. עס שטראָמט און עס פּלייצט אין אַלע ווינקלען פון דער קאָסמישער פינצטערניש. דאָס ליכט אַטאַקירט דעם תוהו ובוהו. עס שפּאַלט די בערג און טאָלן. עס צעשניידט די גראַניט־פעלדזן. דאָס ליכט שפּאַרט אַריין אין אַלע פעלדער און טאָלן. צעשניידט אַ בוים — און אַ מילעכדיק ליכט שטראַלט אויף פון זיין אינערן. דאָס ליכט שטראַלט פון דעם ניי־געבוירענעם קינד און פון דעם הייליקן, אַלטן, אויסגעלייזטן מאַן. דאָס ליכט קוואַלט פון דער זון'ס האַרץ און פאַרגיסט אַלע רוימען פונם אוניווערס. און דאָס ליכט כישופ'ט — עס רופט ימים און וועלדער זיך צו בוקן און צו בעטן. עס רופט אַרויס פון דר'ערד טאַנצנדיק אַלע פּלאַנצן — די גאַנצע פלאָראַ־וועלט — די גאַנצע גרינע נאַטור צויבערט עס אַרויס פון דער טיפעניש. און אויפן גרונט פון די ימים שפּרייט עס קאַבריצן פון בלומען, קאָראַלן, פּערל און געשניצטע פּלאַנצן. עס צינדט דעם רעגנבויגן ווי אַ טריאומף־טויער פאַר דער זון אויפן הימל און עס שטעלט אויס ריזיקע גאָלד־קאַנדעלאַברעס אין זון־אונטערגאַנג, וועמענס מאַסיוו גאָלד שמעלצט אין אייגענעם פייער. דאָס וואָרט שאַפט ליכט — און ליכט גייט און שטראָמט אין די אַרטעריעס פון קאָסמאָס. ליכט שטראָמט דורך די אָדערן פון מענטש — דורך אַלע בעטן פון דער ערד — דורך אַלע קאַסקאַדן און אָקעאַנען און טייכן און שטראָמען און קוואַלן — און ליכט הילט איין דעם אוניווערס.

און דאָס מענטשלעך וואָרט איז דאָס גאָט־באַטרונקענע וואָרט, גאָט'ס זיגל־רינג — מיט וועלכן אַלע וואונדער ווערן געשאַפן, אַלע פאַנטאַסטישע וועלט־נסים.

•

און מיר שליסן די דאָזיקע עסיי מיט פאָלגנדיקע ווערטער, וואָס איך האָב אין אַ נאַכט פאַרשריבן אין אַ נאָטיץ־בוך:

— „דאָס וואָרט איז איצט דעגענערירט. אַמאָל האָבן זיך טויזנט דורות אַריינגעפּאַסט אין אַ קליינעם אויפשריפט אין רויען שטיין. אַן אימפּעריע איז דאָרט פאַרקריצט געוואָרן. — בשעת די ווייבער און די פּרינצן, שטאָלץ מיט זייער שיינעם מענטשלעכן לייב — זשלאָקען דעם אוראַלטן, קלעפּיקן ווייַן אין די כלים פון בית המקדש — שרייבט גאָט'ס ליכטיקע האַנט זיין פאַטאַלע קללה — און עס קראַכן טראָנען, קעניגן ציטערן און שטאַרבן, דינאַסטיעס צעפאַלן ווי שטויב. — דאָס וואָרט ביי גאָט ברענט. ער באַשאַפט דערמיט די וועלט. און ווען ער רעדט — ציטערן די פונדאַמענטן פון דער ערד. — און גאָט איז דער אור־ערשטער אויטאָר. ער קריצט זיינע לידער אין געבירג. טאָלן זיינען זיינע בוכשטאַבן. בערג — זיינע פראַזן. אָקעאַנען — זיינע רייד. וועלדער — זיינע געדאַנקען. דורות — זיין אַלעגאָריע. וואָלקן — זיינע שטימונגען. כוואַליעס — זיין מוזיק. און דער קאָסמאָס — זיין ווערק.

ניו־יאָרק, יולי, 7, 1945.

דבורה הנביאה און איר ליד פון טריאומף

פּאָרטרעט

אין לבנה'דיגע נעכט, ווען דער הימל איז איין שטיק פּערל און אינמיטן דעם קלאָרן, ווירגינישן פּערל ליכט־אויף ווי אַ רויטע רובין די לבנה — שטיי איך אָפט ביים טייך קישון, דער אוראַלטער טייך קישון, וואָס, ווי מיר דאַכט, איז בלויז געבליבן אין די גרויסע בלעטער פון תנך — און איך קוק אַראָפּ צו זיינע טיפע אָפּגרונטן. דאָס וואַסער איז דורכזיכטיק. די לבנה־שטראַלן מאַכן דעם טייך קרישטאָליק. און אַ וויזיע פון רויטע, פאַרזשאַווערטע רייטוועגן גייט־אויף פון דער טיפעניש פון טייך. איך בייג זיך איין איבערן

פלאך פונם וואסער, איך קוק טיפער אריין, איך וויל זען קלארער און פלאסטישער די וויזיע:

טויזנטער סקעלעטן פון סיסרא׳ס חייל ליגן דא אויסגע־שפרייט. זאגט דען נישט דער תנ״ך: „און ברק האט נאכגעיאגט די רייטוועגן און דעם חייל ביז חרושת־גוים, און דער גאנצער חייל פון סיסרא׳ן איז געפאלן דורכן שארף פון דער שווערט; נישט געבליבן צומאל איינער.״ דא ליגט עס — די ארמיי פון סיסרא׳ן. און צווישן די סקעלעטן, פארקנוילט און געבונדן מיט דעם קנויל פון ביינער, שווערטן, שפיזן און מעסערס און שילדטן — ליגן די ניין־הונדערט רייטוועגן — וועגן וועלכע עס ווערט דייטלעך געזאגט: „און די קינדער פון ישראל האבן געשריגן צו גאט; ווארים ניין־הונדערט אייזערנע רייטוועגן האט ער געהאט, און ער האט שטארק געדריקט די קינדער פון ישראל צוואנציק יאר צייט.״ דא ליגן זיי איצטער — שוין טויזנטער יארן — דאס „דזשאנק״ און דאס זשאווער פון פארגאנגענע שלאכטן. דורך די בערג מיט רויטע אייזן גייט דורך א פיש אין גאנצן לאר פון זיין פאספארישער רעפלעקציע; אן אקטאפוס טראגט זיך דורך מיט קאלטע, גזלנ׳ישע אויגן — סיסרא׳ס אויגן — און ער פאראנקערט זיך פאר א ווייליע מיט זיינע זויגארעמס אין די אייזערנע רעדער פון די רייטוואגנס.

ניין־הונדערט רייטוועגן. דערמאן דיך דעם חורבן וואס זיי האבן געלאזן איבער בליענדע פעלדער און וועלדער און סעדער און גערטנער. דערמאן דיך דעם אייזערנעם שטורם וואס טראגט זיך מיט דער קראפט פון א נאטור־עלעמענט. דערמאן דיך די רייטערס וואס זיינען אויף זיי געזעסן און געשפיגן מיט פייער און מיט צארן. אן אפאקאליפטישע ארמיי — וואס שפייט צארן... און דאס אלץ איז אין איין זון־אונטערגאנג פארניכטעט געווארן דורך די יידישע שטרייטער — דורך די גאטס־פארכטיקע יידן — וואס האבן העלדיש געקעמפט אונטער ברק דעם זון פון אבינועם פון קדש־נפתלי און אונטער „דבורה, א פרוי א נביאה, די ווייב פון לפידות׳ן, זי האט געמשפט ישראל אין יענער צייט״...

און בשעת איך קוק אריין אינם קלארן, דורכזיכטיקן וואסער, וואס באוועגט נישט מיט קיין כוואליע, אזוי ווי עס וואלט געווע

א טויטער, שטייענדיקער טייך, אזוי ווי ער וואָלט נאָר געווען געבוירן געוואָרן כדי אין זיינע געדערים צו פאַרצערן דאָס אייזן פון פאַרגאַנגענע אַרמייען, לייכט פלוצלונג אויף אַ גרויס געשטאַלט אונטערן וואַסער. ער גייט אַפיר פון אונטער די רייטוועגן — אַ ריזיקע פיגור, שווער איז זיין סקעלעט באַדעקט מיט פלייש. און פול מיט קאַליר און מיט דראַאונג זיינען זיינע קליידער. ער איז באַוואָפנט פון קאָפּ ביז צו די פיס — ווי געפּאַנצערט. איך דערשרעק זיך. איך דערקען אים. דאָס איז דאָך דער באַרימטער גענעראַל סיסרא, וועגן וועמען איך לערן אין תנך: „און גאָט האָט פאַרטומלט סיסרא'ן און אַלע רייטוועגן און דעם גאַנצן חייל מיטן שאַרף פון שווערט פאַר ברק'ן; און סיסרא האָט אַראָפּגענידערט פון זיין רייטוואָגן, און איז אַנטלאָפן צו־פוס"...

וואוהין לויפט דער באַרימטער, דער שטאַרקער, דער אייזערנער גענעראַל סיסרא? פלוצלונג ברענט די ערד אונטער דיינע פיס, באַרימטער גענעראַל! די פלאַנצן, די דערנער, די בייזע געוויקסן שטעכן דיינע פוס־טריט, דיינע פיס בלוטיקן. אַלע דערנער זיינען איצט צו אייזן געוואָרן און זיי שטעכן דיך, זיי נעמען נקמה אָן דיר. דיין אַרמיי איז פאַרניכטעט. צום גרונט פון טייך קישון נידערן דיינע רייטוועגן, די מידע און די טויטע סאָלדאַטן. וואוהין לויפסטו? קענסטו אַנטלויפן פון דיין גורל, העלקער? איז פאַראַן אַ נאַקעט און וויסט אָרט אויף דער וועלט וואו עס הענגט נישט די דאַמאָקלעס־שווערד איבער דיין שאַרבן? די היץ ברענט. דאָס גאַנצע אייזן פון דיינע ניין־הונדערט רייטוועגן איז אַריין אין דער זון. האָט זיך צעשמאָלצן און ברענט איצטער איבער דיין קאָפּ. דו לויפסט. און פאַרויס פון דיר לויפט, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, דיין גורל. דער הימל האָגלט מיט אייזערנע שטיינער איבער דיר. עס ברענט דיך אַ ווילדער דורשט. דו לויפסט אָן אָטעם — דו, משוגענער. דו מיינסט, אַז דו קענסט אַנטלויפן פון דיין פאַרברעכן. די טויטע ישראלים לויפן דיר נאָך — מיט צעריסענע גלידער — שווערע בלוט־טראָפּנס פאַלן אויף דיר ווי אייזערנע געוויכטער. אַ רעגן פון בלוט באַדעקט דיך, פאַלט פון בלוטיקע וואָלקנס. דו לויפסט — אין טויט־שרעק — דו, וואָס דו האָסט געוואָלט ברענגען טויט צו אַ גאַנץ פאָלק — צו אַ גאַנצער אַרמיי — צו זקנים, צו ווייבער און צו קינדער.

און אָט קויפט סיסרא „צום געצעלט פון יעל דער ווייב פון חבר דעם קיני; ווארים שלום איז געווען צווישן יבין דעם מלך פון חצור און צווישן דעם הויז פון חבר דעם קיני". און סיסרא, א בלייך־פארשוויצטער און פארבלוטיקטער — דערזעט ווי פון געצעלט ארויס גייט יעל און זי זאָגט צו אים:

— „קער איין, מיין האר, קער איין צו מיר; זאָלסט ניט מורא האָבן."

וואָסארא וואונדערלעכע סצענע:

פארלוירן די ארמיי; פארלוירן די ניין־הונדערט אייזערנע רייטוועגן; געלאָפן דורך פיינטלעכע וועלדער און פעלדער אין דער סמאליענדיקער היץ. נאָך דער גורל איז פריינטלעך — א פרוי שמייכלט ווידער צום גענעראל... צום באריממטן מלחמה־פירער... א פרוי — מיט צעלאָזענע פאסמעס האר, שווארצע, סאמעטענע, מיט אייל באגאָסענע, אזוי ווי איינלאדנדיק א געליבטן צו איר געלעגער... און אירע בריסט — זיי הויבן זיך צום ריטם פון איר האסטיקן אָטעם... אירע פולע, שמעקנדיקע, פיל־צוזאָגנדיקע בריסט!... איר בויגיק, איר גראציעז געשטאלט... די ברייטע, פולע, מוטערלעכע היפטן... דער זיסער צויבער פון דעם ווייב־לעכן וועזן... א, די פרוי, זי קומט נאָך טריאומפן, נאָכדעם ווי אויפן שלאכטפעלד זיינען געבליבן בערג מיט טויטע קערפערס פוןביידע ארמייען; נאָכדעם ווי די לאנדשאפט איז געפארבט אין שטראָמען בלוט, ווי אין א רעגן; נאָכדעם ווי דיין הארץ האָט ווילד געציטערט צום טאקט פון דער בייזער שלאכט; זי קומט נאָך טריאומפן — צו ווערן פון איר שמייכל באגריסט. צו ווערן קאָמפלימענטירט פון דעם שעפטש פון אירע ליפן — נאָך דעם דונער פון מלחמה. ווידער איז גוט צו פארוויילן איר איר ליבער, צארטער געזועלשאפט — אָפרוען די נערוון... עס איז די פרוי, די רייצנדע דאמע, וואָס באגריסט די ערשטע דעם זיגער. נאָך ברודיק פון פעלד, אין שטראָמען שוויים געבאָדן, אין טרערן פון אנגסט פארגאָסן.

און — זי קומט אויך נאָך א מפלה. עס געפינט זיך א געטרייע פרוי, וואָס באגריסט דעם זיך אהיימקערנדיקן פירער, א געשלאָ־גענער פון שונא. אמת, ס'גרייט דאָס פאָלק נישט צו קיין שאלנדע

מוזיק פאַר אים... שטיינער האָגלען שאַרף פון די פענצטער, ווי די מענטשן וואָלטן וואַרפן אויף אים ביזע, שטאָלענע מאַסקעס. אָבער די פרוי גיט אים באַשיצונג... עס איז אַ גרויסער מאָמענט — ער וועט אַזאַ פרוי טראָגן אין האַרצן איינגעשניטן, ביזן טויט, ווי אין אַ גאָלדענעם מעדאַליאָן. ער וועט זי אַריינשטעלן אין זיין האַרץ — ווי אַ בראָנז־מאָנומענט — אין אַ טיפער נישע אין די פעלזן... אַזאַ פרוי זעט אויס ווי אַ לאַנדשאַפט, ווי אַ פייכטע לאַנדשאַפט, נאָך אַ רעגן, נאָך אַ האָניק־זיסן רעגן, ווען די בלעטער פון די ביימער הייבן זיך ווידער אויף און טרינקען דורשטיק די שמעקנדיקע לופט. נאָך דערשראָקענע פונעם דונער און בליץ; ווען לופטיק הייבן זיך אויף די דינע בלומען, אין אַ שטיל, תפילה'דיק ליד צום הימל; ווען די פלאַנצן בויגן אויס זייערע פאַרקלעמטע גלידער און הייבן זיך הויך צום הימל אין אַ מעכטיקער דאַנקזאָגונג; ווען די ערד, פייכט און וואַרים, אָטעמט־אויף און איז פול מיט גוטסקייט. און ווען דאָס שפיל פון דעמערונג עפנט זיך און שאָטנס גייען אַרויס פון דער ערד און פילן זיך פריי אין דעם בלויען אָנקום פון דער נאַכט. ווען בלויע געשטאַלטן שטייגן אויס, ווי בלויע זייקן, פון דער ערד ביז צום הימל — און נייגן זייערע וויינענדע קעפּ אין טרויער צוריק צו דער ערד, טראָגנדיק דעם הימל אויף די נאַקנס, ווי דעם סאַרקאָפאַג פון אַ טויטן קעניג...

אַזאַ פרוי איז ווי אַ פייכטע לאַנדשאַפט, נאָך אַ רעגן. דו פאַלסט־צו צו איר מיט טרערן אַ באַגאַסענער, פון דאַנקבאַרקייט, און דו ווערסט מיט איר איין וועזן פון ליבשאַפט, נאָך טעג און נעכט פון פרעמדקייט און אַנגסט. פון שפיל מיטן שיקזאַל און מיטן טויט...

מיטן טויט? יאָ. עס איז שוין נישט ווייט דער טויט פון דיר, באַרימטער סיסרא.

און, ער קערט איין אין דעם געצעלט פון יעל.

— „גיב מיר, איך בעט דיך, טרינקען אַביסל וואַסער, וואָרום איך בין דורשטיק" — שעפּטשעט סיסרא קוים מיט זיין הייזעריקן, טרוקענעם קול.

„האָט זי געעפנט דעם לאָגל מילך, און האָט אים געגעבן

טרינקען, און האָט אים צוגערעקט.״ און ער זעט ווי שיין זי איז! זי בויגט זיך ציטערנדיק אריבער אים און באַרירט זיין שטערן מיט אירע קאַלטע ליפּן. ווי אייז־קאַלט זיי זיינען! ווי מאַרמאָר־קאַלט. די פרויען פון גראַניט, אויף שטיינערנע פּעדעסטאַלן, האָבן וואַרע־מערע ליפּן. ער באַרירט זי, ער גלעט איר פּלייצע — נאָר זי שווי־דערט פון זיין גלעט. ער איז מיד. ער מוז שלאָפן... ער מוז אויף אייביק איינשלאָפן. אַזוי הייסט אים די מאָדנע, ציטערנדיקע פרוי... אַזוי הייסט אים דער גאָט פון געשיכטע. געציילטע מינוטן צום לעבן זיינען איצט פאַר דיר, גענעראַל. אָבער זיי טריפן אויס. זיי רינען אויס — אָט שוין — די לעצטע טראָפּנס לעבן רינען איבער דיר פון שוואַרצן מויל פון צייט — רינען אויס ווי גאָלדענע טראָפּנס האָניק פון אַ גאָלדענעם סלאָי — — —

— „שטעל זיך אין איינגאַנג פון געצעלט, און עס וועט זיין, אַז אימעצער וועט קומען, און וועט דיך פרעגן און זאָגן: איז דאָ פאַראַן אַ מאַן? זאָלסטו זאָגן: ניין.״

זיכער, זי וועט קיינעם נישט אַריינלאָזן. זי וועט אַליין אַכטונג געבן אויף דיר. אָט שטייט זי פאַר דיר אין ציטערניש. אין מענטשלעכן אַנגסט. זי וואַרט, אַז סיסרא זאָל שליסן זיינע אויגן. און ער, ווי דורך אַ מאָדנע געפיל פון שרעק באַהערשט, וויל זיי נישט שליסן. טויטלעך מיד, אַזוי ווי ער וואָלט פילן אין זיין קערפּער די וואָג פון דער גאַנצער ערד, ראַנגלט ער זיך דאָך מיט דער זיסקייט פון שלאָף. עס דאַכט זיך אים, אַז ווען ער וועט שליסן זיינע אויגן — לאָזט זיך אַראָפּ די נאַכט אויף אים. אַן אייביקע נאַכט. און די פרוי וואָס שטייט איבער אים — וועלכע אַנגסט אין איר בליק! אויס ליבשאַפט? צי אויס — האַס? ווער איז זי, די דאָזיקע פרעמדע פרוי, ווי אַ וואַלקירע דאָ שטייענדיק? עס טראָגט זיך שלעכטס פון איר. אַזוי ווי דאָס שלעכטס פון אַ פיינטלעכער אַרמיי. אַך, ווי ער וואָלט וועלן אויפשטיין, גרייפן דעם קינזשאַל און איר דורכשטעכן די בריסט! ווי אירע אויגן קוקן אויף אים מיט ביטערער פאַראַכטונג! עס איז אַ שונא. אַ שרעקלעכער שונא. נאָר אָט טוט זי אַ שמייכל. איר פּנים לויכט־אויף. פאַרענדערט זיך. עס איז נישט קיין שונא. עס איז אַ פריינדין. אַ זיסע פריינדין, ווי אַ לאַנדשאַפט, נאָך פייכט און וואַרים פון רעגן, וועלכן אַ פאַרוואונדעטער סאָלדאַט דערגרייכט

נאָך טעג פון וואָגל. ער פאַלט־צו צום גרינעם גראָז, צום לייב פון דער ערד, ער גראָבט זיך איין אין איר און פאַלט אריין אין א טיפן, אין א שטיינערנעם שלאָף...

זי שטייט ביי דער טיר. זי וועט אליין אכטונג געבן אויף דיר, סיסרא. און ווי נאָר דו ביסט איינגעשלאָפן אינם שטיינערנעם, אומפארמיידלעכן שלאָף —

„האָט יעל די ווייב פון חבר'ן, גענומען א געצעלט־פלעקל, און אריינגעטאָן דעם האמער אין איר האנט, און זי איז שטילער־הייט צוגעגאנגען צו אים, און האָט אריינגעהאקט דאָס פלעקל אין זיין שלייף, ביז עס איז אריין אין דער ערד, און ווי ער איז געשלאָפן, אזוי האָט ער געחלשט און איז געשטאָרבן.

ערשט ברק יאָגט נאָך סיסרא'ן; איז אים יעל ארויסגעגאנגען אנטקעגן, און האָט צו אים געזאָגט: קום און איך וועל דיר ווייזן דעם מאַן וואָס דו זוכסט. איז ער אריינגעגאנגען צו איר, ערשט סיסרא ליגט טויט מיטן פלעקל אין זיין שלייף." — — —

אָפּגעטאָן איר היסטאָרישע טאַט— פארשווינדט יעל פון די בלעטער פון תנ"ך. זי איז בלויז דערשינען אויף דער אויבערפלאַך פון געשיכטע, ווי א כוואַליע, כדי אויסצופירן גאָט'ס שטראָף אויפן באַרימטן גענעראַל.

סיסרא פאַלט — און מיט אים און זיין ארמיי פאַלט יבין דער מלך פון כנען פאר די קינדער פון ישראל.

„און די האנט פון די קינדער פון ישראל איז געוואָרן אלץ שווערער אויף יבין דעם מלך פון כנען, ביז וואנען זיי האָבן פארשניטן יבין דעם מלך פון כנען." — — —

די לבנה לויכט איבערן וואסער אלץ דורכזיכטיקער און קלאָרער. דאָס געשטאַלט פון סיסרא צעפאַלט אינם וואסער, עס פארקנוילט זיך אין די רייטוועגן. רויט ווי בלוט איז דער זשאוווער — און אָט לייכט־אויף א הערלעך געשטאַלט איבערן וואסער־שפּיגל, איבער די נייַן־הונדערט אייזערנע רייטוועגן — עס איז דאָס געשטאַלט פון ברק דעם זון פון אבינועם פון קדש־נפתלי. דער תנך רופט אים ארויס פון צייט — אָן אפילו צו באַשרייבן זיין פּערזענלעכקייט. זיין אויסזען. ער איז וויכטיק אויסצופירן א געטלעכע שליחות. ווער איז ער? פון וואנען קומט ער? אויף

וועלכער גרינער און אידילישער שטרעקע ערד האָט ער אין דער קינדהייט די סטאַדעס שעפּסן געפּיטערט? אין וועלכער נאַכט האָט ער זיך אינטים באַקאַנט מיט גאָט? — ער ציטערט אינם וואַסער־שפּיגל ווי אַ גייסט. אָבער איך קען זען זיינע טונקעלע, געקרויזטע האָר. העלדן, ווי שמשון הגבור, ווי בר כוכבא, ווי יהודה המכבי, האָבן אַזעלכע געקרויזטע, שוואַרץ־שטאָלענע לאָקן. און אויגן יידישע ברענען אין זיין בלייך, לויטער, יינגליש געזיכט. צוויי ברענענדיקע כוחות טרייבן אים צו דער טאַט — צו פאַר־ניכטן די פיינטלעכע אַרמייען פון סיסראַ'ן — וואָרום צוויי גרויסע ליבע־געפילן ברענען אין זיין ברוסט: איינס — צום יידישן פאָלק; דאָס צווייטע — צו דבורה הנביאה...

דער תנך ווייסט בלויז צו דערציילן:

„און זי איז געזעסן אונטער דבורה'ס טייטלבוים צווישן רמה און צווישן בית־אל, אין דעם געבערג פון אפרים, און די קינדער פון ישראל זיינען אויפגעגאַנגען צו איר משפט. האָט זי געשיקט און האָט גערופן ברק'ן דעם זון פון אבינועם פון קדש־נפתלי, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, גאָט דער האר פון ישראל האָט באַפוילן: גיי און זאָלסט ציען צום באַרג חבור, און נעמען מיט דיר צען־טויזנט מאַן פון די קינדער פון נפתלי און פון די קינדער פון זבולון. און איך וועל אַריבערציען צו דיר, צום טייך קישון, סיסרא דעם פירער פון יבינם חייל, מיט זיינע רייטוועגן און זיין מחנה, און איך וועל אים געבן אין דיין האַנט."

וואָלט ברק בן אבינועם געווען אַ געוויינלעכער גענעראַל, מיט אַמביציעס צו פאַרבלייבן אין דער געשיכטע ווי אַ געניאַלער סטראַטעגיקער און ווי אַזאַ וואָס וויל אַליין פּלאַנירן זיינע פעלד־צוגן — וואָלט ער נישט אָנגענומען דבורה הנביאה'ס פאָרשלאָג, כמעט באַפעל. וואָסאַרא זין האָט עס צו פירן מלחמה — ווען אַ פרוי האָט שוין פריער באַשטימט דעם אויסגאַנג, דעם רעזולטאַט. און ווען דער זיג וועט קומען — איז עס אַדאַנק אַ פרוי, וואָס האָט אין זיינע הענט איבערגעגעבן פון פאָרויס סיסראַ'ן מיט זיינע רייטוועגן און זיין גאַנצער מחנה?!

דער אוראַלטער כראָניק־שרייבער פון די „שופטים" באַ־שעפטיקט זיך נישט צופיל מיט פּסיכאָלאָגישע חקירות. די העלדן קומען און פאַרגייען ווי אין אַ דראַמע. דער צושויער פון אַמ־דער

קאָסמישער דראַמע פּרעגט נישט וואָס די העלדן טוען איידער זיי דערשיינען אויף דער סצענע — און וואָס זיי וועלן טאָן נאָכן דערשיינען אויף דער סצענע. זיי קומען אויספירן גאָט'ס שליחות.

ברק בן אבינועם בלייבט אַ מיסטעריעזע פיגור. זיכער נישט אַ פּראָפעסיאָנעלער מיליטערמאַן, ווייל אַזאַ וואָלט נישט רעדן צו אַ פרוי ווי דער תנ"ך דערציילט:

„האָט ברק צו איר געזאָגט: אויב דו וועסט גיין מיט מיר, וועל איך גיין; אויב אָבער דו וועסט נישט גיין מיט מיר, וועל איך נישט גיין. האָט זי געזאָגט: גיין וויל איך גיין מיט דיר, אָבער נישט דיינער וועט זיין דער כבוד אויף דעם וועג וואָס דו גייסט, וואָרום אין דער האַנט פון אַ פרוי וועט גאָט איבערענטפערן סיסראַ'ן."

ברק שטימט איין, ווען דבורה וועט מיט אים גיין... עס איז דער איינציקער פאַל אין דער וועלט־געשיכטע, ווען אַ גענעראַל רירט זיך אין דער שלאַכט — בלויז מיטן באַדינג, אַז אַ פרוי באַגלייט אים...

דער פּראָפעסיאָנעלער נאָוועליסט קען בלויז זען די אומגעהייערע ווירקונג, זיכער אַ ראָמאַנטישע, אַ ספּיריטועלע, וואָס דבורה הנביאה האָט אויפן בלייכן גענעראַל. עס איז פיליכט איינער פון די שענסטע ראָמאַנסן אין דער וועלט־ליטעראַטור — צווישן אַ גענעראַל און אַ פּראָפעטין... מיר קענען זיך פאָרשטעלן, מיר קענען טריט ביי טריט נאָכפאָלגן דעם גענעראַל און דער מעכטיקער זשאַן ד'אַרק פון תנ"ך — זיין געליבטע...

האָט נישט אויפגעציטערט דער שלאַנקער, שיינער און מעלאַנכאָלישער ברק, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען דבורה'ן... אליין ליגנדיק אויפן פעלד, קוקנדיק צו די שטערן, אין דער סאַמעטענער נאַכט — האָט ער זי געזען אויפסניי אין זיין דמיון. ווי צאַרט און ווייבלעך־פאַרצויבערט זי האָט צו אים געשמייכלט — און ווי היפּנאָטיזירנד איז געווען איר ווילן. דער קאָפּ מיט פעך־שוואַרצע האָר האָט זיך נערוועז געוואָרפן, ווען זי האָט צו אים גערעדט — און גלייכצייטיק דער ציטער פון אירע בריסט. ווי אַ רוימערין, אַזוי ווי אַ רוימישע סטאַטוע — איז זי פאַר אים געשטאַנען... דאָ — ווייבלעך־עראָטיש... דאָ — נביאיש־

שטרענג... און מער האָט ער זי נישט געקענט פאַרגעסן. עס איז א געשטאַלט וואָס וועט אים באַגלייטן אויף אַלע זיינע לעבנס־שריט און געפערלעכע אונטערנעמונגען. די דאָזיקע פרוי האָט געלויכטן מיט א ליכט וואָס איז אומערדיש. מיט א פייער וואָס קומט פון גאָט. זי האָט געטראָגן גאָט׳ס פלאַמיקן זיגל אויף איר שטערן. און ברק, ווען ער האָט מיט זיינע מחנות געקעמפט קעגן סיראַ׳ס פייערדיקע רייטוועגן — האָט נישט נאָר געשטריטן פאַר זיין פאָלק — נאָר פאַר א פרוי... עס איז געווען א דועל פאַר א דאַמע... דער אוראַלטער דועל פון א ריטער — וואָס איז געווען פאַרליבט אין א נביאה, אין א פאָעטעסע, אין א ריכטערין...

און ווי זי איז זיכער מיטן נצחון. אין איר האַנט, ווי זי זאָגט דייטלעך, האָט גאָט איבערגעגעבן סיסראַ׳ן און זיין אַרמיי... און מיר קענען זיך פאָרשטעלן יענעם מאָמענט, ווען די שלאַכט האָלט ביים געוואונען ווערן, ווען דאָס בלוטיקע פעלד איז פאַר־זייט מיט טויזנטער טויטע, אויפן פאָן פון א בלוטיק שלאַכט־פעלד — אומהאַלדזן זיך צוויי פיגורן: דער שלאַנקער גענעראַל און דער ווייבלעכער שופט. א ריכטערין איז דבורה — וואָס משפט נישט נאָר ערדישע זאַכן... זי משפט פעלקער און לענ־דער... זי משפט סיסראַ׳ן — און זי פירט אַליין אויס דעם אור־טייל איבער אַן אַרמיי... אין איר האַנט לייגט גאָט די וואָגשאָל פון גערעכטיקייט — און איבער די געשעעניש פון דער ערד דערהויבט זיך אַן ערדישע ריכטערין — דאָס געשטאַלט פון א גרויסער, הערלעכער פרוי, וואָס באַהערשט מיט דער אויטאָריטעט פון גאָט דאָס קאָסמישע ספּעקטאַקל.

יאָזעפוס פלאַוויאוס דערציילט, אַז ווען ברק („דער בליץ" — אין העברעאיש), האָט דערזען די מחנה פון סיסראַ׳ן, האָט ער זיך און זיין אַרמיי דערשראָקן און זיי האָבן געוואָלט צוריקמאַרשירן. (דאָס איז נישט קיין צו גרויסער קאָמפּלימענט צו א גענעראַל...) אָבער דבורה דערשיינט און זי באַפעלט מיט א מיסטישער קראַפט צו קעמפן קעגן דעם שונא, און צו קעמפן דעם זעלבן טאָג און — זיי זיגן.

פלאַוויאוס דערציילט מער ווי דער תנך. די שלאַכט פאַנגט זיך אָן. עס איז א שלאַכט צווישן ברק־דבורה מיט צען־טויזנט יידישע קריגער — און סיסראַ, וועמענס שטאַרקע אַרמיי, וואָס

האָט געהאַלטן די יידן צוואַנציק יאָר צייט אין אונטערדריקונג — צײלט דריי־הונדערט־טויזנט אינפאַנטעריע, צען־טויזנט רייטער און דריי־טויזנט אַרטילעריע. און ווען ביידע אַרמייען זיינען זיך צוזאַמענגעקומען, איז אַרויס פון הימל אַ גרויסער שטורם, מיט אַ רעגן און אַ האָגל און אַ שטאַרקן ווינט. דער ווינט בלאָזט דעם האָגל און דעם רעגן אין די געזיכטער פון סיסראַ׳ס קעמפער, און מאַכט זיי אַזוי בלינד, אַז זיי קענען נישט צילן אינם שונא מיט זייערע פייל־און־בויגנס און שפּיזן. די קעלט האָט פּאַרגליווערט זייערע הענט, אַזוי אַז זיי האָבן זיך נישט געקענט באַנוצן מיט די שווערטן. די יידישע שטרייטער, וויסנדיק אַז גאָט העלפט זיי, זיינען אַריינגעדרונגען טיף אין די מחנות פון שונא, האָבן גע־טויט די קעמפער, וואָס פילע פון זיי זיינען אין בלוטיקן כאַאָס געפאַלן אונטער זייערע פערד און געטויט געוואָרן פון די אייגענע מחנות.

ברק, נאָכן זיג איבער סיסראַ׳ן און זיין אַרמיי, קעמפט אויך מיטן קעניג „יבין, דעם מלך פון כנען, וואָס האָט געקיניגט אין חצור" און טויט אים. ברק פאַרניכטעט זיין הויפּשטאָט ביזן גרונט און ער ווערט מאַרשאַל פון די יידישע אַרמייען פאַר פערציק יאָר לאַנג.

דבורה הנביאה איז דער מעכטיקסטער כאַראַקטער אין דער דראַמע. זי אָרגאַניזירט דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז געווען פילע יאָרן אונטערדריקט אונטער די כנעניטן, צו אַ זעלבסטבאַוואוסט־זיניק, רעוואָלטירנדיק פאָלק. עס איז זי וואָס באַשטימט דעם טאָג ווען גאָט וועט פאַרויסגיין פון די יידישע אַרמייען. דעם דאָזיקן אָנגעצונדענעם טאָג — און נישט קיין אַנדערן. עס איז זי וואָס גיט אַריין אין די שטרייטער אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלן קוראַזש און גלויבן אַז גאָט אַליין נעמט אָנטייל אין דער שלאַכט אויף דער זייט פון די יידן. עס איז זי וואָס ווײלט אויס דעם גענעראַל ברק בן אבינועם און דיקטירט זיינע מיליטערישע שריט. עס איז זי וואָס לאָזט נישט די העברעאישע מחנות צוריקלויפן און זי רופט אַרויס דעם שטורם פון די הימלען און די ביטערע קעלט וואָס זאָל דעם שונא צעטומלען און אַנטוואָפענען.

איבער דער שטרעקע פון צייט — גייט זי אויף אַ פלאַמענ־דיקע. ווי אַ זייל פון פייער — בלייבט זי אויף אייביק אוועק־

געשטעלט אין תנך. קיינער קען איר נישט אומוואַרפן. נישט אַפילו מאַכן זי צו וואַקלען. איר פּעדעסטאַל איז אַוועקגעשטעלט אויף גראַניט — אומצעברעכלעך. זי דערשיינט ווי אַ מיסטישע פּערזאָן, ווייל איר זיכערקייט אין זיג פון ישראל איז אַזוי אומדערשיטער־לעך. עס איז ווי דער טריאומף וואָלט איר פון פאָרויס פאַרזיכערט געוואָרן דורך אַ צייכן. מיט דער דאָזיקער זיכערקייט שטעקט זי אָן די יידישע קעמפער און דעם גענעראַל זעלבסט. אַ מעכטיקע העלדין — אַ פּראָפעטין — דערשיינט זי אין תנך, אויפן פּאָן פון דער שלאַכט, און וועלכער דער הימלישער שטורם דעצידירט דעם פאַרנעם און דעם אויסגאַנג. דאָס גאַנצע שטיק געשיכטע ווערט דיריזשירט דורך איר — און באַשטימט דורך איר זשעניע און כאַראַקטער. און ווען די שלאַכט איז געענדיקט — גייט־אויף דבורה אין אַ נייער ראָלע — אַלס דיכטערין. זי זינגט אַ ליד וואָס איז אומשטערבלעך. זי בלייבט שטיין אין תנך — ווי די דיכטערין פון איין־אייניציק ליד, אַזוי ווי זשול דע ליל בלייבט שטיין אויפן פאָן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — ווי דער דיכטער פון דער „מאַרסעליעזע”. דבורה'ס ליד איז אַן אַרויסרוף צו אַלע שונאים פון די יידן און אַ הילכיק טריאומף־געשריי פון אַלע יידישע גענעראַציעס — און די פערזן פון דעם דאָזיקן ליד שטראָמען, ווי טייכן פון פייער, אַזוי:

„האָט געזונגען דבורה און ברק דער זון פון אבינועמען
אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן:

אַז מען לאָזט די האַר ווילד אין ישראל,
אַז דאָס פאָלק באָט זיך פרייוויליק אָן,
טוט לויבן גאָט!
הערט איר, מלאכים; פאַרנעמט איר, פירשטן,
איך, צו יהוה וועל זינגען.
איך וועל שפּילן צו יהוה דעם גאָט פון ישראל.
גאָט, אַז דו ביסט פון שעיר אַרויס,
אַז דו האָסט פון אֶדומס פעלד געשפּרייזט,
האָט די ערד געציטערט.
אויך די הימלען האָבן געטריפט.
יאָ, וואָלקנס האָבן וואַסער געטריפט.

בערג זיינען צערונען פאַר יהוה,
דער דאָזיקער סיני — פאַר יהוה דעם גאָט פון ישראל.
אין די טעג פון שמגר דעם זון פון ענת,
אין די טעג פון יעל, האָבן שליאַכן אויפגעהערט,
און וועג־גייער פלעגן אויף קרומע וועגן גיין.
אויפגעהערט האָבן פירער אין ישראל, אויפגעהערט,
ביז דו, דבורה, ביסט אויפגעשטאַנען,
אויפגעשטאַנען אַ מוטער אין ישראל.
נייע געטער האָט מען אויסדערוויילט,
דרום איז מלחמה געווען אין די טויערן;
אויב אַ שילד און אַ שפּיז איז אָנצוזען געווען
און פערציק טויזנט אין ישראל!
מיין האַרץ צו די הערשער פון ישראל,
די פרייוויליקע צווישן דעם פאָלק;
טוט לויבן גאָט!
איר, וואָס רייט אויף אייזעלינס ווייסע;
איר, וואָס זיצט אויף דעקעם;
און איר, וואָס גייט אויפן וועג —
רעדט דערפון!
מער ווי ליאַרעם פון פיילשיסערס
איז צווישן די שעפּקאַריטעס;
דאָרטן דערציילט מען די גערעכטיקייט פון גאָט,
די גערעכטיקייט פון זיין פירערשאַפט אין ישראל.
דענסמאָל האָט געגידערט
גאָט׳ס פאָלק צו די טויערן..
דערוועק דיך, דערוועק דיך, דבורה,
דערוועק דיך, דערוועק דיך, דער געזאַנג!
שטיי אויף, ברק,
און פאַנג דיין געפאַנג, זון פון אבינועם!
דענסמאָל האָט ער אַן איבערבלייב געמאַכט געוועלטיקן
איבער אַ מאַכטיקן פאָלק;
גאָט האָט מיך געמאַכט געוועלטיקן איבער די גבורים.
פון אפרים זיינען געקומען די וואָס וואָרצלען אין עמלק,
נאָך דיר, בנימין, מיט דיינע מחנות;

פון מכיר האָבן הערשער געניִדערט,
און פון זבולין די, וואָס טראָגן אַ שרייבער־שטאָק.
און די האַרן פון יששכר מיט דבורה'ן;
און יששכר, ווי ברק,
האָט געלאָזט זיך אין טאָל, הינטער אים.
ביי די טייכן פון ראובן
איז דער איבערלייג געווען גרויס.
וואָס ביסטו געזעסן צווישן די שאָפּגעהעפטן,
צו הערן דאָס מעקן פון סטאַדעס?
ביי די טייכן פון ראובן
איז דער איבערקלער געווען גרויס.
גלעד האָט אויף יענער זייט ירדן גערוט;
און דן פאַרוואָס ווײַלט ביי די שיפן?
אָשר איז געזעסן ביים באָרטן פון ים,
און ביי זיינע אויסגוסן געטאָן רוען.
זבולין איז אַ פאָלק,
וואָס האָט איינגעשטעלט זיין זעל צום טויט,
און נפתלי —
אויף די הייכן פון פעלד.
מלכים זיינען געקומען, מלחמה געהאַלטן.
דענסמאָל האָבן מלחמה געהאַלטן די מלכים פון כנען
אין תענך ביי די וואַסערן פון מגדו;
קיין רויב פון זילבער האָבן זיי נישט געקראָגן.
פון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן,
די שטערן פון זייערע שטעגן
האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסרא'ן.
טייך קישון האָט זיי אַוועקגעפלייצט,
טייך אַלטער, טייך קישון.
טרעט אויף מיט מאַכט, מיין זעל!
דענסמאָל האָבן געקלאַפּט די טריט פון פערד,
פון די שפּרונגען, די שפּרונגען פון דיינע אַגערס.
שילט מרוז, האָט געזאָגט דער מלאך פון גאָט,
שילטן שילט אירע באַוואוינער,
ווייל זיי זיינען ניט געקומען צו דער הילף פון גאָט,

צו דער הילף פון גאָט, צווישן די גיבורים!
געבענטשטער פון אַלע ווייבער זאָל זיין יעל,
די ווייב פון חבר דעם קיני,
פון אַלע ווייבער אין געצעלט, זיין געבענטשטער.
וואַסער האָט ער געבעטן — מילך האָט זי געגעבן,
אין אַ קרוג פון פירשטן האָט זי שמאַנט דערלאַנגט.
איר האַנט האָט זי אויסגעשטרעקט צום פלעקל,
און איר רעכטע צום אַרבעטער־האַמער,
און געהאַמערט סיסראַ'ן, צעקלאַפּט זיין קאָפּ,
און געלעכערט און דורכגעהאַקט זיין שלייף.
צו אירע פיס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט,
געפאַלן, געלעגן;
צו אירע פיס זיך אַראָפּגעלאָזט. געפאַלן;
וואו זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָרט דער'הרג'עט געפאַלן.
דורכן פענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט,
דורך דער פאָרטקע, די מוטער פון סיסראַ'ן;
וואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען?
וואָס שפּעטיקן זיך די טריט פון זיינע געשפּאַנען?
די קלוגע פון אירע שררות'טעס ענטפערן.
יאָ, זי אַליין גיט אַן ענטפער צו זיך:
פאָרוואָר, זיי געפינען, זיי טיילן דעם רויב,
אַ מיידל, צוויי מיידלעך פאַר איטלעכן מאַן;
רויב פון פאַרבן פאַר סיסראַ'ן,
רויב פון פאַרבן געשטיקטע,
פאַרב שטיקערייען פאַר'ן רויבנעמערס האַלדז.
אַזוי זאָלן אונטערגיין אַלע פיינט דיינע, גאָט!
און זיינע ליבהאָבער זאָלן זיין
ווי דער אויפגאַנג פון דער זון אין איר שטאַרקייט.
— — — — — — — — — — — — — —
און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פערציק יאָר."
— — — — — — — — — — — — — —

עס איז געווען באַגינען, ווען די לבנה איז געוואָרן אַלץ בלאַסער און בלאַסער; דאָס וואַסער פון טייך קישון איז געוואָרן

מוטנער, טונקעלער; די געשטאַלטן פון ברק און דבורה הנביאה אויפן האָריזאָנט, ווי מאָנומענטן פון פעלשטיין, האָבן זיך פאַרלאָשן, צעגאַנגען ווי טינט אין וואַסער; און דאָס זשאַווער פון די ניין־הונדערט אייזערנע רייטוועגן איז פאַרגאָסן געוואָרן, ווי אַ זונאונטערגאַנג אויפן האָריזאָנט.

מיטן באַגינען זיינען אָנגעקומען רייטער אויף בראָנזענע זונענפערד און די גאָלדענע רייטער האָבן אויף מעשענע טראָמפּעטן אויסגעשאַלט דאָס ליד פון דבורה איבער אַלע אָנגעצונדענע לאַנדשאַפטן פון דער ערד. אַ גרויסער, טריאומפאַלער טאָג, מיט ווערטער אויף די ליפּן פון דבורה'ס זיגער־ליד — איז אויפגעגאַנגען צו די יידן און צו אַלע פעלקער פון דער ערד.

ניו-יאָרק, אויגוסט, 8, 1944.

ירמיהו הנביא

„...און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו מיר,
אַזוי צו זאָגן:
איידער איך האָב דיך אין מוטערלייב געפורעמט,
האָב איך דיך דערקענט,
און איידער דו ביסט פון טראַכט אַרויס,
האָב איך דיך געהייליקט;
אַ נביא פאַר די פעלקער
האָב איך דיך געמאַכט.“

דאָס זיינען די ווערטער פון דעם איינזאַמען און פאַרשאַלטענעם נביא. נישט אָן אַ באַשטימונג ווערט דער געניוס געבוירן. גאָט דערקענט אים אין מוטערלייב. און גאָט האָט אים געמאַכט צו אַ נביא — נאָך איידער ער איז פון דער מוטערטראַכט אַרויס. בעטהאָווען און מיקעל־אַנדזשעלאָ; גליצענשטיין און דאַנטע;

עראזמוס פון ראָטערדאַם און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ — זיי זיינען נישט קיין צופאַלן. קונסט, הויבע קונסט, איז באַרופן צו היילן. און דער געניוס — אין טאָן, אין קאָליר, אין שטיין, אין דיכטונג — איז באַרופן צו אַ געוואַלטיקע מיסיע. גאָט ווייזט אים אויס צו דינען דעם פאָלק. צו אומפאַסן די גאַנצע מענטשהייט. צו ברענגען טרייסט און געזונג צו די ליידנדיקע. אומצוהאַלדזן די דערנידעריקטע. צו וואַשן אין זיינע טרערן די פאַרלאָזענע. צו קושן די באַליידיקטע. צו רייסן שטיקער ליכט פון דער זון און אַרומצובינדען מיט זיי, מיט זון־באַנדאַזשן, די פאַרוואונדעטע פון דער שלאַכט פון לעבן. נביא זיין — מיינט זיין באַרופן פון גאָט. מיינט זיין — פאַרשאָלטן פון גאָט. נביא זיין — מיינט ליידן פאַר מיליאָנען. עס מיינט — צעפּלאַצט ווערן פון שמערץ. און דאָך זיין קאָנצענטרירט און צו שמידן פון שמערץ — חכמה.

און דער נביא ירמיהו, וואָס האָט — ווי מילטאָן, ווי ראָדען, ווי באַלזאַק, ווי טאָלסטאָי, דערפילט דעם גאַנצן גרויל פון זיין שרעקלעכער מיסיע — און האָט זיך אינסטינקטיוו געוואָלט ווערן קעגן אַ לעבן וואָס וועט זיך עפענען צו אים ווי אַ שרעקלעכע פּאַנאָראַמאַ פון ליידן און שמערץ, פון געשלעג מיט קעניגן און מיט פעלקער, פון געשלעג מיט שיקזאַל און מיט דער געשיכטע — דער נביא ירמיהו האָט זיך געפּרואווט אַנטקעגנשטעלן קעגן זיין שרעקלעכן גורל — און ער האָט געזאָגט:

— „וויי, גאָט דו האַר, איך קען דאָך ניט רעדן, ווארום איך בין אַ יינגל.
האָט גאָט צו מיר געזאָגט:
— זאָלסט ניט זאָגן: איך בין אַ יינגל, נייערט אומעטום וואו איך וועל דיך שיקן, זאָלסטו גיין, און אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן, זאָלסטו רעדן.. זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי, ווארום איך בין מיט דיר, דיך מציל צו זיין, זאָגט גאָט.“

קיין מעגלעכקייט זיך אַנטקעגנצושטעלן דעם ווילן און די באַשטימונג פון גאָט. עס איז אַן אייזערנער געזעץ. נביא מוז דער־פילן זיין גורל שוין אַלס קינד. און די ראָלע וואָס ירמיהו האָט פאַר זיך — ווייסט יעדער מענטש. די ראָלע פון קלאָג און יאָמער.

ער וועט מוזן צוזען מיט טרערן און מיט בלוט־פארלאָפענע אויגן דעם חורבן פון ירושלים און פון דעם הויז פון גאָט — דעם בית־המקדש. ער וועט מוזן צוזען ווי די שענסטע זין און טעכטער פון ישראל ווערן געשלאָגן. ער וועט מוזן צוזען דעם טויט פון די יינגסטע, פון די שטאַרקסטע און מעכטיקסטע. גאָט וועט אים צווינגען זיך אָנצוזען מיט ליידן וואָס קיין שטערבלעכער איז נישט אימשטאַנד צו זען. ער וועט צווינגען ירמיהון איינצוזאַפּן אין זיך אַלע קרעכצן, אַלע אומגליקן, אַלע יאָמערן פון זיין געפּייניקט פאָלק. ער וועט ליגן טיף אין פינצטערע קערקערס וואו קיין זון קומט נישט צו און וואו ראַצן און ווערים זיינען צו זיינע פיס. און, ער וועט זיך וואַרגן אין דער קעל מיט גאָט׳ס ברענענדיקן וואָרט. ער וועט קיינמאָל נישט קענען אָפּוואַרפן גאָט׳ס הייליקן וואַנזין אין אים. עס וועט ווי אַ שרעקלעך פייער אים פאַרצערן און טרייבן צו די שוועלן פון די מעכטיקע צו פּראָפּעצייען זייער גורל. זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי — דונערט עס און ציטערט דורך זיין נפש מיט די רייד פון גאָט אין זיינע אויערן. און ירמיהו האָט נישט קיין מורא. ער ווערט פון אַלעמען געשלאָגן. פון אַלעמען גע־קרייציקט. יעדער טיראַן איז איבער אים האַר. און זיין אייגן לעבן לעבט ער נישט. און שוין אַלס קינד איז ער אַ גרייז. „אומעטום וואו איך וועל דיך שיקן — זאָלסטו גיין" — איז מיט פייער אויסגעברענט גאָט׳ס באַפעל אויף זיין לייב; איז מיט בליי־שריפט אויסגעטאַטואירט אויף זיין האַרץ. און ירמיהו גייט. ער גייט אומעטום וואו גאָט שיקט אים. אין אַלע געפענקענישן און קער־קערס. ער גייט אין ווייטע לענדער פאַרוואָגלט ווערן. ער האָט נישט קיין מורא. גאָט איז מיט אים. ירמיהו ברענט מיט גאָט אין זיין האַרצן — מיט דעם גרויסן בליץ אין זיין האַרצן, וואָס באַלויכט זיין גאַנץ נפש...

און הגם דער נביא איז דער געפּאַלענער און פאַרפאָלגטער; הגם עס שלאָגן אים די קעניגן און די רייכע; הגם ער איז פאַר־שאָלטן צו ווידערשפעניקן און צו ווערן געשלאָגן פון ווינט און פון רעגן, פון שטורעם און פון האָגל, פון פיין און פון אומגליק, הגם ער איז דער קלאָון וואָס קריגט די פעטש און וועמענס פנים איז געפאַרבט אין אייגענעם בלוט —

דאָך, וועלכע אומגעהייערע מאַכט באַזיצט ער; וועלכע דונערנדע שטימע הערט זיך, אַזוי ווי אַ וואַלקנאויסברוך! וועלכן געוואַלטיקן כוח ער האָט — ווען ער דערפילט גאָט׳ס קראַפט אין זיך. ער שרעקט זיך נישט פאַר מענטש און פאַר נאַטור. ער האָט נישט קיין מורא און קיין צווייפל, קיין ציטערניש אין זיין האַרצן.

ירמיהו זאָגט:

„און גאָט האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט און צוגערירט צו מיין מויל, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט:

אָט האָב איך געגעבן מיינע ווערטער אין דיין מויל;
זע, איך האָב דיך געשטעלט היינטיקן טאָג
איבער די פעלקער און איבער די קעניגרייכן,
אויסצורייסן און איינצוּוואַרפן, און
אונטערצוברענגען און צו צערשטערן;
צו בויען און צו פלאַנצן.“

זעט וואָסאַראַ געוואַלטיקן כוח דער נביא האָט! דער געפּאַלענער און דער איינזאַמער, דער וואָס האָט נישט קיין צייט אַליין צו לעבן און האָט זיין לעבן איבערגעענטפערט אינם ווילן און באַפעל פון גאָט — קריגט פון גאָט אַן איבערערדישע מאַכט; די קעניגן וועלכע וואַרפן אים אין די קערקערס — קען ער אַרונטער־שליידערן און זיי פאַרניכטן. ער קען אויסרייסן מיטן וואָרצל און איינוואַרפן פעלקער און קעניגרייכן און זייערע פּאַלאַסטן און געבעטהייזער צו רואינען פאַרוואַנדלען. ער קען אונטערברענגען און צעשטערן מיטן גרויסע פייער פון וואָרט. דען דאָס וואָרט קען מאַכן ציטערן די פונדאַמענטן פון דער ערד. דאָס וואָרט האָט זיין גיפט און זיין האָניק. דאָס וואָרט קען טרייסטן און צעשטערן. עס איז דאָס וואָרט וואָס מאַכט רעוואָלוציעס און צינדט אָן קריגן. דאָס וואָרט — וועלכן אומגעהייערן אויפרייס־שטאָף עס האָט! וועלכן צעשטערנדיקן דינאַמיט! וועלכן ריטם און וועלכן קאָסמישן כוח! דאָס דאָזיקע וואָרט האָט גאָט אָנפאַר־טרויט צום נביא — און ער משפט דערמיט די פעלקער און זייערע מעשים — — —

און דאָס איז דער לוין צום נביא — זיין מאַכט און זיין קראַפט. ער דערפילט אין זיך געטלעכע כוחות. ער לעבט דאָס

לעבן פון גאָט. בלויז זיין מענטשלעך־שטערבלעכער גוף ווערט געשלאָגן. דערפאַר — וועלכע וויזיאָנען איבער שטעט און לענדער צינדן זיך פאַר אים אָן! וועלכע אַקטיוויטעט איבער דער וועלט־געשיכטע. ער וואַקסט הויך אַרויס פון זיין דור — מיט טויזנט פלאַמענדיקע קעפּ העכער — און ער קוקט שטאָלץ אַריבער פעלקער און דורות.

אין די אויבנציטירטע ווערטער — ביים אָנפאַנג פון ספר ירמיהו — איז געצייכנט אויף אייביק דער גורל, די קללה און די מאַכט פון יעדן נביא, פון יעדן אמת'ן מאַרטירער־געניוס פון דער מענטשהייט. ער איז פאַרשאָלטן און געבענטשט פון גאָט.

ניו־יאָרק, מערץ, 15, 1945.

יהודה בן שלמה חריזי

עס איז אַזאַ גרויער, קאַלטער טאָג. איך קוק אַרויס צום גאָרטן. די ערד איז ווי צעשמאָלצענער בראַנדז. עס קאַפּעט אומ־אויפהערלעך אַ רעגן. איך צינד אָן דאָס ליכט אין מיין צימער, דאָס ליכט זאָל טריפן ווי האָניק איבער מיין קאָפּ. דער זומער איז ביים פינאַל. און אַלע אינסעקטן זיינען טויט. עס איז אַזוי טרויעריק אויף דער וועלט. און כדי צו ברעכן די מאָנאָטאָניע, עפן איך אויף אַן אַנטאָלאָגיע פון העברעאישע פּאָעטן. עס איז פון לידער, פונוואַנען עס רעדט אַרויס אַ מענטש, פון וועלכן — ווי דורך אַ פענצטער — עס קוקט אַרויס אַ פאַרגאַנגענער יאָרהונדערט. און אָט טרעף איך אָן אויפן ליד „מיידעלשע הענט״:

אין די מיידלשע הענט זינגט די האַרף,
און איר קול איז לויטער און שיין;
ווי אַ קינד וויינט אין מאַמעס שויס,
און זי זינגט און פאַרשפּילט זיין געוויין.״

און עס איז מיר ליכטיק געוואָרן אין האַרצן. אין דעם גרויען, נעפּלדיקן פרימאָרגן, ווען עס טריפט דער רעגן אַזוי ווי דאָס געוויין פון מלאָכים, וואָס מוזן שטאַרבן; ווען די ערד איז פייכט ווי האָניק. ווען אַ גרויסער טרויער באַהערשט די וועלט — האָבן די מיידלשע הענט פאַר מיר אויפגעלויכטן. דער פּאָעט האָט נישט באַזונגען די גאַנצע פיגור פון דער פרוי, איר רונדע, רענואַריש געזיכט, איר וואונדערלעך געשטאַלט. ווי אַזוי האָט זי אויסגעזען? איז זי געווען אַזוי ווי די פרוי וואָס איך האָב נעכטן ביינאַכט געזען אין קאַפע, בלויז אויף אַ מאָמענט, מיט גאָלד אין אירע האָר, מיט גאָלד אין אירע אויגן, מיט גאָלד אין איר פרישער, זיידענער הויט, מיט גאָלד אין איר דערשיינונג! זי איז געווען ווי אַ דער־שיינונג פון אַ חלום — און איך האָב זי געזען אין רויך, ווי אין אַ פּעלערינע איינגעהילט... און שפּעטער האָב איך דורך פילע גאַסן געבלאָנדזשעט און דורך דער פינצטערניש האָב איך זי געזען און מיין בליק געטיפט אין איר הערלעכקייט. און ווען איך בין אין באַגינען איינגעשלאָפן, האָט מיין גאַנצער גוף געציטערט...

וועלכע צויבערהאַפטע הענט לויכטן אַרויס פונעם ליד! יהודה בן־שלמה חריזי האָט דאָס ליד געשריבן אין דרייצנטן יאָרהונ־דערט. נאָך פאַר דער עקזיסטענץ פון דאַנטע אַליגיערי און פאַרן געבורט פון בעאַטריטשע. די ערד האָט אָפּגעפּיקט די הענט פון דער ווענוס פון מילאָס, אירע פּרעכטיק־געפאָרמטע אָרעמס — און האָט ווענוסן צוריקגעגעבן צו די מענטשן — אָן הענט... אַפילו ווי ענטוזיאַסטיש אירע פאַרערער זאָלן נישט זיין — זאָל זי זיי נישט קענען דריקן צום האַרצן, צו אירע פיין־געשניצטע בריסט. און דער פּאָעט חריזי באַהאַלט דעם קערפּער פון זיין העלדין — כדי אירע הענט זאָלן עלעקטריש לויכטן, ווי אַ מאָלעריי, וואָס האָט קאָנצענטרירט אין זיך אַזוי פיל זון.

און ווי אַזוי — טראַכט איך — האָט זי פּאָרט אויסגעזען? האָט זי געהאַט אַזאַ טרויעריק פּנים ווי די דאַמע, וואָס איך האָב נעכטן געזען? איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ קונסטגעשעפט און געזען, ווי זי באַליידיקט זיך, די דאַמע פון רענואַר'ס אַ בילד, ווייל איך קוק נישט אויף איר. איך בין געווען גערירט. איך בין צוגעגאַנגען.

וואַסאַראַ צוּיבערהאַפט געזיכט! און די האָר פֿאַלן איבער איר אַקסל — אין בונטע ליכט־שטראָמען, און איבער איר לינקער ברוסט — אַ צווייטער ליכט־רעגנבויגן. האָר — די גאַנצע צאַרטקייט פֿון זיין געניוס האָט דער איידעלער און ליכט־שפּרייטנדער רענואַר אין איר אַריינגעטון. זיין גאַנצע ליבשאַפט. דאָס מיידל איז אינ־גאַנצן ברוין, ווי אַ האַרף. און אַ ברוין ליכט טריפֿט פֿון אירע אויגן. און זי איז ערשט זעכצן יאָר אַלט — נאָר עס שוועבט איבער איר ווען אַ יאָרטויזנט. דער טרויער פֿון טויזנט גענעראַציעס. זי שמייכלט און זי וויינט. זי איז פֿעסט אַריינגעזעצט אין בילד, ווי אין אַ נישע פֿון גראַניט — נאָר זי ציטערט ווי אין אַ ווינט פֿון שמערץ. און איך שטיי ווי צוגעשמידט צו איר — אין דעם נעפּל, אין דעם טרויער פֿון דער וועלט. דאָס מיידל וויינט — און עס ווילט זיך מיר זי אַרומנעמען און מיט קושן אָפּקושן דעם גערדיכט־טריפֿנדיקן טרויער וואָס ווייעט פֿון איר, ווי אַ שוואַרצער שניי... עס ווילט זיך מיר זי אַרויסנעמען פֿון דער גאָלד־נישע און זי אַריינשטעלן אין בלוטיק־טריפֿנדיקן וואַקס פֿון מיין האַרצן.

און אָט דאַכט זיך מיר, אַז איך הער דאָס ליד וואָס יענע אומבאַקאַנטע מיידל פֿון אַלחריזים ליד שפּילט דורך נאַכט פֿון צייט. וועלכע גרויסע העברעאישע מעלאָדיע! און איך זע ווי די הענט ציטערן איבער די סטרונעס — ציטערן, צאַפּלען און ציפּן די ציטריקע און צאַרטע סטרונעס פֿון דער גאָלד־האַרף... און איר גאַנץ געשטאַלט ציטערט אין אַ ווינט פֿון שמערץ...

און טראַכטנדיק וועגן דער יעניקער, וואָס האָט באַזעסן אַזעלכע סענסיטיווע, טאַלאַנטפֿולע און כּישוף׳דיקע הענט און שמערצפֿול זיך אָנשטרענגענדיק אַרויסצוברענגען די איידלקייט פֿון דעם אייגנטימער פֿון די איידעלע הענט — קום איך אָן אומ־באַמערקט אויף חריזים אַ צווייט ליד „גהינום“ — און עס לויכט אויף אַ פֿרויענגעשטאַלט — בונט געמאָלן. רייך און מולטיקאָליר־פֿול. און איך דערפֿריי זיך: דאָס איז אָן צווייפֿל די דאַמע פֿון די הענט. נישט קיין אַנדערע ווי זי באַזיצט אַזעלכע שיינע הענט! און נישט קיין אַנדערע איז עס — וועמען דער גאַלאַנטער העברעיי־אישער דיכטער שענקט אַזוי פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט און מאָלט אַזוי גראַציעז און לויכטנד:

„די חנ'עוודיקע שיינקייט, וואָס איר פּנים
טוט ווי אַ פּערל ליכטיק שטראַלן;
און ווי דער בליאַסק פון פאַכנדיקע שווערטן
די בליקן פון די אויגן אירע פאַלן.
די רויטע ליפּן אירע פּליסן האָניק
און ס'בלאַנקען אירע ציין ווי די קרישטאָלן;
זי איז די פרייד און גליק פון מיינע אויגן —
קיין גרעסער גליק נישט אויסצומאָלן.
נאָר אין איר אַלץ־פאַרצערנדיקן פייער
טוט מיין נשמה גאָר אָן אויפהער ברענען;
די אויגן מיינע זעען דעם גן־עדן,
נאָר ס'צאַפּלט זיך מיין האַרץ אין גהינום."

דאָס איז זי — די דאַמע פון די פּאָר וואונדערלעכע מוזיק־הענט. און ווי פייערדיק דער פּאָעט מאָלט זי אויס — און דו טראַכסט, אַז דאָס איז נישט קיין ליד און קיין פּאָעט און קיין דאַמע פון דרייצנטן יאָרהונדערט... נישט זעקס הונדערט יאָר זיינען אָפּגעפלאָסן אינם אָצעאַן פון אייביקייט... עס איז די אומשטערבלעכע פרוי — יענע לעגענדאַרע פרוי, וואָס איך האָב ערשט לעצטע נאַכט באַקעגנט. ווי זי האָט געלויכטן... און נישט קיין זעקס הונדערט יאָר, נאָר זעקס טויזנט יאָר איז זי אַלט... עס איז די לויכטנדיקע חוה וואָס שטאַרבט קיינמאָל נישט... זייט אָדם האָט געגעסן פונם בוים פון לעבן — לעבט זי אין בליט און שטאַרבט קיינמאָל נישט... און איך בין געווען אַזוי גליקלעך וואָס איך האָב פון ביידע לידער געקענט אויפשטעלן דעם גאַנצן פּאָרטרעט — אין גאָלד־פאַרבן געמאָלן — פון דער אומשטערבלעכער דאַמע — וואָס דערשיינט צו אונז אין יעדן דור אין אַן אַנדער קלייד — וואָס זעצט זיך תמיד פּאָר — וואָס ווערט אויפסניי געבוירן און כישופט אומענדלעך אין דער וועלט. די פרוי — די העלדין פון אַ מיליאָן־בענדיקן ראָמאַן... — — — — און אין דעם גרויען האַרבסט־וועטער האָט מיך אַ וואונדערלעכע פרוי אַנגעצונדן און אינספּירירט אַן ביידע לידער זיינען געוואָרן צו איין ליד — צו איין גאַנצער פרוי, וועמענס הענט שפּילן אויף דער גאָלד־האַרף אַן אייביקע העברייאישע מעלאָדיע...

ניו-יאָרק, אָקטאָבער, 25, 1945.

דער אַנגעצונדענער ייד

איך געדענק אַז איך האָב וועגן אים געלייענט אַ מעשה'לע אין מיינע קינדער־יאָרן. עס איז געווען אַן אַלט, פאַרגעלט און פאַרזשאַוועט בוך פון אַנגעצונדענע לעגענדן און פאָלקס־פאַנ־טאַזיעס. און נאָכדעם ווי איך האָב געלייענט אין ברענענדיקן זון־אונטערגאַנג אַלערליי פאַנטאַסטישע מעשיות וועגן איינזאַמע צדיקים, וואָס לעבן מיט גאָט און מיט זייער אָרעמקייט — בין איך פּלוצלונג אַריינגעפאַלן אינם קעניגרייך פון טיפן שאָטן. און דאָרטן איז אויפגעגאַנגען אַ ייד — לויטער פייער. איך האָב, אַן איינגעהילטער אין זיידענע וואָלקנוואָלן, אונטער אַנגעצונדענע ביימער־קאַנדעלאַברעס, געלייענט וועגן דעם ייד וואָס פאַרלאָזט יעדער נאַכט דאָס גהינום, כדי אַנצוקלייבן אין וואַלד אַ בינטל פאַרטרוקענטע צווייגן, און שפּעטער טראָגט ער דאָס אויף זיינע מידע, אָפּגעריבענע אַקסלען, אויף דער בלוטנדער הויט, אין טויזנט איינזאַמקייטן פון דער נאַכט, אין גהינום אַריין, כדי פאַרברענט צו ווערן אויף זיין אייגענעם אָנגעקליבענעם האָלץ — פאַר זיינע זינד...

אַלע צדיקים־געזיכטער האָבן זיך אויסגעלאָשן — פאַר דער טראַגישער מאַסקע פון דאָזיקן אומגליקלעכן ייד. איך האָב אין שרעק געוואַנדערט דורך וועלדער און פעלדער. איך האָב מיין הויט און מיין געזיכט צעקראַצט און צעוואונדיקט אין די שאַרפע דערנער און צווייגן פון די פוילישע וועלדער; און דורך דעם וואַלד — ווי אַ שטורעם — טראָגט זיך דער רויטער, דער אַנגע־צונדענער ייד. ער האָט נישט מער דעם ערדישן גאַנג אין זיינע פיס — נאָר ער פליט. ער פליט נישט — נאָר ער טראָגט זיך מיט אַ דעמאָניש־ווילדן אימפּעט דורך די וועלדער. ער איז עלעקטריש־גאָלדן. ער טאָר זיך נישט אָפּשטעלן. ווי אַ בליץ — ברעכט ער צווייגן און ביימער. איך בעט אים זיך אָפּצושטעלן

אויף א ווייַלע — נאָר ער קען נישט. ער איז עלעקטריש געלאָדן. ער טאָר זיך ניט אָפּשטעלן.

ער, דער זינדיקער, טראָגט זיך מיט א הימלישער קראַפט איבער דער ערד. די בגדים אויף אים סמאָליען זיך נאָך פון פייער. זיין געזיכט איז אש־בלוי — פאַרברענט — פינצטער. נאָר די אויגן — די אויגן פון אומגעהייערן ווייטיק — בליצן ארויס פון אים ווי פייער. די האָר — אונטערן קליינעם יידיש־פּוילישן היטל — אָפּגעסמאָליעטע. ער שמעקט מיטן ריח פון געבראָטן פלייש...

— שטעל זיך אָפּ אויף א ווייַלע, אומערדישער ייד! — שריי איך צו אים, — דו ברענסט. טרינק דעם טוי פון די גראָזן. לעש דיך אויס און קיל דיך אָפּ אין די וואסערן פון דער ווייכסל, דו אָנגעצונדענער נביא!

— איך קען נישט! איך מוז קומען צו דער צייט! מען וואַרט אויף מיר כדי אָנצוצינדן דאָס פייער מיט דעם האַלץ וואָס איך טראָג אויף מיינע פּלייצעס!

— כדי דיך צו פאַרברענען! — שריי איך. — האָסטו נישט גענוג געברענט דורך די צייטן, די, אומגליקלעכער ייד? זיינען דיינע אברים און דיינע ביינער נישט דורכגעברענט פון א טויזנט שייטערהויפנס? פלאַצן נישט ארויס אומגעהויערע פלאַמען פון דיין האַרץ און צינדן אָן אַלע וועלדער? די ביימער, וואָס דו האָסט געברענט אין זיי — זיי זיינען, ווי דו, נישט פאַרברענט געוואָרן. זיי לויפן ארום — די אָנגעצונדענע ביימער — איבער דער ערד, און שרייען און קלאָגן א גרויס געשריי. שטעל זיך אָפּ, דו אַלטער, גרייז־גרויער ייד, שטעל זיך אָפּ אויף א ווייַלע. זע, די לבנה צינדט זיך אָן מיט די פלאַמען פון דיינע שייטערהויפנס — מיט טויזנט יאָר צוריק! עס ברענען די האָריזאָנטן — די ווענט פון גאָט'ס קעניגרייך! עס צינדן זיך אָן הימל און ערד. די גאַנצע נאַטור מאָנט גערעכטיקייט ביי גאָט! שטעל זיך אָפּ, ציטער נישט, וואַרף אַראָפּ דאָס בינטל האָלץ פון דיינע אַקסלען, שליידער דעם קרייץ פון דיינע פּלייצעס, אַזוי ווי משה האָט די לוחות גע־וואָרפן אָן די פעלזן. שליידער און צעברעך און לייג זיך נישט מער אויפן מזבח!

דער ייד האָט זיך איינגעהערט אין מיין געבעט. געציטערט האָבן אין שרעק פאַר מיינע ווערטער — זיינע שליפן. איך האָב

געהערט דעם רויש פון פליגל. דאָס האָבן מלאָכים אים מיט בייטשן געשמיסן איבערן לייב, אים געיאָגט דורך דעם וואַלד. דער ייד האָט זיך אויף איין מינוט אָפּגעשטעלט און אַזאַ גרויס געוויין, אַזאַ שרעקלעכער יאָמער האָט זיך געריסן פון זיין פאַרבלוטיקטער ברוסט — אַזאַ שרעקלעכער קלאָג האָט אויסגעבראָכן פון זיין האַרץ, ווי אַ דונער־קראַך און, ער איז פאַרשוואונדן פון מיינע אויגן — איבערלאָזנדיק אַן אייביקע וואונד אין מיין האַרצן. — — —

און יעדן פאַרנאַכט, ווען די זון גייט אונטער, זע איך לויפן דעם אַלטן, צוויי־טויזנט־יאָריקן גלות־ייד איבער די אָנגעצונדענע האָריזאָנטן. ער טראָגט אויף די פּלייצעס דאָס בינטל האָלץ, מיט וועלכן מען פאַרברענט אים. דער ייד ברענט און איך טראַכט: אין אַ נאַכט וועל איך אַרויפקומען אויף די הימלען און צעוואַרפן דעם מזבח און אַרויסרייסן דעם ברענענדיקן ייד פון די הענקער און מיט מיינע טרערן אויסלעשן די פלאַמען פון זיין לייב. — —

די כלה

גייענדיק איבערן בולוואַר, האָב איך דערזען אַ בלומען־געשעפט, און דאָרט איז געווען אויסגעשטעלט די כלה. די כלה — אַ ווייסע בעאַטריטשע, מיט רייך־צעבליטע בלומען אַרומגע־רינגלט. אין אַ וואונדערשיין העל און זוניק קלייד, וואָס סוגעסטירט אויף ריינקייט אין פאַמיליענלעבן, אויף אַ לויטער, זוניק גליק, אויף פרעכטיקע, גאָלדן־געמאָלטע קינדער אין דער צוקונפט, אויף אַ לעבן פון שיינקייט און פּאָעזיע. די כלה איז געווען אָנגעטאָן אין אַ זילבערנעם, זיידענעם קלייד. זיי איז געווען די קעניגין פון דאָ־זיקן בלומענגאָרטן. איך בין געשטאַנען ביי דער גרויסער שויב פונם שויפענצטער. דער רעגן האָט אויף מיר אומאויפהערלעך גערעגנט. אַ ווינט האָט אין זיינע לופטיקע הענט געבראַכט צו טראָגן קופּערנע בלעטער, זיי געוואָרפן אויף מיר ווי ריזיקע מטבעות פון אַ טויטן

קעניגרייך. דער ווינט און דער רעגן און די נאַכט האָבן מיך געשלאָגן. און איך האָב געקוקט אויף דער זילבערנער כלה, געהילט אין זילבערנעם ליכט. ווי שיין, ווי ריין, ווי געטלעך זי איז!

אויף דעם זעלבן טראָטואַר, פאַרביי דער זילבערנער כלה, גייען דורך פליכטלינגען פון אייראָפּע. זיי האָבן אין אייראָפּעאישן גהינום, אין די פלאַמען־שייטערס פון פוילן און ליטע, פון רומעניע און רוסלאַנד — פאַרלוירן זייערע פרויען, זייערע זילבערנע טעכטער און שטאַרקע זין. זיי בלייבן שטיין, ווי איך, ביים שויב־פענצטער. זייערע פנימער — פייכטע פון טרערן. זיי זעען אויס ווי נביאים. מיט פאַרקרימטע געזיכטער, צעבויגענע און צעבראָכענע. אָ, ווי שיין זייער כלה איז אַמאָל געווען! עס געדענקט זיך יענע טוי־פייכטע, מיסטעריעז־ראָמאַנטישע נעכט. דער כאָר פון די אינסעקטן און די זומפּן, ביי די קילע און מאַרמאָר־שטייענדיקע טייכן, אַזוי ווי אַ געהיימנישפולער אָרקעסטער פון גייסטער. שטערן טריפן פון די הימלען זייער זילבערן ליכט. די ביימער רוישן געהיימנישפול. זייערע בלעטער שמייכלען אין רייך־רעפלעקטירטן לבנה־ליכט. און די כלה אין ווייסן — ארומגעצירט מיט אַ פעלד מיט קוויאַטן — ווי מיט גאָלד — זאָגט צו אַ לעבן פול מיט אידעאַליזם, פרייד און פאַרגעניגן. און אַט קרומט זיך די כלה אויס — ארומגענומען פון אַ וואולקאַניש פייער. ווי די טייוואָלים אין גהינום, שטייען **די נאַצי־הענקער — און די זילבערנע כלה ברענט. די כלה איז איינגעהילט אין פלאַמען. שרעקלעכע** קרעכצן רייסן זיך אַפּ פון זייערע הערצער. די פליכטלינגען קוקן אויף דער זילבערנער כלה... וואָס פאַר אַ פאַלש, וואולגאַר בילד! ווי אַנדערש איז דאָס לעבן! ווי אַנדערש איז דיווירקלעכקייט פון דער דאָזיקער קאַלטער און ברוטאַלער ערד!... אַזעלכע כלות זיינען נאַקעטע געשטאַנען אין אַ שרעקלעכן ווינטערטאָג אויף דער אייזיק־געפרוירענער ערד מיט זייערע באָרוועסע פיס — און זיי האָבן געוואָרט אויף זייער ריי, כדי אומצוקומען אין די גאַזקאַמערן — כדי אויפצוגיין אין וואָלקנס אַש צו די הימלען...

איך שטיי ביים שויפענצטער און קוק אויף דער זילבערנער כלה. עס גייען דורך אויפן זעלבן טראָטואַר וואַגאַבונדן און טרעמפּס;

וואַנדערער און בעטלערס; האַבאַס און הייליקע; מאַרטירער און משוגעים. זיינען עס די מענטשן וועמענס צעבראָכענע מאַסקעס עס טראָגט זיין עקסעלענץ — דער הער גאָט? זיינען עס געפּאַ־רעמטע מענטשן אין גאָט׳ס ברענענדיקן געזיכט און געשטאַלט?!

זיי קוקן אויף דער כּלה. זי לייכט פאַר זיי. אַזוי לויכט זייער מוטער אין גן־עדן... דען פון אַלע מענטשן און פון גאַנצן לעבנס־ברוכוואַרג איז געבליבן די איינציק־גוטע — די מוטער. די מוטער, וואָס האָט געוויינט ביים געלעגער פון דעם שיכורן זון. די מוטער, וואָס האָט אים אַ טויט־שיכורן אַהיימגעשלעפּט פון רינשטאָק, אים אָפּגעוואַשן ווי אַ קליין יינגל. די מוטער, וואָס האָט אים ביים בעט שטילערהייט אויסגערעדט און ווי תהילים האָבן גע־קלונגען אירע רייד... די מוטער איז איינציק געבליבן אין זייער זכרון, וואָס האָט ליב איר זון — צי ער טראָגט אַ קרוין פון מאַ־סיוון גאָלד און שטאָל־האַרטע בריליאַנטן — אָדער אַ קראַנץ פון דערנער, וואָס צעשטעכן בלוטיק דעם שטערן. די מוטער לויכט דאָרט אין גן־עדן, לעבן דער בלייכער און צאַרטער רחל, וואָס זיי האָבן געזען רייך און גאָלדן געמאָלן אין זייער פאַנטאַזיע. די וואונדערלעכע רחל, וואָס שטייגט אויס אין דער נאַכט פון דער ערד — ציט אויס אירע מוטערלעכע הענט און זי נעמט אַרום אַלע ליידנדע, אַלע טרוימער, ראָמאַנטיקער, אידעאַליסטן... זי קושט אַלע מענטשנקינדער... זי צערטלט די אמת׳ע מאַר־טירער פון דער דאָזיקער קאַלטער אייזערנער ערד...

זיי קוקן — די הייליקע טרעמפּס — אויף דער כּלה. און פון דעם צעריסענעם שפּינוועבס פון פאַרגאַנגענהייט, פון די גאָר ערשטע יאָרן פון זייער יוגנט, אין גאָלד געזוימט, גייט־אויף אַ מיידל, וואָס איז קיינמאָל נישט אַלט געוואָרן; וואָס איז שטענ־דיק געבליבן אַזאַ יונגע און צאַרטע, אַזוי ווי צייט וואָלט אויף איר קיין שליטה נישט האָבן; אַזוי ווי זי וואָלט אייביק געווען איינגעהילט אין אַן אַטמאָספערע — אויסער לופט און צייט. זי איז פאַרבליבן אייביקע כּלה. און זי שמייכלט צו זיי אַרויס פונם שפּינוועבס פון פאַרגאַנגענהייט. אירע הענט — זילבערנע בלעטער, אירע פיס — אין גאָלדענע סינדערעללאַ־פּאַנטאָפל. ווי

ווירגיניש־ווייס זי איז! איך ליב איז ווי פון ליכט. איך קלייד — ווי פון זייד. און זי שמייכלט ארויס — די כלה פון זייער פריער יוגנט. און זי שטראלט אין זיי אויף — מיט די נעכט פון לבנה, מיט די שטערן אויסגעהאפטן אויפן בלויען סאמעט פון הימל, מיט די גערטנער פול מיט בלומען. — די טרעמפּס צעכליפּען זיך ווי קליינע קינדער — ביים שויפענצטער...

און — עס גייען דורך סאלדאטן, וואס האבן זיך אהיימ־געקערט פון שלאכטן; פון אייראפּעאישע פראנטן; פונם פּאַ־סיפיק. פון די דזשאנגלען. סאלדאטן — אינוואלידן; צעבראכענע און צעקרימטע. און אויך זיי בלייבן שטיין פארן סענטימענטאלן בילד פון דער זילבערנער כלה. און ערגעץ — זיי דערמאנען זיך — האבן זיי געזען איר בילד — אירע פילע בילדער... די כלות פון די סאלדאטן. פילע פון זיי זיינען אומגעקומען — מיט די בילדער פון די כלות לעבן זייערע הערצער. כלות — יונגע פרויען — איינצעלנע נעכט פון פארגעניגן... שפּעטער — דאס אפּרייסן זיך פון זיי מיט שרעק. קאזארמעס. קאלט־גלאנציקע כוואליעס פון ים, ווי צעברעקלטער שטאל. אינמיטן נאכט, ווען דער ים איז פול מיט פיינטלעכע סובמארינען, מיט פיינטלעכע שארקס — ים, די שרעק פון אורצייטן אן — פון קינדהייט אן...

פרעד... מאררים... אלבערט... זשאק... זיי האבן אלע געהאט פאטאגראפיעס פון זייערע כלות... בערנארד איז אומגעקומען אין דער אקאפּע. ער האט אליין געזען ווי א נאצי־סאלדאט האט אים דורכגעשטאכן די ברוסט מיט א באיאנעט. די כלה איז דורכגעשטאכן געווארן — אינמיטן הארץ. ווארים ער האט איר בילד — אין א גאלדענעם מעדאליאן — געטראגן לעבן הארץ. און עס דאכט זיך די צוריקגעקערטע „העלדן", אז בלוט גייט פון דער זילבערנער כלה'ס הארץ... פון דער כלה'ס ברוסט רינט בלוט — פון דער כלה'ס מויל — די כלה איז דורכגעשטאכן געווארן פון א נאצי־באיאנעט — פון א יאפּאנישן קינזשאל — די כלה גוסס'ט — א, ווי זי קארטשעט זיך פון שמערץ... — —

און דער רעגן גייט אן אויפהער. די טראפּנס רינען ווי בליי אויף די שארבנס פון די פארבייגייענדיקע — אויף די קעפּ פון די

געקרייציקטע — נאָר אין שויפענצטער איז אַלץ אַזוי שיין. אַזוי וואונדערלעך. אַזוי פּאָעטיש...

און די נאַכט ציט זיך אָן אַן אויפהער. זי עפנט אירע שוואַרצע פּאַרטאַלן און עס גייען אַרויס די אומגליקלעכע — די קרומע — די בלייכע און די שאַטנדיקע. די יעניקע, וואָס שעמען זיך מיטן ליכט פון טאָג; די יעניקע צעשמאַלצענע פון יסורים, ווי שטיקער אַלטע צירונג־גאָלד, וואָס צעשמעלצן זיך ביים אומגעהייערן פייער פון שמעלץ־אויוון, און די קרומע און לאָמע און צעשטערטע און צעבויגענע — געהילט אין סאַזע־שלייערן; באַהאַלטן אין נעפּל־וואַלן; אין שפּינוועבס איינגעהילטע און איינגעוויקלטע גייען זיי אַרויס פון די הייכן פון דער נאַכט, און דעקן אָפּ זייערע טראַגישע מאַסקעס. די נאַכט רופט זיי אַרויס פון די לעכער, ווי נאַכט־סאָוועס און לאָזט זיי פּאַראַדירן אויף די טראָטואַרן, לעבן די ליי־שייעדיקע ווענט, אין כליאַפּען פון רעגן, אויסגעווייקטע אין טרערן. און עס גייען דורך די זינד־פּרויען — אַן ערב־רב פון אַלע ראַסן — מיט אָפּגעבלאַקירטע געזיכטער — מיט סאַרדאָנישע מאַסקעס — אין דעם צויבער פון האָפענונג — אין דעם שמייכל פון גליק. עס איז ווי די האַנט פון שיקזאַל וואָלט אָפּגעווישט פון זייערע פּנימער די פאַרב פון האָפענונג. און אויך זיי קיקן אַריין אינם שויפענצטער. וועלכער וואַנזין דעקט זיך אָפּ פאַר זיי! עס גייען־אויף יאָרן, ווי די כוואַליעס, וואָס לויפן צוריק, ביז זיי בלייבן שטיין ביים ברעג פון זייער יוגנט... מיט רויזן אין די האָר, מיט געזיכטער פריש ווי די ליליען, האָבן זיי אַמאָל גע־לויכטן און גע׳כישופ׳ט... זיי זיינען געווען כלות. מאַן האָט זיך זיי פאַרגעשטעלט ווי אַן אייביקער חתן — אַן אייביקער דזשענטלמען — וואָס וועט זיי אומאויפהערלעך שענקען קאָמ־פּלימענטן און מתנות. מאַן — דער, וואָס באַגלייט די פרוי ביזן גן־עדן... מאַן — אָפּגעריסן פון אוניווערס, האָט ער אין גרויסער איינזאַמקייט אָפּגעבראָכן די פרוי פון זיינע ריפּן, פון זיין ברע־נענדיקן לייב, ווי גאָט האָט אָפּגעבראָכן די ערד פון דער רויט־פלאַמענדיקער זון... פון איר פלאַמענלייב...

שוין לאַנג איז עס ווי זיי האָבן אַזוי געשטראַלט — ווי די

כלה אין ווייסן, די ריינע, די ציכטיקע, די וואונדערלעכע כלה...
און מיט א ציניש געלעכטער פלאצן זיי ארוים — די גאסנפרויען
— און זיי ציען דורך די גאסן, דורך די פייכטע גאסן — צו זוכן
דעם וואנזיניקן אדם, וואס האט די פרוי געשאפן אין פייער פון זיין
בענקשאפט... — — —

שפעט ביינאכט. ביי אן אייזערנעם שטאכעט בלייבט שטיין
דער פאעט. קעפ פון פאונען — מאסקעס פון סאטירן — אין
אייזן געשמידט — גייען אים אנטקעגן. פון זייערע אייזערנע קעפ
ציען זיך שטעכיקע הערנער; ציען זיך באיאנעטיש און קינ־
זשאליק אין דער לופט, אנטקעגן דעם בלייערנעם טריף פון די
שטערן.

דער פאעט בלייבט שטיין און קוקט אריין אין די באקכאנ־
טישע געזיכטער — אין די באקכוסישע קעפ מיט אייזערנע קרענצ־
לעך וויינטרויבן באהאנגען. וועלכער אייזערנער חוזק גייט אים ווי
א שטורעם אנטקעגן. די צונגען — ווי פון ציניש גארגאילעס
— אויסגעשטרעקט. די ביטערע, די אייזערנע צונגען! די הער־
נער שטעכן דורך דער לופט זיך איין אין די לבנה און שטערן.
און דער פאעט פילט ווי אויך זיי לאכן פון דער זילבערנער כלה
— פון דער ציכטיקער, ליכטיקער און וואונדערלעכער כלה —
וואס שטייט אנטקעגן א פינצטערער, צעבויגענער און פארבלו־
טיקטער וועלט — מיט לויטער קריפלען, אין ווייטיק געקאר־
טשעטע, געקרייציקטע מענטשן. — זי שטייט מיט איר זילבערנער
ווירגינישקייט אנטקעגן א גרויזאמער וועלט. זי שטייט ציטערנדיק
און זיך־וואקלענדיק קעגן די אייזערנע פאונס און סאטירן —
קעגן דעם אייזערנעם ציניזם פון דער ערד...

ניו־יארק, יוני, 8, 1945.

פרינצעסין שעכערעזאַדע

פון דער טיפעניש פון צייט — פון דעם שפּינוועבס פון פאַרגאַנגענע דורות — קוקט זי צו מיר אַרויס, די אַנגסטיקע, די דערשראָקענע, די בלייכע און ראָמאַנטישע שעכערעזאַדע. און איך ווייס פאַרוואָס פון אַלע פרויענהעלדינס, פון אַלע ווייבלעכע קלאַונס, פון די אין זייד און אין קאָליר פאַרהילטע קאָלאָמבינעס, פון אַלע אויסגעטראַכטע דולציניעס, פון די דזשוליעטאַס, בעאַטריטשעס, לאוראַס; פון די קעניגין אסתר און דער טונקעלער יהודית, וואָס טראָגט אין זון־אונטערגאַנג דעם זאַק פון וועלכן עס רינען שווערע טראָפּנס בלוט — פון אַלע פרויענגעשטאַלטן אין דער וועלט־ליטעראַטור — האָב איך ליבער שעכערעזאַדען. איך ווייס פאַרוואָס...

ווייל זי שאַפט אין טויט־אַנגסטן... ווייל זי שאַפט אין טעראָר... אירע מעשיות — די עפּישע שילדערונגען פון אַ פאָלק, פון פילע אָריענטאַלישע פעלקער; אירע דערציילונגען פון די דראַמעס און די שיקזאַלן פון קעניגן און סוחרים, מאַטראָזן און בעטלער, ריזן און צווערגן, רייכע און אָרעמע, אַוואַנטוריסטן און טרוימער, פּראָזאאיקער און ראָמאַנטיקער — איר בונטע וועלטן־דראַמאַ צויבערט זי אַרויס אין טויזנט און איין אַנגסטיקע נאַכט, ווען דער קעניג וויל איר טויטן... וויל פריי מאַכן דעם פּלאַץ פאַר אַ צווייטער געליבטער...

אין טויט־שרעק, ערב־שטאַרבן, ווען די באַגינען־טראָפּנס טריפן בלייך מיט זון און מיט נאַכט — אין די באַגינענס לאָזט זי הענגען דעם פינאַל פון דער געשיכטע, כדי דער נייגיריקער קעניג זאָל זי לאָזן לעבן נאָך אַ נאַכט... דורכן טאָג ליגט זי אַ מידע — אָטעמט־אָפּ פון די אַנגסטן פון דער נאַכט — ווען דער

סולטאַן שאַכריער האָט מיט איר פאַרבראַכט און דעמאָלט האָט זי זיין קאָפּ פאַרשפּינען מיט כישוף פון מעשה, מיט צויבערייען פון שיקזאַלן, מיט דער פאַנטאַסטיק פון ביינאַכטיקע שטעט, וואָס ווערן אין לבנה-ליכט פאַרגליווערט און צו מאַרמאָר פאַרוואַנדלט — פאַרהילט אין די שלייערן פון טויט...

אין זכות פון אירע מעשיות האָט זי געלעבט. און יעדע נאַכט האָט געקענט זיין די לעצטע נאַכט...

איך זע זי אָפט — די בלייכע שעכערעזאַדע. בלויז דער קלאַנג פון איר נאָמען פאַרשיכורט מיך ווי אַלטער וויין... איך מורמל אים אין איינזאַמקייט, אַזוי ווי דעם נאָמען פון אַ געליבטער, וואָס דער פאַרליבטער מורמלט מיט פאַרברענטע ליפּן: „שעכערעזאַד! שעכערעזאַד!..."

שעכערעזאַדע איז אומשטערבלעך. זי, וואָס האָט אַזוי קונציק געדראַפּט באַשיצן איר יעדער נאַכט לעבן... זי, וואָס האָט אין שאָטן פון טויט, אין פּערמאַנענטן ערב־שטאַרבן — געשאַפן אירע גרויסע דראַמעס — אירע אומגעהייערע דערציילונגען — אירע טויט־אַנגסטיקע געשיכטן... — — —

מיין גאַנץ לעבן שאַף איך אין שאָטן פון טויט... געווען צייטן ווען איך האָב געמיינט, אַז איך שרייב די לעצטע דערציילונג, די לעצטע עסיי, די לעצטע מינאַטור... אַז אָט רינט אויס פון די גאָלדענע ליפּן פון דער ציטערדיקער פעדער — דער לעצטער בלויער טראָפּן טינט...

און דער טויט איז לעבן מיר געזעסן — דער אומגעהייערער מאָנסטער — דער סולטאַן אין שוואַרצן געקליידט... אָט־אָט, און ער נעמט אַרויס די די בלאַנקע קאָסע — דעם טויט'ס דעגען — און ער טוט אַ בליץ מיט איר איבער מיין קאַרק... און מיין לעבן לעשט זיך אויס...

איך האָב געשריבן אין טויט־אַנגסט פילע צייטן — און עס איז אַ שרעקלעך געפיל... און אַלע ווערטער ווערן פאַרהילט אין דער דאָזיקער טויט־אַנגסט... אַלע ווערטער — אַלע שטי־מונגען און אַלע וויזיעס — אַלע קעניגינס און פּרינצעסינס פון

מיין דערציילונג — אַלע שליחים און בעטלער און נביאים און דיכטער אויסגעשמירט אין דער הייסער פאַרב פון זון־אונטערגאַנג — פאַרהילן זיך אין שוואַרצן...

און אין די דאָזיקע טויט־שטימונגען פלעג איך טראַכטן פון שעכערעזאַדען — מיין אינטימע, מיין אומבאַקאַנט־ראָמאַנטישע פריינדין. דורכן ים פון צייט — נאָענט אַזוי... מיין איינזאַמע, מיין לירישע פריינדין — וואָס האָט אין טויט־שרעק זיך געשאַפן אייביקן רום, אומשטערבלעכקייט; וואָס האָט באַזיגט דעם סוף־טאָנס גרויזאַמקייט — וואָס האָט טריאומפירט איבער דער האַק. און זי האָט געמוזט באַזיצן גרויסע אייגנשאַפטן. איר שטימע — זי האָט געמוזט זיין ווי די שטימע פון יענער געהיימנישפולער פרוי, וואָס איך האָב נעכטן ביינאַכט געהערט... קיין פידל, ווי איידל און ווי שמערצפול־סענסיטיוו דער דאָזיקער אינסטרו־מענט זאָל נישט זיין — האָט נישט קיין שענערע שטימע... און ביי יעדער מעשה — ביי יעדער שפּאַנענדער פּאַסירונג — ווען די קלעפּ פונם גורל לאָזן זיך אַראָפּ אויף דעם העלד ווי אַ מעכטיקער האַמער — אין אָט־די מאָמענטן האָט זי געמוזט זיין זייער צאַרט און שיין, כדי צו פאַרזיסן דאָס ביטערע. און דער חן פון אירע אויגן, דער ציטער פון אירע ברעמען, דאָס ציטערן פון אירע בריסט, האָט געמוזט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון איר דערציילונג, כדי דעם קעניג נישט צו־טרויעריק צו מאַכן... זי האָט געדאַרפט אַלץ באַלאַנסירן — דורך די גאַנצע טויזנט און איין נאַכט... זי האָט געמוזט האַלטן דעם קעניג געפאַנגען אין די טויט־שוואַרצע, מאַר־מאָרענע שלעסער פון איר געוואַלטיקער דיכטונג; זי האָט אים אויך געמוזט באַפרייען אין הערלעכע גערטנער — וואו עס שפּראָצן אַרויס פאַנטאַנען ווי ריזיקע רויזן פון ברילִיאַנט געשניטן, און בלומען — ווי פאָנטאַנען, עלעקטריש־באַלויכטענע. זי האָט געמוזט דעם קעניג שאַכריער דורכפירן דורך זיין לאַנד — דורך די אוצרות פון די רייכע און דער מיזערע פון די אָרעמע — און זען, אַז ער זאָל נישט באַליידיקט ווערן... זיין קעניגלעכער שטאָלץ זאָל נישט ליידן... און די פּאָעזיע — די פערזן פונם דיכטער — וואָס קומען צום סוף פון יעדער מעשה — אין וועלכער דער דיכ־

טער, דער פּאַרצייטישער דענקער רעזאָנירט — רעפלעקטירט און דריקט אויס דעם מוסר השכל... אין די דאָזיקע פערזן רעזומירט זי די לעבנס־דראַמע און שליסט אָפּ אַלע געשיכטן... דער דיכטער שטייט ווי אַ שאָטן, ווי אַ זייל פון מירמלשטיין ביים אַריינגאַנג פון גרויסן טויער פונם פּאַלאַץ... ער שטומט איבער אַלץ וואָס עס קומט פאָר... נאָר ווען דער טיפער, סאַמעט־טונקעלער אָוונט עפנט זיך און ווען אַלע זיינען דורכן טויער אַריינגעקומען — און אַלע זיינען אַרויסגעגאַנגען — עפנט דער דיכטער זיין האַרץ און רעפלעקטירט טיפזיניק איבער די פּאַסירונ־גען פון טאָג.

און נאָכדעם ווי שעכערעזאַדע ראַטעוועט איר לעבן פאַרן פּרייז פון אירע דיכטונגען — דעם טייערסטן פּרייז וואָס אַ דיכ־טער האָט ווען באַקומען פאַר זיינע לידער, אפילו דער פּערסישער דיכטער פירדוזי, פאַר זיין עפּישן ווערק „דאָס בוך פון די קעניגן" — פאַרשווינדט זי... אויסדערציילט גאָר די דראַמע פון אַראַביע און פון אירע פעלקער — פאַרשווינדט זי. מיר קענען זיך פאָר־שטעלן, אַז אין דער לעצטער נאַכט איז זי אַלט און טרויעריק... דער קעניג דערשרעקט זיך פּשוט פאַר איר... עפּעס דערשיינט זי צו אים ווי אַ שטראָף פאַר אַלע זיינע פאַרברעכנס; פאַר זיינע בייזע מעשים. און עס איז שוין נישט געווען וועמען צו טויטן... ווי אַ שאָטן, ווי אַ טונקל־רויטער רויזנשאָטן, גייט זי אַוועק — כדי די רעשט יאָר פון איר לעבן פאַרלוירן צו ווערן אין לעבן... איר יוגנט, איר דאַמען־רייץ, איר שיינקייט און איר פּערזענלעכ־קייט האָט זי אַריינגעטריפט ווי אַ גילדערנעם האָניק אין אַלע אירע טויזנט נעכט פון פּאָעזיע און טויט־אַנגסט... און איצט גייט זי אַוועק אין די מדבריות פון אַראַביע, וועלכע זי האָט אין אירע מעשיות באַפּרוכפּערט מיט בליענדע גערטנער און סעדער און באַפעלקערט מיט ליידנשאַפטלעכע און שטאַרקע פעלקער... איצט גייט זי פאַרלוירן ווערן אין דעם טינט־דעמער פון אירע דערציילונגען — אין די מאַרמאָר־שוואַרצע שטעט וואָס טונקען זיך סקולפּטוריש אין לבנה־ליכט — זי גייט זיך באַהאַלטן אין דעם שלייער פון גרויען לעבן... — — —

אָבער איך האָב קיינמאָל נישט איבערגעריסן דעם קאָנטאַקט מיט איר. זי איז מיין שוועסטער. זי איז מיין גורל. איך בין איר ברודער... און מירביידע שפּינען דעם זייד פון אונדזערע געשיכטן אונטער אַ שוואַרצער טויט־לבנה — די וואַמפּירין פון הימל — ווען אַלע שטערן וויינען און פאַרשטעלן זיך די געזיכטער מיט בראַנדזענע מאַסקעס... פאַרהילן זיך די וויינענדע פּנימער מיט זייערע אַלטע הענט...

און אין נעכט ווען מיר איז שרעקלעך איינזאַם און ווען איך וויקל זיך פּאַמעלעך אינם טרויער ווי אין אַ שוואַרצע שלאַנג, ווי לאַאָקאָן אין דער אומענדלעכער שלאַנג — דעם וועלט־גורל — רוף איך אַרויס פון שפּינוועבס פון צייט די בלייכע שעכערעזאַדע און מיר גייען אַ לאַנגען וועג שפּאַצירן — דורך ברוינע שאָקאָלאַדע־וועגן — דורך גרינע, פון גאָט־געשניצטע אַלייען, און מיר פאַרשווינדן אין די טוי־פייכטע קעניגרייכן פון דיכטונג...

און עס איז דאָרט — אין די אייביק־גרינע אַלייען פון דער דיכטונג — וואו מיר באַקעגענען זיך ווידער מיט העלדן און מיט פעלקער — מיט דורות און מיט וועלטן, וואָס האָבן אַמאָל עקזיסטירט. און אַלע האָבן זיי געלעבט און געשטריטן — געשאַפן און געטרוימט אין טויט־אַנגסט... אין ערב־שטאַרבן... און אַלע זיינען מיר אריין אין די גאָלדענע פּאָרטאַלן פון דער אייביקייט — דורכגענומען מיט דער אימה און מיטן אַנגסט פון טויט...

ניו-יאָרק, אויגוסט, 10, 1944.

דער קלאַון פון געטאָ

(מיניאַטור)

אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן — ווי ערשט פון אַ גרויסער בינע אַרונטער — מיט זיין פּלאַמענדער, זיין צוגעקלעפּטער באָרד — מיט אַן אָפּן האַרץ מיט פעך־שוואַרצע האָר — לויפט דורך די געטאָ דער משוגענער, דער קלאַון, דער ייד וואָס קען נישט שטאַרבן — און ער הילכט מיט זיין ווילד און אומערדיש געלעכטער.

ווען די נאַציס האָבן געשטורעמט וואַרשע, ווען די אַלטע קעניגלעכע שלעסער האָבן זיך אין רואינען פאַרוואַנדלט — ווען ווי אַ דערשראָקענע מאַסקע איז די לבנה בלוטיק דערשינען פון אונטער אַ חורבה — ווען ביימער זיינען יאָמערנדיק אין דער לופט געפלויגן — איז פּלוצלונג דערשינען דער ווילדער, לאַכנדיקער ייד, לייזער — מיט דער רויטער, פאַלשער באָרד — מיט די ליפּן ווי בלייכער קיט — מיט אויגן — שטיקער בלויע צעריסענע פאַר־האַנגען.

פונוואַנען איז ער געקומען? איז ער אַרויס פון אַלטן טעס־טאַמענט? האָט אַ שראַפענעל געעפנט אַ קבר אויף גענשער בית־עולם און אויפגעוועקט אַ טויטן אַקטיאָר? אַ פון ווערים צעפרע־סענעם קלאַון?

— לייזער, ווען ביסטו געבוירן געוואָרן? — פרעגן אים די נאַציס און זעצן אין זיין שאַרבן מיט רעוואָלווערן.

— אין יאָר איינס! — וואַרפט ער הייזעריק אַרויס פון זיין האַלדז. און די נאַציס לאַכן און שלאָגן אים. נאָר אָט הייבט ער אָן צו לאַכן — נאָך העכער פאַר זיי, נאָך הילכיקער, נאָך מעכ־

טיקער — אַ געלעכטער, וואָס רייסט זיך אָפּ ווי אַ לאַווע, ווי אַ טייך, ווי אַ ווינט פון פעלזן — אַ פּראָפעטיש געלעכטער, וואָס אָט איז עס יאָמער און אָט — זיגרייכער חוזק, אָט איז עס אַ כאָר פון דורות, און אָט — אַ ביטער געוויין פון קליינע קינדער. און לייזער לאַכט, און די נאַציס שטעלן זיך אָפּ — פאַרגליווערטע — שווידערנדיקע — און אין שרעק און פאַרצווייפלונג שטעכן זיי אים מיט די שפּיזן — צעזעצן זיין געזיכט מיט נאַגייקעס — בלוט רינט פון זיינע אויגן — פון זיין מויל — נאָר זיין געלעכטער קען נישט אויפהערן — עס ווערט שטראָמיקער, מעכטיקער, נצחונדיקער — און ווען די נאַציס קענען אים נישט טויטן — גייט ער ווייטער — דורך דער געטאָ — דער אומשטערבלעכער לייזער — דער קלאָון — דער גלאַדיאַטאָר.

— דאָס איז דאָך קריסטוס! — זאָגן די געשמד'טע יידן אין דער געטאָ, ווען זיי זעען אים דורכן פענצטער — אין דער שרעקלעכער פּראָסט — מיט פאַרטריפט בלוט אויף זיין געזיכט, ווי זיגל פון וואַקס.

— דאָס איז דער נאַזאַרענער! — זאָגן די נאַציס, ווען זיי קענען אים נישט טויטן.

— דאָס איז אליהו הנביא! — זאָגן די אַלטע יידן, ווען זיי רייסן אָפּ די פאַרטרערטע אויגן פון די אַלטע קעניגלעכע תהילים־לידער.

אָבער קיינער גיט אים נישט צו עסן. זיינע געדערים זיינען קיינמאָל נישט אָנגעוואָרעמט געוואָרן דורך קיין ביסל וואַרעמע זופּ. און קיין מלבוש שענקט אים קיינער נישט. און נישט קיין העמד און נישט קיין טרייסט־וואָרט.

בערג פון סקעלעטן וואַקסן אוים יעדן באַגינען אויף די הייף. אויף די ברוק־שטיינער. און פּלוצלונג דערשיינט דער משוגענער לייזער און לאַכט — און עס דאַכט זיך, אַז פון זיין געלעכטער הערן זיך די רירנדע ווערטער פון קדיש — און עס איז אַ כאָראַלער, אַ געוואַלטיקער קדיש נאָך די טויטע.

נאָר קיינער ווייסט נישט צי איז עס קדיש — צי איז עס געלעכטער! צי עס איז געלעכטער פון די הענקער — צי פון טויט! צי איז עס יאָמער — אָדער געשריי — קיינער ווייסט נישט. לאַכט ער פון טויט, אָדער פון לעבן, וואָס איז ערגער ווי דער טויט? קומט ער חוזקן, אָדער טרייסטן? קומט ער פון די וויסטע קעלערן פון דער געטאָ — אָדער, איז ער אַראָפּגעפאַלן פון די גאָלדענע טויערן פון הימל?!

קיינער ווייסט נישט. נאָר אינמיטן פון פּיין און טרויער רייסן זיך געזיכטער אויף — ווי פאַרקלעפּטע מיט טרערן און מיט בלוט — און זיי שמייכלען, און זיי לאַכן־מיט מיט לייזערן. ער עפנט די פּנימער פון די טויטע — און זיי שמייכלען ווען מען לאָזט זיי אַראָפּ אין די קברים. און ער מאַכט מאָדנע גרימאַסן פאַר די הונגעריקע קינדער — און זיי צעשמייכלען זיך — געלע — ווי אָקטאָבערס גאָלדענע בלעטער. און ביי פאַרצווייפלטע מוטערס רייסט ער אָפּ די טויטע קינדער — שליידערט זיי צו די באַגראָבער — און ער אומהאַלדזט די מוטערס — און ער קושט זיי — און ער רופט זיי אַרויס צום טאַנץ און טאַנצט מיט זיי אַ טאַנץ — וואָס איז טאַנגאָ און וואַלסער — און ער ציט דורך די לופט — ווילד און שטראָמיק געבונדן מיט די פאַרצווייפלטע מוטערס — זיינע כלות — און בשעת ער טאַנצט, לאַכט ער הילכיק און דאָס געלעכטער איז ווי מוזיק — ווי אַן אומערדישע מוזיק וואָס אַקאָמפּאַנירט דעם טאַנץ.

— וואו לעבט ער און וואו שלאָפט ער? וואו וואַרפט ער זיינע ביינער — מידע — פון דעם ווילדן ספּעקטאַקל פון בלוט און מאָרד אַרום אים? וואו וואַרפט ער זיך אוועק — צו אַ מאָמענט פון טויט־רו — כדי גאָט'ס משוגענע וועלט צו פאַרגעסן?

קיינער ווייסט נישט. אונערמידלעך — אומערדיש — שפּרינגט ער דורך די גאַסן — דער פּראָפעט פון געטאָ — און אַלע גלויבן, אַז ער וועט דאָ אייביק זיין — כדי אַרויסצורופן דאָס געלעכטער פון די פאַרצווייפלטע. — — —

נאָר אין אַ טאָג האָט מען געפונען לייזערן צווישן די מתים. און זיין געזיכט איז געווען איין שטיק גראַניטענער געוויין —

און מען האָט געקענט זען, אַז אויך לייזער האָט נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט זיך אומגעקערט צו גאָט — צו זיין אַלטן, גרייז־גרויען גאָט — און זייט דאַן איז דאָס געלעכטער, דאָס לעצטע גרויסע, דראַמאַטישע געלעכטער — געשטאָרבן אין דער געטאָ.

לייזער איז נישט געשטאָרבן פון די נאַצישע באַיאָנעטן — נאָר פון שמערצן — דאָס געלעכטער וואָס האָט געהילכט דורך דער געטאָ — האָט געפּלאַצט. און ווידער האָט דער גרויסער יאָמער פאַראַדירט. — — —

אָבער אין אַ טאָג, אין אַ גרויסן טאָג, וועט זיך לייזער צוריק־קערן — אינגאַנצן פאַרהילט אין זון — און אַ גרויס טריאומף־ליד פון תהילים וועט אויפקלינגען און אַ גרויס געשריי וועט ציטערן אין דער לופט — פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער עק וועלט!

ניו־יאָרק, 1943.

ביבליאָגראַפיע

די ציטאַטן פון די לידער פון העברייאישע פּאָעטן — גענומען פון י. י. שוואַרצ׳ס „אַנטאָלאָגיע פון העברייאישע פּאָעזיע״. ציטאַטן פון די פּאָעטן אייזיק וואַליך, וועלוול זבאַרזשער און בערל בראָדער — פון מ. באַסינ׳ס „אַנטאָלאָגיע פון פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע״. ציטאַטן פון טויבה פּאַנ׳ס תפילה — פון ע. קאָרמאַנ׳ס „אַנטאָלאָגיע פון יידישע פרויענדיכטונג״. אַלע תנ״ך-ציטאַטן זיינען פון יהואָש׳ס ת״נך-איבערזעצונג. דער מחבר דאַנקט האַרציק די חשובֿע קאָלעגן פאַר דער מעגלעכקייט זיך צו באַנוצן מיט זייערע אַנטאָלאָגיעס פאַרן דאָזיקן בוך.

***

דאָס בוך איז דערשינען אַ דאַנק דער אָנשטרענגונג פון עטלעכע זייער טייערע און איבערגעגעבענע פריינט. אין דער ערשטער ריי וויל איך האַרציק דאַנקען אין דער פּערזאָן פון דער טאַלאַנטפולער דיכטערין און איידעלער פריינדין פון יידישן פאָלק — מרס. מאַריאַן ד. קעננבי, די פרוי פון דעם שריפטשטעלער, וויטמאַן־און־טאָראָ־ביאָגראַף, מר. הענרי זיידעל קעננבי, וועלכע — אַלס טעכנישע ליטערין פון דער "American Committee for Emigré Scholars, Writers and Artists" האָט מיר דערמעגלעכט צו קריגן אַ פעלאָושיפּ פון דער דאָזיקער אומגעהייער־וויכטיקער אינסטיטוציע, וואָס האָט פיל געטון פאַר יידישע אינטעלעקטועלע און שריפטשטעלער, קרבנות פון אייראָ־פּייאישן גהינום. דאָס געלט פון דער דאָזיקער פעלאָושיפּ, וואָס איז געווען באַשטימט אויף אָנצושרייבן אַ בוך וועגן יידישע ליטע־ראַטור, האָב איך אינגאַנצן פאַרווענדט פאַרן דאָזיקן בוך.

איך וויל אויך האַרציק דאַנקען מיין טייערן פריינד, יוסף קעטשער, פאַר זיין אינטערעס אין פינאַנציעלער הילף צום בוך. פונקט אַזוי דאַנק איך האַרציק דעם חשובן מעצענאַט ישראל מיץ — און דעם חשובן סעקרעטאַר פון יידישן נאַצ. אַרבעטער־פאַרבאַנד, לואיס סיגאל און דעם קאָמיטעט פון מיין חשובן „י. ל. פּרץ ברענטש 83" — פאַר זייערע בייטראַגן צום בוך. אַ האַרציקן דאַנק צום בראָנקסער ייד. קולטור־ווינקל, פאַרן שיינעם אָוונט לטובת דעם בוך — און באַזונדערס פאַר די אַראַנזשירער און הויפּט־טוער פונם אָוונט, די פריינט צבי לעשץ, יעקב מאַרינאָוו און שלמה אַקסעלראָד.

איך דריק הארציק די הענט, די איידעלע הענט פון אלע יענע טייערע מענטשן, פריינד, ליבהאבער פון יידיש, וואס אן זייער הילף וואלט דאס בוך נישט געקענט רעאליזירט ווערן.

ביי דער געלעגנהייט איז כדאי צו דערמאנען, אז דער גאנצער מאטעריאל, באשטימט פארן דאזיקן בוך — איז נישט אריין, צוליב די ריזיקע הוצאות וואס א פארגרעסערט בוך האט געדארפט קאסטן. איך אפעליר צום אידעאלן מעצענאט מיר צו דערמעגלעכן ארויסצוגעבן דעם צווייטן, גרעסערן באנד איבער מאדערנע יידישע דיכטער און פראזאאיקער און אויך עסייען איבער גרויסע יידישע שעפפער פון די פארגאנגענע צייטן. דער מאטעריאל פארן דאזיקן באנד ליגט גרייט צום דרוק — און ער ווארט אויף זיין מעצענאט־משיח...

ש. טענענבוים

ניו־יאר, 28־טער אויגוסט, 1946.

ביכער פון ש. טענענבוים

1) „עאופאָריאָן"
פּאָעמע, אַנטווערפּן, 1931.

2) „ביי דער וועלט צו גאַסט"
רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען, וואַרשע, 1937.

3) „דער ספינקס"
נאָוועלע, שיקאַגאָ, 1938.

4) „קינדער פון דער זון"
עסייען, מעקסיקאָ סיטי, 1942.

5) „גאָלד און זשאַווער"
דערציילונגען, מעקסיקאָ סיטי, 1943.

6) „די שריפט אויפן האָריזאָנט"
דערציילונגען און עסייען, ניו-יאָרק, 1947.